STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07623

DI SEDRE UN HAFTOYRE

Harris L. Selig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די סדרה און הפטרה

The Sidrah and Haftorah

Reflections and views of the Aggadah

Culled and expounded

by

HARRIS L. SELIG

(*author of The Eternal Fount*)

Volume V

Deuteronomy

New York — 1948

די סדרה און הפטרה

געדאַנקען און מיינונגען פון דער אגדה

געזאַמעלט און דערקלערט

פון

ה. ל. זעליג

(פּראָפעסער פון „אייביגען קוואַל")

◆

פינפטער באַנד

ספר דברים

◆

ניו-יאָרק — תש"ח

Copyright by
Harris L. Selig
1948
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
THE SHOULSON PRESS
227 West 17th St
New York, N. Y.
255

To my beloved daughter

MRS. RONA TANENBAUM

אינהאַלט

◈

דברים

א. — משה רבנו'ס כח פון צמצום 1

ב. — משה ווערט אויס שטאמלער און רעדט שאַרפע דיבורים 8

ג. — וואָס מער מען לערנט תורה, אַלץ מער געפינט מען אין איר 15

ד. — דער ערשטער דעמאָקראַטישער געריכט 21

ה. — משה דערקלערט דעם נייעם דור ווארום די גאולה האָט זיך פאַרלייגגערט 28

ואתחנן

א. — פאַר אידען קעמפט משה; פאַר זיך אַליין בעט ער רחמים .. 35

ב. — זוכען דעם אמת שטייט העכער פאַר'ן אמת אַליין 41

ג. — גוטע אייניקלאַך דערנענטערען די זיידעס צו דעם באַרג סיני 47

ד. — ווארום טאָרען אידען ניט האָבען קיין רעליגיעזע בילדער .. 54

ה. — ווי צוריקצוקריגען אונזער לאַנד 61

עקב

א. — מן, וואָס די אידען האָבען געגעסען אין מדבר 68

ב. — דער עטישער זין פון „ברכות הנהנין" 75

ג. — מיט יעקב'ס קינדער שטייגען אָדער פאַלען אויף די מלאכים פון הימעל 81

ד. — צוליב דעם עגל־הזהב מוזען אידען אַליין אויסהאַקען די לוחות 88

ה. — דינען ג' דורך „אהבה" אָדער „יראה" 93

ראה

א. — תורה און אמונה 100
ב. — אמונה און שכל 106
ג. — דער סוד פון אידישער אומשטערבליכקייט 112
ד. — דער אידישער באַגריף פון צדקה 119
ה. — וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען 125

שופטים

א. — די פליכטען פון אידישע געזעצגעבער 133
ב. — די מאָראַל פון תורת משה 140
ג. — דער אידישער באַגריף פון גערעכטיגקייט 147
ד. — דאָס אידיש פאָלק און די תורה זיינען געגליכען צו אַ בוים 154
ה. — די פרייהט פון אמונה און דער יאָך פון מלכות 159

כי תצא

א. — דער אידישער אידעאַל פון שלום 165
ב. — די דינים פון דער תורה ווערען ניט גענומען בוכשטעבליך 171
ג. — לוין פאַר מקיים זיין די מצוות פון דער תורה 178
ד. — זייט פריינטליך צו פאָליטיש-פאַרפאָלגטע פון פרעמדע לענדער 183
ה. — די באהאַנדלונג פון אימיגראַנטען 189

כי תבא

א. — טרייהייט, אנטשלאָסענקייט און צוטרוי 197
ב. — די ערשטע און די צווייטע תוכחה 203
ג. — ווייניג ברכות און צופיל קללות 210
ד. — בלויז אין זייער אייגען לאַנד וועלען זיך אידען באַרוהיגען 215
ה. — פון די קללות וועלען ווערען ברכות 221

נצבים־וילך

א. — נאָך אַלע תוכחות ווערט דאָס אידיש פאָלק דאָך בלייבען לעבען 228
ב. — אידישקייט פאַרבונדען מיט אייביגקייט 234
ג. — די שכינה ווערט באַפרייט ווערען מיט די אידען 241
ד. — עס איז ניט שווער צו זיין אַ איד 246
ה. — זיין אויפגאַבע דערפילט, און משה מוז גיין 252
ו. — אידישע צרות 258
ז. — די תורה איז דעם אידענ׳ס שירה. 263

האזינו

א. — מען מוז אַליין ביישטייערען צו דער תורה 271
ב. — שירת האזינו, דער מקור פון אידישער נבואה. 276
ג. — משה׳ס נבואה איבער אידישער אַסימילאַציע 283
ד. — הימעל און ערד זאָגען עדות אויב אידען זיינען מקיים די תורה 289

וזאת הברכה

א. — די תורה בלייבט אויף משה׳ס נאָמען 297
ב. — משה געזעגענט זיך מיט די אידען און בענשט זיי 303

דברים

א.

משה רבנו'ס כוח פון צמצום

אלה הדברים.

„עד שלא זכה לתורה כתיב בו „לא איש דברים אנכי״, כיון שזכה לתורה נתרפא לשונו והתחיל לדבר דברים״ — ביז ער האָט ניט זוכה געווען צו פאַרענדיגען די תורה ווערט אויף אים געזאָגט: „איך בין ניט אַ מענש פון רייד״, אַזוי גיך אָבער ווי ער האָט זוכה געווען צו פאַרענדיגען די תורה איז זיין צונג אויסגעהיילט געוואָרען און ער האָט אָנגעפאַנגעןריידען שאַרפע רייד (ד״ר א׳).

אַלע גייסטיגע לערער און פירער פון דער וועלט גיבען צו, אַז „תורת משה״ איז דער גרעסטער געזעץ־בוך וואָס די מענשהייט פאַרמאָגט. ניט נאָר איז די תורה דער הויפּט־קוואַל פון וועלכען די רעליגיעס פון הונדערטער מיליאָנען מענשען אין דער וועלט האָבען געשעפּט און שעפּען נאָך איצט זייער גייסטיגע יניקה. אויך אירע הומאַנישע געזעצען ווי דער מענש זאָל זיך אויפפירען, כדי די גאַנצע מענשהייט זאָל קאָנען לעבען אין פרידען, ווערען נאָך איצט באַטראַכט אַלס די הויפּט־יסודות פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

אָבער אויסער צו זיין דער גרעסטער געזעץ־בוך וואָס די וועלט פאַרמאָגט, ווערט אויך אונזער תורה באַוואונדערט אַלס מוסטער פון שפּראַך און דיקציע. אירע פסוקים און פרשיות זענען „מועט המחזיק את המרובה״ — קאָנדענסירט אין פאָרם, אָבער רייך אין אינהאַלט. אַ קורצע פראַזע פון אייניגע ווערטער גיט אַמאָל איבער אַ געזעץ פון העכסטער וויכטיגקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט. אַ קליינער זאַץ פון בלויז איין שורה באַשפּרעכט אָפטמאָל אַן עפּאָכע פון דורות. זאָגאַר איין וואָרט פון עטליכע בוכשטאָבען

ברענגט מאַנכעסמאָל אַרויס אַ געדאַנק, וואָס האַלט אין באַצויבערען וועלטען. אונזערע חכמים, וועלכע זענען אַליין געווען גרויסע בריות אויף „צמצום״, אויף קאַנצענטראַציע פון מחשבה און כוונה, האָבען ניט נאָר געציילט די אותיות פון דער תורה, זיי האָבען זאָגאָר גע׳דרש׳נט „על קוץ וקוץ של כל אות״, איבער די שטריכען פון יעדען אות (רש״י סוטה מ״ט, ע״א). פון אַ „חסר״ אָדער אַ „יתיר״, אַ פעלענדען אָדער איבעריגען בוכשטאַב, האָבען זיי ארויסגעדרונגען פילע דינים, וואָס האָבען באַרייכערט די אידישע „הלכה״, דעם אידישען געדאַנקען-גאַנג און אים געמאַכט צוגענגליך פאַר אַלע צייטען און דורות.

ווי פּאָעטיש-שיין דריקען זיך אויס אונזערע חז״ל איבער דער אינהאַלטס-רייכקייט פון די ווערטער פון דער תורה! זיי זאָגען: „בשעה שעלה משה למרום מצא להקב״ה שהיה כותר כתרים לאותיות״ — ווען משה איז נאָך קבלת התורה אַרויף אויפ׳ן הימעל, האָט ער געפונען גב״ה ווי ער האַלט אין אַנטאָן קרוינען אויף די אותיות פון דער תורה (שבת פ״ט). ג׳ האָט ניט געוואָלט, אַז זיין תורה זאָל באַשטיין פון טויטע בוכשטאַבען, וואָס זענען אָפּגעזונדערט פון לעבען. יעדעס וואָרט, יעדער אות פון דער תורה איז אַ לעבעדיגער פאַקט, אַ טייל פון דער גרויסער אייביגקייט מיט וועלכער ער האָט די תורה באַקרוינט. ער האָט דארום אויף יעדען אות אָנגעטאָן אַ קרוין פון „תוכן״, פון גרויסען אינהאַלט, וואָס פאָדערט, אַז מען זאָל זיך אין אים פאַרטיפען, כדי צו פאַרשטיין זיין אמת׳ע געדאַנק.

אויב די ערשטע פיר חומשים פון דער תורה זענען אַ מוסטער פון „צמצום״ און קאַנצענטראַציע פון געדאַנק, איז דער פינפטער חומש „דברים״ אַ מוסטער איבער אַלע מוסטערס, ווייל אין אים ווערען ווידערהאָלט אַלע דינים, פּרינציפּען, אידעאַלען און אויך פּאַסירונגען וועגען וועלכע עס ווערט פאַר-האַנדעלט אין די ערשטע פיר חומשים. אין קורצע אָבער אינהאַלטסרייכע פסוקים און ווערטער גיט אונז משה איבער די געשיכטע פון די אידען אין די פערציג יאָר פון זייער וואַנדערען אין דער מדבר. חוקים און משפטים, וואָס פאַרנעמען אין דער תורה גאַנצע פרשיות, ווערען דערקלערט אין בלויז אייניגע פראַזען. היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבען גענומען יאָרען, ווערען איבערגעגעבען אין איינציגע ווערטער. די סיבות און אורזאַכען פון גרויסע געשעענישען, וואָס האָבען געפירט צו ענדגילטיגע ענדערונגען אין דער אַנטוויקלונג פון פאָלק, ווערען געשילדערט אין קורצע שטריכען. משה רבנו, ווי עס ווייזט זיך אַרויס,

איז געווען דער גרעסטער קינסטלער פון „צמצום״, פון אַריינקוועטשען אַ ים מיט געדאַנקען אין עטליכע קורצע שורות.

ער הויבט אָן זיין אייגענעם ספר מיט „אלה הדברים״ מיט שאַרפע רייד, אָדער ווי דער תרגום יונתן בן עוזיאל ערקלערט: „אילן פתגמי אוכחותא די מלל משה עם כל ישראל״ — דאָס זענען די שטראָף־רייד, וואָס משה האָט גערעדט צום גאַנצען פאָלק ישראל. איידער ער נעמט זיך צו דערקלערען די תורה פאַר דעם נייעם דור וויל ער פאַר אַלעמען פריער קלאָר מאַכען די אורזאַך וואָרום די גאולה האָט זיך אַזויפיל פאַרשפּעטיגט. וואָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז אַזאַ קורצע שטרעקע פון באַרג „חורב״ ביז „קדש ברנע״, וואָס דאַרף אַמהעכס־טענס נעמען בלויז עלף טעג דורכצושפּרייזען, האָט זייערע עלטערען געדויערט גאַנצע פערציג יאָר?

דאָס איז אייגענטליך געווען זייער אייגענע שולד — דערקלערט ער זיי. זיי האָבען זיך ניט אויפגעפירט ווי עס באַדאַרף צו זיין, און מיט זייערע מעשים רעים האָבען זיי אַליין מעכב געווען די גאולה. אין איין קורצען פּסוק פון געציילטע ווערטער גיט זיי משה איבער די אַלע פלעצער וואו זייערע עלטערען האָבען געזינדיגט און די דייט אָן די געשעענישען וואָס האָבען געפירט צו דער פאַרלענגערונג פון דעם גלות. ער רעדט צו זיי: „בעבר הירדן, במדבר, בערבה, מול סוף, בין פארן, בין תפל ולבן, חצרות ודי זהב״. אָט אין די אַלע אויסגערע־כענטע ערטער, זאָגט דער „ספרי״ האָבען די אידען פאַרבראַכען קעגען זייער פאָלק און קעגען זייער ג׳, און האָבען דאָרט פאַרפירט פאַרשיידענע מחלוקת׳ן, וואָס האָבען געשטערט דעם פּראָצעס פון דער גאולה.

„במדבר״ — ביי יעדער שוועריקייט, וואָס מען האָט געהאָט דורכצומאַכען אויף זייער נסיעה, זענען זיי געוואָרען אָפּהענגיג און זיך געוואונשען, „מי יתן מותנו במדבר״, מיר ווילען בעסער שטאַרבען אין דער מדבר. זיי האָבען רק פאַרלאַנגט ניסים, איבערנאַטירליכעס, און אויך דאָס איז ביי זיי ניט אַלעמאָל געווען אָנגעלייגט. פאַר יעדער קלייניגקייט האָבען זיי פאַרפירט אַ קריג קעגען ג׳ און קעגען מיר מיט מיין ברודער אהרן.

„בערבה, בשטים, בערבות מואב״ — אַז מיר האָבען שוין מיט ג׳ס הילף דערגרייכט די גרעניצען פון מואב, נאָך דעם גרויסען זיג איבער סיחון מלך האמורי און עוג מלך הבשן, וואָס האָט די אידען איבערגעגעבען גרויסע און פרוכטבאַרע לענדער און זיי רייך געמאַכט, האָבען זיי זיך ווידער פאַרנומען אויף

קרומע וועגען. אַנשטאט וואָס זייער אמונה אין ג׳ זאָל פאַרשטאַרקט ווערען און זייער נאַציאָנאַלער שטאָלץ זאָל געהויבען ווערען איז גאָר געוועזן — „ויחל העם לזנות אחרי בנות מואב״ — דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעפאַנגען צו אַסימילירען מיט די טעכטער פון מואב און אויך זיך בוקען צו זייערע געטער.

„מול סוף — על מה שהמרו בים סוף״ — איבער דעם וואָס זיי האָבען ווידערשפּעניגט ביים ים־סוף. נאָך שטייענדיג ביים ים־סוף, בלויז עטליכע טעג נאָך דער גרויסער געשעעניש פון יציאת מצרים, האָבען זיי שוין אַרויסגעוויזען אומלאָיאַליטעט. אַזוי גיך ווי זיי האָבען דערזעהן די חיילות פון פּרעה׳ן יאָגענדיג זיך נאָך זיי האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף מיר מיט דעם ביטערען אויסגעשריי: „המבלי אין קברים במצרים לקחתנו למות במדבר?״ — איז עס צוליב דעם וואָס עס פעלען קברים אין מצרים האָסטו אונז אַרויסגענומען צו לאָזען שטאַרבען אין דער מדבר?

„בין פּארן״ — אַז מיר האָבען דערגרייכט דעם געגענט פון פּאַרן זענען צו מיר געקומען אַ צאָל פאַרנעמע באַלעבאַטים פון פאָלק און פאַרלאַנגט איך זאָל שיקען פאַרטרויענסווערטע שליחים אויסצופאָרשען דאָס לאַנד. איך האָב זייער פאַרלאַנג צופרידענגעשטעלט און זיי געלאָזט אַליין אויסקלייבען צוועלף פאַרשטייער, וועלכע איך האָב געגלויבט, אַז זיי זיינען געגאַנגען מיט דער דעה „לתור את הארץ״ — אויסצושטודירען דאָס לאַנד און אונז אָפּגעבען אַ באַריכט ווי מען קאָן צו דעם שנעלער צוקומען. „וירגלו אותה״ — זיי זענען אָבער צוריק־געקומען אַלס שפּיאָנען, רכילות־טרייבער, וואָס האָבען אויסגערעדט כל׳ערליי פאַרלוימדונגען אויף דעם לאַנד. טראָץ די פאַרזיכערונגען פון יהושע און כלב בן יפונה, וועלכע זענען געווען פון די שליחים, אַז „עלה נעלה וירשנו אותה״ — מיר וועלען איר באַשטייגען און זיכער איינעמען. האָט אָבער דאָס פאָלק מער נוטה געווען צו די רייד פון די מרגלים ווי צו דעם פאַרשפּרעכען פון ג׳.

„תפל ולבן — מה שתפלו על המן שהוא לבן״ — וואָס זיי האָבען אָנגערעדט אויף דעם ווייסען מן, וואָס ג׳ האָט זיי געגעבען אין דער מדבר. אַז די אידען האָבען זיך באַקלאָגט, אַז זיי האָבען ניט וואָס צו עסען און ג׳ האָט זיי געזאָגט: „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים״ — איך וועל פאַר אייך רעגענען ברויט פון די הימלען, און דער מן איז געווען געשמאַק און האָט געהאַט אַלערליי טעמים, האָבען זיי זיך אַלץ ניט צופרידענגעשטעלט. אין אַ קורצער צייט נאָכדעם

באקלאגען זיי זיך ווידער: „ונפשנו קצה בלחם הקלוקל" — אונז איז שוין מיאוס געווארען צו עסען אט דאס ביליגע ברויט.

„וחצרות" — אין חצרות האט זיך אפגעשפילט די מחלוקת פון קרח מיט זיין געמיינדע, וועלכע האבען געזוכט אונטערצוגראבען די אויטאריטעט פון אונזער אמונה און צו פארניכטען די אידישע איינציקייט. דאס, ווי איר ווייסט, האט געבראכט גרויס אומגליק אויף א היפשער צאל אידען.

„ודי זהב" — היינט דעם שרעקליכען פארברעכען, וואס זיי האבען באגאנגען מיט דעם „עגל הזהב", דעם גאלדענעם קאלב, צו וועמען זיי האבען געדינט און נאכגעשריען „אלה אלקיך ישראל", אט דאס איז דיין ג' ישראל, וואס האט דיך ארויסגענומען פון מצרים.

„אחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר עד קדש ברנע — ויהי בארבעים שנה — ראו מה גרמתם לכם" — בלויז עלף טעג דארף עס נעמען פון חורב דורך דעם בארג שעיר ביז קדש ברנע, אייך אבער האט עס גענומען גאנצע פערציג יאר. זעהט וואס איר האט זיך אליין אנגעטאן (תענית כ"ט).

דאס זענען קלארע, שארפע דבורים. פונוואנען האט זיך עס גענומען צו משה'ן, ער איז דאך געווען „לא איש דברים אנכי" — א מענש מיט ווייניג רייד, א שטאמלער? און דער מדרש ענטפערט: דאס איז אלץ געווען איידער ער האט זוכה געווען צו פארענדיגען די תורה. אזוי גיך ווי ער האט איר פארענדיגט, „נתרפא לשונו", איז זיין צונג אויסגעהיילט געווארען און ער איז געווארען דער גרעסטער ווארט־קינסטלער וואס די וועלט פארמאגט.

הפטרה

הימעל ערד און אידען

שמעו שמים והאזיני ארץ כי ה' דבר.

„למה לשמים ולארץ? שבהן העיד הקב"ה על ישראל, ובהן חטאו, ובהן לקו, ובהן הן מתנחמים" — ווארום רעדט דער נביא צום הימעל און ערד? ווייל דורך זיי האט ג' געווארענט די אידען, קעגען זיי האבען זיי געזינדיגט, פון זיי

זענען זיי געשלאָגען געוואָרען און מיט זיי וועלען זיי געטרייסט ווערען (דברים רבה פ׳ י׳).

דער היינטיגער שבת טראָגט דעם נאָמען „שבת חזון״ צוליב זיין הפטרה, וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער „חזון ישעי׳ בן אמוץ״. די מסדרים פון די פרשות השבוע און די הפטרות האָבען מתקן געווען, אַז פאַר דעם שבת פאַר תשעה באב זאָל מען לייענען די סדרה „דברים״ און דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון ישעי׳ אלס הפטרה, ווייל איןביידע ווערט אָנגעדייטעט, אַז די אידען אַליין זענען מערסטענס שולדיג אין זייער טרויעריגער לאַגע. די פאַרשפּעטיגונג פון דער גאולה ביי דעם געבורט פון אונזער פאָלק און די דערנעענטערונג פון זיינע גלות׳ן אין די שפּעטערדיגע דורות שטאַמען פון דעם זעלבען מקור. זיי זענען די רעזולטאַטען פון ווייניג צוטרוי צו ג׳ און קרימינעלער גרינגשעצונג פון אידישער נאַציאָנאַליטעט. ווייל זיי האָבען געבענקט נאָך מצרים און ווייניג געגלויבט אין דעם פאַרשפּרעכען פון ג׳, אז ער וועט זיי געבען אַ גוט און שיין לאַנד, זענען זיי פאַרבליבען וואַנדערען אין דער מדבר גאַנצע פערציג יאָר. דער טרויעריגער פאַקט ווערט בולט אַרויסגעבראַכט אין היינטיגער סדרה. שפּעטער־צו זיצענדיג שוין אויף זייער לאַנד, האָבען זיי אָנגעפאַנגען פאַרלאָזען זייער אמונה און אַלץ געזוכט נאָכצומאַכען זייערע אַרומיגע שכנים. מיט דעם, זאָגט אונז היינטיגע הפטרה, האָבען זיי אונטערגעגראָבען די יסודות פון זייער נאַציע און געשטעלט אין סכנה דעם קיום פון זייער לאַנד.

ישעי׳ הויבט אָן זיין גרויסע נבואה מיט די ווערטער „שמעו שמים והאזיני ארץ כי ד׳ דבר״ — הערט איר הימלען או לייג־צו דיינע אויערען דו ערד, ווייל ג׳ רעדט. אויך משה רבנו, אין זיין גרויסער פּאַטעטישער צוואה פאַר זיין טויט, ווענדט זיך צו די הימלען און ערד זיי זאָלען הערען און עדות זאָגען אויף זיינע רייד. ער פאַנגט אָבער אָן מיט „האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי״ — איר הימלען לייגט־צו אייערע אויערען ווייל איך רייד און זאָל די ערד הערען די רייד פון מיין מויל. איבער דעם אונטערשייד אין זייערע לשונות גיבען אונז די חז״ל אַ מערקווירדיג־טיפע דערקלערונג. זיי זאָגען: „לפי שהיה משה קרוב לשמים ורחוק מן הארץ לפיכך אמר האזינו השמים ותשמע הארץ״ — ווייל משה איז געווען נאָענט צום הימעל און ווייט פון דער ערד, דערפאַר האָט ער גערעדט צו די הימלען מיט דעם לשון „האזינו״ און צו דער ערד מיט דעם לשון „ותשמע״ (ספרי). דער רד״ק זאָגט, אַז „האזנה״ מיינט

אַריינצוראַמען אַ סוד, רעדען צו איינעם שטילערהייט, און „שמע" מיינט רעדען אויפ'ן קול, וואָס זאָל אויך געהערט ווערען פונדערווייטענס. ישעי' הנביא אָבער איז געווען נעענטער צו דער ערד ווי צו די הימלען, דערפאַר האָט ער פאַרביטען די ווערטער (שם).

דער זוהר שטעלט זיך אָפּ אויף נאָך אַן ענדערונג אין זייערע ווערטער. משה רעדט צו הימעל און ערד און באַפעלט זיי צו הערען וואָס ער רעדט. ישעי' אָבער ווענדט זיך צו זיי, זיי זאָלען זיך צוהערען צו דעם וואָס ג' זאָגט. משה, וועלכער איז געווען „בכל ביתי נאמן הוא", דער אָנפאַרטרויטסטער פאַרשטייער פון דער גאָטהייט, האָט געהאָט דעם כוח צו צווינגען הימעל און ערד זיי זאָלען טאָן זיין רצון. ישעי'ן אָבער האָט דער כוח געפעלט. זיינע אייגענע ווערטער וואָלטן ניט געהערט געוואָרען.

ווארום האָבען זיךביידע פון זיי געווענדט צום הימעל און ערד? און דער מדרש גיט אָן פאָלגענדע אורזאַכען: א) „שבהן העיד הקב"ה על ישראל" — ווייל דורך זיי האָט ג' געוואָרענט די אידען. „הם קיימין לעולם וישראל קיימין לעולם לכך הזמינם לעדות שיקיימו ישראל התורה והמצוות" — ווייל אַזוי ווי הימעל און ערד עקזיסטירען אייביג און די אידען עקזיסטירען פאַר אימער, דערפאַר האָט ער זיי איינגעלאַדען צו זיין עדות, אַז די אידען וועלען מקיים זיין די מצוות (תנחומא האזינו). ב) „בהן חטאו", קעגען זיי ביידען האָבען די אידען געזינדיגט. זיי האָבען פאַרבראַכען קעגען די הימלען מיט דעם וואָס זיי האָבען ניט אָפּגעהיט די חוקים פון דער תורה און אויך קעגען דער ערד מיט דעם וואָס זיי האָבען אויפגעגעבען זייער אייגענאַרטיג לעבען און געזוכט נאָכצוטאָן זייערע שכנים. ג) „בהן לקו", און פון זיי ביידען זענען זיי טאַקע געשלאָגען געוואָרען. דער גלות האָט פון זיי אָוועקגערויבט זייערע אייגענע הימלען און אויך די ערד. אין קיין פלאַץ האָבען זיי ניט וואו זייער קאָפּ אָנצושפאַרען און איבעראַל זיינען זיי „פורחים באויר" און לעבען פון לופט. ד) „ובהן מתנחמים", מיט זיי אָבער וועלען זיי געטרייסט ווערען. די אידישע גאולה וועט צוריקשטעלען די אידען אין דער פאָזיציע וואָס ג' האָט פאַר זיי באַשטימט, צו זיין דאָס „עם סגולה", אַן אויסדערוויילט פאָלק, וואו „שמיא וארעא נשקי הדדי" — הימעל און ערד קומען זיך צוזאַמען — אַ סינטעז פון געטליכקייט און מענשליכקייט.

ב.

משה ווערט אויס שטאַמלער און רעדט שאַרפע דיבורים

אלה הדברים אשר דבר משה.

„מה הדבורה הזו דובשה לבעלים ועוקצה לאחרים, כן דברי תורה, סם־חיים לישראל וסם־המות לעובדי גלולים" — פונקט ווי די בין האַלט איר האָניג פאַר אירע אייגענע און איר ביס פאַר פרעמדע, אזוי איז עס אויך מיט די ווערטער פון דער תורה — זי איז אַ מעדיצין פון לעבען פאַר אידען און אַ סם־המות פאַר די געצענדינער (מדרש אגדה).

פערציג טעג האָט משה פאַרבראַכט אויפ'ן הימעל ביז ער האָט איבער־גענומען פון ג' די גאַנצע תורה, און פערציג יאָר האָט ער זי געלערענט צו די אידען און זיי דערצויגען צו לעבען לויט אירע דינים און פאַרשריפטען. פאַר די אַלע יאָרען „היה משה משמר עצמו שלא להקפיד כנגדן ולא פרק משאן מעליו" — האָט זיך משה אָפּגעהיט פון ווערען אין כעס אויף די אידען און האָט פון זיך ניט אַראָפּגעוואָרפען זייער לאַסט (במ"ר י"ט). ווי אַ גוטער רבי, וועלכער זוכט צו טאָן אַ פּעולה מיט זיינע תלמידים, האָט ער געדולדיג אַריבערגעטראָגען אַלע זייערע נאַרישע שטוקעס און קינדערישע ווילדקייטען, אַבי צו קאָנען מאָדולירען זייערע כאַראַקטערען און מאַכען זיי פאַר פרייע און ציל־באַוואוסטע מענשען. זיין לעבענס־אויפגאַבע איז דאָך געווען צו מאַכען פון די אידען אַן „עם סגולה", אַן אויסנאַם־פאָלק, וואָס זאָל פאַרשפּרייטען גאָט'ס תורה אין דער וועלט — און דאָס איז אים, אין אַ געוויסער מאָס, העכסט געלונגען. דער עלטערער דור פון די יוצאי מצרים, וועלכער איז נאָך געווען אונטער דעם אײינפלוס פון גלות און האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצען דעם ווערט פון פרייהייט, איז אויסגעשטאָרבען אין דער מדבר; דער יונגער דור, וועלכען ער און אהרן האָבען דערצויגען, איז שטאַרק באַגייסטערט פאַר זייער נאַציע און איז גרייט צו קעמפען פאַר איר זעלבסטשטענדיגקייט.

איצט, אַז ער האָט זיי געבראַכט ביז'ן ברעג פון ירדן און ער דאַרף זיך מיט זיי שיידען, באַשליסט ער זיך אַראָפּצורײדען פון האַרצען און אויסרעכענען די אַלע פאַריבעלס, וואָס ער האָט געהאַט קעגען די אידען, ווי אויך אויפצוקלערען דעם נייעם דור וואָרום די גאולה האָט זיך אַזוי פאַרשפּעטיגט און אויך וואָרום

זייערע עלטערען האָבען ניט זוכה געווען אַריינצוקומען אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד. ער וויל, אַז זיי זאָלען לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט ווי זיך אויפצופירען אין דער צוקונפט און ניט מאַכען די זעלבע טעות׳ן, וואָס זייערע עלטערען האָבען געמאַכט, וואָס האָט גורם געווען צו זייער לאַנגען וואַנדערען אין דער מדבר. צוליב דעם וואָס זיי האָבען שטאַרק געבענקט נאָך דעם שקלאַפען־לאַנד מצרים און האָבען געזוכט אַלערליי מיטלען צו שטערען די נסיעה נאָך ארץ־ישראל, און אויך צוליב דעם, וואָס זיי האָבען אימער געשטעלט זייערע פּערזענליכע תאוות און אינטערעסען העכער פאַר די פון זייער פאָלק און האָבען געהאַט ווייניג בטחון אין ג׳, זיינען זיי פאַר׳משפט געוואָרען אויסצושטאַרבען אין דער מדבר און אפילו ער אַליין איז ניט ניצל געוואָרען פון דעם גזר־דין.

„אלה הדברים: „אילן פתגמי אוכחותא די מלל משה עם כל ישראל״ — דאָס זיינען די שטראָף־רייד, וואָס משה האָט גערעדט צום גאַנצען פאָלק ישראל (תרגום יונתן בן עוזיאל). דאָס זיינען די דערפאַרונגען און די וואָרנונגען, וואָס ער האָט ביים געזעגענען זיך מיט דעם פאָלק פאַרגעטראָגען פאַר זיי. דער דובנער מגיד, ז״ל, אין זיין ספר אוהל יעקב פ׳ דברים, דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געפרעגט דעם ווילנער גאון, ז״ל, אַז ער זאָל אים דערקלערען דעם אונטערשייד פון דעם חומש דברים און די פריערדיגע פיר חומשים פון דער תורה, האָט ער אים געענטפערט, אַז אין די ערשטע פיר חומשים האָט זיך געהערט די שטים פון ג׳, אַרויסקומענדיג פון משה׳ס מויל, אָבער ניט אַזוי איז דער ספר דברים — דאָס זיינען משה׳ס אייגענע ווערטער און דערקלערונגען. אויך דער מדרש, ווי עס ווייזט אויס, איז מיט דערזעלבער מיינונג: „עד שלא זכה לתורה כתיב בו: „לא איש דברים אנכי״, כיון שזכה לתורה נתרפא לשונו והתחיל לדבר דברים״ — ביז ער האָט ניט זוכה געווען צו פאַרענדיגען די תורה, איז ער ניט געווען קיין מענש פון רייד, אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט זוכה געווען צו פאַרענדיגען די תורה, איז זיין צונג אויסגעהיילט געוואָרען און ער האָט אָנגעפאַנגען ריידען שאַרפע דבורים (דברים רבה א׳).

העכסט אינטערעסאַנט, פון דעם מיטאָלאָגישען שטאַנדפּונקט, איז די דערקלערונג, וואָס דער ווילנער גאון האָט געגעבען דעם דובנער מגיד, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אויסדערוויילט צו מאַכען משה׳ן פאַר א כבד־פה: דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט אַ כונה, זאָגט דער גאון, כדי אז אַלע, פרעה אַזוי גוט ווי די אידען, זאָלען זיין איבערציינגט, אַז ג׳ אַליין רעדט אויס דער מויל פון

משה׳ן און זיי זאָלען האָבען דרך־ארץ פאַר זיינע רייד. לויט דער טראַדיציע איז משה געוואָרען אַ שטאַמלער נאָך אין זיין פריסטער יוגענט. שפּילענדיג זיך אויפ׳ן שויס פון פרעה, האָט ער איינמאָל אַרונטערגעכאַפּט זיין קרוין און זי אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד. די חרטומים האָבען אין דעם געזעהן אַ וואָרנונג, אַז דער קליינער משה וועט אַמאָל אומברייגגען פרעה׳ס מלוכה. פּרעה האָט זיך אויסגעלאַכט פון זייער באַהויפּטונג, און כדי זיי צו איבערצייגען, אַז דער קליינער משה האָט ניט געוואוסט וואָס ער טוט, ער האָט געבראַכט פאַר אים צוויי שיסלען — איינע פול מיט גאָלד און די צווייטע מיט רויטע הייסע קוילען. משה האָט געוואָלט געמען דאָס גאָלד, איז אָבער אונטערגעשפּרונגען דער מלאך גבריאל און האָט אַ שטופּ געטאָן זיין האַנט צו די הייסע קוילען. ער האָט אַרויס־געכאַפּט איין קויל און עס אַריינגעלייגט אין מויל, און זינט דאַן איז ער פאַר־בליבען אַ כבד־פה און האָט גערעדט מיט גרויס שוועריגקייט (מדרש רבה).

ווען ער איז מיט יאָרען שפּעטער געקומען צו פּרעה׳ן אין דער שליחות פון ג׳, אַז ער זאָל באַפרייען די אידען, איז פּרעה שטאַרק איבערראַשט געוואָרען צו הערען פון זיין מויל קלאָרע דבורים. ניט אַנדערש, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז „שכינה מדברת מתוך גרונו״ — זיין ג׳ רעדט עס אַרויס פון זיין האַלז, און ער האָט מורא געהאַט אים שלעכטס צו טאָן דערפאַר. דאָס, זאָגט דער גאון ווייטער, ווערט קלאָר אָנגעדייט אין מדרש: ווען משה האָט זיך לכתחילה אָנטזאָגט אָנצונעמען די שליחות פון ג׳, ווייל „לא איש דברים אנכי״ — אים איז זעהר שווער צו רעדען, האָט אים דער אויבערשטער געענטפערט: „אנכי אהיה עם פיך והוריתיך״. רבי אבהו אומר מורה אני דברי לתוך פיך כחץ״ — איך וועל זיין מיט דיין מויל און וועל דיר אָנווייזען וואָס צו רעדען. זאָגט אויף דעם רבי אבהו, אַז דאָס וואָרט „והוריתיך״ מיינט דאָ, איך וועל אין דיר אַריינשיסען, ווייל אַזוי האָט ג׳ צו אים געזאָגט: איך וועל אַריינשיסען מיינע ווערטער אין דיין מויל ווי אַ פייל און זיי וועלען באַשטימט גרייכען זייער ציל (שמו״ר ג׳).

אויך די אידען האָבען זיך שטאַרק צוגעהערט צו זיינע ווערטער, ווייל זיי האָבען געפילט, אַז ג׳ אַליין רעדט עס צו זיי דורך דעם מויל פון משה, וועלכער איז אַ כבד־פה און קאָן ניט ריידען. די תורה, זאָגט דער גאון אין „אדרת אליהו״, איז ניט נאָר דאָס גרעסטע געזעץ־בוך, וואָס די וועלט פאַרמאָגט, זי איז אויך דער שענסטער מוסטער פון שפּראַך און דיקציע. אירע פּסוקים און פּרשות זיינען „מועט המחזיק את המרובה״ — ווייניג אין ווערטער, אָבער רייך אין

געדאַנקען, קאָנדענסירט אין פאָרם, אָבער ברייט אין אינהאַלט. אַ קורצע פראַזע פון איינציגע ווערטער גיט אַמאָל איבער אַ געזעץ פון העכסטער וויכטיגקייט פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אַ קליינער זאַץ פון בלויז איין שורה באַשפרעכט אַמאָל אַן עפּאָכע פון דורות. זאָגאַר איין וואָרט פון עטליכע בוכשטאַבען ברייננט מאַנכעס מאָל אַרויס אַ געדאַנק, וואָס האַלט אין באַצויבערען וועלטען. יעדער איינער, וואָס לערענט די תורה, פילט, אז דאָס זיינען ניט קיין ווערטער פון אַ „ילוד אשה״, אַ מענש פון פלייש און בלוט, נאָר אַז דאָס רעדט ג׳ אַליין אויס דעם מויל פון משה רבנו.

איצט, אַז ער האָט די תורה פאַרענדיגט, האָט אים דער אויבערשטער צוריקגעגעבען דעם כוח־הדבור און זיינע ווערטער זיינען געווען, זאָגען די חז״ל, ווי בינען, וואָס האַלטען זייער האָניג פאַר די אייגענע און זייער ביס פאַר פרעמדע. ער מוסר׳ט און וואָרענט די אידען ניט צו באַגיין קיין פאַרברעכען קעגען ג׳ און קעגען זייערע מיטמענשען; זיי זאָלען ניט זוכען נאָכצומאַכען די מעשים פון די פרעמדע פעלקער און אָפּהיטען זייערע פאַמיליעס פון אַבשוילִיכ־קייטען, ווייל דורך דעם וועלען זיי אונטערברעכען די עקזיסטענץ פון זייער פאָלק און וועלען זיך מוזען וואַלגערען אין פרעמדע לענדער, וואו זיי וועלען אונטערדריקט און פאַריאָכט ווערען. ער זאָגט צו דעם גאַנצען פאָלק: „החיים והמות נתתי לפניך, הברכה והקללה, ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך״ — איך לייג פאַר דיר פאָר די וועגען פון לעבען און טויט, פון גליק און אומגליק, קלייב בעסער אויס דעם וועג פון לעבען, כדי איר מיט אייערע קינדער זאָלען תמיד לעבען בלייבען (נצבים ל׳ י״ט).

ער רעדט אויך צו זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע וועלען באַשטימט ווערען צו זיין די שופטים פון דעם פאָלק, און זאָגט צו זיי: „לא תכירו פנים במשפט, כקטון כגדול תשמעון״ — איר זאָלט ניט אָנערקענען קיין פערזענליכקייטען פאַר דעם געזעץ, קליין און גרויס זאָלט איר גלייך אויסהערען. פרייהייט און גלייכהייט זיינען די גרונדלאַגען, אויף וועלכע די געזעצען פון דער תורה זיינען באַזירט. די אידישע תורה אָנערקענט ניט קיין קאַסטעס און קיין קלאַסען. רייך און אָרעם, געלערענט אָדער אומוויסענד — אַלע זיינען גלייך פאַר׳ן געזעץ, וואָס ווייסט ניט פון קיין יחוס און פריווילעגיעס.

עס ווערט דערציילט, אַז רבי הירש לייב וואָלאָזשינער׳ס פאָטער, רבי יעקב ברלין, איז געווען אַ רייכער מאַן, אַ גרויסער סוחר. זיין הויז איז געווען

אויסגעשטאָט מיט זעהר שיינע מעבל און מיט פיל אַנטיקען, וואָס ער פלעגט ברייגגען פון אויסלאַנד. איינמאָל האָט זיינע אַ דינסט, ניט ווילענדיג צעבראָכען אַ טייערע כלי. די באַלעבאָסטע, רבי יעקב׳ס ווייב, האָט זיך אויף איר צעשריען און זי שטאַרק געזידעלט.

„דו טאָרסט אויף איר ניט שרייען״, ווענדט זיך ר׳ יעקב צו זיין ווייב, „זי איז פונקט אַזאַ חשוב׳ע ווי דו״.

„אָבער, סטייטש״, קאָכט זיך זיין ווייב, „אַזאַ שאָדען מיר אָנגעמאַכט. אַזאַ היזק!״

„פאַר׳ן היזק״, ענטפּערט איר דער מאַן, „מעגסטו מאָנען, אָבער שרייען אויף איר האָסטו קיין רעכט ניט״.

„נו, אויב אַזוי״, ליאַמערט דאָס ווייב, „גיי איך שוין מיט איר צום רב!״ און זי כאַפּט אַ פאַטשיילע אויף זיך און באַפעהלט דער דינסט צו גיין מיט איר.

ר׳ יעקב שטעלט זיך אויף און טוט אָן די קאַפּאָטע, גרייט מיטצוגיין.

„קאָנסט זיצען״, זאָגט צו אים דאָס ווייב, „איך דאַרף דיך ניט האָבען ביים רב. כ׳קאָן אַליין טענה׳ן״.

„איך גיי ניט טענה׳ן פאַר דיר״, ענטפּערט איר רבי יעקב, „כ׳ווייס, אַז אויף דיר, ב״ה, קאָן מען זיך פאַרלאָזען. דו וועסט שוין וויסען וואָס צו טענה׳ן און דו דאַרפסט קיין טוען ניט האָבען. גיין גיי איך טענה׳ן פאַר דער מיידעל, פאַר דער דינסט. זי איז אַן אָרימע, דערשראָקענע יתומה און אַליין וועט זי נעבאָך ניט וויסען וואָס צו טענה׳ן. עס שטייט געשריבען אין דער תורה „כקטון כגדול תשמעון״, מען דאַרף אויסהערען קליין אַזוי גוט ווי גרויס״. (ב. יאושזאָהן).

הפטרה

אַז מען לויפט נאָך פרעמדע, בלייבט מען אַליין

איכה היתה לזונה קריה נאמנה.

„אלמלא זכינו היינו אומרים איכה אשא לבדי, עכשיו שלא זכינו הננו אומרים איכה ישבה בדד״ — ווען מיר וואָלטעןווערט זיין, וואָלטען זיך אונזערע פירער באַקלאָגט, אַז זיי קאָנען אַליין ניט טראָגען אויף זיך די לאַסט פון גאַנצען

פּאָלק, אָבער איצט, אַז מיר זיינען ניט ווערט, קלאָגען מיר, אַז אונזער פּאָלק איז געבליבען איינזאַם און פאַרשטויסען (מדרש איכה).

די נבואה פון ישעיהו איז געזאָגט געוואָרען אין די צייטען פון די קעניגען עוזיהו, יותם, אחז און חזקיהו. די קעניגען עוזיה און יותם זיינען אַליין געווען ערליך און פרום. זיי זיינען אָבער געווען שטאַרק פאַרטאָן אין גרויסע מלחמות, וואָס זיי האָבען אָנגעפירט מיט די אַרומיגע פעלקער און ביי זיי פאַרנומען פיל שטעט און לענדער. איבערהויפּט האָט זיך דער יונגער קעניג יותם אויסגעצייכענט מיט זיינע גרויסע סטראַטעגישע מלחמות, וועלכע האָבען אים שטאַרק געגליקט. ניט נאָר איז אים געלונגען צו אונטערייאָכען די פעלקער אַרום יהודה און זיי צווינגען צו צאָלען גרויסע צינזען, וואָס האָבען רייך געמאַכט דאָס לאַנד, ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבען מיט בויען פראַכטפולע מלוכה־געביידעס און גרויסע טורמעס, וועלכע האָבען דאָס לאַנד שיין און שטאַרק געמאַכט. די אינערליכע פאַרוואַלטונג פון לאַנד איז אָבער געווען אַ פאַרדאָרבענע. זייענדיג אַליין פאַר־נומען מיט אויסלענדישע אינטערעסען, האָט ער די ממשלה פון דעם לאַנד איבערגעגעבען צו די שרים, די האַף־האַרען, וועלכע זיינען געווען „סוררים", אַסימילאַטאָרען, „אוהבי שוחד ורודפי שלמונים" — האָבען ליב געהאַט כאַבאַר און זיך געיאָגט נאָך לאַפּקע־געלט. זיי האָבען שטאַרק געדריקט די אַרימע, די יתומים און אלמנות; בלויז צו די רייכע האָבען זיי זיך באַנומען מיט אָנשטענדיג־קייט און מיט דרך־ארץ.

איין זאַך אָבער האָבען די פאַרדאָרבענע האַף־האַרען ניט געוואָגט צו טאָן, און דאָס איז — צו שטערען די עבודה אין בית־המקדש. זיי האָבען מורא געהאַט צו פאַררייסען זיך מיט דעם קעניג, וועלכער, ווי געזאָגט, איז אַליין געווען שטאַרק רעליגיעז. די לאַגע האָט זיך אָבער געביטען אַזוי גיך ווי אחז האָט באַשטיגען דעם טראָן. אחז איז אַליין געווען אַן אַסימילאַטאָר און האָט געזוכט נאָכצומאַכען די אַרומיגע שכנים אויך אין זייערע רעליגיעזע מנהגים. ער האָט אויסגעשטעלט זילבערנע אָפּגעטער אין אַלע ווינקלען פון שטאָט און געהייסען דעם פּאָלק צו בוקען זיך צו זיי. ער האָט געענדערט די עבודה אין בית המקדש און האָט מקריב געווען קרבנות צו דער זון און צו דער לבנה, ווי עס האָבען געטאָן די אַרומיגע גויים. ער האָט באַפוילען אָוועקצונעמען דעם אינערליכען מזבח און האָט באַאויפטראַגט אוריה הכהן, אַז ער זאָל בויען אַ מזבח לויט דער מוסטער פון דעם מזבח, וואָס ער האָט געזעהן אין דמשק.

לויט די חז״ל, איז אחז געגאַנגען אַזוי ווייט אין זיין קאַמף קעגען דער אידישער אמונה, אַז ער האָט געשלאָסען אַלע תלמוד־תורה׳ס און לער־אַנשטאַלטען, זאָגענדיג: „אם אין גדיים אין תישים״ — אויב עס וועלען ניט זיין קיין קליינע ציגעלאַך, וועלען ניט אויסוואַקסען קיין גרויסע בעק. אויב מען וועט ניט לערנען מיט די קליינע קינדער קיין תורה, וועלען ניט אויסוואַקסען קיין פרומע אידען (סנהדרין ק״ג, ב״ר מ״ב). פאַר זיין וועלען צעשטערען די אידישע אמונה, האָבען די חז״ל געזאָגט, אז אחז וועט קיינמאָל קיין עולם־הבא ניט האָבען. און ווי די הגדה וויל האָבען, איז דער טאָג, ווען אחז איז געשטאָרבען, בלויז געווען פון צוויי שטונדען, כדי מען זאָל אים ניט קאָנען מספיד זיין, וויל אין ירושלים האָט מען אַ טויטען געמוזט באַגראָבען איידער די זון גייט אונטער (סנהדרין צ״ו).

ישעי׳ פאַרגלייכט ירושלים, אין די צייטען פון אחז, צו אַ „זונה״, וועלכע זוכט זיך אויסצופוצען, כדי אַלעמען צו געפעלען. ער פרעגט מיט וויימוט: „איכה היתה לזונה קריה נאמנה?״ — ווי אַזוי איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ זונה, די באַגליבטע שטאָט? זי איז דאָך שטענדיג געווען פול מיט משפט און צדק און איצט איז זי געוואָרען אַזוי פאַרדאָרבען. ער זעהט פאָראויס אַ שלעכטען סוף — און אַזוי איז טאַקע געווען. גאָר אין גיכען איז יהודה באַפאַלען געוואָרען פון דעם קעניג פון ארם און מיט דער הילף פון פקח, דעם קעניג פון ישראל, האָבען זיי אויסגע׳הרג׳עט הונדערט און צוואַנציג טויזענט פון אידישען חיל און גענומען געפאַנגען צוויי הונדערט טויזענט. „הכניע ה׳ את יהודה בעבור אחז, כי הפריע ביהודה״ — ג׳ האָט אונטערטעניגט יהודה צוליב אחז׳ן, וויל ער האָט ווילד געמאַכט דאָס לאַנד (דהי״ב כ״ח).

אויף דעם באַמערקט דער מדרש: ווען די אידען האָבען געהאַט דעם זכות צו זיין פאַראייניגט אונטער זייער אמונה, האָט זיך דער פירער משה באַקלאָגט „איכה אשא לבדי טרחכם״ — ווי קאָן איך אַליין פאַרטראָגען אייער לאַסט. ווען די פירער זיינען פאַרנומען מיט משפט׳ן און לערנען דאָס פאָלק, איז עס אַ באַווייז, אַז אידישקייט לעבט. הויבט אָבער אָן דאָס פאָלק נאָכצומאַכען די גויים און ווערט ווי אַ זונה, וואָס זוכט צו געפעלען וועמען יעדען, דאָן פירט עס צו דעם שרעקליכען רעזולטאַט פון „איכה ישבה בדד״ — זי בלייבט איזאָלירט און פאַר־לאָזען פון אירע כלומר׳שטע פריינט. „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״ — ציון קאָן נאָר אויגעלייזט ווערען מיט משפט און איר צוריקקער צו גערעכטיגקייט.

נאָכצוטאָן פרעמדע, האָפען אויף פרעמדע און זיך פאַרלאָזען אויף פרעמדע איז קעגען דעם גייסטיגען כאַראַקטער פון אונזער הייליג לאַנד.

ג.

וואָס מער מען לערנט די תורה, אַלץ מער געפינט מען אין איר

בעבר הירדן האיל משה באר את התורה.

„התורה נמשלה לתאנה, מפני שרוב האילנות נלקטין כאחד והתאנה נלקטה מעט מעט" — די תורה איז געגליכען צו אַ פייגענבוים, ווייל ס'רוב בוימער ווערען געקליבען פאַר איין מאָל און דער פייגענבוים ווערט געקליבען ביסלאַכווייז (מדרש תנחומא).

דער חומש דברים איז אויך באַקאַנט מיט דעם נאָמען „משנה תורה" — די ווידערהאָלונג פון דער תורה, ווייל אין אים ווערען אין קורצען ווידערהאָלט אַלע דינים, פּרינציפּען, אידעאַלען און אויך פּאַסירונגען, וועגען וועלכע עס ווערט פאַרהאַנדעלט אין די ערשטע פיר חומשים. אין קורצע, אָבער אינהאַלטס־רייכע, פסוקים און ווערטער גיט אונז משה איבער די געשיכטע פון די אידען אין די פערציג יאָר פון זייער וואַנדערען אין דער מדבר. חוקים און משפטים, וואָס פאַרנעמען אין דער תורה גאַנצע פרשיות, ווערען דערקלערט אין בלויז אייניגע פראַזען. היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבען גענומען יאָרען, ווערען איבערגעגעבען אין אייניגע ווערטער. די סיבות און אורזאַכען פון גרויסע געשע־ענישען, וועלכע האָבען געפירט צו אַנטגילטיגע ענדערונגען, אין דער אַנטוויקלונג פון פאָלק, ווערען געשילדערט אין קורצע שטריכען.

אָבער די אורזאַך, וואָרום די טראַדיציע רופט דעם חומש מיט'ן נאָמען „דברים", רייד, איז — ווייל ער באַשטייט מערסטענס פון עסייען און פאָרטראָגען, וואָס משה האָט געהאַלטען פאַר דעם יונגען דור, כדי אים צו דערקלערען דעם הויפּט ציל און תכלית פון דער תורה און באַלייכטען אירע הומאַנישע געזעצען, וואָס אויב די וועלט וועט זיי אָננעמען און דורכפירען אין לעבען, וועלען זיי ברייגנען גליק און פרידען פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אין אַלע זיינע לעקציעס בעט זיך משה ביי זיי: „שמור תשמרון את מצות ה' אלקיך ועדותיו וחקיו אשר

צוך" — זעהט צו היטען די מצוות פון אייער ג', זיינע פאָרשריפטען און געזעצען, וואָס ער האָט אייך אָנגעזאָגט. „ועשית הישר והטוב בעיני ה' למען ייטב לך" — און איר זאָלט טאָן וואָס איז רעכטפערטיג און גוט אין די אויגען פון ג', כדי אייך זאָל גוט זיין (ואתחנן ו' י"ז י"ח).

ער וואָרנט זיי אויך ניט צו באַגיין קיין פאַרברעכענס קעגען ג' און קעגען זייערע מיטמענשען. זיי זאָלען ניט זוכען נאָכצומאַכען די מעשים פון די פרעמדע פעלקער און אָפּהיטען זייערע פאַמיליעס פון אָפּשיילִיכקייטען, ווייל דורך דעם וועלען זיי אונטערברעכען די עקזיסטענץ פון זייער פאָלק און וועלען זיך מוזען וואַלגערען אין פרעמדע לענדער, וואו זיי וועלען אונטערדריקט און פאַריאָכט ווערען. „החיים והמות נתתי לפניך, הברכה והקללה, ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך" — איך לייג פאַר אייך פאָר, זאָגט ער צו זיי, די וועגען פון לעבען און טויט, פון גליק און אומגליק. קלייבט בעסער אויס דער וועג פון לעבען, כדי איר מיט אייערע קינדער זאָלען תמיד לעבען בלייבען (נצבים ל' י"ט).

די תורה אליין רופט אָן חומש דברים מיט דעם נאָמען „שירה", אַ פּאָעמע, ווי עס ווערט געזאָגט: „ויכתוב משה את השירה הזאת וילמדה את בני ישראל" — און משה האָט אָנגעשריבען די דאָזיגע פּאָעמע און זי געלערענט צו די אידען. אין פאָרם און אינהאַלט איז דער ספר דברים אַ מוסטער פון שפּראַך און דיקציע און זיינע פרשיות זיינען „מועט המחזיק את המרובה" — ווייניג אין ווערטער, אָבער רייך אין געדאַנקען, קאָנדענסירט אין פאָרם, אָבער ברייט אין אינהאַלט. אַ קורצע פראַזע פון אייניגע ווערטער גיט אַמאָל איבער אַ געזעץ פון העכסטער וויכטיגקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט. אַ קליינער זאַץ פון בלויז איין שורה באַשפּרעכט אָפּטמאָל אַן עפּאָכע פון דורות, זאָגאַר איין וואָרט פון עטליכע בוכשטאַבען ברייגט מאַנכעס מאָל אַרויס אַ געדאַנק, וואָס האַלט אין באַצויבערען וועלטען.

איידער ער הויבט אָן צו לערנען די תורה פאַר דעם נייעם דור, וויל ער פאַר זיי אַלעמען פריער קלאָר מאַכען די אורזאַך וואָרום די גאולה האָט זיך אַזוי פיל פאַרשפּעטיגט און וואָרום זייערע עלטערען האָבען ניט זוכה געווען אַריינצוקומען אין דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד. דאָס איז אייגענטליך געווען זייער אייגענע שולד, — דערקלערט ער זיי, — זיי האָבען זיך ניט אויפגעפירט ווי עס באַדאַרף צו זיין און מיט זייערע מעשים רעים האָבען זיי אַליין מעכב געווען

די גאולה. זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען דעם פולען ווערט פון פרייהייט און האָבען אימער געבענקט נאָך דעם שקלאַפען־לאַנד מצרים. זיי האָבען רק געשטעלט זייערע פערזענליכע תאוות און אינטערעסען העכער פאַר די פון דעם גאַנצען פאָלק און זיי האָבען געהאַט ווייניג בטחון אין ג׳. דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז זיי זאָלען פאַר׳משפט ווערען אויסצושטאַרבען אין דער מדבר. און אויך ער אַליין איז פון דעם גזר־דין ניט ניצול געוואָרען. וואָלטען זיי פון ערשטען טאָג אָן, ווען זיי האָבען פאַרלאָזען מצרים, ריכטיג באַהערשט געוואָרען פון דעם נאַציאָנאַלען געפיל און מיט פאַראייניגטע כוחות געשטרעבט צו דער גאולה, וואָלטען זיי שוין לאַנג געקומען „אל המנוחה ואל הנחלה״, אין זייער פאַרשפּראָכען לאַנד, און אויך ער וואָלט מיט זיי מיטגעגאַנגען.

און טאַקע צוליב דעם, וואָס אין דער ערשטער סדרה פון דברים ווערען אויסגערעכענט די אַלע סיבות, וואָס האָבען געפירט צו פאַרלענגערען דעם אידישען גלות, לייענט מען זי „שבת חזון״, דעם שבת פאַר „תשעה באב״. די מסדרים פון די „פרשיות השבע״ האָבען דערמיט געוואָלט אָנדייטען, אַז די אידען אַליין זיינען הויפּטזעכליך שולדיג אין זייער טרויעריגער לאַגע. דער אומענדליכער גלות איז דער רעזולטאַט פון ווייניג צוטרוי צו ג׳ און צוליב דעם, וואָס דער נאַציאָנאַלער געפיל איז ביי זיי שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען. אויך די גרויסע בענקענישען פאַר די פאַרשידענע גלות־לענדער, וואָס מאַנכע, איבער־הויפּט פון די רייכערע קלאַסען, ווייזען אַרויס, פאַראורזאַכט אַ שפּאַלטונג אין פאָלק און שטערט אין דער פאַראייניגונג פון אַלע שיכטען אידען פאַר דעם צוריק־אויפבוי פון זייער נאַציאָנאַלער היים.

משה פאַרענדיגט דעם חומש דברים מיט דער עצה צו די אידען: „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת״ — און איצט שרייבט אייך אַראָפּ די תורה, וועלכע איז דעם אויבערשטנ׳ס גרויסע פּאָעמע פון גייסטיגע דערגרייכונגען; לערנט זי צו אייערע קינדער און קינדס־קינדער, ווייל „התורה נמשלה לתאנה״ — די תורה איז געגליכען צו אַ פייגענבוים. אַלע ביימער פאַרפערטיגען זייערע פרוכט אין אַ געוויסער צייט פון יאָר און פאַר איין מאָל, דער פייגענבוים אָבער האָלט אין איין וואַקסען און פּראָדוצירען זיינע פרוכט פיל מאָל אין יאָר, דעריבער מוז מען אים קלייבען אָפט, ווייל יעדעס מאָל, וואָס מען זוכט צווישען זיינע בלעטער, קאָן מען געפינען נייע פרוכט. אַזוי אויך די תורה: וואָס מער מען לערנט זי, אַלץ מער נייע און רייכע געדאַנקען געפינט מען אין איר.

„וענתה לכם השירה הזאת״ — אַט־די געטליכע פּאַעמע וועט אייך געבען האָפנונג און אויסדויער צו קאָנען ווידערשטיין אַלע דרוקען, און איר וועט ענדליך דערגרייכען דעם גרויסען ציל, וואָס דער אויבערשטער האָט פאַר אייך באַשטימט. „עץ חיים היא למחזיקים בה״ — זי איז אַ בוים פון לעבען פאַר די, וואָס האַלטען זיך אין איר. ווי אַ גוטער, זאַפטיגער בוים גיט כוחות צו זיינע צווייגען צו קאָנען וואַס מער וואַקסען און פּראָדוצירען פרישע פּרוכט, אַזוי וועט אויך די תורה געבען כוחות צו אַלע צווייגען פון דעם פאָלק און זייערע פּרוכט, די אידישע קינדער, וועלען תמיד בלייבען מיט אונז און קעמפען פאַר אונזער ענטגילטיגער דערלייזונג.

הפטרה

פירערשאַפט ביי אידען

כל ראש לחלי.

„בדבר שחטאו ישראל בו לקו ובו מתנחמים — חטאו „בראש״, דכתיב: „נתנה ראש ונשובה מצרימה״; לקו „בראש״, דכתיב „כל ראש לחלי״, ומתנחמים „בראש״, דכתיב: „ויעבר מלכם לפניהם וה׳ בראשם״ — מיט דער זאַך, וואָס זיי האָבען געזינדיגט, זיינען זיי געשלאָגען געוואָרען, און מיט דעם וועלען זיי אויך געטרייסט ווערען. אין דער מדבר האָבען זיי געזינדיגט מיט שרייען: לאָמיר אויפנעמען אַן אַנדער פירער און זיך צוריק קערען נאָך מצרים; אין זייער לאַנד זיינען זיי געשלאָגען געוואָרען מיט דער מחלה פון ניט פּאַסיגע פירער, ווי עס ווערט געזאָגט, אַז אַלע זייערע קעפּ זיינען קראַנק. זיי וועלען אָבער געטרייסט ווערען פון דעם איינציגען פירער, ווי עס ווערט פאַרשפּראָכען: זייער קעניג וועט גיין פאָראויס מיט ג׳ אין דער שפּיץ (מדרש איכה י״ז).

„ביטאָ אַזאַ זאַך ביי אידען, ווי פּערזענליכע פירערשאַפט, האָט מיר אַמאָל געזאָגט נחום סאָקאָלאָוו ע״ה. „אידען זיינען צו־גרויסע אינדיווידואַליסטען, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען בלינד פירען פון אַ פּערזאָן, ווי גרויס און פעהיג ער זאָל ניט זיין. אַזוי איז עס אין זייער פּאָליטישען לעבען און אַזוי אויך אין דער רעליגיע. „לא למראה עיניו ישפוט, ולא למשמע אזניו יוכיח״ — ער זאָל קאָנען משפּט׳ן

ניט געזעהענערהייט און שטראָפען ניט געהערטערהייט. זעהט מען אים, הערט מען אים — ווערט מען אים ניט פאָלגען. בלויז, אז משיח וועט קומען, וועט געשעהן דער גרויסער נס פון „והיה עיניך ראות את מורך״ — דיינע אויגען וועלען זעהן דיין רבי׳ן און ער וועט אַלץ פאַרבלייבען דיין רבי, דיין פירער״.

בלויז איין אויטאָריטעט איז דאָ ביי אידען — די תורה. און די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען צו יחידים, צו געלערענטע בלויז. ״מורשה היא לכל ישראל״ — זי איז אַ ירושה פאַר דעם גאַנצען פאָלק. אַלע אידען זיינען מחויב זי צו לערנען און וויסען (סנהדרין צ״א).

„דער גרעסטער דעמאָקראַטישער לער־בוך אויף דער וועלט״, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט פּראָפעסאָר הערמאַן כהן ע״ה, — איז דער אידישער תלמוד. אונזערע חז״ל בויגען זיך ניט פאַר פערזענליכע אויטאָריטעטען. האָט איינער פון די תנאים אָדער אמוראים געמעגט זיין דער גרעסטער געלערענטער פון זיין צייט, אויב ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ נייעם דין אָדער אַ נייעם געדאַנק, האָט אַ בר בי רב דחד יומא, אַ ישיבה בחור, וואָס איז ערשט איין טאָג אין דער ישיבה, געהאַט דאָס רעכט אים צו פרעגען „מנלן״? פון וואַנען ווייסטו עס? און סיידען ער האָט געקאָנט זיינע ווערטער בעגרינדען אויף אַן „אַסמכתא״, אַן אַנדייטונג אויף אַ פּסוק אין דער תורה, האָט מען זיי ניט אָנגענומען״.

אפילו די ווערטער פון אונזערע נביאים מוזען האָבען די באַשטעטיגונג פון די סנהדרין, וועלכע זיינען די אויסטייטשער און דערקלערער פון אונזער תורה. אויב, לויט זייער מיינונג, זיינען די ווערטער פון דעם נביא ניט אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון דער תורה, ווערען זיינע נביאות ניט געאַכטעט.

היינטיגע הפטרה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „חזון ישעיה״, דאָס איז די זעהונג, וואָס ג׳ האָט געוויזען ישעיה׳ן און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל עס איבערגעבען צו די אידען. זאָגט אויף דעם דער מדרש: „חזון״ בגימטריא ע״א כמנין סנהדרין, שאף על פי שהיה מתנבא מפי הקב״ה, אילו היתה סנהדרין זזה ממנו, לא היה לו רשות להתנבאות״ — דאָס וואָרט „חזון״ באַטרעפט איין־און־זיבעציג, ווי די צאָל פון די סנהדרין, ווייל כאָטש ער זאָגט וואָס ער האָט געהערט פון ג׳, אויב אָבער די סנהדרין קערען זיך אָפּ פון אים און שטימען ניט איין מיט זיינע מיינונגען, האָט ער ניט קיין רעכט זיינע נביאות פאַרטצוזאָגען (ילקוט שמעוני רמז שפ״ה).

ביי אונז אידען זיינען ניטאָ קיין פּויפּסטן אָדער קאַליפען, וועלכע ווערען

באַטראַכט פון זייערע גלויבער אַלס די פאַרטרעטער פון ג׳ אויף דער ערד. מיר זיינען אַלע אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש״ — קעניגרייך פון פריסטער און אַ הייליג פאָלק, און וואו עטליכע אידען קומען זיך צוזאַמען צו דאַוונען אָדער צו לערנען, איז ג׳ צווישען זיי. אַז אַ גוי קומט איז זיין קירך, ווייסט ער ניט וועלכע תפלות ער וועט היינט דאַרפן זאָגען — דאָס מוז אים זיין גלח אָנווייזען. ביי אונז אָבער ווייסען אַלע דעם סדר התפילות, און אויב דער רב אַליין זאָל פאַרפעהלען צו זאָגען „יעלה ויבוא״, אָדער „טל ומטר״, ווען מען דאַרף עס, וועט אַ שניידער פון הינטער דער בימה אים אויפמערקזאַם מאַכען אויף זיין טעות.

אמת טאַקע, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט צו אָרגאַניזאַציע, זיינען מיר גאַנץ שוואַך, ווייל אונז פעהלט אַ צענטראַלע פיגור, וועלכע זאָל קאָנען פאַרוואַלטען מיט אונזערע גייסטיגע אינטערעסען און רעדען אין נאָמען פון דעם גאַנצען פאָלק. אַז מען לאָזט זיך ניט פירען, איז שווער צוצוקומען צו אַ ברעג. אָבער עס איז דאָ אויך אַ גרויסע מעלה אין דעם. מיר לאָזען זיך אויך ניט פאַרפירען. וואָלטען מיר אין אונזער לאַנגען גלות בלינד נאָכגעפאָלגט אונזערע פירער, וואָלטען מיר אפשר שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. ווייסען מיר דאָך פון אונזערע געשיכטע, אַז אַ צאָל רבנים און פירער, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט, האָבען זיך גע׳שמד׳ט און אַריבערגעגאַנגען צו אַנדערע גלויבענס, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און פאַרבליבען ביי זיין תורה, ביי זיין גלויבען אין „אתה בחרתנו״.

דערזעלבער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין דעם מערקווירדיגען ויכוח, וואָס משה האָט געהאַט מיט ג׳. ווי ער ווערט איבערגעגעבען אין די פאָלגענדע פסוקים: ג׳ זאָגט צו משה איינמאָל: „לא אעלה בקרבך כי עם קשה־עורף אתה״ — איך וועל ניט אויפגיין צווישען דיר, ווייל דו ביזט אַ האַרטנעקיג פאָלק. א צווייטען מאָל זאָגט ער צו אים ווייטער: „אמר אל בני ישראל אתם עם קשה עורף״ — זאָג צו די אידען, איר זענט אַ האַרטנעקיג פאָלק און איך קאָן ניט גיין מיט אַייך צוזאַמען. משה לאָזט ג׳ אויסריידען זיין כעס און אין אַ קורצער ווילע שפּעטער זאָגט ער צו אים: „ילך נא ה׳ בקרבנו כי עם קשה עורף הוא״ — זאָל ג׳ גיין צווישען אונז, ווייל די אידען זיינען אַ האַרטנעקיג פאָלק.

עקשנות איז טאַקע אַ גרויסער חסרון. אַן עקשן לאָזט זיך ניט לערנען און לאָזט זיך ניט פירען. אָבער עקשנות האָט אויך די מעלה פון אויסגעהאַלטענ־קייט. אַן עקשן, אַן איינגעשפּאַרטער, קוים נעמט ער זיך צו אַ זאַך, וועט ער זי

דורכפירען. מיט זיין עקשנות און אויסדויער וועט ער קאָנעןביישטיין אַלע שוועריגקייטען און בלייבען ביי זיין אידעאַל. אָט טאַקע צוליב דעם, וואָס די אידען זיינען אַן „עם קשה עורף", איז ער זיכער, אַז „ילך ה׳ בקרבנו" — גאָט וועט גיין צווישען אונז. טראָץ אַלע רדיפות און פאַרפאָלגונגען, וועט דער איד פאַרבלייבען ביי זיין ג-ט.

מיר האָבען געזינדיגט „בראש", קעגען אונזער פירער משה, און זיינען דערפאַר פאַרבליבען אין דער מדבר פאַר נאָך פערציג יאָר. מיר זיינען געשלאָגען געוואָרען „בראש", ווייל אונז האָבען אויסגעפעהלט די פאַסיגע פירער אין דער ריכטיגער צייט, מיר וועלען אָבער געטרייסט ווערען, ווייל מיר האָפען, אַז אונזער אמת׳ער פירער, גב"ה אליין, וועט שטיין אין שפיץ פון אונזער גאולה.

ד.

דער ערשטער דעמאָקראַטישער געריכט

הבו לכם אנשים חכמים ונבונים.

„אמר להם משה: אם אין אתם נשמעים להם, אשמה תלויה בראשכם. למה הדבר דומה? לנחש הזה, שאמר הזנב לראש: עד מתי אתה מתהלך תחלה? אני אלך תחלה. הלך ומצא לו גומא של מים והשליכו לתוכה; מצא אש והשליכו לתוכו; מצא קוצים והשליכו לתוכן. מי גרם לו? על שהלך הראש אחר הזנב" — משה האָט זיי געזאָגט: אויב איר וועט זיי ניט פאָלגען, וועט די שולד פאַלען אויף אייערע קעפּ. דאָס איז געגליכען צו אַ שלאַנג, ווען עמעס עק האָט געזאָגט צום קאָפּ: ביז ווי־לאַנג וועסטו גיין פאָראויס? איך וויל זיין דער פירער. איז ער געגאַנגען פאָראויס, האָט זיך אים אָנגעטראָפען אַ גרוב, איז ער אין איר אַריינגעפאַלען; איז ער פאַרביי אַ פייער, האָט ער אים דאָרט אַריינגעוואָרפען; איז ער געקומען צו דערנער, האָט ער אים דאָרט אַריינגעשלעפּט. דאָס זיינען די רעזולטאַטען, ווען דער קאָפּ לאָזט זיך פירען פון עק (דברים רבה א׳).

„בעבר הירדן הואיל משה באר את התורה" — אויף דער אַנדער זייט פון ירדן באַשליסט משה נאָכאַמאָל צו דערקלערען די תורה פאַר דעם יונגען דור. זיי שטייען איצט ביי די טויערען פון זייער לאַנד, זאָלען זיי וויסען ווי זיך

דאָרט אויפצופירען, כדי זי זאָל פאַרבלייבען אין זייער שטענדיגען באַזיץ. אויסער דעם וויל ער פאַר זיי קלאָר מאַכען געוויסע אינצידענטען און געשעהענישען, וואָס האָבען געפירט צו דעם טרויעריגען רעזולטאַט, אז דער גאַנצער דור, וואָס איז אַרויס פון מצרים, זאָל פאַרמשפט ווערען פון דער גאָטהייט אויס־צושטאַרבען אין דער מדבר און ניט זוכה זיין אַריינצוקומען אין דעם הייליגען לאַנד — אַ גזירה, פון וועלכער ער אַליין איז אויך ניט ניצול געוואָרען, צוליב זייער שולד, און מוז דאָ, אין דער פרעמד, אויסהויכען זיין הייליגע נשמה און זיך שיידען פון זיי איידער זיי האָבען דערגרייכט דעם הויפט ציל, צו וועלכען ער האָט אַזוי פיל געשטרעבט און געגאַרט זיין גאַנצען לעבען.

דער חומש הייסט „דברים" ווייל ער באַשטייט פון רעדעס און לעקציעס, וואָס וואַרפען אַ קלאָר ליכט איבער די הומאַנישע געזעצען פון דער תורה און ברייננגען אַרויס בולט זייער הויפט־ציל און תכלית. די טעמע, אַרום וועלכער ער וועבט זיינע „דברים" און עסייען, ווערט פון אים אויסגעדריקט אין דעם פאָלגענדען קורצען, אָבער העכסט טיפזיניגען זאַץ: „החיים והמות נתתי לפניכם, הברכה והקללה, ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך" — איך לייג פאַר אייך פאַר די וועגען פון לעבען און טויט, פון גליק און אומגליק. קלייבט בעסער אויס דעם וועג פון לעבען, כדי איר און אייערע קינדער זאָלען תמיד לעבען בלייבען. די תורה איז דער קוואַל פון אייביגקייט. אויב איר וועט זיך אויפפירען לויט אירע פאַרשריפטען, וועט איר בלייבען אַן אייביג פאָלק, וואָס קיינער וועט ניט קענען אומברייננגען.

דער חומש דברים איז באַקאַנט אין דער טראַדיציע אַלס „משנה תורה" — אַ ווידערהאָלונג פון דער תורה. אין אים ווידערהאָלט משה אַלע דינים, וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם לעבען פון פאָלק אין ארץ ישראל און אויך אין אַנדערע לענדער — וואו זיי וועלען זיך געפינען. בלויז די דינים פון קרבנות ווערען ניט ווידערהאָלט, ווייל דאָס זיינען געזעצען, וואָס זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען צו די כהנים, און זיי וועלען שוין וויסען ווי זייער אויפגאַבע דורכצופירען בשלמות. עס ווערען אָבער אויך צוגעגעבען 99 נייע „מצוות עשה ולא תעשה" — פליכטען וואָס אידען מוזען אָדער טאָרען ניט טאָן, וואָס משה האָט געפונען פאַר נויטיג צוצוגעבען און דער אויבערשטער האָט צו דעם איינגעשטימט (הקדמת הרמב"ן לספר דברים).

מיט זיינע נייע דערקלערונגען גיט אונז משה, אין חומש דברים, אַ פיל

קלערערע פערספעקטיווע איבער די היסטאָרישע געשעהענישען זינט די אידען האָבען פאַרלאָזען מצרים, וואָס ווערען דערמאָנט אין די פריערדיגע חומשים. דער כראָנאָלאָגישער סדר פון די פאַסירונגען, די סיבות, וואָס האָבען געפירט צו זיי און די רעזולטאַטען, וואָס זיי האָבען געבראַכט, קומען אַרויס מער בולט און מער פאַרשטענדליך. אויסער דעם ווערען אונז אָנגעגעבען פיל נייע פאַקטען, וועלכע וואַרפען אַ העל ליכט איבער די סאָציאַלע און געזעלשאַפטליכע איינריכ־טונגען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אין די פערציג יאָר, כדי צו דערמעגליכען די צעמענטירונג פון די פאַרשיידענע שיכטען פון פאָלק און זיי האַלטען פאַר־איייניגט. אָהן די דערקלערונגען, וואָס משה האָט אונז געגעבען אין זיינע לעצטע לעקציעס פון „משנה תורה״, וואָלטען פיל שטעלען אין די ערשטע חומשים פאַרבליבען אומפאַרשטענדליך.

נעמען מיר, צום ביישפיל, דעם איינפיר פון „מנוי הדיינים״, אויפצונעמען און באַשטימען ריכטער פאַר׳ן פאָלק, וועלכע זאָלען פאַרוואַלטען מיט דעם געזעץ און ריכטיג אויסטייטשען די דינים פון דער תורה. די לעגיסלאַטיווע און געזעצגעבענדע קערפערשאַפטען פון אַ לאַנד זיינען די גרונטשטיינער, אויף וועלכע דאָס סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פאָליטישע לעבען פון די איינוואוינער ווערט געבויט און באַפעסטיגט. אין די הענט פון די געזעץ־פאַרוואַלטער ווערט אָנפאַרטרויט ניט נאָר די אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק, נאָר אויך זיין גאַנצע עקזיסטענץ. איבערהויפט אַ פאָלק, וואָס גרייט זיך ערשט צו באַזעצען אויף אַן אייגענעם באָדען, זיינען די לעגיסלאַטיווע און געזעצגעבענדע אינסטיטוציעס די איינציגע צו קענען מאָדולירען דאָס אייגענאַרטיגען לעבען, וואָס דאַרף איינ־געפירט ווערען אין זיין נאַציאָנאַלער היים. ווי ריכטיג דריקען זיך אויס אונזערע חז״ל: „כדאי הוא מנוי הדיינין הכשרים להחיות את ישראל ולהושיבן על אדמתם״ — העכסט וויכטיג אין דער דערנענונג פון פאַסענדע ריכטער אויפצולעבען די אידען און זיי באַזעצען אויף זייער לאַנד (ספרי).

אַזאַ לעגיסלאַטיווע און געזעצגעבענדע קערפערשאַפט איז געשאַפען געוואָרען אין דער מדבר גלייך נאָך קבלת התורה און זי ווערט באַצייכענט אַלס „שבעים זקנים״, די זיבעציג געלערענטע, וואָס דאַרפען פאַרוואַלטען מיט דעם געזעץ. ווי אַזוי אָבער איז זי צושטאַנד געקומען? ווער האָט זי געשאַפען און אויסגעקליבען? פון דער סדרה „יתרו״ ווייזט אויס, אַז משה אַליין האָט די זקנים אויסקלייבען אויף דער עצה פון זיין שווער, כדי עס זאָל אויף אים ניט פאַלען די

גאַנצע לאַסט פון פאַרוואַלטען און משפּט'ן דאָס פאָלק. ווי עס ווערט געזאָגט: „ויבחר משה אנשי חיל מכל ישראל ויתן אותם ראשים על העם, ושפטו את העם בכל עת" — און משה האָט אויסגעקליבען וויכטיגע מענשען פון צווישען אַלע אידען און זיי באַשטימט פאַר הויפּטלינגע איבער דעם פאָלק, אַז זיי זאָלען ריכטען דאָס פאָלק צו יעדער צייט (שמות י"ח).

אָבער פון משה'ס דערקלערונגען אין דער היינטיגער סדרה זעהען מיר, אַז די זאַך איז פאָרגעקומען גאַנץ אַנדערש. ניט משה האָט פאַר זיי אויסגעקליבען די שופטים, נאָר דאָס פאָלק אַליין האָט זיי דערוויילט און געבראַכט צו משה'ן. ווי די פסוקים גיבען איבער: משה זאָגט צום פאָלק: „איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם?" — ווי קען איך אַליין פאַרטראַגען אייערע קריוודעס, אייערע לאַסטען און אייערע קריגערייען? „הבו לכם אנשים חכמים ונבונים וידועים לשבטיכם ואשימם בראשכם" — גיט מיר קלוגע און פאַרשטענדיגע מענשען, וועלכע זיינען באַקאַנט צו אייערע שבטים, און איך וועל זיי באַשטימען פאַר אייערע הויפּטלינגע. און דער רמב"ם לייגט נאָך צו, אַז זיי דאַרפען זיין אַזעלכע, וואָס „רוח הבריות נוחה מהם" — דאָס פאָלק זאָל זיין איינשטימיג מיט זייערע אַנזיכטען (הלכות סנהדרין פ"ב ה' ז').

די דיינים, אָדער געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט, ווי מיר זעהען, זיינען באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון יעדען שבט און האָבען געדאַרפט אויסגעקליבען ווערען אויף אַ דעמאָקראַטישען דרך, פון דעם פאָלק אַליין. כדי צו קענען אויס־טייטשען דאָס געזעץ ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָבען זיי ניט בלויז געדאַרפט וויסען די געזעצען, נאָר זיי האָבען אויך געמוזט קענען דאָס פאָלק און וויסען אַלע זיינע לעבענס־באַדינגונגען. „כל דיין שאינו דן דין אמת לאמיתו גורם לשכינה שתסתלק מישראל" — יעדער דיין, וואָס פּסק'ענט ניט ריכטיג אַ דין, איז גורם, אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן פון די אידען (סנהדרין ז' ע"א). דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער אידישער תורה איז אַריינצוברענגען וואָס מער קלאָרקייט אין די רייען פון די אידען, כדי זיי זאָלען לעבען בשלום צווישען זיך און מאַכען פּלאַץ פאַר די שכינה, וואָס וויל וואוינען צווישען זיי. פאַרקריפּעלט מען דעם דין, איז מען „דוחק רגלי השכינה" — מאַכט מען דער שכינה ענג און זי פאַרלאָזט די אידישע געמיינדע.

די דירעקטיוועז, וואָס משה גיט צו די אויסדערוויילטע דיינים, ווערען פון אים איינגעטיילט אין דרייען: א) „שמוע בין אחיכם ושפטתם צדק בין איש

ובין אחיו ובין גרו״ — איר זאָל זיך גוט צוהערען צו דעם, וואָס עס קומט פאָר צווישען אייערע ברידער און אורטיילען גערעכט צווישען אַ מענש און זיין ברודער און זיין שכן. „אין גוזרין גזרה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולים לעמוד בה״ — מען טאָר ניט מאַכען קיין באַשרענקונגען אויף אַ געמיינדע, סיידען די מערהייט פון איר קען דורך דעם פאַרבעסערן איר מצב.

ב) „לא תכירו פנים במשפט, כקטון כגדול תשמעון״ — איר זאָלט ניט אַנערקענען קיין פערזענליכקייטען אין דעם געזעץ, קליין און גרויס מוזט איר גלייך אויסהערען. איר זאָלט קיינעם ניט נושא־פנים זיין אָדער זוכען צו חנפ׳ענען מיט דעם אורטייל. פאַר דעם געזעץ זיינען אַלע גלייך. סיי אָרים און סיי רייך, געלערענט אָדער אומוויסענד זיינען באַרעכטיגט צו אַן אומפּאַרטייאישען משפט.

ג) „לא תגורו מפני איש, כי המשפט לאלקים הוא״ — איר זאָלט פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבען, ווייל דער משפט באַלאַנגט צו ג׳. אין דער דורכּפירונג פון דעם געזעץ זאָלט איר זיך פאַר קיינעם ניט שרעקען. יעדער געזעץ פון דער תורה טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון ג׳, וואָס באַשטייט פון „אמת״. דאָס וואָרט „אמת״, זאָגען אונז די חז״ל: „יש בו שלש אותיות, „א״ — ראשון של אותיות, „מם״ — אמצעית, „תיו״ — סופן״ — איז צוזאַמענגעשטעלט פון דריי בוכשטאַבען: דער „א״ איז דער ערשטער פון אַלע אותיות, און דער „מ״ איז דער מיטעלסטער, און דער „ת״ איז דער לעצטער (דברים רבה א׳). דאָס מיינט צו זאָגען, אַז די וואָרהייט מוז זיין פולשטענדיג אויסגעהאַלטען אין אַלע אירע טיילען. דיינים, וועלכע שרעקען זיך דורכצופירען דעם געזעץ, באַזיצען ניט דעם אמת׳ן שטעמפּעל פון ג׳.

דער מדרש גיט אַן דעם טעם, פאַרוואָס משה האָט געוואָלט ניט אַנדערש, אַז דאָס פאָלק אַליין זאָל אויסקלייבען זיינע ריכטער. „אמר להם משה, אם אין אתם נשמעים להם אשמה תלויה בראשכם״ — משה האָט זיי געזאָגט: אויב איר וועט זיי ניט פאָלגען, וועט די שולד פאַלען אויף אייערע קעפּ. קוים קלייבט איר אַליין זיי אויס, מוזט איר צו זיי האָבען דעם פולען צוטרוי און אויספאָלגען זייערע דירעקטיוועז (ב״ר א׳). דער מהרש״א (סוטה מ׳) פרעגט: אין איין פלאַץ אין דער גמרא ווערט געזאָגט: „כל פורענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל״ — אַז אלע צרות, וואָס געשעהען אין דער אידישער וועלט, קומען צוליב די דיינים (שבת קל״ט). אין אַ צווייטען אָרט זאָגט די גמרא: „אין פורענות באה

לעולם אלא בשביל עמי הארץ״ — קיין שלעכטס קומט ניט אויף דער וועלט, סיידען צוליב די עמי־הארצים (בבא בתרא ה׳).

אין פלוג קוקט דאָך אויס, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע סתירה צווישען די צוויי מאמרי חז״ל. דערקלערט אָבער דער מהרש״א, אַז אין דעם איז באמת ניטאָ קיין סתירה. איין מאמר דערגענצט און דערקלערט דעם צווייטען. די פורענות׳ן קומען טאַקע פון די דיינים, די געזעצגעבער, אָבער שולדיג אין דעם זיינען די עמי־הארצים, ״המבררים להם ראש כפי רצונם״, וואָס האָבען פאַר זיך אויסגעקליבען הויפּטלינגע לויט זייער רצון. אָדער ווי דער אויבען־ציטירטער מדרש פירט אויס: דאָס איז געגליכען צו אַ שלאַנג, וואָס האָט זיך געלאָזט פירען פון דעם עק און איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַלערליי גריבער און דערנער.

הפטרה

די סנהדרין האָבען דאָס לעצטע וואָרט

חזון ישעיהו.

״חזון״ בגמטריא ע״א כמנין סנהדרין, שאף על פי שהיה מתנבא מפי הקב״ה, אילו היתה סנהדרין זזה ממנו, לא היה לו רשות להתנבאות״ — דאָס וואָרט ״חזון״ באַטרעפט איין־און־זיבעציג, ווי די צאָל פון די סנהדרין, ווייל כאָטש דער נביא זאָגט בלויז וואָס ער האָט געהערט פון ג׳, אויב אָבער די סנהדרין קערען זיך אָפּ פון אים און שטימען ניט איין מיט זיינע מיינונגען, האָט ער ניט קיין רעכט זיינע נביאות פאָרצוזאָגען (ילקוט שמעוני רמז שפ״ה).

פון דעם בריוו־ווער־עקסעל, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען די פּראָפעסאָר פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע זעהט זיך בולט אַרויס, אַז זיי האָבען געזוכט צו באַגרינדען אירע געזעצען לויט די פאָרשריפטען פון תורת משה. בענדזשאַמין פּרענקלין, טאָמאַס דזשעפערסאָן און דזשאָן הענקאָק, די הויפּט פאַרפאַסער פון דער קאָנסטיטוציע, ציטירען גאַנץ אָפט פסוקים פון דער תורה, כדי צו ווייזען די גערעכטיגקייט פון זייערע פאָרשלאָגען. פון די דירעקטיוון, וואָס משה האָט געגעבען צו די אנשי חיל, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבען צו פאַרוואַלטען די קהל׳שע אינטערעסען און אויסטייטשען דאָס געזעץ, לערנען זיי אַרויס, אַז משה

האָט איינגעטיילט די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט אין דריי הויפּט אָפּטיילונגען: „לעגיסלאַטיווע" — צו פאָרמולירען געזעצען, „דזשודישיעל" — געריכטליכע מאַכט, אויסצוטייטשען דאָס געזעץ, און „עקזעקוטיווע" — דורכצופירען דאָס געזעץ.

צו דעם לעגיסלאַטעווען און געזעצגעבענדען טייל זאָגט משה: איידער איר גייט איינפירען נייע געזעצען, „שמוע בין אחיכם" — זאָלט איר גוט שטודירען די לאַגע פון אייערע ברידער, „ושפטתם צדק" — און די געזעצען באַגרינדען אויף גערעכטיגקייט צו אַלעמען גלייך. צום געריכטליכען טייל זאָגט ער: אין אויסטייטשען די געזעצען זאָלט איר זיין העכסט אומפּאַרטייאיש. „לא תכירו פנים במשפט" — זייט קיינעם ניט נושא־פנים ביים דערקלערען דאָס געזעץ, „כקטון כגדול תשמעון" — קליין און גרויס מוזט איר גלייך אויסהערען, ווייל פאַר דעם געזעץ זיינען אַלע גלייך. צו דער עקזעקוטיווע, צו דער ממשלה, וואָס דאַרף דורכפירען די געזעצען, זאָגט ער, אז זי זאָל זיין שטאַנדהאַפטיג. „לא תגורו מפני איש" — שרעקט זיך ניט פאַר קיינעם און טוט אַזוי ווי דער דין הייסט אייך.

די העכסטע מאַכט אויסצוטייטשען די קאָנסטיטוציע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם געריכטליכען טייל, אָדער ווי מען רופט עס אין אַמעריקע — דער „סופרים קאָורט", ווייל אויך משה האָט אַזוי געטאָן. ווי מיר געפינען, אַז ער זאָגט אָן די אידען: „על פי התורה אשר יורך ועל המשפט אשר יאמרו לך תעשה, לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל" — לויט דער תורה, וואָס זיי וועלען דיך לערנען, און לויט דעם געזעץ, וואָס זיי וועלען דיר דערקלערען, זאָלסטו טאָן; דו זאָלסט זיך ניט אָפּקערען פון דעם, וואָס זיי וועלען דיר זאָגען, רעכטס אָדער לינקס (דברים י"ז).

די מאַכט פון די סנהדרין אין אויסטייטשען דעם אידישען געזעץ, איז ביי אונז תמיד באַטראַכט געוואָרען אַלס דאָס העכסטע, ווי מיר געפינען אין דער גמרא (ב"מ נ"ט ע"ב), אַז אין אַ מחלוקת איבער אַ געוויסען דין, צווישען רבי אליעזר ב"ר שמעון און די חכמים, האָט רבי אליעזר אויסגעשריען: „אם הלכה כמותי מן השמים יוכיחו" — אויב דער דין איז ווי איך זאָג, זאָל דאָס באַשטעטיגט ווערן פון די הימלען. איז גלייך אַרויס אַ בת־קול פון הימעל און געזאָגט: שפּאַרט זיך ניט מיט רבי אליעזר, ווייל „הלכה כמותו בכל מקום" — דער דין איז ווי ער זאָגט איבעראַל. די חכמים זיינען אָבער ניט נתפעל געוואָרען פון דעם בת־קול און געענטפערט: „לא בשמים היא" — די תורה איז ניט

פאַרבליבען אין די הימלען, זי איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אונז, אַז מיר זאָלען זי דערקלערען. „אין אנו משגיחים בבת־קול" — מיר אַכטען ניט די דערקלערונג פונ'ם בת־קול.

אויך אויף די ווערטער פון די נביאים האָבען די סנהדרין דאָס פולע רעכט צו רעאַגירען ווי זיי ווילען. כאָטש ישעיה איז געווען דער העכסטער פון אַלע נביאים און אַלע זיינע רייד זיינען געקומען פון ג׳ אַליין, פאַנגט זיך אָבער אָן זיין נבואה מיט'ן וואָרט „חזון", וואָס באַטרעפט איין־און־זיבעציג, ווי די צאָל פון די סנהדרין, כדי צו ווייזען, אַז אויב זיי שטימען ניט איין מיט זיין נבואה, „אין לו רשות להתנבאות" — האָט ער קיין רעכט ניט זיינע נביאות פאַרטצוזאָגען.

ה.

משה דערקלערט דעם נייעם דור וואָרום די גאולה האָט זיך פאַרלייגגערט

וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה — המה יבואו שמה.

„נוטלים היו ישראל בניהם ובנותיהם קטנים וזורקים לתוך חיקו של משה ואמרו לו: בן עמרם: מה הנאה התקנת לאלו? מה פרנסה התקנת להם לאלו?" — די אידען האָבען גענומען זייערע קליינע זין און טעכטער און זיי געוואָרפען אין משה'ס שויס און אים געפרעגט: דו זון פון עמרם! וואָס פאַר אַ גייסטיגען פאַרגעניגען האָסטו פאַר זיי צוגעגרייט? וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישע צוקונפט האָסטו פאַר זיי פאַרזאָרגט? (ילקוט דברים).

פערציג יאָר זיינען פאַריבער זינט די אידען האָבען פאַרלאָזען זייער גלות־לאַנד מצרים. פאַר דער צייט איז כמעט דער גאַנצער דור־המדבר אויסגעשטאָרבען. אַ נייער דור איז אויסגעוואַקסען, אַ דור, וואָס איז דערצויגען געוואָרען אין פולער פרייהייט און זיינע לערער זיינען געווען משה און אהרן. די פרייע יוגענט וויל וויסען די אורזאַך וואָרום די גאולה האָט זיך אַזויפיל פאַרשפעטיגט? וואָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז אַזאַ קורצע שטרעקע פון באַרג „חורב" ביז „קדש ברנע", וואָס דאַרף בלויז נעמען עלף טעג דורכצושפרייזן, האָט זייער פאָלק גע־דויערט גאַנצע פערציג יאָר?

„הואיל משה באר את התורה הזאת", און משה שטימט איין זיי צו דער־קלערען דעם הויפט־געדאַנק פון דער מערקווירדיגער געשעעניש און וואָס זיי קאָנען פון איר אַרויסלערנען. דאָס איז געווען זייער אייגענע שולד. „אלו זכו ישראל, לאחד עשר יום היו נכנסין לארץ", וואָלטען די אידען ווערט געווען, וואָלטען זיי אין עלף טעג צייט אַריין אין זייער אייגען לאַנד. „אלא מתוך שקלקלו גלגל עליהם המקום ארבעים שנה" — דאָס איז בלויז ווייל זיי האָבען זיך ניט ריכטיג אויפגעפירט האָט דער אויבערשטער זיי געהאַלטען אין דער מדבר גאַנצע פערציג יאָר (ילקוט שמעוני).

משה וויזט זיי אויף, אַז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיי געפירט דורך דער מדבר „היה משמר עצמו שלא להקפיד כנגדן ולא פרק משאן מעליו" — האָט ער זיך אָפּגעהיט פון ווערען אין כעס אויף די אידען און האָט פון זיך ניט אַראָפּגעוואָרפען זייער לאַסט (במ"ר י"ט). זינט ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע דורכצופירען ג—ט'ס מיסיע, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרען ביים באַרג חורב, צו באַפרייען די אידען פון זייער שרעקליכען גלות מצרים און פאַר די גאַנצע פערציג יאָר, וואָס ער האָט זיי דורכגעפירט דעם מדבר, האָט ער און זיין ברודער אהרן זיך געגוג אָנגעליטען פון זיי. די גרויסע נסים, וואָס גב"ה האָט זיי באַוויזען, זיינען ביי זיי געווען קנאַפּ אָנגעלייגט. זיין שווע־רע אַרבייט און זיין מסירת נפש פאַר דער אידישער גאולה האָבען אים ווייניג פריינט פאַרשאַפט, איבערהויפּט צווישען די „נשיאי עדה", די רייכערע פון דער געמיינדע און זייערע אָנפירער. תמיד האָבען זיי געזוכט אַ געלעגענ־הייט אים צו קריטיקירען און באַפאַלען. ביי יעדער שוועריגקייט, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט דורכצומאַכען אויף זיין לאַנגער נסיעה, זיינען זיי אַרויס־געקומען מיט טענות קעגען אים און אים אויפגעוואָרפען, אַז ער האָט זיי אומ־גליקליך געמאַכט מיט זיין באַפרייאונגס־אַרבייט, אַרויסנעמענדיג זיי פון אַזאַ גוט לאַנד ווי מצרים און זיי ברייגנען אין אַ מדבר.

צו שקלאַפען פאַר מצרים און ניט לאָזען זיי האָבען די פרוכט פון זייער מי און אַרבייט איז ביי זיי ניט געווען פאַררעכענט אַלס אַ דערנידערונג. זעהט איר, צו אַרבייטען פאַר זיך, פאַר זייער אייגען פאָלק און אים זוכען צו מאַכען זעלבסטשטענדיג און אומאָפּהייגגיג פון דעם „חסד לאומים", פון דעם גענאַד פון פרעמדע פעלקער, דאָס איז זיי געפאַלען שווער און זיי האָבען אַלץ געזוכט איבערנאַטירליכעס. האָט זיי געפעלט ברויט, האָט מען פאַרלאַנגט מן פון

די הימלען. האָבען זיי געוואָלט עסען פלייש, האָט מען געזשאַלעוועט צו קוי־לענען זייערע אייגענע שאָף און רינדער, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט פון מצרים, מען האָט זיך געקריגט מיט משה׳ן, ער זאָל שאַפען „שלו״, עופות פון די הימלען.

איבערהויפט זיינען זיי געוועזן שטאַרק באַזאָרגט וועגען דער צוקונפט פון זייערע קינדער. זיי האָבען ווייניג אמונה געהאַט אין ג׳ און אין זייערע איי־גענע פאָלקס־קרעפטען. ווי דער מדרש דערציילט: זיי פלעגען נעמען זייערע קליינע זין און טעכטער און זיי וואַרפען אין משה׳ס שויס אַריין, אויפוואַרפענ־דיג אים: וואָס פאַר אַ גייסטיגען פאַרגעניגען האָסטו פאַר זיי צוגעגרייט? וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישע צוקונפט האָסטו פאַר זיי פאַרזאָרגט? (ילקוט דברים).

פון אַן „ארץ ישראל״, אַן אייגען לאַנד, האָבען זיי ווייניג־וואָס געהאַלטען. די הונדערטע יאָרען, וואָס זיי האָבען פאַרבראַכט אין שקלאַפעריי אין מצרים, האָט זיי בלינד געמאַכט. זיי האָבען ניט געקאָנט זעהן די שיין פון אַ זון, וואָס שיינט צו זיי אַרויס פון אייגענע הימלען. זייער פאַרקנעכטעטער מוח האָט ניט געקאָנט באַגרייפען, אַז עס איז פאַר אַ פאָלק פיל גלייכער צו קעמפען פאַר אַן אייגען לאַנד איידער צו לעבען רוהיג אין אַ פרעמד לאַנד אין שקלאַפעריי און אונטערדריקונג. זיי האָבען, ווי אַלע שקלאַפען, ניט געהאַט פיל צוטרוי צו זיך אַליין און האָבען מורא געהאַט, אַז מיט זייערע קליינע כוחות וועלען זיי ניט קאָ־נען בויען אַ צוקונפט פאַר זייערע קינדער.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז מענשען, ביי וועמען דער גלות איז איינגע־באַקען אין האַרצען און צווייפלען אין דער נויטיגקייט צו שאַפען אַ זעלבסט־שטענדיג פאָלק, אַזעלכע מענשען זיינען ווייט פון צו זיין דער פאַסענדער עלע־מענט פאַר דער דעראָבערונג פון אַן אייגען לאַנד. איבערהויפט, ערקלערט זיי משה, זיינען זייערע נשיאים, די פירער, וואָס זיי פלעגען אימער אויסקלייבען פון די רייכערע קלאַסען, געשטאַנען אין וועג פאַר אַ שנעלערער גאולה. זיי האָבען, ווי עס שיינט, געטראָגען אַ שנאה צו ארץ ישראל, און ביי יעדער געלע־גענהייט געזוכט מבטל צו זיין איר ווערט אַלס אַ לאַנד פאַר אידען.

אָט די אַסימילאַטאָרישע פירער זיינען געוועזן די הויפט־שולדיגע אין דער פאַרלייגערונג פון דער גאולה. אַז זיי האָבען איינגעזעהן, אַז די צייט איז גאַנץ נאָהענט און באַלד וועלען די אידען צוקומען צום ירדן און צו דעם פאַר־שפּראָכענעם לאַנד, האָבען זיי פּראָוואָצירט צו שיקען זייערע מענשען צו מאַכען

אַן אונטערזוכונג. משה'ן האָבען זיי איינגערעדט, אַז זייער כוונה איז אויס־צוגעפינען אַ גרינגערען וועג ווי איר אַנצוגרייפען און איינצונעמען. אָבער אין אמת'ען האָבען זיי אָפּגעמאַכט זייער געדאַנק צו שיקען מרגלים, וועלכע זאָלען שילדערען דאָס לאַנד מיט שוואַרצע פאַרבען, אַז זי איז אַן „ארץ אוכלת יושביה" — אַ לאַנד, וואָס פאַרצערט אירע איינוואוינער און עס איז אין איר שווער צו לעבען.

און זייערע שלוחים, די מרגלים, האָבען אַריינגעבראַכט אַזאַ שלעכטען באַריכט איבער דעם לאַנד, וואָס האָט געמאַכט אַ שרעקליכען רושם אויפ'ן פאָלק. „ותשא כל העדה ויתנו את קולם ויבכו העם בלילה ההוא" — און די גאַנצע געמיינדע האָט אויפגעהויבען אַ גרויסען יאָמער און האָבען געוויינט דורך דער גאַנצער נאַכט. זייער אומזיסטער געוויין האָט אַרויסגערופען ג—ט'ס צאָרן און ער האָט געזאָגט: „בניכם יהיו רועים במדבר ארבעים שנה" — אייערע קינ־דער וועלען זיך דאַרפען וואַלגערען אין דער מדבר פערציג יאָר. „יום לשנה, יום לשנה", פאַר יעדען טאָג, וואָס די מרגלים האָבען זיך געזאַמט אויף זייער טרויעריגער מיסיע, וועלען אייערע קינדער מוזען פינסטערען אין דער מדבר אַ גאַנץ יאָר.

„מתוך שקלקלו", ווייל זיי האָבען זיך ניט אויפגעפירט ווי עס פאַסט פאַר אַ פאָלק, וואָס זוכט פריי צו זיין, זיינען זיי פאַר'משפט געוואָרען אויסצושטאַר־בען אין דער מדבר און האָבען פאַרלייגנערט די גאולה פאַר גאַנצע פערציג יאָר. איר אָבער, „אשר לא ידעו היום טוב ורע", וועלכע רעכענען זיך ניט מיט די אומשטענדען פון היינט, צי גוט צי שלעכט, אָבי צו זיין פריי און זעלבסט־שטענדיג, איר וועט אַהין קומען און דאָס לאַנד באַזיצען.

הפטרה

דריי איכה'ס אין דער אידישער געשיכטע

איכה היתה לזונה קריה נאמנה?

„משה ראת את ישראל בכבודם ושלותם ואמר איכא אשא לבדי". ישעיה ראה אותם בפחזותם ואמר „איכה היתה לזונה". ירמי' ראה אותם בניוולם

ואמר „איכה ישבה בדד" — משה האָט געזעהן די אידען שטאָלץ און גליקליך, האָט ער געפרעגט: ווי קאָן איך אַליין טראָגען אייער לאַסט? ישעיה הנביא האָט זיי געזעהן זאָרגלאָז און אומבאַזאָנען, האָט ער אויסגערופען: איז אונזער אומה געוואָרען אַן אויסגעלאַסענע פרוי? דער נביא ירמיה האָט זיי שוין געזעהן דערשלאָגען און דערנידערט און האָט באַקלאָגט: ווי איינזאַם און פאַרלאָזען איז געוואָרען די שיינע שטאָט (מדרש איכה).

אין די דריי איכה־פראַגען, וואָס זיינען אין זייערע צייטען געשטעלט געוואָרען פון אונזערע פירער, משה, ישעי' און ירמי', דערקלערט אונז דער מדרש, שפיגעלט זיך אָפּ דער שטענדיגער קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער אידישער געשיכטע פון אידישקייט, אַסימילאַציע און דיסאינטעגראַציע.

ביים באַרג סיני, פאַר קבלת התורה, זיינען די אידען פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס אַן „עם סגולה מכל העמים", אַן אויסדערוויילט פאָלק פון צווישען אַלע פעלקער. און זייער אויסדערוויילטקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען באַשטימט געוואָרען צו זיין אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אַ רעליגיעזע קעניגרייך און הייליג פאָלק.

די קאָנסטיטוציע פון דער אידישער אומה איז די תורה הקדושה, איר רעליגיעזער צענטער איז דער בית המקדש, אירע געזעצגעבער זיינען די סנהדרין אָדער רבנים פון יעדען דור, איר מלוכה מוז זיין אַ סינטעז פון די אַלע דריי און מוז דורכפירען אין לעבען פון פאָלק אַלע זייערע דירעקטיוועז.

די גליקליכסטע מאָמענטען אין דער אידישער געשיכטע זיינען געווען די יעניגע אין וועלכע עס איז האַרמאָניש דורכגעפירט געוואָרען אַ פולע פאַראייניגונג פון די אויבענדערמאָנטע עלעמענטען. דאַן איז אונזער פאָלק געווען דער „נס לגוים", אַ שפּיגעל פאַר אַלע פעלקער. מיט זיין אָריגינעלען דענקען האָט עס געלייגט דעם יסוד פאַר אַלע רעליגיעס פון דער וועלט, און מיט זיין אַרטיג לעבען, וואָס איז געווען באַגרינדעט אויף צדק און יושר, האָט עס געדינט אַלס ביישפּיל פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

ווען אידען זיינען פאַראייניגט און לעבען לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה — פלעגט זאָגען מיין פאָטער, ע"ה — זיינען דאַן זייערע רבנים און פירער פאַרוואָרפען מיט אַרבייט. דער עולם קומט פרעגען שאלות, מען קומט אויף דין־תורות, באַלעבאַטים לומדים קומען שמועסען אין לערנען, און סתם אידען קומען זיך מישב זיין וועגען שדוכים און אפילו וועגען געשעפטען". אין

משה׳ס צייטען, איבערהויפט נאָכדעם, אַז דער דור־המדבר איז אויסגעשטאָר־בען און די יונגע אידישע דורות זיינען געווען דורכגעוויקט מיט אידישקייט און נאַציאָנאַלען שטאָלץ, האָבען זיך אַלע אידען קאָנצענטרירט אַרום משה און אהרן. דער משכן איז געווען דער רעליגיעזער צענטער און משה איז געווען דער געזעצגעבער און פולער פירער, און ער פרעגט דאַרום: „איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם״, ווי קאָן איך אַליין טראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון אייערע פערזענליכע שטרייטיגקייטען און קריגערייען.

אַזאַ צושטאַנד ווייזט, אַז דאָס פאָלק איז פאַראייניגט און גאַנץ קערפער־ליך און גייסטיג. ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „אלמלא זכינו הוינו אומרים איכה אשא לבדי״ — ווען מיר וואָלטען ווערט זיין וואָלטען זיך אונ־זערע פירער באַקלאָגט, אַז זיי קאָנען אַליין ניט טראָגען אויף זיך די לאַסט פון גאַנצען פאָלק. „עכשיו שלא זכינו הננו אומרים איכה ישבה בדד״ — איצט אָבער, אַז מיר זיינען ניט ווערט, קלאָגען מיר, אַז אונזער פאָלק איז געבליבען איינזאַם און פאַרשטויסען (מדרש איכה).

אין ישעיה׳ס צייטען אָבער האָט זיך אָנגעפאַנגען די אידישע ירידה. די האַרען פון די קעניגליכע הויפען האָבען זיך פאַרנומען אָפּצוטיילען די מלוכה פון דער רעליגיע. די אידישע שופטים זיינען שוין ניט מער געווען די רבנים און געלערנטע. די הערשענדע מאַכט איז באַשטאַנען פון „שרים סוררים״, אָדע־ליגע, וואָס האָבען זיך אָפּגעקערט פונ׳ם אידישען וועג און זוכען אַלץ נאָכ־צומאַכען די אַרומיגע שכנים. דער גרונט־געזעץ פון דער אידישער תורה, וואָס באַשטייט פון דעם „צדק צדק תרדוף״, נאָכצויאָגען זיך נאָך גערעכטיגקייט, איז באַזייטיגט געוואָרען און זיין פלאַץ האָבען פאַרנומען די „אוהבי שוחד ורודפי שלמונים״, די וואָס האָבען ליב כאַבאַר און יאָגען זיך נאָך באַצאָלונגען. די שופטים זיינען „מרצחים״, מערדערליך שטריינג צו די אָרימע, צו יתומים און אלמנות. בלויז צו די רייכע און די הויף־האַרען באַנעמען זיי זיך מיט אָנ־שטענדיגקייט און דרך־ארץ.

דיזעלבע „שרים סוררים״, די אַסימילאַטאָרישע פאַרוואַלטער, זוכען אויך איינצופירען נייעסען אין דער עבודה פון בית המקדש. דער קעניג אָחז און זיינע מיניסטאָרען באַמיען זיך געפעלען צו ווערען די אַרומיגע פעלקער, און מען פירט איין געוויסע מנהגים זייערע אויך ביי אידען. און ישעיה פרעגט: „איכה היתה לזונה קריה נאמנה״, ווי אַזוי איז די ערליכע שטאָט ירושלים

פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אויסגעלאָסענער פרוי, וואָס זוכט זיך צו פאַר־בען מיט פאַרשיידענע שמינקען אום געפעלען צו ווערען פרעמדע מענער? וואו איז פאַרלוירען געגאַנגען דער אידישער שטאָלץ, זייער אָריגינאַליטעט און אייגענאַרטיגקייט?

אַזאַ צושטאַנד פירט אַ פאָלק צו „ניוול", צו צעפוילטקייט און פאַרלאָזענ־קייט, וואָס ברייננגט חורבן און צעשטערונג. און ירמיהו קלאָגט „איכה ישבה בדד העיר", ווי איז די שיינע שטאָט געבליבען אָפּגעזונדערט און פאַרלאָזען?

דער היינטיגער שבת הייסט אין דער טראַדיציע „שבת חזון", ווייל מען לייענט די הפטרה פון „חזון ישעיהו". דאָס איז אַן אָנדייטונג, אַז אויב אידען פאַרלירען זייער ווייטזעהונג און לאָזען זיך פירען פון „שרים סוררים", פון אַסימילאַנטען און רעפאָרמער, וועלען זיי דאָס פאָלק דערפירען צו אַ „תשעה באב", צו חורבן און אונטערגאַנג.

ואתחנן

א.

פאַר אידען קעמפט משה; פאַר זיך אַליין בעט ער רחמים

ואתחנן אל ה׳ בעת ההיא.

„כל זמן שהיו ישראל קיימים במדבר היה משה נכנס לפני הקב״ה בזרוע, כשביקש ליכנס לארץ ישראל, התחיל בתחנונים״ — די גאַנצע צייט, וואָס די אידען האָבען זיך געפונען אין דעם מדבר, פלעגט משה אַריינקומען פאַר ג׳ מיט שטאָלץ און קעמפען פאַר זייער טובה־וועגען; אַז ער בעט אָבער פאַר זיך אַריינצוגעהן אין ארץ־ישראל, הויבט ער אָן מיט תחנונים (ילקוט שמעוני).

משה בעט זיך ביי ג׳ ער זאָל אים לאָזען אַריבערגעהן דעם ירדן און אָנ־קוקען דאָס גוטע לאַנד. ער קריגט אָבער דעם שטריינגען ענטפער: „אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה״ — רעד ניט מער צו מיר וועגען דער זאַך. אויב דו ווילסט קאָנסטו אַרויפקלעטערען אויפ׳ן שפּיץ פון דעם הויכען „פסגה״ און זעהן מיט דיינע אויגען דאָס לאַנד, „כי לא תעבר את הירדן הזה״, ווייל דו אַליין וועסט ניט אַריבערגעהן דעם ירדן.

די הונדערט און צוואַנציג יאָר, וואָס משה האָט געלעבט, ווערען פון דער אגדה איינגעטיילט אין דריי גלייכע טיילען פון פערציג יאָר. די ערשטע פער־ציג יאָר האָט ער זיך געהאָדעוועט אין דעם הויז פון פרעה אַלס דער אַדאָפּ־טירטער זוהן פון זיין טאָכטער בתיה, וועלכע האָט אים אַלס קינד געפונען אַרומשווימען אין אַ גומענעם קעסטעלע אויף דעם טייך נילוס. ביי פרעה׳ן אין הויז האָט ער באַקומען די נויטיגע דערציאונג, וואָס אַ פאָלקס־פירער דאַרף האָבען. נאָך אין זיינע אינגערע יאָרען הויבט ער זיך אָן צו פאַראינטערעסירען מיט זיינע ברידער. „וירא בסבלותם״ — ער שטודירט זייער שווערע לאַגע. „וירא כי אין איש״ — ער געפינט אָבער, לײדער, אַז זיי פעהלט אַ מאַן, אַ

ריכטיגער פירער, וואָס זאָל זיי אָרגאַניזירען און צוגרייטען פאַר זייער באַ־פרייאונג. ער טראַכט פון נעמען אויף זיך אָט די שווערע אויפגאַבע און נעמט זיך טאַקע אָן פאַר זיינע גע׳רודפ׳טע ברידער. אָבער צוליב אַ אידישער מסירה ווערט ער געטריבען צו אַנטלויפען און פאַרלאָזען דאָס לאַנד מצרים, וואו זיינע אידען געפינען זיך.

די צווייטע פערציג יאָר פאַרברייינגט משה אין דעם לאַנד מדין, וואו ער הייראַט די טאָכטער פון יתרו, אַ פּראָמינענטער פּריסטער, און באַשעפטיגט זיך מיט פיטערען די שאָף פון זיין שווער. דורך די יאָרען, וואָס ער האָט פאַר־בראַכט אין דעם מדבר ביים פּאַשען די שעפּסען פון זיין שווער יתרו, האָלט משה אין איין טראַכטען און קלערען וועגען דעם תכלית פון׳ם מענשענ׳ס לע־בען. „ויבא אל הר האלקים״, ער דערגרייכט אין זיינע געדאַנקען ביז דער הויך פון דער גאָטהייט. ער דערטראַכט זיך צו דער העכסטער שטופע פון גייסטי־גער אַנטוויקלונג. ער זעהט פאַר זיך געטליכע וויזיעס, וואָס אַנטפּלעקען פאַר אים דעם „אחרית הימים״, דעם ציל און תכלית פון דער מענשהייט אין דער ענדגילטיגער צוקונפט, און באַשליסט, אַז דיזע געדאַנקען, דיזע הויכע אידייען און פּרינציפּען מוזען ווערען דאָס אייגענטום פון זיין פאָלק. איינמאָל, שטע־הענדיג ביים באַרג חורב, הערט ער דעם באַפעל פון ג׳, וועלכער באַאויפטראָגט אים זיך אומצוקערען נאָך מצרים און באַפרייען זיינע ברידער פון זייער שרעק־ליכען גלות. זיין גרויסע מיסיע אין לעבען הויבט זיך אָן און ער נעמט עס אויף מיט שמחה.

זיינע לעצטע פערציג יאָר זיינען די פּרוכטבאַרסטע, וואָס אַ מענש האָט ווען דורכגעלעבט. פאַר דער צייט געלינגט עס אים צו פאַרוואַנדלען אַ פאָלק פון שקלאַפען אין אַ פריי־פאָלק, אין „עם סגולה וממלכת כהנים״, אין אויסדער־ווילט פאָלק און אַ קעניגרייך פון פּריסטער. מענשען, וועלכע זיינען געווען פאַרזונקען אין מ״ט שערי טומאה, פאַרגרעבט און אומוויסענד, ווערען אונטער זיין פירערשאַפט און השפעה דערהויבען צו אַ שטופע פון „מעט מאלקים״, הימעל־מענשען. די אַמאָליגע קנעכט פון מצרים ווערען די פאַנען־טרעגער פון אַ תורה, וואָס האָט ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג באַאיינפלוסט דער גאַנ־צער מענשהייט, און וועט אין דעם „אחרית הימים״, אין דער ווייטער, אָבער אויסגעלייטערטער צוקונפט, ווען דער פאַרשטאַנד פון אַלע פעלקער וועט זיך אַנטוויקלען צו זיין געהעריגער הויך, ווערען די תורה פון אַלע מענשען־קינדער.

שלשה דברים נתן משה נפשו עליהם: ישראל, תורה והדינים" — פאַר דריי זאַכען האָט משה אַוועקגעגעבען זיין גאַנצען לעבען: דאָס אידיש פאָלק, זיין תורה און זיין אמונה (שמו"ר ל'). אַלע זיינע טעג און יאָרען ווערען פאַר־וואַנדעלט אין אַ שטענדיגען קאַמף פאַר זיין פאָלק. ער קעמפט קעגען פרעה און זיינע חילות, צו באַפרייען זיינע אידען. אין דעם מדבר באַקעמפט ער אַלע פאַרניכטענדע עלעמענטען און שאַפט פאַר זיי געניג צו עסען און טרינקען. פאַר זיין פאָלק'ס תורה קעמפט ער מיט די מלאכים אין הימעל, וועלכע לאָזען איר ניט געבען צו די מענשען אויף דער ערד. זאָגאַר מיט גב"ה אַליין קעמפט ער „בזרוע", מיט שטאָלץ און אַנטשלאָסענהייט, אַז ער וויל זיי שלעכטס טאָן.

ביי דעם טרויעריגען פאַל מיט'ן עגל, דערהערט משה פלוצלונג דעם אויס־געשריי פון ג': „שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים", פאַרדאָרבען האָט דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגעבראַכט פון מצרים. „לך רד מגדולתך", אויך דו געה אַרונטער פון דיין גרויסקייט, „כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל, עכשיו שחטאו אתה למה לי" — די גרויסקייט, וואָס איך האָב דיר געגעבען, איז געווען צוליב די אידען, איצט אָבער, אַז זיי זיינען פאַרזינדיגטע, וואָס דאַרף איך דיך? (ברכות ל"ב).

משה אָבער פאַרלירט ניט דעם מוט. ער לויפט צוריק צו ג' און פרעגט אים „מה חטאו?" מיט וואָס האָבען זיי פאַרזינדיגט? דו וואַרפסט זיך עפּעס אַרום מיט די אידען און רופסט זיי שוין „עמך", מיין פאָלק; דו ווילסט זיי שוין ניט קענען. „כד אינון זכאי דידך וכד אינון חטאי דידי" — ווען זיי זיינען פיינע לייט זיינען זיי דיינע, אָבער אַזוי גיך ווי זיי מאַכען אַ פעלער, זיינען זיי שוין מיינע? (פסיקתא). מיט אַלע זייערע פעלערען זיינען די אידען דאָך די בעסטע, וואָס דו האָסט געקאָנט אויסקלייבען פאַר דיין פאָלק. עס איז אמת, אַז זיי לאָ־זען זיך אַמאָל פאַרפירען פון אַן „ערב רב", פון אַ פרעמדען עלעמענט, אָבער אין האַרצען בלייבען זיי אַלץ דיין „עם סגולה" דיין אויסדערוויילט פאָלק. „אמר ר' סימן, לא זז עד שקרא אותם עמו" — רבי סימן זאָגט, אַז משה האָט ניט אָפּגעטראָטען ביז ג' האָט די אידען צוריקגערופען „זיין פאָלק", ווי עס ווערט אויסגעפירט אין פסוק „וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו" — ג' האָט ענדליך חרטה אויף דעם שלעכטס, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן „זיין פאָלק" (ילקוט שמעוני רמ"ז תתי"ג).

פאַר דעם פאָלק קעמפט משה ווי אַ לייב; פאַר זיך אַליין אָבער בעט ער

בלויז תחנונים. כאָטש ער האָט געקאָנט פון אים פאָדערען ער זאָל אים לאָזען אַריינפירען די אידען אין ארץ־ישראל אלס שכר פאַר זיינע גרויסע אויפּטוּ־אונגען, טוט ער עס אָבער ניט. דאָס זיינען געווען פליכטען, וואָס ער האָט גע־מוזט טאָן און ער וויל פאַר דעם ניט קיין געצאָלט; פאַר זיך בעט ער בלויז רחמים.

הפטרה

צייטווייליגע נחמות האָבען פאַרלייגגערט דעם אידישען גלות

נחמו נחמו עמי.

„מה כתיב למעלה מן הענין? „כי יהיה שלום ואמת בימי" — אמר הקב"ה צרכך בקשת? נחמו, נחמו עמי ואין אתם צריכים לתפלתו של חזקיה" — וואָס שטעהט געשריבען פריער פאַר דעם ענין? „קעניג חזקיה איז געווען צופרידען, אַבי עס זאָל הערשען אמת'ער שלום אין זיין צייט" — האָט ג' גע־זאָגט, פאַר דיינע אייגענע אינטערעסען האָסטו געבעטען! טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, און איר וועט ניט דאַרפען אָנקומען צו דער תפלה פון חזקיה (מדרש שה"ש).

אַז איר וועט האַלטען ביי טרייסטען מיין פאָלק, זאָגט ג' צו די אידישע נביאים און פירער, „דברו על לב ירושלים" — זאָלט איר רעדען צו דאָס האַרץ פון ירושלים: זוכט ניט אָפּצוקומען מיט שעהנע פראַזען וועגען אַ סאָציאַלער איבערקערעניש אין דער וועלט, וואָס פאַרשפּרעכט אַ ישועה פאַר דער גאַנ־צער מענשהייט. פאַרדרעהט ניט דעם קאָפּ מיט פּוסטע אידייען פון וועלט־ליכקייט און דעמאָקראַטישען פרידען און אַזוי צו פאַרבינדען דעם אידישען גורל מיט דעם פון די אַנדערע פעלקער. רעדט בעסער צום האַרצען פון זיין „ירושלים", פון זיין נאַציאָנאַלען שטאָלץ, וואָס גאַרט און שטרעבט צו ווערען פריי און זעלבסטשטענדיג אויף זיין אייגענעם באָדען און ניט דאַרפען תמיד זיין אָנגעווענדט אָן דעם „חסד לאומים", דעם גענאָד און דעמאָקראַטישען גו־טען־ווילען פון זיינע שכנים.

„קראו אליה כי מלאה צבאה", זאָגט אָן דער אידישער אומה, אַז איר מאָס פון צרות איז שוין פאַרפולט, „כי נרצה עונה", אַז איר זינד איז שוין פאַרגעבען.

עס מוז נעמען אַ סוף צו איר טרויעריגער לאַגע. „זמן נתן לעולם כמה שנים יעשה באפלה" — בלויז אַ באַשטימטע צייט איז געגעבען געוואָרען אין דער וועלט, וויפל יאָר איינער דאַרף ליידען און פאַרשוואַרצט ווערען (ב"ר פ"ט). אויך די גרעניצען פון דעם שיקזאַל, וואָס באַהערשט דעם גורל פון פעלקער, זיינען אָנגעצייכענט געוואָרען פון אַ העכערער קראַפט און ער טאָר זיי ניט איבערטרעטען. ער קאָן זיך ניט שפּילען מיט דער לאַגע פון אַ פאָלק א מינוט לייגנער ווי עס איז אים באַשערט. אַזוי שנעל ווי די אָנגעצייכענטע צייט געהט פאַראיבער מוז זיך זיין לאַגע בייטען. די שווערע וואָלקענס, וואָס זיינען געהאנגען איבער אים, ווערען צעטריבען און די ליכטיגע זון הויבט אָן שיינען אויך אין זיינע פענסטער.

„נחמו נחמו עמי" —אַ סך נחמות איז די וועלט שולדיג מיין פאָלק. אייער טרייסט, אַז נאָך דעם גרויסען זיג פון די דעמאָקראַטישע פעלקער וועט פאַר־קומען אַ סאָציאַלע איבערקערעניש אין דער וועלט און פרייהייט און גלייכהייט וועט איינגעפירט ווערען איבעראַל, איז ניט גענוג פאַר דעם „ישראל סבא", דעם אַלטען און ערפאַרענעם אידישען פאָלק. ער וויס, אַז פאַר יעדע חטא, וואָס פעלקער ווערען באַשטראָפט פון ג', „לקחה כפלים", האָט די אידישע נאַציע באַקומען אַ דאָפּעלטע פאָרציע. פון אַלע שוועריגקייטען און קריזיסען, וואָס באַ־פאַלען אַ לאַנד, לוידט דער איד מיט אַלע איינוואוינער צוגלייך. ער פאַרגיסט זיין בלוט אויף די שלאַכטפעלדער, ברייננגט די גרעסטע קרבנות פאַר דעם וואוילזיין פון די פעלקער, צווישען וועלכע ער געפינט זיך, צו דער זעלבער צייט אָבער מוז ער אויך אויסשטעהן ספּעציעלע ענויים אַלס איד. און דער טרויעריגער פּראָצעס פון „כפלים", פון אַ דאָפּעלטער מאָס בנוגע די אידישע רעכטען, ווערען פאַרגעזעצט אויך נאָכדעם, אַז דער שטורעם געהט פאַראיבער. זעלטען ווען מען האָט דאָס אידיש פאָלק צוגעלאָזט צו געניסען פון די פּרוכ־טען, וואָס אַ שלום האָט געבראַכט. ער האָט טאַקע געקעמפט מיט אַלעמען צו־גלייך, און אפשר נאָך מער, אָבער ווי קומט ער צו פאָדערען אַ חלק פון דאָס דערגרייכטע? ער איז דאָך מער ניט ווי אַ איד, אַ שטענדיגער פרעמדער . . .

„נחמו נחמו עמי" — די אידישע נחמה טאָר ניט זיין איינזייטיג און קאָן ניט קומען פון איין אַלגעמיינעם מקור. „נחמוה עליונים, נחמוה תחתונים, נחמוה חיים, נחמוה מתים, נחמוה בעולם הזה, נחמוה לעולם הבא" — דאָס אידיש פאָלק מוז געטרייסט ווערען פון אויבען און פון אונטען, פון די לעבעדיגע און פון

די טויטע, פון דער וועלט און אויך פון יענער וועלט (מדרש איכה). זיין טרייסט מוז זיין אַ ספּעציפיש אידישע, וועלכע זאָל אַרומנעמען זיין גאַנצען נאַציאָנאַ־לען מהות, און פאַרבינדען אַלע זיינע היסטאָרישע דערגרייכונגען, אין די הימ־לען און אויף דער ערד, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

זיין נחמה טאָר אויך ניט זיין קיין ציטוויליגע. די תפלה פון חזקיה, אַז עס זאָל הערשען פרידען אין זיין צייט, איז אַ באַגרעניצטע און שמעקט צופיל מיט דער גלות פּסיכאָלאָגיע פון לעבען בלויז מיט׳ן היינט. צייטווייליגע נחמות, וועלכע זיינען צוגעטיילט געוואָרען צו די אידען אין זייער לאַנגען וואַנדערען, האָבען בלויז געהאָלפען צו פאַרלייגערען זייער גלות.

צו דיזער געלעגענהייט וויל איך דאָ איבערגעבען אַ וואונדערליכען שעה־נעם געדאַנק, וואָס איך האָב געהערט פון דעם געוועזענעם רב ראשי פון ארץ־ישראל, הרב קוק זצ״ל, ווען ער איז דאָ געווען אויף אַ באַזוך. רעדענדיג איבער די גייסטיגע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון דעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל, האָט ער אָנגעפאַנגען מיט פאָלגענדען פּסוק פון היינטיגער הפטרה: „על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון, הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים״ — אויף אַ הויכען באַרג געה דיר אַרויף דו אָנזאָגערין פון ציון, הויב אויף מיט כח דיין שטים דו אָנזאָגערין פון ירושלים.

„קאָנטיג — האָט ער באַמערקט — אַז די „מבשרת ציון״ רעדט מיט אַ הויכען קול, אָבער זי שטעהט אויף אַ נידעריגען פּלאַץ. דאַגעגען די „מבשרת ירושלים״ שטעהט דוקא אויף אַ הויכען אָרט, אָבער רעדט מיט אַ נידעריגער שטים. ווי איר ווייסט, האָט ער פאַרגעזעצט, ווערט מיט דעם נאָמען „ציון״ באַצייכענט דער עקאָנאָמישער מצב פון אונזער לאַנד, און מיט דעם נאָמען „ירושלים״ איר גייסטיגער מצב. וואָס אָנבאַלאַנגט צו די עקאָנאָמישע דער־גרייכונגען פון דעם נייעם ישוב, ווערען זיי שוין אַביסעל צופיל פאַרשריען פון דער „מבשרת ציון״, דעם גרויסען פּובליסיטי אַפּאַראַט פון אונזערע ציונים. עס וואָלט אָבער ניט געשאַדט, אַז זיי זאָלען אויספאָלגען די עצה פון דעם נביא און זיך שטעלען אויף אַ העכערע ניוואָ ווי דער טרוקענער סאָציאַלער מאַטע־ריאַליזם. זעהט איר, דער גייסטיגער טייל פון אונזער אַרבייט שטעהט טאַקע אויף אַ געהעריגער הויך און שטרעבט אויפצולעבען די אידישע נשמה צוזאַמען מיט אונזער לאַנד. די „מבשרת ירושלים״ אָבער, איר פּובליסיטי אַפּאַראַט, רעדט מיט אַ נידעריגען טאָן און מיר מוזען איר אויפמונטערען מיט די ווערטער פון

נביא: „הרימי בכח קולך", הויב אויף מיט קראַפט דיין שטים. פראָקלאַמיר אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דער אויבערשטער האָט אויסדערוויילט ארץ־ישראל פאַר זיין אויסדערוויילט פאָלק ישראל, און אַזוי מוז עס בלייבען".

ב.

זוכען דעם אמת שטייט העכער פאַר'ן אמת אַליין

אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה.

„אמר הקב"ה למשה: אם תרצה לחיות ויאבדו ישראל מוטב. אמר לפניו: יאבד משה ואלף כמהו ואל יאבד אחד מישראל" — ג' זאָגט צו משה'ן אויב דו ווילסט אַליין לעבען בלייבען, כאָטש די אידען זאָלען פאַרלוירען גיין איז אויך רעכט. ענטפערט אים משה: זאָל בעסער פאַרלוירען גיין משה און טויזענט אַזעלכע ווי ער און קיין איינציגער פון די אידען זאָל ניט פאַרלוירען גיין (מדרש תנחומא).

אין עטליכע קורצע שורות גיט אונז משה רבנו איבער די גרעסטע טראַגעדיע אין זיין לעבען: „איך האָב זיך געבעטען ביי ג': „אעברה נא ואראה את הארץ הטובה" — לאָז מיך נאָך אַריבערגיין און אָנקוקען דאָס גוטע לאַנד, וואָס אויף יענער זייט ירדן, דעם שיינעם באַרג און דעם לבנון. „ויתעבר ה' בי למענכם ולא שמע אלי" — ג' האָט אָבער געצערענט אויף מיר צוליב אייך און האָט זיך צו מיר ניט צוגעהערט. נאָך מער, ער האָט מיר באַפוילען „אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה" — זאָלסט מער ניט רעדען צו מיר וועגען דער דאָזיגער זאַך. אויב דו ווילסט אָנקוקען דאָס לאַנד, גיי אַרויף צום שפּיץ „פסגה" און הויב אויף דיינע אויגען צו מערב און צו צפון, צו דרום און צו מזרח, „כי לא תעבור את הירדן הזה", ווייל דו אַליין וועסט ניט אַריבערגיין דעם דאָזיגען ירדן"...

וואָס פאַר אַ שרעקליכע טראַגעדיע דאָ ווערט געשילדערט! אָפּגעאַרבייט אַ גאַנץ לעבען פאַר אַ צוועק, זיך מוסר נפש געוועזען אומצייליגע מאָל עס דורכצופירען, און אַז דער צוועק ווערט ענדליך דערגרייכט, זאָגט מען אים: דו אַליין קאָנסט פון דעם ניט געניסען. דאָס לאַנד, וואָס ער האָט אַזוי ליב גע־

האַט און פאַר וועלכען ער האָט טאָג־איין און טאָג־אויס געקעמפט מיט זיינע ברידער, קאָן ער בלויז אָנקוקען, באַטראַכטען פונדערווייטענס, אָבער אַריינ־גיין אין דעם האָט ער די זכיה ניט. דער מדרש באַמערקט אויף דעם מיט באַדויערונג: „אתמול היה עולה לרקיע כנשר — עכשיו היה מבקש לעבור את הירדן ואינו יכל״ — נעכטען איז ער געפלויגען אין די הימלען ווי אַן אָדלער, איצט וויל ער אַריבער דעם קליינעם ירדן און קאָן ניט (דב״ר פ״ט).

אונזערע חז״ל, וועלכע האָבען געציילט די אותיות פון דער תורה און גע־זוכט זיך צו דערגרונטעוועוען צו זייערע באַהאַלטענע כוונות, דרינגען אַרויס פון די געציילטע ווערטער דעם פאָלגענדען שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען גב״ה און משה׳ן: משה טענה׳ט צו ג׳: „אתה החלות״, דו האָסט אין אָנפאַנג מיר פאַרשפּראָכען, אַז איך וועל ברענגען די אידען אין זייער לאַנד. ווען דו האָסט מיך אויפגעפאָדערט ביים באַרג חורב איך זאָל אויף זיך נעמען די מיסיע צו באַוועגען פרעה׳ן, אַז ער זאָל באַפרייען דאָס אידישע פאָלק, האָב איך גע־שטעלט דעם תנאי „שלח נא ביד תשלח — ביד מי שיכנסם לארץ״ — אַז דער שליח, וואָס וועט אַרויספירען די אידען פון מצרים, זאָל זיי אויך אַריינפירען קיין ארץ ישראל. דערויף האָב איך פון דיר באַקומען די תשובה: לך נחה את העם״ — גיי פיר דאָס פאָלק. הייסט עס, אַז דו האָסט איינגעשטימט צו מיין תנאי, וואָרום ווילסטו איצט ניט אויספירען דעם אָפּמאַך? (מהר״ם שיף). „כל הכעס הזה עלי למה?״ — וואָרום טראָגסטו אויף מיר אַזאַ כעס?

„אמר ליה״, ענטפערט אים ג׳, על אשר לא קדשתם אותי״ — ווייל ניט דו און ניט דיין ברודער אהרן האָבען מיך געהייליגט פאַר׳ן פאָלק ביי די „מי מריבה״, ווען איך האָב אייך געהייסען רעדען צום שטיין און איר האָט אים געשלאָגען. „אמר לפניו: עם כל הבריות אתה מתנהג במדת הרחמים שנים ושלש פעמים ואני עון אחד אין אתה מוחל לי״ — טענה׳ט ווייטער משה: מיט אַלע מענשען פירסטו זיך אויף מיט דער מדה פון רחמנות, צוויי מאָל אָדער דריי מאָל, און מיר ווילסטו ניט מוחל זיין איין־איינציגע זינד? „אם רצונך אכנס לארץ ואהיה שם שנים ושלש שנים ואחר כך אמות״ — אויב דו ווילסט, לאָז מיך אַריין אין לאַנד און איך וועל דאָרט זיין בלויז צוויי אָדער דריי יאָר, און נאָכדעם זאָל איך שטאַרבען. „א״ל ושמה לא תבא״, ג׳ אָבער ענטפערט אים: אַהין וועסטו ניט אַריינקומען, בעט ער זיך ווייטער ביי אים: „אם לא אכנס בחיי אכנס לאחר מותי״ — אויב איך קאָן ניט אַריינקומען פאַר מיין לעבען, לאָז מיך כאָטש אַריינ־

קומען נאָך מיין טויט, זאָלען מיינע ביינער באַגראָבען ווערען אין דעם הייליגען לאַנד. גב״ה אָבער ענטפערט אים קורץ און שאַרף „לא בחייך ולא לאחר מותך״ — ניט פאַר דיין לעבען און ניט נאָך דיין טויט (ילקוט שמעוני רמז תתכ״א).

וואָס מער מען טראַכט זיך אַריין אין דער דאָזיגער טראַגעדיע פון אונזער גרויסען פירער, אַלץ מער רעטזעלהאַפט און אומפאַרשטענדליך דערשיינט זי פאַר אונז. משה, דער העלד פון אַלע העלדען, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ זייל ליכט אויפ׳ן שוועל פון דער אידישער געשיכטע און האָט געצוואונגען הימעל און ערד צו טאָן זיין געבאָט — דער גרויסער העלד איז אָבער צו־שוואַך צו קאָנען דערוויזען אַזאַ קלייניגקייט ווי אַריבערצוגיין דעם קליינעם ירדן און זעהן דאָס הייליגע לאַנד פאַר וועלכען ער האָט אַזוי שווער געאַרבייט און וואָס איז געווען דער ענדציל פון זיין לעבען. משה, דער „אדון הנביאים״, דער האַר פון אַלע פראָפעטען, פאַר וועמען מלאכים האָבען געציטערט און „כביכול״ אַליין האָט פיל מאָל געביטען זיינע מיינונגען אויף זיין פאַרלאַנג, אָט דער גרויסער גייסטיגער ריז קאָן ניט פועל׳ן ביי ג׳ אים צו לאָזען אַריינפירן זיינע אידען אין ארץ ישראל און פאַרענדיגען די אַרבייט פאַר וועלכער ער האָט זיין לעבען מפקיר געווען!

מאַנכע פון אונזערע חז״ל גיבען אָן דעם טעם וואָרום האָט גב״ה באַגראָבען משה׳ן אין אַן אומבאַוואוסטען פלאַץ אין דער מדבר און ניט געלאָזט אים באַגראָבען צו ווערען אין ארץ ישראל. ווייל ער האָט געוואָלט, אַז די גרויסקייט פון משהן זאָל פאַרבלייבען פאַר אייביג און ניט געמינערט ווערען מיט דעם וואָס מענשען זאָלען קאָנען אָנווייזען, אַז דאָ ליגט ער טויט. ג׳ זאָגט צו אים: „אלו היית נכנס לארץ ישראל היית נכנס בקבר מעשה אדם, ועכשיו אתה נקבר בקבר מעשה שמים״ — ווען דו וואָלסט אַריין אין ארץ ישראל וואָלסטו געדאַרפט אַריינגעבראַכט ווערען אין אַ קבר וואָס איז געמאַכט פון מענשליכע הענט, און אַלע וואָלטען געזעהן אַז דו ביזט געשטאָרבען. דאָס וואָלט פיל פאַרקלענערט דיין ווערט. איצט אָבער וועסטו אַריינגעבראַכט ווערען אין אַ הימלישען קבר, וואָס קיינער זעהט ניט און קיינער ווייסט ניט וואו ער איז. דאַדורך וועסטו פאַר זיי אימער בלייבען לעבען. (מדרש תנחומא).

אַ פיל טיפערע דערקלערונג גיט אונז אַן אַנדער מדרש: „אמר הקב״ה למשה, אם תרצה לחיות ויאבדו ישראל מוטב״ — אויב דו ווילסט לעבען בלייבען, כאָטש דורך דעם וועלען די אידען פאַרלוירען גיין, איז ביי מיר אויך

רעכט. כל זמן דו וועסט לעבען וועלען די אידען ניט ווערען זלבסטשטענדיג. דיין גרויסקייט איז אזא, וואס דערלאזט ניט דעם פאלק צו טראכטען פאר זיך און זוכען צו אנטוויקלען זיינע אייגענע כוחות. דו ביזט ניט נאר זייער פירער, דו ביזט אויך זייער „אומן", זייער ניאנקע, וואס טראגט זיי ארום ווי קליינע קינדער און באזארגט זיי מיט אלע הצטרכות'ן. פון דיר פארלאנגען זיי רק נסים, איבערנאטירליכעס און אליין צו ארבייטען פאר זיך ווילען זיי ניט. אונטער אזעלכע אומשטענדען קאן א פאלק ניט וואקסען. פארלאזען זיך איינגאנצען אויף איין פירער, גייט א פאלק פארלוירען (תנחומא).

און משה זעהט ענדליך איין, אז דער אויבערשטער איז גערעכט, און שטימט איין צו זיין שיקזאל. כאראקטעריסטיש איז דער ענטפער וואס משה גיט אויף דעם: „יאבד משה ואלף כמוהו ואל יאבד אחד מישראל" — זאל בעסער משה פארלוירען גיין און טויזענט אזעלכע ווי ער און קיין איינציגער פון די אידען זאל ניט פארלוירען גיין (שם). אין דעם, זאגען אונז די מחקרים, ליגט זעהר א טיפע כוונה. ווארום, פרעגען זיי, האט משה געדארפט צולייגען די ווערטער „נאך א טויזענט ווי ער"? דאס איז אנצודייטען, אז פאר דער אנטוויקלונג פון א פאלק זענען פיל וויכטיגער די יעניגע וואס האלטען ערשט אין שטייגען צו א העכערער מדרגה ווי די וואס האבען שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע און קאנען מער ווייטער ניט גיין.

דער „עיקרים" און א סך אנדערע מחקרים שטימען איין, אז „בקשת האמת", זוכען דעם אמת שטייט פיל העכער ווי דער אמת אליין. האט איינער דערגרייכט דעם אמת, קאן ער שוין ווייטער ניט גיין. דער אבער וואס האלט אין זוכען דעם אמת, איז אלץ עלול צו אנטדעקען נאך אמת'ן, וואס וועלען גרעסער און שענער מאכען דעם אמת'ען אמת וואס ער זוכט.

הפטרה

זעלבסטהילף איז די בעסטע טרייסט

כל גיא ינשא וכל הר וגבעה ישפלו.

„עתידה כנסת ישראל לומר לפני הקב"ה: רבש"ע, הריני רואה מקומות שקלקלתי בהם ובושני מהם. אומר לה הקב"ה: הריני מעבירם" — דאס אי־

דישע פאָלק וועט אין דער צוקונפט טענה׳ן פאַר ג׳: האַר פון דער וועלט, איך זעה די פלעצער, וואָס איך בין דאָרט דורכגעפאָלען און איך שעם זיך פאַר זיי. ענטפערט אים דער אויבערשטער: איך וועל זיי אָוועקנעמען (ספרי).

„נחמו, נחמו עמי, יאמר אלקיכם" — אויב איר ווילט געטרייסט ווערען, מיין פאָלק, זאָגט ג׳ טרייסט זיך אַליין. פאַרלאָזט זיך ניט אויף דעם „חסד לאומים", דעם גוטען ווילען פון פרעמדע פעלקער, וועלכע קעמפען כלומר׳שט צו באַפרייען די וועלט פון טיראַניי און בלוט־פאַרגיסונגען. זיי האָבען אייך ווייניג אין זינען. אייער בויט רירט זיי ווייניג אָן און אייער צוקונפט אינטע־רעסירט זיי ניט. שענקט ווייניג אויפמערקזאַמקייט צו די הויכקלינגענדיגע רעדעס פון די וועלט־פירער, וואָס פאַרשפּרעכען אַ ישועה פאַר דער גאַנצער מענשהייט. דאָס זענען פוסטע פראַזען, וואָס פאַרלירען זייער אינהאַלט אַזוי גיך ווי די וועלט ווערט איינגעשטילט און יעדעס פאָלק נעמט זיך צו פאַר־שטאַרקען זיינע אייגענע גרעניצען און צו געווינען עקאָנאָמישע און פאָליטישע פּאָזיציעס אין שוואַכערע און אָרימערע לענדער. וואָס אָנבאַלאַנגט צו אייך, זענט איר קיינמאָל ניט געווען און וועט קיינמאָל ניט זיין זיכער אויף פרעמדע באָ־דענס.

„דברו על לב ירושלים" — רעדט בעסער צום האַרצען פון ירושלים, פון אייער אייגענער נאַציאָנאַליטעט. כל זמן איר וועט ניט ווערען אַ זעלבסט־שטענדיג פאָלק אויף אייער אייגענעם באָדען וועט איר דאַרפען קלייבען ברעק־לעך, וואָס פאַלען אַראָפּ פון פרעמדע טישען. די ערד פון גלות איז פאַר אייך צו־האַרט, צו־טרוקען, אַז איר זאָלט, וואו ניט איז, קאָנען שלאָגען וואָרצלען און פּראָדוצירען אייגענע פרוכט. אויך אין די פרייערע לענדער, וואו מען לאָזט אייך פאַר אַ ווייל אייער מידען קאָפּ אָנשפּאַרען, און אייך דאַכט זיך אויס, אַז איר זענט דאָרט געזיכערט, הערט זיך אַ שטימע וואָס רופט: „כל הבשר חציר וכל חסדו כציץ השדה" — אַלע אייערע קערפּערליכע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען זענען בלויז גראָז און זייער חן איז ווי אַ בלום אין פעלד, וואָס ווערט פאַרטריקענט, „כי רוח ה׳ נשבה בו" — אַז דער אָטעם פון ג׳ בלאָזט אויף זיי. „נכסי דחוץ לארץ אין בהם מזל ברכה" — די גיטער, וואָס אַ איד דערוואַרבט אין פרעמדע לענדער, האָבען ווייניג מזל ברכה, זיי האַלטען זיך ניט לאַנג און ברענגען ווייניג נוצען פאַר די קומענדע דורות.

שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר די שטערונגען אויף אייער וועג. „כל גיא ינשא

וכל הר וגבעה ישפלו, והיה העקב למישור והרכסים לבקעה" — יעטווידער טאָל וועט אויפגעהויבען ווערען און יעטווידער באַרג אָדער הויך וועט דער־נידערט ווערען, די קרומע וועגען וועלען אויסגעגליכען ווערען און פון די בערג וועט ווערען אַ פלוין. רבי נפתלי משכיל איתן ז"ל זאָגט, אַז מיט דעם ווערען געמיינט די קליינע אָדער גרויסע פעלקער, וואָס זוכען ניט צו דערלאָזען, אַז די אידען זאָלען צוריק באַקומען זייער לאַנד און ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק. ער ברענגט דערביי זעהר אַ שיינעם מדרש: „שאלה מטרוניתא אחת את רבי שמואל בן חלפתא: בכמה ימים ברא הקב"ה את עולמו? אמר לה לששה. אמרה לו ומאותה שעה עד עתה מה הוא עושה? אמר לה יושב ועושה סולמות, מעלה לזה ומוריד לזה" — אַ געוויסע האַרנטע האָט געפרעגט רבי שמואל דעם זון פון חלפתא: אין וויפיל טעג האָט דער אויבערשטער באַשאַפען די וועלט? האָט ער איר געענטפערט: אין זעקס טעג. פרעגט זי אים ווידער: און וואָס טוט ער פון דאַן אַן ביז איצט? האָט ער איר געענטפערט: ער זיצט און מאַכט לייטערס, פאַר איינעם אַרויפצושטייגען און פאַר דעם אַנדערען אַרונ־טערצונידערען (תנחומא מטות ו').

דער „ספרי" דרינגט אַרויס פון דעם פסוק, אַז די אידען זאָלען זיך ניט אָפשרעקען פאַר די דורכפאַלען וואָס זיי האָבען געהאַט אין די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען צוריקצובויען זייער פאָלק אויף זיין אייגען לאַנד. ער זאָגט: די כנסת ישראל וועט זיך באַקלאָגען פאַר ג': „הריני רואה מקומות שקלקלתי בהם ובושני מהם" — איך זעה די אַלע פלעצער, די טאָלען און בערג, וואו איך בין דורכגעפאַלען און איך שעם זיך פאַר זיי. זי קריגט דעם ענטפער פון ג' „הריני מעבירם" — איך וועל זיי אַוועקנעמען. האָלט אַן דיין וועג צו דיין באַפרייאונג, זאָלען די פאַרשיידענע „קלקלות", דורכפאַלען, דיך ניט אַנטמור־טיגען. דיין טרייסט ליגט אין זעלבסטהילף, אין דיינע אייגענע כוחות.

ג.

גוטע איינִיקלאַך דערנענטערען די יידעס צו דעם באַרג סיני

והודעתם לבניך ולבני בניך יום אשר עמדת לפני ה׳ אלקיך בחורב.

„כל מי ששומע פרשה מבן בנו כאלו שומעה מהר סיני״ — ווער עס הערט אַ פרשה חומש פון זיינעם אַן אייניקעל, איז ווי ער וואָלט עס געהערט פון באַרג סיני (ירושלמי קידושין פ״א ח״ז).

ביז די אידען זיינען געקומען קיין אַמעריקע האָט זיך קיין פאָלק אין דער וועלט נישט געקאָנט פאַרגלייכען מיט זיי אויף דעם געביט פון קינדער־דער־ציאונג. דער פּראָצעס פון צופּאַסונג אין אַלע לענדער פון זייער גלות איז פאַר אידען תמיד געווען דער וויכטיגסטער פּראָבלעם פון זייער לעבען. זיך צו קאָנען איינאָרדנען אין יעדען לאַנד, וואוהין דער שיקזאַל האָט זיי פאַר־טריבען, און צו דער זעלבער צייט אויך אָנהאַלטען זייער אידישקייט און דעם למוד התורה צווישען זייערע קינדער, איז געווען זייער ערשטע און גרעסטע זאָרג.

פאַר צוויי טויזענט יאָר, זינט זיי זיינען פון די גרויזאַמע רוימער פאַר־טריבען געוואָרען פון זייער אייגען לאַנד און זיינען געצוואונגען געוואָרען צו וואַנדערען איבער אַלע שבעה ימים פון דער וועלט, האָבען די אידען מיט שטאָלץ געטראָגען זייער הייליגע תורה. מיט עקשנות׳דיגער מסירת־נפש, וואָס איר גלייכען איז נישט צו געפינען אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, האָבען זיי אָנגעהאַלטען זייער נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, זייער אידישען אַרט לעבען און זיך ניט אונטערגעגעבען. האָט די אויסערליכע וועלט געמעגט זיי פאַרדרענגען און איינשליסען אין ענגע און שמוציגע געטאָס, האָבען זייערע שונאים געמעגט זיי באַרויבען פון אַלע מענשליכע רעכטען צוליב זייער אי־דישקייט — זיי האָבען אָבער זייער רוקען נישט געבויגען און נישט נאָכ־געגעבען. איבעראַל האָבען זיי געבויט משכנות פאַר זייער גלויבען און בתי מדרשים פאַר זייער רייכער היסטאָרישער קולטור.

משה רבנו האָט שטענדיג באַטאָנט, אַז מיט לערנען די אידישע תורה ווע־לען אידען זיכערען זייער עקזיסטענץ: „ועתה ישראל שמע אל החוקים ואל המשפטים אשר אנכי מלמד אתכם לעשות, למען תחיו״ — איצט, ישראל, הער

זיך צו צו די געזעצען און די דינים, וואָס איך לערן אייך צו טאָן, כדי איר זאָלט לעבען בלייבען.

דער קאָברינער מגיד ז״ל באַמערקט אויף דעם: „וואָרום רעדט ער צו זיי בלשון יחיד? ווייל צו הערען — מוזען אַלע ווי איינער. בלויז דורך אַ פולשטענדיגער פאַראייניגונג זיינען די אידען אימשטאַנד דורכצופירען אין לעבען די חוקים ומשפטים, וואָס די תורה האָט זיי געלערענט, און דאָס ברייגנט זיי דעם „למען תחיו״, אַז זיי זאָלען אימער לעבען בלייבען״.

אויב אַלע אידען לערנען די תורה און זיינען זי מקיים אין אַלע ערטער, וואו זיי געפינען זיך, וועלען זיי קיינמאָל נישט אונטערגיין. „מלכות נכנסת ומלכות יוצאת וישראל עומד לעולם״ — איין מלוכה גייט אַריין, אַ צווייטע גייט אַרויס און דער איד עקזיסטירט פאַר אימער (קהלת רבה א׳). די געשיכטע ווייסט טאַקע צו דערציילען פון פיל קעניגרייכען און מלוכות, וואָס האָבען גע׳רודפ׳ט די אידען און געזוכט זיי צו פאַרניכטען, אָבער זיי אַליין זיינען אונטערגעגאַנגען און דער איד האָט זיי איבערגעלעבט.

„לא תוסיפו על הדבר אשר אנכי מצוה אתכם ולא תגרעו ממנו״ — לייגט ניט צו אויף דעם, וואָס איך פאַרזאָג אייך, און מינערט ניט פון דעם.

„אַ איד, זאָגט רבי יעקב ריינעס ז״ל, דאַרף ניט זוכען קיין באַלוינונג פאַר דעם, וואָס ער היט אָפּ די תורה — ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט. „לא תוסיפו״ — זאָלען די פרומע נישט זוכען צופיל „עולם הבא״ מיט דעם, וואָס זיי וועלען צולייגען און שווערער מאַכען די מצוות. „ולא תגרעו״ — און זאָלען די רעפאָרמער נישט פאַרמינערען און פאַרקלענערען מיינע רייד, ווייל זיי ווילט זיך געניסען וואָס מער „עולם הזה״. איין פסוק זאָגט: „כי גדול מעל שמים חסדיך״ — דיין חסד איז גרעסער איבער די הימלען, און אין אַ צווייטען פסוק ווערט געזאָגט „כי גדול עד שמים חסדיך״ — דיין חסד איז גרויס ביז די הימלען, „הא כיצד?״ — ווי ווערט עס פאַרשטאַנען? „כאן בעושים לשמה וכאן בעושים שלא לשמה״ — אין דעם ערשטען פסוק ווערט געמיינט דער, וואָס טוט די מצוה צוליב איר אַליין, און אין דעם צווייטען פסוק — דער, וואָס האָט אַן אַנדער מיין דערביי (פסחים נ״ב ע״ב). די יעניגע, וואָס טוען די מצוה צוליב איר אייגענעם ווערט און ניט פאַר דעם שכר, וואָס זיי דערוואַרטען צו קריגען פאַר דעם, איז עס „גדול מעל שמים״ — אַזאַ מצוה שטייגט אַריבער די הימלען, אָבער די, וואָס זוכען צו קריגען באַלוינונג פאַר

טאָן אַ מצוה, איז עס בלויז „עד שמים״, ביז די הימלען, העכער גייט עס נישט (ספר הערכים).

נאָכדעם ווי משה ווידערהאָלט פאַר זיי די „עשרת הדברות״, די צען געבאָט, וועלכע זייערע עלטערען האָבען געהערט פון גאָט׳ס מויל און וועלכע אַנטהאַלטען די פרינציפּען פון דער תורה, דערקלערט ער זיי דעם תמצית, דעם הויפּט־געדאַנק, פון דער אידישער אמונה: „שמע ישראל, ה׳ אלקינו ה׳ אחד״ — הער ישראל, ג׳ אונזער ג׳ איז דער איינציגער ג׳. ניטאָ אין דער וועלט אַ ג׳ פון ישראל, אַ ג׳ פון מצרים און אַ ג׳ פון אַנדערע אומות באַזונדער. בלויז איין ג׳ איז דאָ, ער איז דער האַר פון דער וועלט און ער באַהערשט אַלץ, וואָס אויף איר געפינט זיך. אָט דער רבונו של עולם איז דער ג׳ פון אייערע עלטערען. די גאַנצע וועלט איז זיין אַרבייט, אַלע מענשען זיינען באַשאַפען געוואָרען אין זיין פאָרם. אייך, די קינדער פון זיין ליבלינג אברהם, האָט ער אויסגעקליבען צו זיין פאַר אים אַן „עם סגולה״, אַן אייגענאַרטיג פאָלק. איר זאָלט הייליג מאַכען זיין נאָמען אין דער וועלט און איר זאָלט דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט מיט אייערע הומאַנישע געזעצען און אייער ריינעם, אידעאַלען לעבען.

אונזערע חז״ל דערקלערען: „למה קדמה פרשה שמע לוהיה אם שמוע? כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחלה ואחר כך עול מצות״ — וואָרום האָט ער מקדים געווען די פּרשה פון „שמע״ פריער פאַר דער פרשה פון „והיה אם שמע״? — צו ווייזען, אַז יעדער מענש מוז פריער אנערקענען די גאָטהייט און נאָכדעם נעמען אויף זיך דעם יאָך פון זיינע מצוות (ברכות י״ג ע״א). פאַר די, וואָס לייקענען אין ג׳, האָבען די מצוות פון דער תורה קיין טעם נישט.ליידער האָבען מיר צווישען אונז געוויסע ראַביי׳ס, וואָס לייקענען אָפען אין „מציאות ה׳״, און „תורה מן השמים״. אין זייערע רעדעס און שריפטען זאָגען זיי אָפען, אַז ניט ג׳ האָט דעם מענשען געמאַכט, נאָר יעדעס פאָלק האָט זיך געשאַפען אַן אייגענעם ג׳. אמת׳ע אַפּיקורסות. און דאָך זיינען זיי היפּאָקריטיש גענוג אַרויסצוקומען מיט אַ נייעם סידור, מיט נייע תפילות צו אַ ג׳, וואָס איז „לא היה ולא נברא״, און וואָס האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט. וואָרומשע גיבען זיי נישט אויף זייערע רבנות־שטעלעס? ווייל זיי ווילען פשוט נישט אויפגעבען די גרויסע שבירות, וואָס זיי באַקומען.

„ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך״ — דו זאָלסט ליב האָבען ג׳ דיין ג׳ מיט

דיין גאַנצען האַרצען, „בשני יצריך, ביצר טוב וביצר הרע״ — מיט דיינעביידע אינקלינאַציעס, מיט דעם „יצר טוב״ און מיט דעם „יצר הרע״ (ברכות נ״ד ע״ב). דער אונטערשייד פון דעם „יצר טוב״ ביז דעם „יצר הרע״ זאָגט דער „חובת הלבבות״, באַשטייט הויפּזעכליך אין דעם: דער „יצר טוב״ זוכט ניט קיין אייגעננוצען; וואָס ער טוט, איז „לשמה״, צוליב דעם ווערט פון דער מצוה אַליין. דער „יצר הרע״ אָבער זוכט זיין אייגענעם בענעפיט און וויל פּראָפיטירען פון יעדער זאַך, וואָס ער טוט. דער מענש איז פון נאַטור אַ שוואַכלינג, „וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום״ — אַלע זיינע אינקלינאַציעס און געדאַנקען זיינען נאָר פאַר זיך פאַר זיינע אייגענע נוצען. אויב אָבער ער באַנוצט זיך מיט זיי צו טאָן גוטס פאַר זיינע מיטמענשען און פאַר זיין פאָלק, איז ער אין דעם כלל פון ליבען ג׳ „בכל לבבך״ — מיט זיין גאַנצען האַרצען.

רבי אהרל׳ע קאָידענאָווער ז״ל האָט אַמאָל געזאָגט: „דער מדרש באַטיטעלט דעם „יצר הרע״ אַלס „טוב מאד״, זעהר גוט, ווייל „בלי יצר הרע לא היה ישוב בעולם״ — אָהן דעם יצר הרע וואָלט די וועלט קיין באַפעלקערונג נישט געהאַט (ב״ר מ״ב). און איך זאָג אייך, האָט ער אויסגעפירט, אַז אָהן דעם „יצר הרע״ וואָלטען מיר אויך קיין תורה נישט געהאַט. ווען נישט דער „יצר הרע״ זיך אויסצוצייכענען מיט לומדות און באַקומען גרויס כבוד דערפאַר, וואָלטען אַ סך פון אונזערע לומדים ווייניג געלערענט, און ווען נישט דער „יצר הרע״ אַריינצוקריגען אַ גוטען איידעם אָדער צו מאַכען דעם זון פאַר אַ למדן און דאַדורך אַליין זיצען אויבענאָן, וואָלטען אַ סך פון אונזערע ישיבות זיך געדאַרפט פאַרמאַכען, ווייל אַזעלכע, וואָס גיבען פאַר חזוק התורה בלויז דורך זייער „יצר טוב״, זיינען פאַראַן ווייניג אין דער וועלט״.

„ושננתם לבניך״ — איבערהויפּט זאָלט איר די תורה לערנען צו אייערע קינדער. אין מדרש רבה ווערט דערציילט, אַז ווען די אידען זיינען געקומען צום באַרג סיני מקבל צו זיין די תורה, האָט פון זיי ג׳ געפאָדערט: „הביאו לי ערבים טובים שתשמרוה״ — ברייגנט מיר גוט-זאָגערס, וואָס וועלען גאַראַנטירען, אַז איר וועט די תורה היטען. האָבען זיי צוערשט אָנגעגעבען אונזערע אבות און אונזערע נביאים, אָבער דער אויבערשטער האָט זיך אָנטזאָגט אָנצונעמען זייערע ערבות. האָבען די אידען אויסגערופען: „בנינו ערבים לנו״ — אונזערע קינדער וועלען פאַר אונז גוט-זאָגען, אַז מיר וועלען היטען דיין

תורה, אויף דעם האָט זיי ג׳ געענטפערט: „אלו ודאי ערבים טובים״ — זיי זיינען ווירקליך ווערטפולע גוטזאָגערס (שמ״ר יתרו).

די צוקונפט פון יעדעס פאָלק ווערט גאַראַנטירט בלויז פון די יונגע דורות. די זיידעס זיינען דער עבר, די טאַטעס זיינען די געגענוואַרט, די קינדער אָבער זיינען די צוקונפט. אויב די יונגע דורות ווערען דערצויגען אין דעם גייסט פון דער תורה און אין זייערע הערצער ווערט איינגעפלאַנצט אַ ליבע און אַכטונג צו זייער פאָלק און צו זיינע שטרעבונגען, איז זיין צוקונפט אַ געזיכער־טע. „כל מי ששומע פרשה מבן בנו כאלו שומעה מהר סיני״ — ווער עס הערט אַ פרשה חומש פון זיינעם אַן אייניקעל, איז ווי ער וואָלט עס געהערט פון באַרג סיני. דאָס ווייזט, אַז זיין דערציאונג איז געווען אַ גוט־אידישע און פאַראייניגט אַרום דעם געדאַנק פון באַרג סיני אַלע אידישע דורות — די זיידעס, די טאַטעס און די אייניקלאַך.

הפטרה

די שטים פון גלות און די שטים פון גאולה

קול קורא במדבר פנו דרך ה׳!

„אתה מוצא שכל נביאות שנתנבא ירמיהו על ישראל הקדים ישעיהו ורפאן. ירמיהו אמר: „דרכי ציון אבלות״, וישעיהו אמר: „קול קורא במדבר פנו דרך ה׳״ — דו געפינסט, אַז אַלע שווערע נבואות, וואָס ירמיהו האָט געהאַלטען וועגען די אידען, האָט ישעיהו מקדים געווען אַ רפואה פאַר זיי. ירמיהו זאָגט: „די וועגען פון ציון זיינען טרויעריגע״ און ישעיהו זאָגט: „אַ שטים רופט אין דער מדבר; ראַמט אָפּ דעם וועג פאַר ג׳ ״ (מדרש איכה).

נאָך „שבת חזון״ קומט „שבת נחמו״, נאָך די „תלתא שבתא דפורענותא״, דריי שבתים פון קלאָג־הפטרות, קומען „שבע שבתא דנחמתא״, די זיבען שבתים פון טרייסט־הפטרות. נאָך די דריי גרויסע חורבנות, וואָס מיר האָבען דורכ־געמאַכט — דעם חורבן פון בית־המקדש, דעם חורבן פון אונזער לאַנד און דעם חורבן פון אונזער פאָלק — מוז אונזער נחמה זיין אַ פיל גרעסערע און פיל לענגערע. „נחמו נחמו עמי״ — די אידישע נחמה טאָר נישט זיין איינזיי־

טיג און קאָן נישט קומען פון בלויז איין מקור. „נחמוה עליונים, נחמוה תחתונים, נחמוה חיים, נחמוה מתים, נחמוה בעולם הזה, נחמוה לעולם הבא" — דאָס אידיש פאָלק מוז געטרייסט ווערן פון אויבען און פון אונטען, פון די לעבע־דיגע און פון די טויטע, פון דער־וועלט און אויך פון יענער־וועלט (מדרש איכה).

מיר האָבען צופיל געליטען, אַז מיר זאָלען זיך קאָנען צופרידענשטעלען מיט צייטווייליגע נחמות. מיר האָבען צופיל קרבנות געבראַכט, אַז מיר זאָלען זיך לאָזען פאַרפירען פון איינזייטיגע טרייסטען. די טייכען אידיש בלוט שרייען אַרויס צו אונז פון דער ערד און וואָרנען אונז נישט צו לייגען צופיל געוויכט אויף די שיינע פראַזען וועגען אַ סאָציאַלער איבערקערעניש, וואָס פאַר־שפרעכט אַ ישועה אויף דער גאַנצער מענשהייט. מיר האָבען שוין אָט די־פוסטע פראַזען נישט איינמאָל געהערט אין אונזער לאַנגער און טרויעריגער געשיכטע, און פון זיי האָט זיך קיינמאָל גאָרנישט אויסגעלאָזען. „נחמו, נחמו עמי" — די אידישע נחמה מוז זיין אַן אַלזייטיגע און אַרומנעמען זיין גאַנצען נאַציאָנאַלען מהות און פאַרבינדען אַלע זיינע היסטאָרישע דערגרייכונגען — אין די הימלען און אויף דער ערד, אויף דער־וועלט און אויך אויף יענער־וועלט.

„אשמנו מכל עם" — מיר זיינען שולדיגער פאַר אַלע פעלקער. נישט דער יחיד האָט זיך צו שעמען פאַר די יחידים פון אַנדערע אומות. מענש פאַר מענש זיינען מיר געוויס נישט נידעריגער פאַר זיי. פּראָפּאָרציאָנעל האָט אונזער פאָלק פון זיך אַרויסגעגעבען פיל מער גרויסע מענשען און קינסטלער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אָבער אַלס אומה, אַלס באַוואוסטזיניגע נאַציע, האָ־בען מיר זיך צו שעמען פאַר יעדען פאָלק. הרב עמיאל ע"ה באַמערקט: „עס איז דאָ אַ באַוואוסטער כלל: „אין לך דבר שאין לו מקום ואין לך אדם שאין לו שעה" — עס איז ניטאָ קיין זאַך,וואָס האָט נישט קיין פּלאַץ, און ניטאָ קיין מענש, וואָס זיין שעה זאָל נישט שלאָגען. אַ נאַציע, וואָס האָט אַ „מקום", אַ שטיקעל באָדען, ווי גרויס אָדער קליין עס זאָל נישט זיין, קאָן האָפען, אויף אַ געווינשטער שעה, אַז אויך זי וועט געהאָלפען ווערען. אַן אומה אָבער, וואָס האָט נישט קיין אייגענע פיר איילען אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל — ווען קאָן קומען איר געווינשטע שעה?"

זעהען מיר דאָך, אַז אויף דער סאַן פראַנציסקאָ קאָנפערענץ האָבען קליינע

פעלקער, אויף וועלכע די וועלט האָט זיך וויניג אומגעקוקט ביז איצט, פאַר־
גומען דאָרט אַ בכבוד'יג אָרט, ווייל זיי זיינען געקומען מיט דער טענה פון
„חזקה", פון אַ לאַנד, וואָס באַלאַנגט צו זיי. מיר אידען, וועלכע זיינען געווען
די בלוטיגסטע קרבנות פון די אָקס־לענדער און וועלכע האָבען פראָפּאָרציאָנעל
צוגעשטעלט מער פון אונזערע זין און טעכטער ווי אַלע אַנדערע פעלקער
אויף די פאַרשיידענע שלאַכטפעלדער, אונז האָט מען אַפילו נישט איינגעלאַדען,
און די יחידישע קאָמיטעס, וואָס מיר האָבען דאָרט געהאַט, האָבען בלויז גע־
רעדט פון „פּאַפּיר", פון „קלאָג מגילות", וואָס האָבען אַ קנאַפּען ווערט און
מאַכען אַ קליינעם רושם אויף די גרויסע מלוכות, וואָס ווילען פאַרכאַפּען די
גאַנצע וועלט.

פעלקער, וואָס האָבען נישט צוגעלייגט קיין האַנט צו העלפען און האָבען
זאָגאָר געשטערט די אַליאירטע דעמאָקראַטיעס אין זייער קאַמף קעגען טיראַ־
ניי און פאַרשקלאַפונג, זיי זיינען אַנגעלייגטע געסט, ווייל זיי רעדען פון אויל,
פון פעטראָלעאום. מיר אָבער שטייען כעני בפתח, ווייל מיר רעדען בלויז פון
בלוט און טרערען.

ירמיה', וואָס רעדט די שפּראַך פון גלות, זאָגט: „דרכי ציון אבלות"
— דער וועג צו קומען צו ציון איז דורך קלאָגען, דורך פאַסטען; אָבער ישעיהו,
וואָס רעדט פון נחמה, פון גאולה, רעדט מיט אַ שטאָלצער שטים: „קול קורא
במדבר פנו דרך ה'" — אייער שטים מוז אַרויסשרייען פון מדבר, ראַמט אָפּ
דעם וועג פון ג'. כאָטש איר געפינט זיך אין אַ וויסטען מדבר און איר זענט
אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט בלוטדורשטיגע חיות, שווייגט נישט;
פאָדערט פון די פעלקער, אַז זיי זאָלען אָפּראַמען דעם וועג אויף פאַר אייער
גאולה. די שטים פון גלות זאָגט: „יושב בדד וידום" — דאָס אידיש פאָלק
מוז זיצען איינזאַם און שווייגען און אָננעמען אַלץ פאַר גוט. די שטים פון דער
גאולה אָבער זאָגט: „על הר גבה עלי לך מבשרת ציון, הרימי בכח קולך
מבשרת ירושלים, הרימי אל תיראי" — אויף אַ הויכען באַרג גיי אַרויף, דו אָנ־
זאָגערין פון ציון, הויב אויף מיט כוח דיין שטים, דו אָנזאָגערין פון ירושלים,
הויב אויף און האָב קיין מורא נישט. די שטים פון גאולה לאָזט זיך נישט
פאַרשטיקט ווערען. זי פאָדערט די רעכטען פון דעם פאָלק און זי איז געגען
אַלע פוסטע נחמות.

ד.

וואַרום טאָרען אידען ניט האָבען קיין רעליגיעזע בילדער

פּן תשחיתון ועשיתם לכם פסל.

„אמר הקב"ה: נתתי לכם תורתי להניח לכם שררה. אַל תכעיסוני, ואל תפרו את בריתי באלילים, ואל תשתחוו למתים" — גב"ה זאָגט: איך האָב אייך געגעבען מיין תורה, כדי איר זאָלט באַזיצען הערשאַפט. דערצאָרנט מיר ניט, צעשטערט ניט מיין בונד דורך אָפּגעטער און בוקט זיך ניט צו טויטע (בית מדרש ח"א).

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרען, ווערט דער חומש „דברים" אויך אָנגערופען „משנה תורה", אַ ווידערהאָלונג פון דער תורה. אויסער שטראָף־רייד, וואָרנונגען און נביאות איבער דער אידישער צוקונפט, ווערען אין אים ווידערהאָלט די מערסטע דינים, פּרינציפּען, אידעאַלען און אויך פּאַסירונגען, וועגען וועלכע עס ווערט פאַרהאַנדעלט אין די ערשטע פיר חומשים. אויסער דעם ווערען אין ספר „דברים" צוגעגעבען וואָסערע ניינציג נייע מצוות, וואָס זיינען אין די ערשטע חומשים ניט דערמאָנט. אויב די ערשטע פיר חומשים פון דער תורה זיינען אַ מוסטער פון „צמצום" און קאָנצענטראַציע פון געדאַנק, איז דער פינפטער חומש „דברים" אַ מוסטער איבער אַלע מוסטערס. אין קורצע שטריכען גיט אונז משה איבער די געשיכטע פון די אידען אין די פערציג יאָר פון זייער וואַנדערען אין דער מדבר און די אורזאַכען, וואָס האָבען געפירט צו דעם, אַז זיי זאָלען דאָרט אַזוי לאַנג פאַרוויילען.

חוקים און משפטים, וועלכע האָבען פאַרנומען אין דער תורה גאַנצע פרשיות, ווערען דערקלערט אין אייניגע פראַזען בלויז. היסטאָרישע פּאַסירונגען, וועלכע האָבען געגומען יאָרען, ווערען איבערגעגעבען אין אייניגע ווערטער. די סיבות און אורזאַכען פון גרויסע געשעעענישען, וועלכע האָבען געפירט צו ענדגילטיגע ענדערונגען אין די אַנטוויקלונגען פון פאָלק, ווערען געשילדערט אין קורצע שטריכען. אַ קליינער זאַץ פון בלויז איין שורה באַשפּרעכט אָפטמאָל אַן עפּאָכע פון דורות. זאָגאַר איין וואָרט פון עטליכע בוכשטאַבען ברייגגט מאַנכעסמאָל אַרויס אַ געדאַנק, וואָס האָלט אין איין באַצויבערען וועלטען. משה רבנו, דער גרעסטער מנהיג און געזעצגעבער, איז אויך געוועזן דער גרעסטער

קינסטלער פון „צמצום״, פון אַריינקוועטשען אַ ים מיט געדאַנקען אין עטליכע קורצע שורות.

אין די זיבען פרשיות פון דער ערשטער סדרה ווערען אונז אין קורצע שטריכען איבערגעגעבען די לאַנגע שורה פון רעזולטאַטען דורך די פערציג יאָר פון זייער וואַנדערען אין דער מדבר, די דערפאָלגרייכע מלחמות מיט די קעניגען סיחון און עוג און די דעראָבערונג פון דעם עבר הירדן פאַר די אידען, די באַשטימונג פון שופטים און ווי זיי דאַרפען זיך אויפפירען מיט׳ן פאָלק. ער באַשפּרעכט אויך די מיאוסע פאַסירונג מיט די מרגלים, ווי ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירען פון די שבטים און געשיקט צוועלף פון זייערע מענשען „לתור את הארץ״ — צו באַקוקען דאָס לאַנד און אויסצוגעפינען פון וועלכע פונקטען מען קאָן עס גרינגער איינעמען. זיי האָבען זיך אָבער אַרויסגע־וויזען צו זיין פאַררעטער, וועלכע האָבען געבראַכט אַ טרויעריגען באַריכט איבער דעם לאַנד, און דערמיט פאַרלענגערט די גאולה. אויך ווערט איבער־געגעבען וועגען דער איינטיילונג פון די לענדער אין עבר הירדן צו די שבטים ראובן און גד אויף דעם תנאי, אַז זיי וועלען גיין העלפען איינצונעמען דאָס לאַנד כנען פאַר די איבעריגע שבטים.

אין דער היינטיגער סדרה ציט ער זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די גליקען, וואָס די אידען וועלען האָבען אין זייער לאַנד, אויב זיי וועלען זיך אויפפירען לויט די געזעצען פון דער תורה. די אידישע עקזיסטענץ, זאָגט ער זיי, איז ענג פאַרבונדען מיט זיין תורה. אויב זיי וועלען זיך האַלטען צו־זאַמען, וועלען זיי אייביג לעבען. „ועתה ישראל שמע אל החוקים ואל המשפטים אשר אנכי מלמד אתכם לעשות, למען תחיו ובאתם וירשתם את הארץ אשר ד׳ אלקי אבותיכם נותן לכם״ — און איצט, ישראל, הערט זיך איין צו די גע־זעצען און די משפטים, וואָס איך לערן אייך צו טאָן, כדי איר זאָלט לעבען און קומען און ערבען דאָס לאַנד, וואָס דער ג׳ פון אייערע עלטערען גיט אייך.

„לא תוסיפו על הדבר אשר אנכי מצוה אתכם ולא תגרעו ממנו״ — לייגט ניט צו אויף דעם, וואָס איך זאָג אייך, און מינערט ניט פון דעם. דער אויבער־שטער פאַרלאַנגט ניט פון אייך, אַז איר זאָלט פאַרגרעסערען די צאָל פון זיינע געבאָטען דורך דעם וואָס איר וועט זיך אָפּגעבען גאַנצע טעג מיט דינען אים. ער וויל אָבער ניט אַז איר זאָלט פאַרנאַכלעסיגען וועלכע עס איז מצוה צוליב אייערע אייגענוצען. אָדער ווי רבי יעקב ריינעס, ז״ל, זאָגט: „זאָלען די

פרומע ניט זוכען צופיל „עולם הבא" מיט דעם וואָס זיי וועלען צולייגען און שווערער מאַכען די מצוות, און זאָלען די רעפאָרמער ניט פאַרמינערען און פאַרקלענערען מיינע רייד, ווייל זיי ווילט זיך געניסען מער „עולם הזה".

משה פאַנגט אָן די היינטיגע סדרה מיט זיין אייגענער טראַגעדיע. ער דערציילט זיי ווי ער האָט זיך געבעטען ביי ג׳: „אעברה נא ואראה את הארץ הטובה", לאָז מיר אַריבערגיין דעם ירדן און זעהן דאָס גוטע לאַנד. „ויתעבר ה׳ בי למענכם ולא שמע אלי" — ג׳ האָט אָבער געצאָרנט אויף מיר צוליב אייך און האָט אָנטזאָגט מיין בקשה. די גמרא פרעגט: „מפני מה נתאווה משה לכנס לארץ ישראל?" — פאַרוואָס האָט זיך משה אַזוי שטאַרק געריסען אַריינ־צוגיין אין ארץ־ישראל? „וכי לאכל מפריה ולשבע מטובה הוא צריך?" — איז עס געווען צוליב דעם, ווייל ער האָט זעהר שטאַרק געוואָלט געניסען פון אירע פרוכט און זיך זעטיגען מיט איר גוטסקייט? עס גלויבט זיך ניט, אַז דער גייסטיגער ריז, וועלכער האָט זיין לעבען אָוועקגעגעבען צו בויען אַן אומשטערבליכע נאַציע, וואָס זאָל קאָנען עקזיסטירען אייביג, אויך אויסער די ראַמען פון אַ לאַנד, זאָל בלויז האָבען אין זינען די מאַטעריעלע זייט פון ארץ־ישראל. אויב דער הויפט ציל פון האָבען אַן אייגען לאַנד איז בלויז „לאכל מפריה ולשבע מטובה" — צו זיין עקאָנאָמיש און פאָליטיש באַזאָרגט, וואָס פעהלען דען די לענדער, וואָס זיי האָבען נאָר־וואָס דעראָבערט אין עבר הירדן? לויט דער באַשטעטיגונג פון די אידען אַליין, איז דאָס לאַנד געווען אַן „ארץ מקנה", אַ העכסט פרוכטבאַר לאַנד, „וערים בצורות", און די שטעט זיינען געווען גוט באַפעסטיגט קעגען אַן אָנגריף פון אַ שונא. פון אַ פאָלי־טיש־עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט האָט מען זיך מיט זיי געקאָנט גאַנץ גוט צו־פרידענשטעלען.

וואָס־זשע דען איז געווען זיין הויפט־באַגער? „אמר: הרבה מצוות נצטוו ישראל ואין מתקיימין אלא בארץ ישראל" — ער האָט געזאָגט: פיל מצוות זיינען די אידען אָנגעזאָגט געוואָרען אין דער תורה, וועלכע קאָנען ניט ריכ־טיג דורכגעפירט ווערען סיידען זיי וועלען זיין אין ארץ־ישראל. אָט צוליב דעם וויל ער אַריינקומען אין לאַנד, כדי צו קאָנען דאָס דערווייזען (סוטה י״ט). משה׳ן אינטערעסירט מער די גייסטיגע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פון זיין פאָלק. ער זעהט אין אַ אידישער ארץ־ישראל די שאַפונג פון אַ גייסטיגען צענטער, וואו „שמיא וארעא נשקי הדדי" — וואו הימעל און ערד קומען זיך

צוזאַמען. אַ „בית היוצר לנשמת האומה" — אַ ראַפינירונגס פּלאַץ פאַר דער אידישער נשמה, וואָס זאָל דערהויבען דעם אידישען גייסט און אים ברייגנען צו דער שטופע פון אַ „גוי קדוש" — אַ הייליג פאָלק, אַ פאָלק, וואָס זאָל מיט זיין מוסטערהאַפטען לעבען אויסטייטשען דעם הימעל אויף דער ערד. אַזאַ צענטער קאָן אָבער ערגעץ אַנדערש ניט געשאַפען ווערען. בלויז אין ארץ־ישראל איז אַזאַ זאַך מעגליך. און אים האָט זיך זעהר געוואָלט פאַרענדיגען די אַרבייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען.

רעדענדיג איבער דער אידישער עקזיסטענץ, זאָגט ער זיי: „ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כלכם היום" — נאָר צוליב דעם, וואָס איר זענט באַהעפט מיט אייער ג׳, זענט איר געבליבען לעבען ביז היינטיגען טאָג. „אַפילו בשעה שכל העולם מתים אתם חיים" — אפילו אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט שטאַרבט, וועט איר לעבן בלייבען. אייער תורה וועט אייך מאַכען פאַר אַן אומשטערבליך פאָלק און די צוקונפט באַלאַנגט צו אייך. „מה היום כלכם קיימים" — פונקט ווי היינט, טראָץ אַלע רדיפות און פאַרפאָלגונגען, וואָס איר האָט געהאַט אויסצושטיין פון די פעלקער אין דער וועלט, זענט איר דאָך געבליבען עקזיסטירען, „אף לעולם הבא כלכם קיימים" — אַזוי אויך אין דער קומענדיגער וועלט וועט איר בלייבען עקזיסטירען (סנהדרין צ׳ ע"ב). די צוקונפט וועט ניט באַלאַנגען צו די, וועלכע שפּילען זיך מיט׳ן טויט און פירען אַן בלוטיגע מלחמות איינע קעגען די אַנדערע. זיי וועלען אונטערגיין מיט זייער שווערד, אָבער איר — מיט אייער גלויבען אין אַ ג׳ פון צדק און יושר — וועט געוויס זיי איבערלעבען.

די אידישע אמונה באַשטייט ניט פון באַשטימטע דאָגמען. זי איז אַלאומ־פאַסענד און „לית אתר פנוי מיני׳" — ניטאָ קיין אָרט, וואו זי געפינט זיך ניט. „וידבר ה׳ אליכם מתוך האש, קול דברים אתם שומעים, ותמונה אינכם רואים" — ווען ג׳ האָט צו אייך גערעדט פון מיטען פייער, אַ קול פון ווערטער האָט איר געהערט, אָבער קיין געשטאַלט האָט איר ניט געזעהן. די גאָטהייט קאָן מען ניט אָפּמאָלען. בילדער באַצייכענען בלויז דאָס אויסערליכע געשטאַלט, אָבער ניט דעם תוכן, דעם אינערליכען ווערט. דערפאַר זאָלט איר זיין שטאַרק אָפּגעהיט „פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל תמונת כל סמל" — אַז איר זאָלט ניט פאַרדאָרבען ווערען און מאַכען וועלכע ניט איז בילדער פון אייערע אמונה אידעאַלען. „מאַכען אידען פון זייערע מצוות סטאַטוען אָדער בילדער, פאַר־

קלענערען זיי דערמיט דעם גרויסען פארנעם פון אונזער אמונה. דער לבוש איז ניט דער עיקר; דער תוכן, דער אינהאלט איז די הויפט זאך" (רבי מענדעלע קאצקער).

„כי תוליד בנים ובני בנים ונושנתם בארץ" — אז איר וועט געבוירען קינדער און קינדס־קינדער און איר וועט זיך עלטערען אין לאנד, „והשחתם ועשיתם פסל תמונת כל" — און איר וועט פארדארבען ווערען און וועט מאכען בילדער, דאס געשטאלט פון וואס עס איז אין אייער רעליגיע, „העידותי בכם היום את השמים ואת הארץ כי אבד תאבדון" — מאך איך היינט הימעל און ערד פאר עדות קעגען אייך, אז איר וועט פארלארען ווערען און אונטער־גיין. וועט איר אפטיילען די רעליגיע פון לעבען און מאכען זי פאר אן אב־סטראקטען בילד, א טויטע פארמע, וואס איר וועט רופען „גאטעסדינסט" אדער „רעלידזשעס סוירוויסעס", און אין אייער טאג־טעגליכען לעבען וועט איר זיך האלטען ווייט פון איר, וועט איר לאנג ניט עקזיסטירען. „כל מה שישראל אוכלים בעולם הזה אינם אוכלים אלא בשביל האמונה" — אלץ וואס אידען געניסען אויף דער וועלט, געניסען זיי נאר צוליב זייער אמונה (מדרש רבה). נעמט אוועק די תורה פון אידען און זיי בלייבען א קליינע און שוואכע געמיינ־דע, וואס וואלגערט זיך ארום וואו א טאג און וואו א נאכט.

מיין פאטער ע"ה, ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע און האט באַ־מערקט, אז אנשטאט די טאטעס און מאמעס דא זאלען האבען די הויפט דעה אין הויז, ווערט עס גאר איבערגעגעבען צו די דערוואקסענע קינדער, האט מיר געזאגט, אז איצט פארשטייט ער דעם ריכטיגען זין פון דעם פסוק: „כי תוליד בנים ובנות ונושנתם בארץ" — אז איר וועט געבוירען קינדער און קינדס־קינדער און אליין וועט איר זיך האלטען פאר אלטמאדיש, ניט גענוג מאדערן און דערפאר וועט איר איבערגעבען די ממשלה צו זיי, „והשחתם" — וועט איר אליין פארדארבען ווערען. די קינדער וועלען אייך דעמאראליזירען און איר וועט ווערען אויס אידען. און ער האט פארענדיגט דעם געדאנק מיט א טיפעןווארט פון א חסידישען רבין: „ודברתם בם בשבתך בביתך — אויב דו וועסט לערנען דיינע קינדער די תורה, וואס דו און דיין טאטע און זיידע האבען געלערענט, וועסטו האבען אין שטוב וואס צו רעדען מיט דיינע קינ־דער. דאגעגען אבער, ווען דו וועסט זיי לאזען לערנען בלויז די מאדערנע חכמות און פון די אידישע תורה׳ס וועלען זיי קיין אנונג ניט האבען, דאן וועס־

טו זיצען ביי דיין אייגענעם טיש ווי אַ פרעמדער און דיינע קינדער וועלען זיך אויף דיר ניט אומקוקען.

אַז די טאַטעס און מאַמעס באַטראַכטען זיך פאַר „נושנתם״ — פאַרצייטיג און אַלטמאָדיש און לאָזען די קינדער האָבען די הויפט דעה אין הויז, פאַרלי־רען זיי מיט דער צייט דעם גאַנצען רעספּעקט פון די קינדער. פאַרן לעבען רעכענען זיי זיך מיט זיי גאַנץ ווייניג, בלויז נאָכ׳ן טויט געדענקט מען די עלטערען און מען היט אָפּ דעם „יאָרצייט״ און דעם „יזכור״. אָט דאָס איז דער געדאַנק פון דעם אויבען־ציטירטען מדרש: ג׳ זאָגט: „נתתי לכם תורתי להניח לכם שררה״ — איך האָב אייך געגעבען מיין תורה, כדי איר זאָלט האָבען די שררה אין הויז און זיין די פירער פון אייערע קינדער. „אל תכעיסוני ואל תפרו את בריתי באלילים״ — דערצאָרנט מיר ניט און צעשטערט ניט מיין בונד דורך אָפּגעטער, „ואל תשתחוו למתים״ — וועלען אייערע קינדער אייך אָפּגעבען דעם ריכטיגען כבוד פאַר׳ן לעבען און ניט בוקען זיך פאַר אייך, ווען איר זענט שוין טויט.

הפטרה

די וועלט שטייט ניט אויף איין אָרט

כל גיא ינשא וכל הר וגבעה ישפלו.

„שאלה מטרוניתא אחת את רבי שמואל בן חלפתא: בכמה ימים ברא הקב״ה את עולמו? אמר לה לששה. אמרה לו: ומאותה שעה עד עתה מה הוא עושה? אמר לה יושב ועושה סולמות, מעלה לזה ומוריד לזה״ — אַ גע־וויסע פּרינצעסין האָט געפרעגט רבי שמואל דעם זון פון חלפתא: אין וויפיל טעג האָט דער אויבערשטער באַשאַפען די וועלט? האָט ער איר געענט־פערט: אין זעקס טעג. פרעגט זי אים ווידער: און וואָס טוט ער פון דאַן אָן ביז איצט? האָט ער איר געענטפערט: ער זיצט און מאַכט לייטערס — איינעם אַרויפצושטייגען, פאַר דעם אַנדערען אַרונטערצונידערען (תנחומא מטות).

יעדע אמונה פּרעדיגט, אַז דער שיקזאַל פון אַלע מענשען אויף דער וועלט איז פאָראויס באַשטימט געוואָרען פון ג׳ אין הימעל. אויך אין אונזער גמרא געפינט זיך דער געדאַנק, אַז פערציג טעג איידער אַ קינד ווערט געבוירען,

ווערט איבער אים אויסגערופען אין הימעל וואָס מיט אים וועט געשען. דאָס מיינט אָבער ניט צו זאָגען, אַז דער מענש אַליין האָט גאָרניט צו טאָן מיט זיין שיקזאַל, ווייל אַלע זיינע מעשים ווערען דיקטירט און אָנגעוויזען פון דער השגחה. אַזאַ באַגריף איז קעגען די יסודות פון דער אידישער תורה, וועלכע זאָגט אונז: „ראה אנכי נותן לפניכם ברכה וקללה, ובחרת בחיים" — זעהט, איך לייג פאַר אייך פאַר די וועגען, וואָס פירען צו ברכה, צו גליק, און אויך די, וואָס פירען צו קללה, צו אומגליק,קלייבט בעסער אויס דעם וועג פון לעבען. די ברירה איז ביי אייך אין די הענט.

אויב עס וואָלט טאַקע געווען אמת, אַז אַלץ וואָס אַ מענש טוט ווערט באַשטימט פון אויבען, וואָלט דער גאַנצער תכלית פון זיין לעבען קיין האַפט ניט געהאָט. אַזאַ איינזייטיגעניש וואָלט דעם מענשען באַרויבט פון יעדער איניציאַטיווע צו שאַפען און טאָן: וואָרום זיך אָנטשרענגען און פאַרשווענדען ענערגיע, אויב אַלץ איז שוין פאַראויס באַשטימט? און ווידער, וואָס פאַר אַ זין האָבען קרבנות אָדער תפילות, צו בעטען ג׳, אַז ער זאָל אים העלפען אין זיינע מעשים, אויב אַלץ איז שוין באַשלאָסען געוואָרען פון לאַנג און קאָן שוין ניט געביטען ווערען? דערפאַר טאַקע, זאָגט הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל: „די בחירה חפשית", דעם מענשען׳ס פריווילעגקייט פאַר זיך צו באַשטימען וואָס ער האָט צו טאָן, איז איינע פון די יסודות, אויף וועלכע די אידישע אמונה איז באַגרינדעט. וואָלט די בחירה ניט איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם מענשען, וואָלט ער מיט דער צייט געוואָרען אויס מענש — אָדער ער וואָלט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מלאך, אָדער אין אַ ווילדער חיה" (ספר הערכים).

אין דעם איז באַשטאַנען די דיסקוסיע פון דער מטרוניתא און רבי שמואל בן חלפתא: זי פרעגט אים: אויב ג׳ האָט באַשאַפען זיין וועלט אין זעקס טעג און דער שיקזאַל פון אַלע באַשעפענישען איז פון אים דאַן באַשטימט געוואָרען, „מאותה שעה ועד עתה מה הוא עושה?" — וואָס טוט ער פון דאַן ביז איצט? וואָס פאַר אַ זין האָט תשובה און תפילה, אויב אַלץ איז שוין פאַראויס באַשטימט געוואָרען? רבי שמואל דערקלערט איר אָבער, אַז זי מאַכט אַ טעות. אמת טאַקע „הכל בידי שמים" — אַז אַלץ ליגט אין די הענט פון הקב"ה, מיט דעם אָבער ווערט ניט געמיינט, אַז דער מענש האָט ווייניג וואָס צו זאָגען איבער זיין שיקזאַל. פאַר יערען מענשען האָלט ג׳ אַ לייטער אין זיינע הענט, אויב ער וויל, קאָן ער קלעטערען ביז דער העכסטער הויך,

אָדער פּאַלען ביז דער נידעריגסטער שטופּע. די בחירה, דער אויסוואַל איז אין זיינע הענט.

אויף דאָס לעבען פון די פעלקער, זאָגט דער נביא אין היינטיגער הפטרה, איז געגליכען צו אַ לייטער. „כל גיא ינשא וכל הר וגבעה ישפלו״ — יעדעס נידעריג און געפאַלען פאָלק קאָן דערהויבען ווערען, און דאָס פאָלק, וואָס דענקט, אַז עס שטייט אויף אַ הויכען באַרג און איז שטאַרק און מעכטיג, קאָן נאָך דערנידעריגט ווערען.

ה.

ווי צוריקצוקריגען אונזער לאַנד

בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה.

„תניא: לעתיד לבא אין ישראל נגאלין אלא מתוך תשובה, מתוך רחמים ומתוך זכות אבות. וכן הוא אומר: בצר לך, ושבת עד ה׳ אלקיך — זו תשובה, כי אל רחום ה׳ אלקיך — זו רחמים. ולא ישכח את ברית אבותיך — זו זכות אבות״ — מיר האָבען געלערנט: אין דער צוקונפט וועלען אידען ניט אויס־געלייזט ווערען, נאָר דורך תשובה, דורך מיטלייד און דורך זכות אבות. און אַזוי זאָגט דאָ משה: ווען עס וועט דיר ענג ווערען, זאָלסטו זיך אומקערען צו דיין ג׳ — דאָס איז תשובה. ווייל דיין ג׳ איז אַ דערבאַרעמדיגער — דאָס מיינט מיטלייד, און ער וועט ניט פאַרגעסען דעם בונד מיט דיינע עלטערען — דאָס מיינט זכות־אבות (ירושלמי, תענית, פ״א, ה״א).

אויף דעם פסוק „וימת שם משה״ — און משה איז דאָרטען געשטאָרבען, זאָגען אונז די חכמים, אַז בלויז „שם״, דאָרטען, אין דעם ענגען קרייז פון זיין פאַמיליע, איז משה געשטאָרבען. פאַר דער גאַנצער מענשהייט אָבער, איבער־הויפּט פאַר די קומענדיגע אידישע דורות, „עומד ומשמש״ — שטייט ער נאָך אַלץ און דינט זיי (סוטה, י״ג, ע״ב). די דינים און משפטים, וואָס ער האָט אונז געגעבען, לעבען אייביג. זיינע וואָרנונגען און גוטע עצות, וואָס ער האָט פאַר זיין טויט געראָטען די אידען, דינען נאָך היינט פאַר די גרונטשטיינער, אויף וועלכע מיר קאָנען בויען דעם „בית ישראל״ אויף פעסטע יסודות. ער האָט

געקוקט, זאָגען אונז די חכמים דורך אַן „אספקלריא המאירה" — אַ ליכטיגע שפּאַקטיוו, און האָט אַרויסגעזען די ווייטע צוקונפט און אונז געלערנט ווי זיך אויסצוהיטען פון אַלע שטרויכלונגען, כדי צו קאָנען פאַרזעצען אונזער עקזיסטענץ.

זיין היינטיגע לעקציע איבער די אידעאַלען פון דער תורה הויבט ער אָן מיט זיין אייגענער טראַגעדיע: „וה׳ התאנף בי על דבריכם" — ג׳ האָט געצאָרנט קעגען מיר צוליב אייך, „וישבע לבלתי עברי את הירדן" — און ער האָט געשוואוירען, אַז איך וועל ניט אַריבערגיין דעם ירדן, „ולבלתי בא אל הארץ הטובה אשר ה׳ אלקיך נותן לך" — און אַז איך וועל ניט אַריינקומען אין דעם גוטען לאַנד, וואָס אייער ג׳ גיט אייך פאַר אַן ערב. איך אַליין קאָן זיך ליידער ניט באַטייליגען אין אייער גרויסער שמחה, ווען איר וועט ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק אויף אַן אייגענעם באָדען, צו וואָס איך האָב געשטרעבט מיין גאַנצען לעבען און אומצייליגע מאָל זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם.

„כי אנכי מת בארץ הזאת" — כאָטש איך שטאַרב דאָ אין דעם לאַנד און גיי ניט אַריבער דעם ירדן, „ואתם עוברים וירשתם את הארץ הטובה הזאת" — און איר זייט גליקליך, וואָס איר גייט אַריבער און וועט ערבען דיזען גוטען לאַנד, וואָרן איך אייך אָבער: „השמרו לכם פן תשכחו את ברית ה׳ אלקיכם אשר כרת עמכם" — היט זיך און פאַרגעסט ניט דעם בונד, וואָס ג׳ האָט מיט אייך געשלאָסען, „ועשיתם לכם פסל תמונת כל" — און מאַכט ניט פאַר אייך קיינע סטאַטוען פון געטליכע בילדער, וואָס איר זעט ביי אַנדערע. די סטאַטוען און בילדער, וואָס איר האָט געזען אַנדערע פעלקער בוקענדיג זיך צו זיי, זיינען בלויז פוסטע פאַנטאַזיעס און וועלען לאַנג ניט דויערען. אויב אין גלות האָבען זיי אייך אויסגעוויזען צו האָבען עטוואָס אַ ממשות, עפּעס אַ שטיקעל ווערט, אין אייער לאַנד אָבער האָבען זיי קיין אָרט ניט. דאָרט מוז הערשען מיין אומבאַגרענעצטער גייסט. דעריבער זאָלט איר דאָס ניט פאַרקלענערען דורך סטאַטוען און בילדער פון גלות־אָפּגעטער. געטער, וועלכע מען קאָן מאָלען און נאָכמאַכען, זיינען קיין געטער ניט און זיינען בלויז אילוזיעס פון קראַנקע מוחות...

די אידישע אמונה און איר תורה זיינען אייביגקייטען, און אייביגקייט איז אָריגינאַל און לאָזט זיך ניט נאָכמאַכען. אויב איר וועט אַריינברענגען סטאַטוען און בילדער פון פרעמדע קולטורען און גלויבענס אין לאַנד, „העידותי

בכם היום את השמים ואת הארץ" — שטעל איך היינט קעגען אייך עדות הי־מעל און ערד, „כי אבד תאבדון מהר מעל הארץ" — אַז איר וועט שנעל פאַר־לאָרען גיין פון דאָס לאַנד. ער שטעלט הימעל און ערד פאַר עדות זאָגט דער מדרש, „לפי שהם קיימין לעולם וישראל קיימין לעולם, לכך הזמינם לעדות שיקיימו ישראל התורה והמצוות" — ווייל אַזוי ווי הימעל און ערד עקזיסטירען פאַר אימער און די אידען עקזיסטירען פאַר אימער, דערפאַר האָט ער זיי איינגע־לאַדען צו זיין עדות, אַז די אידען וועלען מקיים זיין די תורה און מצוות (תנחומא האזינו). הימעל און ערד זיינען אָריגינעלע שאַפונגען פון ג' אַליין און קיינער קאָן זיי ניט נאָכמאַכען, אַזוי איז אויך זיין תורה און אמונה. זיי זיינען אָריגינעל און וועלען אייביג בלייבען דער מקור פון אַלע גלויבענס.

די הימלען זיינען עדות קעגען דעם אידען, ווייל אַזוי גיך ווי ער פאַר־בייט זיין אָריגינעלע תורה אויף די נאָכגעמאַכטע תורה'ס פון די פעלקער, צווישען וועלכע ער וואוינט, ווערען זיינע הימלען באַצויגען מיט שווערע וואָל־קענס, וועלכע פאַרשטעלען פאַר אים דאָס שיין פון דער זון און ער מוז נעבאַך אַרומבלאָנדזשען אין פינסטערע מדבריות פון שווערע און סכנות'דיגע גלות'ן. אויך די ערד זאָגט עדות קעגען אים, ווייל ארץ־ישראל איז ניט גלייך צו אַלע אַנדערע לענדער. זי האָט אין זיך אָריגינעלע כחות, וואָס קיין אַנדער לאַנד האָט ניט; פאַרבאָרגענע אייגענשאַפטען, וואָס נאָר די אידען מיט זייער אמונה און געטריישאַפט קאָנען אַרויסברייגען. פאַר פרעמדע פעלקער און פרעמדע גלוי־בענס האָט זי זיך תמיד אַנטזאָגט צו פּראָדוצירען און אַרויסגעבען אירע באַ־האַלטענע אוצרות.

וועט איר אָבער, נאָכדעם ווי איר וועט קומען אין אייער לאַנד, זוכען זיך צו שמייכלען צו אייערע שכנים און נאָכמאַכען זייערע זיטען און מנהגים, וואָרן איך אייך: „לא תאריכון ימים עליה" — אַז איר וועט זיך אויף איר ניט על־טערן. ארץ־ישראל פאַרטראָגט ניט קיין פרעמדס און זי וועט אייך פון איר ערד אַראָפּטרייסלען, „והפיץ ה' אתכם בעמים ונשארתם מתי מספר בגוים" — ג' וועט אייך פאַרשפּרייטען צווישען פאַרשיידענע פעלקער און איר וועט דאָרט פאַרבלייבען אַ מינדערהייט צווישען די נאַציאָנען. און אַלס אַ שטענדיגע מינ־דערהייט וועט איר דאָרט פאַרלירען אייער אייגענאַרטיגקייט, „ועבדתם שם אלקים מעשה ידי אדם, עץ ואבן" — און איר וועט דאָרט זיין געדריקט צו דינען מענשען־געמאַכטע געטער פון שטיינער און האָלץ. איר וועט פאַרשווענדען

אייערע כחות פאַר פרעמדע און אייך וועט זיך פון אייער גאַנצער מי גאַרנישט אָפּשטעלען.

די אומדערטרעגליכע לאַגע פון זיין איבעראַל אַ „מתי מספר״, אַ שטענדיגע מינדערהייט, — וועלכע ווערט אין בעסטען פאַל בלויז געדולדעט אָבער ניט געאַכטעט, וועט אין אייך אַרויסרופען אַן „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס״ — אַ געפיל פון מינדערוויכטיגקייט, וואָס לאָזט אייך ערגעץ ניט דעם קאָפּ אויפצוהויבען, „ובקשתם משם את ה׳ אלקיך״ — און איר וועט פון דאָרט אָנפאַנגען זוכען אייער אייגענעם ג׳, וועלכער זאָל אייך מוטיגען און טרייסטען, „ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך״ — איר וועט אים אָבער ערשט דאַן געפינען אויב איר וועט אים זוכען מיט אייערגאַנצען האַרץ און מיט אייער גאַנצער זעל. ערשט דאַן, ווען איר וועט קומען צו דער ריכטיגער איבערצייגונג, אַז די פרעמדע געטער, וואָס איר האָט ביז איצט געדינט, זיינען געוועזן בלויז „פסילים ותמונות״ — סטאַטועז און בילדער פון פאַלשע אילוזיעס און איינריידענישען, וואָס האָבען אייך קיין נוצען ניט געבראַכט, וועט איר צוריק באַקומען דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ, וואָס האָט אייער פאָלק קיינמאָל ניט געלאָזט אונטערגיין.

ווי טיפזיניג דריקען זיך אויס די חז״ל איבער דיזען געדאַנק: „לאחר שעבד מנשה כל עבודת כוכבים שבעולם ולא הועילו לו מצרתו כלום, אמר, זכור אני שהיה אבא מקריא אותי את הפסוק הזה בביהכנ״ס: בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה, ושבת עד ה׳ אלקיך״ — נאָכדעם ווי מנשה האָט אויסגעדינט אַלערליי פרעמדע שטערען און קיינער פון זיי האָט אים ניט געהאָלפען אין זיין נויט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין פאָטער האָט פאַר אים פאַרגעלייענט אָט דעם פסוק אין שול: אַז דיר וועט ענג ווערען און עס וועלען דיר טרעפען אָט די אַלע צרות, זאָלסטו זיך אומקערען צוריק צו דיין ג׳ (ירושלמי, סנהדרין, פ״י, ה״ב). ווען די „מנשה׳ס,״ די וועלכע האָבען געזוכט צו פאַרגעסען דעם אידישען מקור און איבעראַל געדינט פרעמדע שטערען, וועלכע האָבען זיי פון צייט צו צייט צוגעוואָרפען אַ קאָלט ליכט, זעהען זיך אַרום, אַז פון אַלע זייערע האָפענונגען אויף די פרעמדע האָט זיך גאַרנישט אויסגעלאָזען, ערשט דאַן דערמאָנען זיי זיך אָן זייער אייגענער אמונה און ווערען באַוואוסטזיניג אויף זייערע נאַציאָנאַלע פליכטען.

ווי וועט זיך די ענדגילטיגע גאולה געשטאַלטען און וואָס וועלען זיין די

דרכים, וואָס וועלען פירען די אידען צוריק צו זייער לאַנד? אויף דעם, לערנען אונז די חכמים, האָט משה אָנגעוויזען אין דער היינטיגער סדרה. אידען וועלען אויסגעלייזט ווערען, ערשטענס, דורך תשובה — „ושבת עד ה׳ אלקיך" — זיך מיט׳ן גאַנצען האַרצען צוריקקערען צו זייער אייגענער אמונה. צווייטענס, דורך „רחמים" — „כי אל רחום ה׳ אלקיך" — ווען ג׳ וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק, און דריטענס, דורך „זכות אבות" — „ולא ישכח את ברית אבותיך" — ניט צו פאַרגעסען דעם בונד, וואָס ג׳ האָט געשלאָסען מיט די אידישע אבות, אַז ארץ־ישראל וועט פאַרבלייבען זייער היימלאַנד. מיר זעהען, אַז אין די פאַרהאַנדלונגען, וואָס ווערען איצט אָנגעפירט פון דער „דזשואיש איידזשענסי" מיט דער קאָמיטע פון די „יונייטעד ניישאָנס", ווערען אַקצענטירט דיזע פונקטען, און לאָמיר האָפען, אַז דאָס וועט ברייגען די גאולה.

הפטרה

איר מוזט זיך אַליין טרייסטען

וכל בשליש עפר הארץ.

„סיקוסים נתן הקב"ה ליעקב ואמר לו: כשיגיעו בניך עד עפר הארץ, אותה שעה ופרצת ימה וקדמה" — טרייסטונגען האָט דער אויבערשטער געגעבען צו אונזער פאָטער יעקב און אים געזאָגט: ווען דיינע קינדער וועלען דערנידע־ריגט ווערען ביז צו די שטויב פון דער ערד, צו יענער צייט וועסטו זיך שטאַר־קען אין מערב און אין מזרח (שמו"ר כ"ה).

נאָך „תשעה באב" — „שבת נחמו"; נאָך דעם טרויעריגסטען קלאָג־ליד פון „איכה ישבה בדד," קומט גלייך די מוטיגע און פרייליכע בשורה פון „נחמו, נחמו עמי" — אָט אַזוי דרייט זיך דער אומפאַרשטענדליכער כשוף־קרייז, אין וועלכען דער שיקזאַל פון דעם אידישען פאָלק איז איינגעקלאָמערט און וואַרט פאַר אַן אויסוועג באַפרייט צו ווערען...

ווען גב"ה האָט געוויזען אונזער פאָטער אברהם די שטערן אין הימעל און אים געזאָגט „כה יהיה זרעך" — אָט אַזוי וועלען זיין דיינע קינדער, זאָגען אונז די חכמים, אַז ער האָט אים אָנפאַרטרויט, אַז דער „מזל," דער שיקזאַל פון

זיינע קינדער הייסט מיט דעם נאָמען „כה" (מדרש שה"ש זוטא א׳). „אָט אַזוי איז עס און מסתמא דאַרף אַזוי זיין" — דאָס איז דער שטומער ענטפער, וואָס מיר אידען קריגען אויף אַלע אַנגעווייטאָגטע פראַגעס איבער דעם טרויעריגען שיקזאַל פון אונזער פאָלק אין אַלע לענדער און אַלע צייטען...

ירמיהו הנביא זעט ווי דער בית־המקדש ווערט פאַרברענט, די שיינע און גרויסע שטאָט ירושלים ווערט חרוב און דאָס פאָלק ווערט פאַרטריבען פון זיין לאַנד, שרייט ער אויס מיט ווימוט: „איכה!" „אי כה שאמר הקב"ה?" — וואו איז דער „כה," וואָס ג׳ האָט פאַרשפּראָכען צו אונזער פאָטער אברהם? (מדרש איכה, א׳). איז דאָס דער „אַזוי," וואָס דער אויבערשטער האָט געמיינט, שטענדיג צו וואַנדערען, אימער צו זיין נע ונד?... און דיזעלבע פראַגע ווערט געשטעלט נאָך אַלע אומגליקען און חורבנות, וואָס מיר אידען האָבען דורכצומאַכען אויף אונזערע לאַנגע וואַנדערונגען: „אי כה?" וואו און וואָס מיינט דער געטליכער פאַרשפּרעכען, אַז אַזוי וועלען זיין דיינע קינדער? ווי לאַנג נאָך וועלען מיר מוזען וואַרטען פאַר אַן ענטפער?...

דער נביא ישעיה פון היינטיגער הפטרה זוכט אונז צו געבען אַן ענטפער אויף דער דאָזיגער האַרצרייסענדער פראַגע און זאָגט: נחמו, נחמו עמי, יאמר אלקיכם" — אויב איר ווילט געטרייסט ווערען, זאָגט ג׳, טרייסט זיך אַליין. מיט אייערע אייגענע כחות און מיט דעם כח פון אייער גלויבען „פנו דרך" רייניגט דעם וועג פאַר אייער גאולה. „ישרו בערבה מסילה" — טרעט אויס אין דער מדבר פון דעם גרויסען און פינסטערען גלות אַ שטעג, וואָס וועט אייך פירען צו אייער באַפרייאונג. וועט איר מיט פאַראייניגטע כחות זוכען פריי צו ווערען, דאַן „כל גיא ינשא וכל הר וגבעה ישפלו, והיה העקב למישור והרכסים לבקעה" — אַלע נידעריגע טאָלען וועלען דערהויבען ווערען; יעדער באַרג אָדער הויכע שטערונג וועט דערנידריגט ורען, אַלע קרומקייטען וועלען אויסגעגליכען ווערען און די שווערע וועגען וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין פלוינען.

שענקט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו די הויכקלינגענדע רעדעס פון די זאָגענאַנטע וועלט־פאַרזאָרגער, וואָס פאַרשפּרעכען ישועות ונחמות פאַר דער גאַנצער מענשהייט. זיי האָבען אייך ווייניג אין זינען. אייער לאַגע רירט ניט דייערע הערצער און אייער צוקונפט אינטערעסירט זיי ניט. „קול אומר קרא" — די שטימע פון דער וועלט־געשיכטע האַלט אייך אין איין וואָרנען: „כל

הבשר חציר וכל חסדו כציץ השדה״ — אַלע מאַטעריאַליסטישע פעלקער זיינען גראָז און זייערע גענאָדען און גוטע הבטחות זיינען ווי די שפּראָצונגען פון פעלד. „יבש חציר נבל ציץ, כי רוח ה׳ נשבה בו״ — אויסגעטריקענט ווערט דאָס גראָז און צעפוילט ווערען די שפּראָצונגען, אַז אַ געטליכער ווינטעל גיט אַ בלאָז איבער זיי. „אכן חציר העם״ — און דער רעזולטאַט איז, — אַז דאָס פאָלק, וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיי, ווערט אויך ווי גראָז פאַרוויאַנעט און אויס־געטריקענט.

אויב איר ווילט פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, גיט זיך ניט אָפּ בלויז מיט קלאָגען „איכה ישבה בדד״ — וואַרום זייט איר אָפּגעזונדערט פון אַלע פעלקער? „על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון״ — אויף אַ העכערער ניוואָ שטעלט אַרויס אַייערע פאָדערונגען פאַר ציון. „הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים״ — הויבט אויף מיט כח אייער שטים וואָס פאָדערט ירושלים. „הרימי אל תיראי״ — הויבט אויף און שרעקט זיך ניט. „אמרי לערי יהודה הנה אלקיכם״ — זאָגט צו די שטעט פון יהודה, אַז אַזוי איז דער ווילן פון ג׳, וועלכער האָט געגעבן „סיקוסים״ — פאַרשפּרעכונגען צו אונזער פאָטער יעקב, אַז „וכל בשליש עפר הארץ״ — ער וועט איינזאַמלען אין אַ מאָס דאָס אידישע פאָלק, ווען זי וועט פאַלן ביז צו די שטויב פון דער ערד...

עקב

א.

מן, וואָס די אידען האָבען געגעסען אין מדבר

ויענך, וירעיבך, ויאכילך את המן.

„רבי אמי ורבי אסי, חד אמר: אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו, וחד אמר: אינו דומה מי שרואה ואוכל למי שאינו רואה ואוכל. אמר רבי יוסף: מכאן לסומין שאוכלין ואינן שבעים״. — רבי אמי און רבי אסי גיבען אָן פאַרשידענע מיינונגען איבער דעם פסוק: איינער זאָגט: „מען קאָן ניט פאַרגלייכן איינעם, וואָס האָט ברויט אין זיין קאָרב, צו איינעם, וואָס האָט ניט קיין ברויט אין זיין קאָרב״. דער צווייטער זאָגט: „מ׳קאָן ניט פאַרגלייכען איינעם, וואָס זעט וואָס ער עסט, צו איינעם, וואָס זעט ניט וואָס ער עסט״. רבי יוסף זאגט: „פון דאַנען איז געדרונגען, אַז בלינדע עסען און ווערען ניט זאַט״. (יומא ע״ד, ע״ב).

די הויפט־טעמע פון היינטיגער סדרה ווערט אויסגעדריקט אין די ערשטע איניגע ווערטער: „והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם״ — וואָס וועט זיין מיט די אידען, אַז זיי וועלען אויספאָלגען די געזעצען פון דער תורה, זיי אָפּהיטען און דורכפירען אין לעבען? ער ווייזט זיי אויף אין זיינע דערקלערונגען, אַז אַלע מצוות און געבאָטען פון דער תורה פירען צו איין־און־דעמזילביגען ציל — „למען תחיון ורביתם״ — כדי דאָס פאָלק זאָל תמיד לעבען און וואַקסען. „ברוך תהיה מכל העמים, לא יהיה בך עקר ועקרה״ — איר וועט זיין געבענשט מער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, ווייל איר וועט ניט זיין קינדערלאָז. די תורה וועט האַלטען אייערע קינדער פאַר־איניגט מיט זייער פאָלק און עס וועט אימער לעבען בלייבען. „כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה ממני״ — אויב איר וועט טראַכטען ביי זיך אין האַרצען, אַז די פיינטליכע פעלקער זיינען פיל מער און גרעסער פאַר אייך, ווי אַזוי דען וועט

איר קאָנען עקזיסטירען, זאָג איך אייך: „אל תירא מהם״ — האָט ניט קיין מורא פאַר זיי. „זכר תזכור את אשר עשה ה׳ אלקיך לפרעה ולכל מצרים״ — געדענקען זאָלט איר, וואָס ג׳ האָט געטאָן צו פרעה און גאַנץ מצרים. אַ גרויס און מעכטיג פאָלק, וואָס האָט אייך הונדערטער יאָרען געהאַלטען אין שקלאַפעריי, און איר האָט אודאי געמיינט, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלען, און איר וועט קיינמאָל ניט פריי ווערען. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז איר האָט זיי איבערגעלעבט. „כן יעשה ה׳ אלקיך לכל העמים אשר אתה ירא מפניהם״ — אַזוי וועט ג׳, דיין ג׳, טאָן צו אַלע פיינטליכע פעלקער, פאַר וועמען איר האָט מורא.

און דיזעלבע געשיכטע האַלט זיך אין איין ווידערהאַלען. ווער עס האָט זיך נאָר אָפּגעגעבען מיט שטודירען די אידישע היסטאָריע, קאָן זיך ניט אָפּ־וואונדערען אויף דער רעטזעלהאַפטער דערשיינונג פון אַ פאָלק צו קאָנען עקזיס־טירען אַזוי לאַנג אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווי די אידען האָבען איבערגעלעבט אין זייער לאַנגען און טויעריגען גלות. פון וואַנען האָבען זיי געצויגען די קרעפטען צו קאָנען ווידערשטיין די בייזוויליגע און אָפטע אָנפאַלען פון זייערע שונאים, וואָס האָבען געזוכט זיי צו פאַרטיליגען און אָפּמעקען זייער נאָמען פון אונטער די הימלען? און די באַוואונדערונג פון די היסטאָריקער ווערט נאָך גרעסער, ווען די אידישע געשיכטע באַווייזט זיי, אַז נאָך יעדען אָנפאַל, נאָך יעדען גרויזאַמען אָנגריף פון זייערע אַנטיסעמיטישע שכנים, זענען די אידען אַרויס פיל קרעפטיגער אַלס פאָלק און מער געשטאַרקט אין זייער באַשלוס צו קעמפען ווייטער פאַר זייער עקזיסטענץ און באַפרייאונג.

די גרעסטע פון די היסטאָריקער, וועלכע זענען ניט פאַר׳סמ׳ט פון פאַר־אורטיילען, זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אידישע שטאַרקייט און אויסדויער נעמען זיך פון זיין תורה. די תורה האָט געדינט די אידען אַלס זייער אייגענע קאָנסטיטוציע אין אַלע לענדער פון זייער גלות, און האָט זיי געהאַלטען אַלס באַזונדער פאָלק צווישען די פעלקער, וואו זיי האָבען געוואוינט. די באַזונדערע חוקים ומשפטים, וואָס די תורה האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, האָבען זיי געהאַלטען פאַראייניגט אַלס פאָלק, איבעראַל, אָפּגעזען פון דעם אָרט אָדער אומשטענדען, איז זייער רעליגיעז לעבען געווען איינס־און־דאָסזעלבע. זייערע שבתים און ימים טובים האָבען געטראָגען דעמזעלבען כאַראַקטער; זייערע שולען האָבען זיך אויפגעפירט לויט דיזעלבע מנהגים און טראַדיציעס. און אפילו זייער טאָג־טעגליך לעבען האָט געטראָגען אַן אייגענאַרטיגקייט, וואָס האָט זיי געמאַכט

פאַרשיידען פון זייערע שכנים און זיי געהאַלטען אין די ראַמען פון זייער אייגען פאָלק.

אַלס בעסטען באַוויז, ווי אַזוי זיי ווערען באַשיצט פון דער תורה, גיט ער זיי אָן דעם „מן״, וואָס זיי עסען אין מדבר. „ויענך וירעיבך ויאכילך את המן אשר לא ידעת ולא ידעון אבותיך״ — נאָכדעם אַז ער האָט אייך געפּייניגט און אויסגעהונגערט, האָט ער אייך געגעבען עסען דעם מן, וואָס ניט איר און ניט אייערע עלטערען האָבען געוואוסט. מיר דער קבלת התורה ביים באַרג סיני האָבען אידען שותפות געמאַכט מיט׳ן הימעל און מיט דער ערד, זיי זאָלען ביידע גלייך ביישטייערען צו זייער עקזיסטענץ. זענען זיי אויף זייער אייגען לאַנד, לעבען זיי פון דער ערד. פאַרטרייבט זיי דער שיקזאַל אין פרעמדע לענדער, וואו די ערד איז פאַר זיי אַ מדבר און פראַדוצירט גאַרנישט, ציען זיי זייער הויפּט חיונה פון די הימלען. „למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם״ — דאָס איז, כדי איר זאָלט וויסען, אַז ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער איד, נאָר אויף דעם, וואָס קומט אַרויס פון ג׳ס מויל, לעבט ער. אין דעם ליגט דער כוח פון דער אידישער אומה: קאָן עס ניט געניסען „משמני הארץ״ — פון דער פעטקייט פון דער ערד, לעבט עס „מטל השמים״ — פון׳ם טוי פון זיינע הימלען — זיין תורה און זיין אמונה.

אידען זאָלען זיך אָבער ניט איינרעדען, אַז דעם מן, וואָס זיי עסען אין מדבר פון גלות, איז אַ זיכער ברויט. ער איז בלויז אַ „לחם הקלקל״ — אַלייכט ברויט. דאָס לעבען אין גלות איז אַ ווינט־לעבען, אָהן אַ פעסטען באָדען אונטער די פיס. „אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו״ — מען קאָן ניט פאַרגלייכען דעם, וואָס האָט ברויט אין זיין קאָרב, צו דעם, וואָס האָט ניט קיין ברויט אין זיין קאָרב. אין אַן אייגען לאַנד איז מען זיכער מיט דעם, וואָס מען האָט. אין גלות אָבער קאָן דער ברויט־קאָרב פּלוצלינג אויסגעליידיגט ווערען. אויסער דעם, איז דאָס גלות־לעבען אָהן אַ צוקונפט. „אינו דומה מי שרואה ואוכל למי שאינו רואה ואוכל״ — מ׳קאָן ניט פאַרגלייכען דעם, וואָס זעט פון וואַנען זיין ברויט קומט, צו דעם, וואָס זעט ניט. „סומין אוכלים ואינם שבעים״ — די, וואָס זענען פאַרבלענדט פון גלות, עסען און ווערען קיינמאָל ניט זאַט. „נכסי דחוץ לארץ אין בהם מזל ברכה״ — די גיטער, וואָס איר דערווערבט אין פרעמדע לענדער, האָבען ניט קיין מזל ברכה.

הפטרה

די אַטאָמישע באָמבע וועט ניט פירען צו שלום

לכו באור אשכם ובזיקות בערתם.

„פעם אחת נפלה ביצת בר־יוכנא וטבעה ששים כרכים ושברה שלש מאות ארזים״ — איינמאָל איז אַראָפּגעפאַלען אַן איי פון דעם פויגעל בר־יוכנא און האָט איינגעזונקען זעכציג שטעט און צעבראָכען דריי הונדערט צעדער־בוימער (בכורות נ״ז, ע״ב).

די אויגען פון דער גאַנצער וועלט זענען היינט געריכט צו דעם אינזעל ביקיני, אויפ׳ן פּאַסיפישען אָקעאַן, וואו די מיליטערישע באַאַמטע פון אַמעריקע מאַכען איצט פאַרשידענע עקספּערימענטען מיט דער אַטאָמישער באָמבע. ווי באַקאַנט, האָט די אַטאָמישע באָמבע פאַראורזאַכט אַ גרויסע איבערקערעניש אין די לעצטע טעג פון דער מלחמה אין יאַפּאַן, און זי געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צו די אַליאירטע מלוכות און בעטען שלום. בלויז צוויי אַזעלכע באָמבעס האָבען אין עטליכע מינוט צייט חרוב געמאַכט צוויי גרויסע יאַפּאַנישע שטעט, הירא־שימאַ און נאַגאַסאַקי, און געטויט צענדליגער טויזענטער מענשען פון זייערע איינוואוינער. די מיליטערישע מאַכט פון יאַפּאַן איז אויפגעציטערט געוואָרען און האָט איינגעזען, אַז אויב די מלחמה זאָל זיך פאַרציען, קאָנען אַזעלכע באָמבעס חרוב מאַכען דאָס גאַנצע לאַנד און אויס׳הרג׳ענען זיין גאַנצע באַפעלקערונג.

די איצטיגע עקספּערימענטען אַרום דעם אינזעל ביקיני ווערען געמאַכט מיט׳ן צוועק אויסצוגעפינען דעם כוח פון דער אַטאָמישער באָמבע און צו באַשטימען, ווי און אויף וועלכען אופן מען זאָל זי אַרונטערשיסען, כדי צו קאָנען ברענגען וואָס־מער שאָדען און צעשטערונג. אויך וועט מען פון די עקספּערימענטען קאָנען גענוי לערנען, ווי צו פאַרפולקאָמענען און פאַרשנעלערען די פאַבריקאַציע פון דידאָזיגע מלאכי חבלה. דערווייל איז די שאַפונג פון דער אַטאָמישער באָמבע נאָך דער סוד פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע האָט שוין פאַרשווענדעט איבער צוויי ביליאָן דאָלאַר אויף איר דערפינדונג און אַנטוויקלונג. און ווער ווייסט וויפיל נאָך ביליאָנען דאָלאַר דער דאָזיגער שרעקליכער מחבל וועט אָפּקאָסטען די טעקס־צאָלערס פון אונזער פרייער און פרילדיכער מדינה.

די עקספּערימענטען, וואָס ווערען געמאַכט, זענען איינגעטיילט געוואָרען אין

דריי טיילען. איין באַמבע איז שוין געוואָרפען געוואָרען פון אַ גוואַלדיגער הויך איבער אַ געזעמעל פון שיפען און חיות, און דער שאָדען, וואָס דאָס האָט פאַראור־זאַכט האָט צופרידענגעשטעלט די מלחמה־עקספּערטען אין אַמעריקע. אַ צווייטע באַמבע איז געוואָרפען געוואָרען נאָענט ביים וואַסער און געבראַכט פיל מער שאָדען ווי די ערשטע. אַ דריטע באַמבע וועט געוואָרפען ווערען טיף אונטער׳ן וואַסער, און דאַסמאָל, זאָגען די עקספּערטען, וועט דער חורבן זיין אומגעהויער גרויס. ניט נאָר וועלען אַלע שיפען, וואָס וועלען זיך געפינען אין די אַרומיגע וואַסערען געזונקען ווערען פון דעם אויפבּרויז פון די כוואַליעס — זיי דערוואַרטען אויך, אַז דער גאַנצער אינזעל וועט אויפגעריסען ווערען און פאַרשווינדען...

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלע מלוכות פון דער וועלט זיינען אין שרעק. וואָרים אויב די באַמבע זאָל זיך אַרויסווייזען צו האָבען דעם כוח, וואָס די עקס־פּערטען באַהויפּטען, וועט זי אין צייט פון מלחמה קאָנען אומברענגען די גאַנצע מענשהייט. די רעגירונג, וואָס באַזיצט דעם סוד פון אַזאַ מחבל, וועט לייכט קאָנען ווערען די הערשערין פון דער וועלט און צווינגען אַלע מלוכות צו זיין אונטערוואָרפען אונטער איר. דערווייל האָט אַמעריקע און איר שותפ׳טע ענגלאַנד, וועלכע באַזיצען דעם סוד, ניט אַרויסגעוויזען קיין נייגונג אים צו אַנטפּלעקען אויך צו די אַנדערע רעגירונגען פון דער וועלט. די פאַרבאַרייטונגען פאַר די עקספּערימענטען ווערען געהאַלטען שטרענג אין געהיים און קיינעם איז ניט דערלויבט צו שרייבען אָדער צו רעדען אָפען איבער דעם.

די אַטאָמישע באַמבע, מיט וועלכער מען האָט זיך באַנוצט אין די עקס־פּערימענטען ביים אינזעל ביקיני, זאָגט מען אונז, איז געווען אַזוי גרויס ווי אַן איי. און איך קלער: אפשר איז אַזאַ זאַך פאַרגעקומען מיט טויזענטער יאָרען צוריק. און אונזערע חכמים, כדי אויסצומיידען די צענזור און דאָך איבערגעבען די גרויסע געשעהעניש פאַר די צוקונפטיגע דורות, האָבען עס פאַרצייכענט אין דער דאָזיגע אַלעגאָרישער פאָרם: „פעם אחת״ — איינמאָל, אין אַ געוויסען לאַנד, „נפלה ביצת בר־יוכנא״ — איז אַראָפּגעפאַלען אַן איי פון אַ געוויסען פויגעל. און זיין צעשטערענדע קראַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז „טבעה ששים כרכים ושברה שלש מאות ארזים״ — זעכציג שטעט זענען דערטרונקען געוואָרען און דריי הונדערט צעדערביימער זענען צעבראָכען געוואָרען.

איך ווייס, אַז מיט דעם דאָזיגען געדאַנק וועל איך זיך שטאַרק פאַרזינדיגען פאַר אונזערע משכילים און אַלץ־ווייסערס, וועלכע האָבען אַ גוואַלדיגע הנאה צו

חוזק׳ן איבער די משונה׳דיגע מעשה׳לעך, וואָס ווערען אָפט דערציילט אין דער גמרא און אין מדרש. זיי וועלען מיר אַוודאי אַרויסוואַרפען פון דער השכלה׳שער חברה און נאָך דערקלערען פאַר אַ שווארץ־מאה׳ניק. אָבער זאָלען זיי מיר אַנטשולדיגען, אויב איך וועל זיי זאָגען, אַז כמעט אַלע מעשה׳לעך, וואָס ווערען דערציילט אין אונזערע הייליגע ספרים, האָבען אַ היסטאָרישען אָדער מאָראַלען אינהאַלט, וועלכען זיי האָבען פיל מאָל געדאַרפט פאַרדעקען, כדי אויסצומיידען די פאַרשידענע צענזורס. אויב אַ מעשה׳לע זייערס קלינגט פאַר אונז ווילד און אומפאַרשטענדליך, איז עס דערפאַר, ווייל מיר אַליין זענען אומוויסענד און וויסען ניט די געשעהעניש, וואָס האָט פאַסירט, און וואָס זיי ווילען אונז איבער־געבען.

וועגען דער אויבענציטירטער מעשה׳לע אין דער גמרא ווערט צווישען די ליבאַוויטשער חסידים דערציילט, אַז זייער אַלטער רבי, ר׳ מנחם מענדל ע״ה, האָט געהאָט אַ וויכוח מיט אַ רוסישען מיניסטער. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט אַרויס־געגעבען די גזרה, אַז אידען טאָרען ניט וואוינען אין שטעט 50 מייל אַרום די גרעניצען. די דאָזיגע גזירה האָט געמיינט, אַז צענדליגער טויזענטער אידען, וואָס געפינען זיך אין איבער זעקס הונדערט שטעט, מוזען עוקר זיין פון זייערע היימען און פאַרלירען זייער חיונה. די אידען האָבען דאַן אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון באַרימטע רבנים און רביים זיי זאָלען פאָרען קיין פעטערבורג און זיך באַמיען אָפּצושרייען די שרעקליכע גזרה. אין דער קאָמיטע האָט זיך אויך געפונען רבי מנחם מענדל פון ליבאַוויטש.

די ערשטע אוידיענץ איז פאָרגעקומען ביים מיניסטער פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. בעת׳ן געשפראַך מיט אים האָט ער שאַרף קריטיקירט דעם תלמוד, אין וועלכען עס געפינען זיך אַזעלכע ווילדע גוזמאות, ווי די דאָזיגע מעשה׳לע. האָט אים דער ליבאַוויטשער רבי געענטפערט: „זאָלען מיר נעמען די נייע גזרה, לויט וועלכער עס ווערט פאַר אידען פאַרבאָטען צו וואוינען אין אַ שטח פון פופציג מייל אַרום די גרענעצען און די אידען האָבען דעריבער פאַרלוירען זייער וואוינרעכט אין זעקס הונדערט שטעט. איצט שטעלט זיך פאָר, אַז ווען זי דעם וועלענדיג די זאַך זאָל פאַרבלייבען לזכרון פאַר די שפּעטערדיגע דורות, און מורא האָבענדיג צו קריטיקירען עפענטליך די גזרה פון מלכות, נעם איך און פאַרשרייב עס ביי מיר אין בוך ברמז, נעמליך: „עס איז געוועזן אַמאָל אין

רוסלאַנד אַ גרויסער, מעכטיגער הערשער, וועלכער האָט באַוויזען אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען, אַז אין איין טראָפּען טינט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלען פון זיין פעדער, זענען דערטרונקען געוואָרען גאַנצע זעקס הונדערט שטעט".

„ווען מענשען וועלען עס לייענען אין טויזענטער יאָרען אַרום, וועלען זיי זיך אויסלאַכען און זאָגען, אַז דער שרייבער דערפון איז זיכען געווען אַ גרויסער שוטה און נאָך אַ גרעסערער ליגנער. אָבער היינט פאַרשטייען אַלע גאַנץ גוט וואָס מען מיינט דערמיט, און אַז עס איז אויף אַ האָר נישט איבערטריבען... דאָסזעלבע איז אויך מיט די אַלע זאַכען, וואָס ווערען דערציילט דורך די חכמי התלמוד. פאַר אונז, נאָך אַ ווייטקייט פון טויזענטער יאָרן, קלינגט דאָס אַלץ וואונדערליך, משונה'דיג, אָבער די מענשען, וואָס האָבען געלעבט נאָענט צו זייער דור, האָבען געוואוסט צו וואָס דאָס באַציט זיך, וואָס עס ווערט געמיינט דערמיט, און אַז דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבען געשריבען, איז אמת וצדק". (ב. יאושזאָן).

מיט דער „ביצת בר־יוכנא", אָדער די אַטאָמישע־באָמבע, זאָגען אונז די גרויסע פּאָליטישע פירער, וועט מען פאַרזיכערען דעם שלום פון דער וועלט. וויסענדיג וואָס פאַר אַ גרויסע חורבנות זי קאָן ברענגען, וועלען זיך די פעלקער אָפּהאַלטען פון מלחמות. דאָס איז אָבער אַ פאַלשע טעאָריע. דיזעלבע באַהויפּ־טונגען האָבען מיר געהערט ווען די מלוכות האָבען אָנגעפאַנגען בויען סוב־מאַרינס און עראָפּלאַנען. אַלע האָבען דאַן באַטאָנט, אַז די דאָזיגע גרויסע צושטע־רענדע כוחות ווערען געבויט, כדי צו פאַרהיטען די וועלט פון מלחמות. וויסענדיג, אַז מיט די דאָזיגע נייע מלאכי חבלה וועט מען לייכט קאָנען פאַרניכטען מיליאָנען לעבענס און ברענגען אַזעלכע עקאָנאָמישע שאָדענס, וואָס וועלען פאַראָרימען די וועלט, וועלען זיך די פעלקער אָפּהאַלטען פון דערקלערען קריג איינס קעגען אַנדערען. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז אין אַ קורצען משך פון בלויז פינף־און־צוואַנציג יאָר זענען פאָרגעקומען צוויי גרויסע וועלט־מלחמות, און טראָץ די גרויסע פאַרלוסטען פון לעבענס און פאַרמעגענס, איז מען נאָך גאַנץ ווייט פון שלום. די גרויסע שרעק פאַר דער אַטאָמישער באָמבע האַלט ניט אָפּ אונזערע וועלט־פירער פון טראַכטען און פּלאַנעווען אַ דריטע מלחמה.

דאָס, וואָלט איך וועלען זאָגען, ווערט אָנגעדייט אין דער היינטיגער הפטרה. רעדענדיג צום אידישען פאָלק און זוכענדיג אים צו טרייסטען, פאַר־שפּרעכט דער נביא ישעי', אַז דער אויבערשטער האָט זיין פאָלק ישראל ניט

פאַרלאָזען און ניט פאַרגעסען. זיין צייט וועט קומען און עס וועט צוריק אויפגעריכט ווערען. די פעלקער, וועלכע שטערען אים אין זיין באַפרייאונג, וועלען קריגען זייער שטראָף. און ער זאָגט צו זיי אַלעמען: „הן כלכם קדחי אש״ — איר זענט אַלע פאַרקאָכט פון די פייערען, „מאזרי זיקות״ — איר וואַרפט זיך מיט אַטאָמישע פונקען. זאָלט איר אָבער וויסען, אַז דאָס וועט אייך קיין שלום ניט ברענגען. „לכו באור אשכם ובזיקות בערתם״ — איר וועט גיין מיט׳ן פלאַם פון אייערע פייערען און מיט די פונקען, וואָס איר האָט אָנגעצונדען. „מידי היתה זאת לכם״ — דאָס איז אייך געקומען פון מיין האַנט, „למעצבה תשכבון״ — כדי איר זאָלט ליגען אין טרויער. דאָס איז מיין נקמה פאַר אייער שלעכט באַהאַנדלען מיין פאָלק. „כי נחם ה׳ ציון, נחם כל חרבותיה״ — ווייל ג׳ וויל טרייסטען ציון און טרייסטען אַלע אירע וויסטענישען.

ב.

דער עטישער זין פון „ברכות הנהנין״

ואכלת ושבעת וברכת.

„כל הנהנה מן העולם הזה בלי ברכה כאלו גוזל להקב״ה וכנסת ישראל״ — דער וואָס געניסט פון אַ זאַך אויף דער וועלט אָן אַ ברכה, איז ווי ער וואָלט באַרויבט דעם אויבערשטען און אויך דעם כלל ישראל (ברכות ל״ה ע״ב).

און משה האָלט ווייטער זיינע לעקציעס פאַר דער אידישער יוגענט, זיי צו דערקלערען די עטישע געזעצען פון דער תורה. ער זאָגט זיי: זייט וויסען „כי ה׳ אלקיך מביאך אל ארץ טובה״ — אַז ג׳ אייער האַר ברענגט אייך אין אַ גוט לאַנד, אַ לאַנד וואָס ניט אין אָרימקייט וועט איר דאָרט עסען אייער ברויט, ווייל קיין זאַך וועט אייך דאָרט ניט פעלען. אַז איר וועט עסען און זאַט זיין זאָלט איר בענשען אייער ג׳.

די מפרשים פון דער גמרא דערקלערען, אַז דער טעם פאַר וואָס אונזערע חז״ל האָבען מתקן געווען די „ברכות הנהנין״, די פאַרשידענע ברכות, וואָס אַ איד דאַרף מאַכען איידער ער גייט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, איז מער אַן עטישער ווי אַ רעליגיעזער. די ברכות זענען געצילט צו וועקען אין יעדען מענשען דעם באַוואוסטזיין, אַז אַלץ וואָס ער באַזיצט איז אייגענטליך ניט אינגאַנצען

זיינס. דאָס איז אים געגעבען געוואָרען פון ג׳. און אַזוי ווי די אָרימע און נויטבאַ־דערפטיגע זענען אויך ג׳ס קינדער, איז עס זיין עטישע פליכט זיך צו טיילען מיט זיי וואָס ער האָט.

איבערהויפט דאַרפען זיי ווי׳סען, אַז די ערד פון ארץ ישראל איז פאַרשידען פון אַלע אַנדערע לענדער. זי קאָן ניט פאַרטראָגען ענגהאַרציגקייט און אונטערדריקונג. זי וויל ניט זיין דאָס אייגענטוש פון יחידים, פון איינצעלנע, וואָס זאָלען איר פאַרכאַפּען און עקספּלואַטירען פאַר זייער אייגענעם נוצען בלויז. זי באַלאַנגט צו אַלע וואָס וואוינען אויף איר. יעדער פון זיי האָט אין איר אַ חלק. „כי לי כל הארץ״, ווייל צו מיר באַלאַנגט דאָס גאַנצע לאַנד, זאָגט ג׳. מיט די „ברכות הנהנין״ פאַר׳ן עסען און מיט׳ן בענשען נאָכ׳ן עסען באַשטעטיגט יעדער איד די אויבערהערשאַפט פון ג׳ און מאַכט אים, אַז ער זאָל זיך איידעלער באַנעמען צו זיין חבר און ווערען מער פרייגעביג צו אַ באַדערפטיגען שכן.

אין חסידישע קרייזען ווערט דערציילט, אַז צו רבי יצחק וואָרקער ע״ה איז אַמאָל געקומען זיינער אַ חסיד, אַ גרויסער עושר, אָבער אַ גוואַלדיגער קמצן, וואָס האָט זיך אַליין ניט פאַרגונען צו עסען און פלעגט אָפּקומען די טעג מיט שוואַרץ ברויט און הערינג.

אַז דער רבי האָט אויסגעהערט זיין בקשה, ער זאָל אים בענשען מיט געזונט און אריכות ימים, האָט ער זיך אויף אים שטאַרק אָנגעבייזערט און געזאָגט: אַז השי״ת האָט דיר יאָ געהאָלפען מיט עשירות, דאַרפסטו לעבען בהרחבה, עסען יעדען טאָג אַ גוט שטיקעל פיש און עוף און אַ גלעזעל ווײן טרינקען.

די חסידים אַרום שטייען און חידוש׳ן זיך: וואָס אַרט עס דען דעם רבי׳ן, אַז יענער עסט ניט אַזוי גוט, און פאַר וואָס זאָל ער אים צווינגען זיך אָפּצוגעבען מיט „תענוגי עולם הזה״?

שפּעטער האָט זיי דער רבי דערקלערט:

— מיינט ניט, אַז ער אַליין אַרט מיך אַזוי שטאַרק! מיך אַרען די אָרימע־לייט. אַז ער וועט אַליין עסען פיש און פלייש, וועט ער כאָטש געבען דעם אָרימאַן אויף ברויט מיט הערינג. אָבער אַז ער אַליין עסט ברויט מיט הערינג, וואָס קאָן שוין דער אָרימאַן פון אים האָבען?

„השמר לך פן תשכח את ה׳ אלקיך״ — היט דיך, דו זאָלסט ניט פאַרגעסען אַן ג׳ דיין האַר. „אין אדם מורד בהקב״ה אלא מתוך שביעה״ — אַ מענש אַנטזאָגט

זיך ניט פון זיין גלויבען בלויז דורך זאַטקייט (רש״י). טאָמער אז דו וועסט עסען און וועסט זאַט זיין, און וועסט בויען שיינע הייזער און זיי באוואוינען, און דיינע רינדער און שאָף וועלען זיך מערען, „ורם לבבך ושכחת את ה׳ אלקיך״ — וועט זיך ביי דיך דערהויבען דיין האַרץ און וועסט פאַרגעסען אָן דיין ג׳. רייכקייט, ווי געוויינליך, פירט צו גאוה, צו האַלטען זיך גרויס און באַטראַכטען זיך העכער פאַר אַנדערע. דאָס איז איינע פון די ערגסטע מדות. „כל אדם שיש בו גסות הרוח כאלו כפר בעיקר״ — יעדער מענש וואָס האַלט זיך גרויס לייקענט צום סוף אין ג׳. (סוטה ד׳ ע״ב).

רבי פנחס קאָריצער ע״ה פלעגט זאָגען: „דער גרעסטער בעל־עבירה איז אַ בעל־גאוה. צו אַלע עבירות פאָדערט זיך אַ געוויסע מאָס מי און אָנשטרענגונג, בלויז צו דער עבירה פון גאוה דאַרף מען גאָרנישט טאָן. דער בעל־גאוה ליגט זיך אויסגעצויגען אויף זיין בעט אָדער קאַנאַפּע, טוט קיין זאַך ניט, נאָר בלאָזט פון זיך און איז מבטל די גאַנצע וועלט. גאוה איז אויך דער גרעסטער מום וואָס איינער קאָן האָבען. דער וואָס ווערט פון איר אָנגעשטעקט ווערט נעביך אַ גייסטיגער קאַליקע. ער וויל שוין מער ניט לערנען אָדער זיך צוהערען צו אַנדערע מיינונגען, ווייל ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער איז גרעסער פאַר אַלעמען״.

„ורם לבבך — ושכחת״, וועט איר ווערען בעלי־גאוה׳ס, וועט איר מיט דער צייט זוכען צו פאַרגעסען אייער מקור און אייער אָפּשטאַם. אַ געוויסער אַמעריקאַניש־אידישער רעדנער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „ביי אונז אין אַמעריקע זיינען דאָ פיר פאַרשידענע קלאַסען אידען, און זיי ווערען איינגעטיילט לויט זייער פאַרמעגען: ביז פינף און צוואַנציג טויזענט דאָלאַר איך נאָך אַ איד אַן אָרטאָדאָקס; ווערט ער רייכער און זיין פאַרמעגען גרייכט שוין ביז הונדערט טויזענט דאָלאַר, באַלאַנגט ער שוין צום קאָנסערוואַטיווען חדר; שטייגט זיין פאַרמעגען ביז אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר, ווערט ער שוין אַ מיטגליד אין אַ רעפאָרם טעמפּעל; קריגט אָבער איינער אַריין אַ רייכטום פון העכער אַ מיליאָן, ווערט ער שוין אויס איד און וויכט פון זיינע ברידער ווי אַ טייוועל פון ווייררויך״.

די חכמים לערנען אונז, אַז יעדער מענש זאָל באַטראַכטען זיין עס־טיש פאַר אַ מזבח, אויף וועלכען ער איז מקריב קרבנות פאַר ג׳. מיט דער ברכה, וואָס ער מאַכט פאַר׳ן עסען און מיט בענשען נאָכ׳ן עסען נעמט ער ג׳ אַריין פאַר אַ שותף אין אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. אָט די שותפות וועט אים פירען צו זיין פרייגעביג צו זיין אָרימען חבר און זיך צו טיילען מיט אים דאָס, וואָס ער האָט. „כל הנהנה

מן העולם בלי ברכה״ — דער אַבער, וואָס אַנטזאגט זיך צו אָנערקענען, אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, איז אים געקומען צוליב דעם ווילען פון ג׳, איז „כאלו גוזל להקב״ה וכנסת ישראל״ — באַרויבט ער ניט נאָר די געטליכקייט, ער גזל׳ט אויך זיינע מיטמענשען. ער ווערט ענגהאַרציג און זוכט אַלץ זיינע אייגענע נוצען און וויל פון קיין אַנדערע ניט וויסען.

איינער פון די אַלטע ניו יאָרקער באַלעבאַטים האָט מיר דערציילט, אַז דער פאַרשטאָרבענער רב הכולל, רבי יעקב יוסף ז״ל, איז אַמאָל איינגעלאַדען געוואָרען צו אַדרעסירען אַ באָרד אָוו דירעקטאָרס מיטינג אין איינעם פון די צדקה אַנשטאַלטען. אַריינקומענדיג אין האָל האָט ער באַמערקט אַ סאַין, וועס זאָגט, אַז אַפּליקאַנטען פאַר טשאַריטי זאָלען זיך מעלדען יעדען דינסטאָג פון צוויי ביז פיר נאָכמיטאָג.

„איצט איז מיר קלאָר געוואָרען, האָט ער געזאָגט, וואָרום מיר זאָגען אין בענשען: „שאתה זן ומפרנס אותנו תמיד בכל יום וכל עת ובכל שעה״ — אַז ג׳ שפּייזט אונז שטענדיג, יעדען טאָג, צו יעדער צייט, און צו יעדער שטונדע. מיר דאַנקען און לויבען השם יתברך, וואָס ער האָט ניט איינגעפירט, אַז אַפּליקאַנטען זאָלען זיך צו אים ווענדען בלויז איין טאָג אין וואָך, און אין אַ געוויסער שטונדע, נאָר מען קאָן שטענדיג צוקומען צו אים — „בכל יום ובכל עת ובכל שעה״ — יעדען טאָג, צו יעדער צייט און יעדער שטונדע...״

הפטרה

מיר זענען די פאַרגעסענע צווישען די פעלקער

ותאמר ציון עזבני ה׳ וה׳ שכחני.

„כיון שראתה ציון שגלויות מתכנסים והיא אינה נזכרת, התחילה אומרת: עזבני ה׳, וה׳ שכחני — עשה אותי הפקר לאומות כלקט, שכחה ופאה״ — וויבאַלד ציון דערזעהט, אַז פאַרשידענע גלות׳ן קומען זיך צוזאַמען און זי ווערט ניט דערמאָנט, הויבט זי אָן צו פרעגען: האָט ג׳ מיך פאַרלאָזט? האָט ג׳ מיך פאַרגעסען? ער האָט מיך געמאַכט הפקר פאַר די פעלקער ווי די אָפּפאַל ביים שניידען, ווי פאַרגעסענע זאַנגען, אָדער ווי די קליינע פרוכטען, וואָס מען לאָזט איבער ביים ברעג פעלד (פסיקתא רבתי).

די גרויסע בלוט־באַד, וואָס די גרויזאַמע נאַציס און פאַשיסטען האָבען געבראַכט אויף דער וועלט, האָט זיך האַלב פאַרענדיגט. די דעמאָקראַטישע פעלקער האָבען געזיגט און די מערדערישע הארדען, וואָס האָבען דעם טייפעלשען שפּיל אָנגעפאַנגען — טרינקען זיך איצט אין די טייכען בלוט, וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען. „גלויות מתכנסים" — די אַרויסגעטריבענע מלוכות, וואָס די מערדער האָבען פאַריאָגט פון זייערע לענדער האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין סאַן פראַנציסקאָ צו פאַרהאַנדלען, וועגען פאַרזיכערען דעם שלום פון דער וועלט. אפילו אַזעלכע פעלקער, וואָס האָבען קיין זאַך ניט געטאָן צו העלפען ברענגען דעם זיג, און זאָגאַר אַזעלכע, וואָס האָבען לכתחילה געשטיצט דעם שונא, זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו די פאַרהאַנדלונגען.

בלויז איין פאָלק האָט דאָרטען געפעהלט, דער גרעסטער קרבן פון אַלע פעלקער — דאָס אידישע פאָלק. כאָטש די אידען זיינען פון די נאַציס געווען די ערשטע פאַר׳משפט צו ווערען צום אונטערגאַנג אַלס אַ פאָלק, און מיליאָנען פון זיינע קינדער זיינען פאַרברענט און געמאָרדעט געוואָרען אַלס אידען, זיינען זיי אָבער צו דער פרידענס־קאָנפערענץ ניט צוגעלאָזען געוואָרען. פאַר דעם מלאך המות זיינען זיי אַ באַזונדער פאָלק. פאַר דעם מלאך־השלום אָבער, זיינען זיי בלויז מינדערהייטען פון אַנדערע פעלקער. דער גורל פון אַלע מדינות פון דער וועלט איז דאָרט פאַרהאַנדעלט געוואָרען, און זייערע פאָרשטעהער, אפילו די פון גלות־מלוכות האָבען גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין די וויכוחים און געזוכט צו פאַרהיטען זייערע אינטערעסען. בלויז דער גורל און די אינטערעסען פון דעם אָרימען ישראל זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען אויף הפקר.

פאַר אַזעלכע רעגירונגען, וואָס זיינען צוערשט געווען פיינטליך צו די אַליאירטע מלוכות און האָבען געהאָפּט אויף אַ זיג פון די נאַציס, נעמען זיך אָן די גרויסע אימפּעריעס און פאַרפליכטען זיך צו באַשיצען די גרעניצען פון זייערע לענדער. בלויז דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס האָט געשיקט הונדערטער טויזענטער פון זיינע קינדער צו קעמפען קעגען דעם שונא, ער און זיין לאַנד, ווערען פאַרלאָזען און פאַרגעסען. אַלע הבטחות און פאַרשפּרעכונגען, וואָס מען האָט אים געמאַכט, האָט מען פאַרוואָרפען אָן אַ זייט, און דערווייל זיינען אַלע זיינע האָפענונגען אויסגערונען.

און ציון שרייט „ה׳ עזבני וה׳ שכחני" — האָסטו מיך ג׳ אינגאַנצען פאַר־לאָזען, אין גאַנצען פאַרגעסען? דו האָסט מיך געמאַכט הפקר פאַר אַלע פעלקער

ווי „לקט", „שכחה" ו„פאה" פאַר טויזענטער יאָרען האָבען מיינע קינדער געלעבט אין די גלות־לענדער פון „לקט", פון אָפּפאַל, פון די ברעקלעך, וואָס פלעגען אַרונטערפאַלען פון די גוי׳אישע טישען. אויב מען האָט שוין אַ אידען וואו ניט וואו צוגעלאָזען צו דער פּראָדוקציע פון לאַנד, איז עס געווען אין דער פאָרמע פון „פאה", פון קליינע, זייטיגע אינדוסטריעס אָדער באַשעפטיגונגען, וואָס האָבען ווייניג ריוח געבראַכט. אויב נאָך שווערער מי און אַרבייט איז זיי געלונגען די קליינע בראַנזשען גרויס צו מאַכען, איז אַזוי גיך ווי זיי האָבען גענומען ווייזען גרעסערע פּראָפיטען, האָט מען עס ביי זיי גאַנץ אָפט אָוועקגענומען. איצט, נאָך דער גרויסער וועלט־איבערקערעניש, ווען אַלע פעלקער מאַכען זיך גרייט איבער־צובויען זייערע צעשטערטע לענדער און צוריקשטעלען זייערע עקאָנאָמישען און פּאָליטישען מצב, זיינען מיר ווי „שכחה", פאַרגעסענע און פאַרלאָזענע.

צוויי גרויסע וועלט־מלחמות האָבען מיר דורכגעמאַכט אין די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָר. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען אונז צוגעזאָגט גלייכבאַרעכטיגונג אין אַלע לענדער און אויך צו העלפען בויען אַ אידישע היימלאַנד אין אונזער ארץ אבות. אָבער „גם אלה תשכחנה" — פאַרגעסען האָט מען די הויכע פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיגונג, פאַר וועלכע זיי האָבען כלומר׳שט געקעמפט. אום צו „אַפּיזען" און איינשטעלען דעם בלוט־דורשטיגען שונא, האָט מען מפקיר געווען די מיליאָנען אידען פון אייראָפּע, און מיט „ווייסע פּאַפּירען" געזוכט אָפּצעווישען אויך די בלוט־פלעקען פון דער פאַרשפּראָכענער אידישער היימלאַנד אין ארץ ישראל.

איידער די איצטיגע מלחמה אין אייראָפּע האָט זיך געענדיגט, האָבען אונז ביידע גרויסע פּאַרטייען פון אַמעריקע פאַרשפּראָכען צו זעהן, אַז ארץ ישראל זאָל געעפענט ווערען פאַר די מיליאָנען אידישע קרבנות, וועלכע וואַל־גערען זיך איצט איבער אַלע גרעניצען און האָבען ניט וואו זייער קאָפּ אַנצושפּאַרען. מען האָט אונז אויך פאַרשפּראָכען צו מאַכען אונזער פאָלק זעלבסטשטענדיג מיט אַן אייגענער מלוכה אין ארץ ישראל. אָבער „גם אלה תשכחנה" — ווייטער האָט מען אונז פאַרגעסען און אונזער שטימע ווערט ניט געהערט.

דער אויבערשטער ענטפערט אונז אָבער: „אנכי לא אשכחך" — איך וועל דיך ניט פאַרגעסען. „הן על כפים חקותיך, חומותיך נגדי תמיד" — אויף מיינע הענט האָב איך דיך אויסגעקריצט, דיינע חרוב׳ע מויערען זיינען תמיד פאַר מיר. פאַרליר ניט דיין מוט, דיין גאולה וועט זיכער קומען.

ג.

מיט יעקב׳ס קינדער שטייגען אָדער פאַלען אויך די מלאכים פון הימעל

קום רד מהר מזה כי שחת עמך.

„אמר לו משה: רבון העולם, אתמול אמרת לי, עלה אל ה׳ וכאן אתה אומר רד? אמר לו, אמרתי לזקן שלהם: והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו — כשיהיו צדיקים הם מתרוממים וכשהם יורדים, גם שלוחיהם בירידה״ — משה פרעגט: האָר פון דער וועלט, נעכטען האָסטו מיר געזאָגט גיה אַרויף צו דער גאָטהייט און איצט זאָגסטו מיר נידער אַרונטער? ענטפערט אים ג׳: „איך האָב שוין אמאָל געזאָגט צו זייער זיידען, אַז אויך די מלאכים פון הימעל וועלען שטייגען און פאַלען מיט איהם. עס ווענדט זיך אָן זיינע קינדער, וועלען זיי זיין צדיקים, הויכע מענשען, וועלען די מלאכים אויך דערהויבען ווערען מיט זיי, וועלען זיי אָבער אַרונטערנידערען, וועלען אויך די מלאכים פאַלען מיט זיי (שמות רבה פ׳ מ״ב).

דער „ספר דברים״ איז באַקאַנט אַלס „משנה תורה״, אַ ווידערהאָלונג פון דער תורה. „התורה נמשלה לתאנה, מפני שרוב האילנות נלקטין כאחד והתאנה נלקטה מעט מעט״ — די תורה איז געגליכען צו אַ פייגענבוים, ווייל ס׳רוב בוימער ווערען געקליבען פאַר איינמאָל, און דער פייגענבוים ווערט געקליבען ביסלאַכווייז (תנחומא דברים א׳). אַלע אַנדערע בוימער פאַרפערטיגען זייער פרוכט בלויז איינמאָל אין יאָהר און מען מוז עס גלייך אַראָפּקלייבען, אַז ניט ווערט עס איבערגעוואקסען און פאַרוועלקט, אָדער פאַלט אַרונטער און ווערט ווערימדיג. דער פייגענבוים אָבער, פּראָדוצירט זיינע פרוכט פיל מאָל אין יאָהר און איז תמיד פריש, דעריבער מוז מען איהם קלייבען אָפט, ווייל יעדעס מאָל וואָס מען זוכט צווישען זיינע בלעטער, קאָן מען געפינען נייע פירות. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער תורה — וואָס מעהר מען לערנט איהר, אַלץ מעהר נייע און רייכע געדאַנקען געפינט מען אין איהרע ווערטער.

דערפאַר טאַקע, „בעבר הירדן״, אויף דעם זייט ירדן, שטעהענדיג ביי די טויערען פון ארץ ישראל, „הואיל משה באר את התורה״ — באַמיהט זיך משה נאָכאַמאָל צו דערקלערען די תורה און אויפצודעקען פאַר זיי נייע קוועלען פון לעהרע און וויסענשאַפט. ער וויל אויך, אַז דער יונגער דור, וועלכער רייסט

זיך איצט צו געהן אין קאַמף פאַר אַן אייגען לאַנד, זאָל קלאָר פאַרשטעהן און וויסען אויף וועלכע יסודות זייער נאַציאָנאַלע היים קאָן געבויט ווערען און האָבען אַ קיום. ער ווידערהאָלט פאַר זיי די דינים, וואָס זייערע עלטערען האָבען באַקומען ביים באַרג סיני און וואַרפט אויף אַ ליכט אויף די וואונדערליכע און מאַנכעמאָל אומפאַרשטענדליכע געשעהענישען, וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט זינט זיי האָבען פאַרלאָזען מצרים ביז היינטיגען טאָג.

אין היינטיגער סדרה רעדט משה צו זיי איבער דער טעמע: „והיה עקב אשר תשמעון" — וואָס וועט זיין מיט די אידען, אַז זיי וועלען אויספאָלגען די געזעצען פון דער תורה און זיי אָפּהיטען ווי געהעריג איז? ער ווייזט זיי אויף, אַז אַלע מצוות און געבאָטען פירען צו איין און דעמזעלבען ציל — „למען תחיון ורביתם וירישתם את הארץ" — דאָס אידיש פאָלק זאָל תמיד לעבען און וואַקסען און אויך באַזיצען דאָס לאַנד וואָס ג' האָט פאַרשפּראָכען צו זייערע עלטערען. ער פאַרזיכערט זיי, אַז אויב זיי וועלען זיך אויפפירען לויט די אידעאַלע פאַר־שריפטען פון דער תורה, וועלען זיי זיך ניט דאַרפען שרעקען פאַר קיינעם, און וועלען ענדליך באַזיגען זייערע שונאים, ווי גרויס און מעכטיג זיי זאָלען ניט זיין.

די יונגע חברה ווילען וויסען, וואָרום האָבען זייערע עלטערען, וואָס האָבען זוכה געווען אַרויסצוגעהן פון מצרים, ניט געהאַט דעם זכות אַרויסצוקומען לעבעדיגע פונ'ם מדבר און געהן צוזאַמען מיט זיי נאָך ארץ ישראל? „דאָס איז געווען זייער אייגענער שולד — דערקלערט זיי משה — „למן היום אשר יצאת ממצרים עד בואכם עד המקום הזה, ממרים הייתם עם ה'" — פון דעם טאָג וואָס זיי האָבען פאַרלאָזען מצרים ביז זייער אָנקומען צו דיזען אָרט, זיינען זיי געווען ווידערשפּעניג פאַר ג'. וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיי איז ניט געווען אָנגעלעגט און ביי יעדער שוועריגקייט האָבען זיי זיך געריסען צוריק אין גלות מצרים.

איבערהויפּט האָבען זיי קעגען זיך אַרויסגערופען זיין צאָרען מיט דער מיאוס'ער געשעהעניש ביים באַרג חורב. נאָך אַלע נסים ונפלאות וואָס זיי האָבען זיך אָנגעזעהן ביים ים סוף און אויך נאָכדעם, אַז זיי האָבען מיט זייערע אייגענע אויערען געהערט די שטים פון ג', רעדענדיג פון פייער אַרויס, אַזעלכע דער־הויבענע צעהן געבאָט, זיינען זיי פּלוצלינג ווילד געוואָרען און אָנגעפאַנגען זיך בוקען און דינען צו הענט־געמאַכטע געטער, גאָלדענע קעלבער. דאָס האָט פאַר־זיגעלט זייער גורל. „ויתאנף — להשמיד", זיין כעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט באַשלאָסען זיי צו פאַרטיליגען.

לאָמיר איך דערציילען, זאָגט משה וויטער צו זיי, וואָס עס איז פאָר־געקומען. „בעלותי ההרה לקחת לוחות הברית״, ווען איך בין אַרויף אין דער הויך צו נעמען די תורה פאַר אידען: זעהר אַ שווערען קאַמף האָב איך דאָרט געהאַט דורכצומאַכען מיט די מלאכים, וועלכע האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען צו די מענשען אויף דער ערד. זיי האָבען גע׳טענה׳ט פאַר ג׳: „חמדה גנוזה שיש לך אתה מבקש ליתנה לבשר ודם!״ — אָט דעם טייערסטען אוצר וואָס דו האָסט ווילסטו איבערגעבען צו מענשען פון פלייש און בלוט. וועלען זיי דען פאַרשטעהן ווי אבצושאַצען איהר ווערט? וועלען זיי זיך קאָנען דערהויבען צו דער הויכער מדרגה, וואָס די תורה פאַרנעמט אין דער גאַנצער בריאה פון דער וועלט? (שבת פ״ח).

„ארבעים יום וארבעים לילה, לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי״ — פערציג טעג און פערציג נעכט, ברויט האָב איך ניט געגעסען און וואַסער ניט גע־טרונקען ביז איך האָב אויסגעקעמפט די תורה פאַר דאָס אידישע פאָלק. איך האָב אַרגומענטירט מיט די מלאכי השרת, אַז די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען פאַר זיי. אָט טאַקע צוליב דעם וואָס זי איז די „חמדה גנוזה״, דער הויפט תכלית פון דער גאַנצער בריאה, פון ג׳ס אַלע שאַפונגען, איז זי ניט געמיינט פאַר מלאכים, וועלכע זיינען ריין פון פעהלערען און האָבען ווייניג צו לערנען. איהר ציל איז צו פאַראייניגען די ערד מיט׳ן הימעל, אויסצואיידלען די כאַראַקטערען פון די מענשען, אַז אויך זיי זאָלען ווערען „מעט מאלקים״, פּראָטאָטיפּען פון דער גאָטהייט, און אַז אין זייערע מעשים אויף דער וועלט זאָל זיך אָפּשפּיגלען די ריינליכקייט פון די הימלען.

„ואתפש בשני הלוחות״, אַז איך האָב ענדליך געקראָגען די לוחות האָב איך זיי געדאַרפט פעסט האַלטען, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז „הלוחות היו מבקשין לפרוח״, די לוחות רייסען זיך אַוועקצופליהען פון מיר (ירושלמי תענית פ״ד). איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס די אורזאַך איז. אָבער, פּלוצלינג דערהער איך אַן אויסגעשריי פון ג׳: „קום רד מהר מזה כי שחת עמך״ — שטעל זיך אויף און נידער שנעל אַרונטער פון דאַנען, ווייל דיין פאָלק האָט פאַרדאָרבען. איך בין געוואָרען אַ פאַרציטערטער און געפרעגט ביי ג׳: צוזאַמען מיט דער תורה הייסטו מיר אַרונטערגידערען? נעכטען האָסטו מיר געזאָגט „עלה״, גייע אַרויף און איצט זאָגסטו מיר „רד״, גייע אַרונטער? לייגט זיך דען דער לשון „ירידה״, פאַלען, אויך אויף דער תורה?

און דער אויבערשטער ענטפערט איהם: דיין זיידע יעקב האָט אַמאָל געזעהען אין חלום אַ לייטער וואָס שטעהט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט אין הימעל און געטליכע מלאכים געהען אויף איהם אַרויף און אַרונטער. האָב איך איהם ערקלערט, אַז דאָס לייטער וואָס ער זעהט, איז ער עס אַליין. ער מיט זיינע קינדער באַהעפטען דעם הימעל מיט דער ערד. שטייגען זיי אין זייערע גייסטיגע אַנטוויקלונגען, שטייגען אויך די הימליכע מלאכים מיט זיי. פאַלען זיי אָבער און דערנידעריגען דעם אידישען נאָמען, פאַלען אויך די מלאכים מיט זיי. „כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל" — די גרויסקייט וואָס איך האָב דיר געגעבען איז געוועזען צוליב די אידען, „עכשיו שחטאו אתה למה לי", איצט אַז זיי האָבען געזינדיגט ביזטו ביי מיר אויך געפאַלען.

און יעקב איז פאַרבליבען דער „סולם", דער לייטער פון דער וועלט, אויף וועלכען די „מלאכים", די גייסטער פון די פעלקער געהען אַרויף און אַרונטער. ווילט איהר וויסען וועלכעס פאָלק איז אַנטוויקעלט און וועלכעס איז ווילד און באַרבאַריש, זעהט ווי די קינדער פון יעקב ווערען דאָרט באַהאַנדעלט. ווערען זיי באַטראַכט פאַר גלייכע בירגער איז דאָרט „מלאכי אלקים עולים", די גייסטיגע דערגרייכונגען פון דאָס לאַנד שטייגען און זי לעבט אין שלום מיט אירע שכנים. ווערען אָבער די קינדער פון יעקב באַקעמפט אין אַ לאַנד און איהר פאָלק זוכט זיי צו אונטערדריקען, איז אַ סימן אַז „מלאכי אלקים יורדים", אירע גייסטיגע ווערטען פאַלען און זי זוכט זיך צו קריגען מיט דער גאַנצער וועלט.

הפטרה

ציון איז אונזער הויפט נחמה

ותאמר ציון עזבני ה'!

„כיון שראתה ציון שגלויות מתכנסים והיא אינה נזכרת, התחילה אומרת: עזבני ה' וה' שכחני? אמר לה, יש כלה בלי חופה? שאי סביב עיניך וראי כלם נקבצו באו לך" — וויבאַלד ציון דערזעהט, אַז פאַרשיידענע גלות'ן קומען זיך צוזאַמען און זי ווערט ניט דערמאָנט, הויבט זי אָן צו פרעגען: האָט ג' מיך פאַרלאָזען? האָט ג' מיך פאַרגעסען? און גב"ה ענטפערט איהר: איז דען דאָ

אַ כלה אָהן אַ חופה? קוק זיך אַרום און זעה, אַלע קלייבען זיך צוזאַמען און קומען צו דיר (פסיקתא רבתי).

די הפטרות וואָס מיר לייענען אין די זיבען שבתים נאָך תשעה באב זיינען אין דער אידישער ליטורגיע באַקאַנט אַלס „שבע דנחמתא", די זיבען טרייסט הפטרות. זיבען נחמות קעגען דער שרעקליכער קללה פון תוכחה וואָס איז אויף אונז מקוים געוואָרען: „ויספתי ליסרה אתכם שבע על חטאתיכם", איך וועל מעהרען אייך צו שטראָפען זיבען מאָל פאַר אייערע זינד. נאָך אַ גרויזאַמען גלות וואָס האָט אונז געבראַכט אַ זיבענפאכיגען חורבן, מוז אויך אונזער נחמה, אונזער גאולה זיין אַ זיבענפאכיגע.

דער ספרא וויל האָבען, אז די זיבענפאכיגע שטראָף וואָס מיר האָבען געליטען, איז אונז געקומען צוליב די זיבען מינים זינדיגע מענשען וואָס דער גלות האָט געשאַפען. זיי זיינען:

א) „אינו לומד" — די וואָס לערנען גאָרנישט פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער גלות האָט זיי טויב און בלינד געמאַכט. דעם נעכטען הערען זיי ניט און דעם מאָרגען זעהען זיי ניט.

ב) „אינו עושה" — די וואָס טוען גאָרנישט פאַר זייער פאָלק. זיי זאָרגען זיך מעהר פאַר זייער אייגענער חיונה ווי פאַר דעם קיום פון דעם גאַנצען כלל ישראל.

ג) „מואס באחרים" — פאַר'מיאוס'ען און באַרעדען זייערע אייגענע ברידער, ווייל זיי זוכען זיך צו חבר'ן מיט פרעמדע און שטופען זיך אין זייערע געזעלשאַפטען.

ד) „שונא את החכמים" — האַסען און מאַכען צו קליינגעלד זייערע אייגענע געלערענטע, אָבער בוקען זיך צו די געלערענטע פון זייערע שונאים. די קולטור־רעלע דערגרייכונגען פון זייער פאָלק זיינען זיי מבטל אַלס אַלטמאָדיש און אָפּגעלעבט. זיי דינען צו די קולטורען פון פרעמדע פעלקער און אויף זייערע מזבחות זיינען זיי מקריב זייערע קינדער.

ה) „אינו מניח לאחרים לעשות" — זיי לאָזען ניט אַנדערע טאָן עטוואָס פאַר זייער פאָלק. זיי זיינען אַזוי פאַרליבט אין גלות, אַז זיי ציטערען איהם ניט צו פאַרלירען. מיט אַלע כחות זוכען זיי צו שטערען יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס קאָן פירען זייער פאָלק צו זעלבסטשטענדיגקייט.

ו) „אינו מודה במצוות" — זיי גלויבען ניט אין די מצוות פון דער תורה

און ווילען ניט מודה זיין, אַז אונזער אייגענאַרטיג לעבען האָט אונז אויפגעהאַלטען דורך דעם לאַנגען און שרעקליכען גלות.

ז) „כופר בעיקר" — די וואָס לייקענען אין די הויפּט יסודות פון דער אידישער אומה. זיי זיינען אינטערנאַציאָנאַליסטען, וועלכע זוכען אויסצובעסערען די גאַנצע וועלט. זיי קעמפּען אויף אַלע פראָנטען פאַר פרעמדע פעלקער, אָבער קימערען זיך ווייניג וואָס זייער אייגען פאָלק האָט ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען (ספרא בחוקותי סימן י"ח).

אָט די זיבען גלות־מענשען זיינען איינגעטיילט אין פאַרשידענע פּאַרטייען, וועלכע שטערען דעם צוריקבוי פון דאָס אידיש פאָלק. צו זיי באַלאַנגען די רייכע אַסימילאַטאָריש „אידישע קאָמיטעען" אין יעדער מדינה; אויך די גאַנצע און האַלבע רעפאָרמיר'טע אידען מיט זייערע ראַבינער און פריידיגער, וואָס זוכען צו פאַר'גוי'עשען די אידישע אמונה. נאָך זיי שלעפּען זיך אויך נאָך אידישע „בעז־באַזשניקעס", די כלומר'שטע טשעמפּיאָנען פאַר וועלטליכקייט און סאָציאַלע איבערקערעניש, וואָס זוכען אָראָפּצובריינגען דעם סאָציאַליסטישען „גן עדן" אויף דיזער קאַפּיטאַליסטיש גיהנמ'שער וועלט.

ביי יעדער געלעגענהייט פון וועלכע עס קאָן אפשר אַרויסוואַקסען אַ ישועה פאַר דאָס אידיש פאָלק איז „גלויות מתכנסים", קומען זיך אָט די גלות פּאַרטייען צוזאַמען און זוכען צו באַאיינפלוסען די מאַכטהאַבער, אַז „והיא אינה נזכרת", ציון, אַלס אַ אידישע היימלאַנד זאָל ניט דערמאָנט ווערען. ווייל מען פאַררופען אַן „אַסעמבלי", שרייען זיי, אַז דאָס וועט שאַדען דעם אידישען מצב אין לאַנד. גיט מען זיי נאָך און מען פאַררופט בלויז אַ קאָנפערענץ, קומען זיי אַרויס מיט פאָדערונגען, אַז זיי זאָלען ניט זיין געצוואונגען זיך צו בויגען צו דער מאַיאָריטעט. זיי שרעקען זיך פאַר דעם געדאַנק פון אידישער נאַציאָנאַליטעט און ווילען ניט דערלאָזען, אַז זייער פאָלק זאָל באַקומען זיין פאָטערלאַנד און ווערען פּאָליטיש פריי און זעלבסטשטענדיג.

און ציון פרעגט „עזבני ה' וה' שכחני", ווען איך טאַקע פאַרבלייבען פאַרגעסען און פאַרלאָזען? האָבען מיינע קינדער נאָך אַלץ ניט געלערענט פון דער ביטערער דערפאַרונג, אַז די האָפענונג פאַר בירגערליכע גלייכבאַרעכטיגונג אין די גלות לענדער איז אַ פוסטער חלום? איצט זיינען זיי פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם צויבער־וואָרט „דעמאָקראַטיע" און גלויבען באמונה שלמה, אַז זי וועט זיי ברייננגען די אמת'ע ישועה. אָבער, „התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה?",

פאַרגעסט דעם אַ פרוי איהר קינד, ניט צו דערבאַרעמען זיך אויף איהר אייגענעם זוהן? וויפיל האָט די דעמאָקראַטישע מאַמע געהאָלפען איהרע אייגענע קינדער? וואָס האָבען די דעמאָקראַטישע פעלקער געטאָן נאָך איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען צו סטאָפּען די פינסטערע נאַציס און פאַרשיסטען וואָס האָבען זיך געבאָדען אין אידיש בלוט און אין דאָס בלוט פון די קלענערע פעלקער וועלכע זיי האָבען אַליין געשאַפען?

„גם אלה תשכחנה" — פאַרגעסען האָבען זיי די הויכע פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיגונג פאַר וועלכע זיי האָבען כלומר'שט געקעמפט אין דער ערשטער וועלט מלחמה. אום צו „אַפּיזען" און איינשטילען דעם בלוט־דורשטיגען שונא, האָט מען מפקיר געווען די מיליאָנען אידען פון אייראָפּע, און מיט „ווייסע פּאַפּירען" געזוכט אָפּצווישען אויך די בלוט פלעקען פון דער פאַרשפּראָכענער אידישער היימלאַנד אין ארץ ישראל.

און מיט וואָס זיינען מיר אידען זיכער, אַז אויך נאָך דער איצטיגער מלחמה זאָל די וועלט ווייטער ניט איינגעטיילט ווערען אין אַ מערהייט פון קליינע מדינה'לאַך, יעדע פון זיי אָנגעזאָפּט מיט גרויס קנאה פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען, און אַלס רעזולטאַט וועלען זיך ווייטער אַנטוויקלען רעאַקציאָנערע עקאָנאָמישע רעזשימען, וואָס וועלען ניט דערלאָזען, אַז די פרעמדע מינאָריטעטען זאָלען אויך געניסען פון דעם צוריקבוי פון זייער לענדער? מיר האָבען דאָך דעם בעסטען באַווייז אין נאָרד־אַפריקא, וואו שוין מיט דער הילף פון די דעמאָקראַטישע זיגער איז געשאַפען געוואָרען אַ האַלב פאַשיסטישע פאַרוואַלטונג און די אידען זיינען געווען די ערשטע כפרה־הינדעל...

„ואנכי לא אשכחך" — איך אָבער, זאָגט ג' צו ציון, וועל דיר ניט פאַרגעסען. אין דיר וועלען מיינע אידען געפינען זייער הויפּט נחמה. מיט טויזענטער יאָהרען צוריק, נאָך איידער די היינטיגע וועלט־מעכטע האָבען עקזיסטירט, האָב איך זיך פאַר'קנס'ט צו דיין פאָלק, און ביי מיר גיבט ניט אַ כלה אָהן אַ „חופּה", וואָס מיינט אַן אייגענעם רשות, אייגענע פיר ווינקלאַך, וואו זי זאָל קאָנען בויען איר אייגען היים עפענטליך, רעכטליך און געזיכערט.

ד.

צוליב דעם עגל־הזהב מוזען אידען אַליין אויסהאַקען די לוחות

בעת ההיא אמר ה׳ אלי פסל לך שני לוחות.

„באותה שעה נגזרה גזרה על ישראל, שילמדו את התורה מתוך צער ומתוך השעבוד, מתוך הטלטול ומתוך הדחק" — אין יענער שעה איז אַרויס־געגעבען געוואָרען אַ גזרה אויף די אידען, אַז זיי וועלען מוזען לערנען די תורה דורך צער און פאַרשקלאַפונג, דורך וואַנדערונג און דורך דרוק (ילקוט שמעוני שצ"א).

אין דער היינטיגער סדרה ווידערהאָלט משה פאַר דער אידישער יוגענט די מיאוס'ע געשעהעניש מיט דעם עגל און דערקלערט זיי, וואָרום ער איז געווען געצוואונגען צו צעברעכען די ערשטע לוחות, וואָס ג' אַליין האָט אויסגעהאַקט פון אַניקס שטיינער און מיט זיין אייגענער האַנט אויף זיי אויסגעקריצט די „עשרת הדברות", וואָס זיי האָבען געהערט ביים באַרג סיני. כאָטש אין דער תורה (שמות, ל"ב) ווערט אַנגעגעבען, אַז איך האָב עס געטאָן פאַר כעס, ווי עס ווערט געזאָגט: „ויהי כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל ומחולות, ויחר אף משה וישלך מידיו את הלוחות וישבר אותם תחת ההר" — ווען ער האָט זיך דער־נענטערט צו דער מחנה און האָט געזען דעם עגל און ווי די אידען טאַנצען אַרום אים, האָט געברענט דער כעס פון משה און ער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיינע הענט די לוחות און זיי צעבראָכען אונטער'ן באַרג, זאָלט איר מיר אָבער ניט פאַרדענקען, ווייל איך האָב זיך ניט געקאָנט העלפען.

די ערשטע לוחות, וואָס איך האָב באַקומען פון ג' זיינען געווען אויסגעהאַקט פון דימאַנטען־שטיינער און זייער געוויכט איז געווען „ארבעים מאה", פערציג מאָס, וואָס איז גאַנץ שווער פאַר איינעם צו טראָגען. איך האָב אָבער די משא ניט געפילט, ווייל „האותיות היו סובלין את עצמן" — די געטליכע בוכשטאָבען האָבען זיך אַליין געטראָגען און עס איז מיר ניט געפאַלען צו שווער. פּלוצלינג אָבער האָב איך גענומען פילן, אַז „נעשו כבדים על ידי" — זיי זיינען געוואָרען זעהר שווער אויף מיינע הענט און האָב זיי מער ניט געקאָנט האַלטען. איך האָב זיך איינגעקוקט אין די לוחות און האָב, צו מיין דערשטוינונג, באַמערקט, אַז „פרח הכתב מעליהן" — דאָס געטליכע שריפט איז פון זיי אַוועקגעפלויגען, און

ניט קאָנענדיג מער אויסהאַלטען „נפלו ונשתברו" — זיינען זיי פון מיינע הענט אַרויסגעפאַלען און צעבראָכען געוואָרען (ירושלמי תענית, פ"ד).

מיט אָננעמען די תורה איז געשאַפען געוואָרען אַ בריק צווישען הימעל און ערד. „עד שלא נתנה התורה, השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם" — איידער די תורה איז געגעבען געוואָרען, זיינען די הימלען געווען פאַר ג' אַליין און די ערד איז איבערגעגעבען געוואָרען פאַר די מענשען. געטליכקייט און מענשליכקייט זיינען געווען צוויי באַזונדערע באַגריפען, וואָס זיינען געשטאַנען אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע. „ומשנתנה התורה, עלה משה אל האלקים וירד ה' על הר סיני" — אָבער ווי די תורה איז געגעבען געוואָרען, גייט שוין משה אַרויף צו ג' און ג' נידערט אַרונטער אויפ'ן בארג סיני. עס שאַפט זיך אַ גייס־טיגע פאַרבינדונג, אַ סינטעז פון הימעל און ערד, פון געטליכקייט און מענש־ליכקייט (ילקוט שמעוני רע"ג).

דידאָזיגע בריק אָבער איז געבראָכען געוואָרען אַזוי גיך ווי די אידען האָבען פאַר זיך געמאַכט אַ גאָלדענעם עגל און געטאַנצט אַרום אים. דינט מען צו אַ ג', וואָס ווערט געמאַכט פון די גאָלדענע ריינגען, וואָס די רייכע זיינען מנדב; הויבט מען אָן צו באַטראַכטען די גאָלדענע קעלבער פאַר די באַפרייער און באַשיצער פון פאָלק, ווערט איבערגעריסען די קייט, וואָס פאַרבינדט זיי מיט די הימלען און די לוחות פון זיין תורה פאַרלירען דעם געטליכען שריפט און פאַלען שווער אויף אירע אָנהענגער. „בשבעה עשר בתמוז נשתברו הלוחות" — דעם זיבעצענטען טאָג אין תמוז זיינען די לוחות צעבראָכען געוואָרען (יומא, ד' ע"ב), און דער טאָג איז נאָכדעם פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נאַציאָנאַלען טרויער און פאַסט־טאָג, ווייל אין דעמזעלבען טאָג זיינען די טויערען פון ארץ־ישראל געבראכען געוואָרען און די רוימער האָבען זיך אַריינגעריסען אין לאַנד.

אַלע מפרשים פון דער תורה זוכען צו דערגיין די הויפּט־סיבה, וואָס האָט געטריבען די אידען צו באַגיין אַזאַ נאַרישע טאַט. קיינעם פון זיי גלויבט זיך ניט, אַז די אידען, וועלכע האָבען נאָר־וואָס מקבל געווען די הויכע אידעאַלען פון אַ תורה, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר אַן „עם סגולה", פאַר אַן אויסדערוויילט פאָלק, און האָבען פייערליך אויסגעשריען „כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע" — אַלץ וואָס ג' האָט גערעדט וועלען מיר טאָן, זאָל פלוצלינג ווערען אַזוי נאַריש און ווילד צו מאַכען פאַר זיך אַן אָפּגאָט, און נאָך אין דער געשטאַלט פון אַ קאַלב!

„עס איז נאַריש צו דענקען", זאָגט דער רמב"ן ז"ל, „אַז אידען, וואָס האָבען

מיט פערציק טעג צוריק געהערט די עשרת הדברות, די צען גרויסע געבאָטען פון ג׳ אַליין ביים באַרג סיני, זאָלען פּלוצלינג אָנפאַנגען גלויבען אין אַן אָפּגאָט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון זייערע גאָלדענע רינגען און אוירינגלאַך. די איינציגע דערקלערונג, וואָס לייגט זיך אויפ׳ן שכל״, זאָגט ווייטער דער רמב״ן, „איז, אַז די אידען האָבען געזוכט משתף צו זיין, צולייגען אַ געשטאַלט פאַר זייער גלויבען״ (פרוש הרמב״ן כי תשא).

און די נייע געשטאַלט, וואָס די אידען האָבען אויסגעקליבען אַלס שותף צו דער גאָטהייט, איז באַשטאַנען אין דער הויכשעצונג פון עקאָנאָמישער הצלחה. זיי האָבען גענומען קוקען אויף די דערפאָלגרייכע גבירים, אַלס די אויסדערוויילטע פון ג׳. „וירא העם כי בושש משה״ — און אַז דאָס פאָלק האָט געזען, אַז משה האָט זיך פאַרזאַמט און אַז עס איז דאָ אַ מעגליכקייט, אַז ער וועט זיך שוין מער ניט צוריקקערען, זיינען זיי אַוועק צו די רייכע נשיאים, צו די, וואָס האָבען אַ סך גאָלדענע רינגען און אוירינגלאַך און זיי אָנפאַרטרויט מיט דער אויפגאַבע אויסצוקלייבען פאַר זיי אַ פירער. אָט די קעלבערנע התפעלות פאַר די גבירים, פאַר די געלט־זעק, וואָס על פי רוב פירען זיי דאָס פאָלק אַראָפּ פונ׳ם דרך־הישר, שאַפט דעם אָפּגאָט „עגל־הזהב״ און האַלט די אידען אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון זייערע געטליכע און נאַציאָנאַלע אידעאַלען.

ווי שיין און היסטאָריש אויסגעהאַלטען דריקט זיך אויס די גמרא איבער דעם דאָזיגען ענין: „קודם שחטאו בעגל היתה שכינה שורה עם כל אחד ואחד, כיון שחטאו נסתלקה שכינה מהם״ — איידער די אידען האָבען געזינדיגט מיט׳ן עגל האָט די שכינה פאַרוויילט מיט יעדען איינעם פון זיי, אַזוי גיך אָבער ווי זיי האָבען דעם פאַרברעכען באַגאַנגען, איז די שכינה אַוועק פון זיי (סוטה ג, ע״ב). קוים הויבט מען אָן משתף צו זיין קאַפּיטאַל צו דער גאָטהייט און מען באַטראַכט עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פאַר דעם העכסטען ציל אין לעבען, געפינט די שכינה קיין אָרט ניט פאַר זיך און זי פאַרלאָזט די אידישע מחנה.

איך קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי גליקליך איך האָב זיך געפילט, זאָגט ווייטער משה צו די אידען, „בעלותי ההרה לקחת לוחות האבנים, לוחות הברית אשר כרת ה׳ עמכם״ — ווען איך בין דערהויבען געוואָרען אַרויפצוגיין צו דעם גרויסען הויך, צו נעמען די שטיינערנע לוחות, די לוחות אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט געוואָרען דער געטרייער בונט, וואָס ג׳ האָט מיט אייך געשלאָסען. איך האָב דאָרטען פאַרוויילט פערציג טעג און פערציג נעכט, „לחם

לא אכלתי ומים לא שתיתי״ — קיין ברויט האָב איך ניט געגעסען און קיין וואַסער האָב איך ניט געטרונקען. מיר האָט קיין אַנדער זאַך ניט אינטערעסירט ווי וואָס שנעלער צו קריגען די „חמדה גנוזה״ — דעם וואונדערבאַרען אוצר — די תורה, און איר ברייגגען צו מייגע אידען.

ווען איך האָב די לוחות באַקומען און מיט גרויס שמחה אָנגעפאַנגען אַרונטערצונידערען אויף דער ערד, „ואתפש בשני הלוחות״ — האָב איך געמוזט פעסט האַלטען די לוחות, ווייל „היו מבקשים לפרוח״ — זיי האָבען זיך געריסען אַוועקצופליען פון מיר (ירושלמי תענית, פ״ד). איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָרום זיי זיינען אַזוי שווער געוואָרען און פאַרוואָס זיי רייסען זיך פון מייגע הענט. פלוצלינג אָבער האָב איך דערהערט די שטים פון ג׳, וועלכע זאָגט צו מיר: „קום רד מהר מזה כי שחת עמך״ — גיי שנעל אַרונטער פון דאַנען, ווייל דיין פאָלק האָט פאַרדאָרבען. דו קענסט מער ניט פאַרנעמען די הויכע גייסטיגע פּאָזיציע, וואָס דו האָסט געהאַלטען ביז איצט. די אידען, פאַר וועמען איך האָב די תורה געגעבען, „סרו מהר מן הדרך אשר צויתים, עשו להם מסכה״ — זיי האָבען גיך אָפּגעקערט פון דעם וועג, וואָס איך האָב זיי געהייסען, און פאַר זיך געמאַכט אַן אויסגעגאָסענעם אָפּגאָט פון זייער גאָלד, פון זייערע גרויסע קאַפּיטאַליסטען.

„ראה משה שאין עמידה לישראל״ — משה האָט איינגעזען, אַז די אידען האָבען פאַרלוירען די הויכע פּאָזיציע, וואָס זיי האָבען באַקומען ביים באַרג סיני. זיי האָבען גיך פאַרגעסען דעם צווייטען געבאָט, וואָס לערענט זיי: „לא יהיה לכם אלקים אחרים על פני״ — עס זאָלען ביי אייך ניט זיין קיין אַנדערע געטער פאַר מיר. דער גלויבען אין איין ג׳ וועט אייך מאַכען פאַר פרייע מענשען, אַזוי גיך אָבער ווי איר וועט זיך אונטערוואַרפען צו דער ממשלה פון „אלקי זהב וכסף״ — גאָלדענע און זילבערנע געטער, וועט איר קיינמאָל פריי ניט זיין. ווען איך האָב באַמערקט, זאָגט משה צו זיי, אַז „אין עמידה לישראל״ — אַז אָט דעם הויכען באַגריף האָבען אידען פאַרלאָרען, „ואשליכם מעל שתי ידי ואשברם לעיניכם״ — האָב איך די לוחות געלאָזט פאַלען פון מייגעביידע הענט און זיי צעבראָכען פאַר אייערע אויגען (שמו״ר מ״ה).

אין יענער שעה, זאָגען אונז די חז״ל, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ גזרה אויף די אידען, אַז זיי וועלען מוזען לערנען די תורה דורך צער און פאַרשקלאַפונג, דורך וואַנדערונג און דורך דרוק. „פסל לך שני לוחות״ — איבעראַל וועלען די אידען מוזען פאַר זיך אַליין אויסהאַקען די לוחות פון דער תורה.

נאָכדעם ווי זיי וועלען אויסדינען אַלערליי אָפּגעטער, וועלכע וועלען זיי פאַר־פירען צו פאַרשקלאַפונג און דרוק, וועלען זיי דאַן קומען צו דער איבערצייגונג, אַז „משה אמת ותורתו אמת" — אַז משה איז געווען גערעכט און זיין תורה איז גערעכט.

הפטרה

גב"ה בענקט נאָך זיינע אידען

חומותיך נגדי תמיד.

„בשעה שהיו ישראל יוצאין למלחמה היה הקב"ה יוצא עמהם. כיון שהכעיסוהו לא יצא עמהם. וכיון שלא היו ישראל בארץ, אמר: הלואי היו ישראל עמי ואפילו היו מכעיסים אותי" — בשעת אידען פלעגען אַרויסגיין אין אַ מלחמה פלעגט דער אויבערשטער גיין מיט זיי. האָבען זיי אים דערצאָרנט, פלעגט ער מער ניט גיין מיט זיי. אַזוי גיך אָבער ווי אידען האָבען זיך שוין מער ניט געפונען אין לאַנד, האָלט ער אין איין זאָגען: הלואי וואָלטען די אידען געווען מיט מיר, אפילו אויב זיי וואָלטען מיך דערצאָרנט (מדרש איכה, ג').

דער נביא ישעיה פון היינטיגער הפטרה טרייסט די אידען און דערמונ־טערט זיי ניט צו פאַרצווייפלען, ווייל זייער ישועה וועט זיכער קומען: „ותאמר ציון עזבני ה' ואד' שכחני" — ציון זאָגט, ג' האָט מיך פאַרלאָזען און מיין האַר האָט מיך פאַרגעסען. עס איז אָבער ניט אמת, דער אויבערשטער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזען אָדער פאַרגעסען זיין פאָלק. „התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה" — פאַרגעסט דען אַ פרוי איר קינד, ניט צו ליב האָבען דעם זון פון איר בויך? די שכינה, וועלכע האָט דאָס אידישע פאָלק שטענדיג געהיט ווי אַ געטרייע מאַמע, האָט אים קיינמאָל ניט פאַרגעסען, ניט זי האָט אונז פאַרלאָזען, נאָר „מהרו בניך" — דיינע קינדער האָבען זיך געאײלט פון מיר צו אַנטלויפען, אָבער איך האָלט אין איין בײנקען נאָך זיי. אַ מוטער'ס ליבע צו איר קינד פאַרשווינדט קיינמאָל ניט.

זעהר אַ שיינע מעשה'לע וועגען מוטער־ליבע ווערט אונז דערציילט אין אַן אינדישער לעגענדע: אַ מאַן האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידעל, וואָס האָט שטאַרק געהאַסט זיין מוטער. וויפיל מאָל ער האָט איר פאַרגעשלאָגען זיין ליבע, פלעגט זי אים אַלץ אָפּשטויסען פון זיך צוליב איר פיינטשאַפט צו זיין אַלטער מאַמען.

איינמאָל, אַז ער איז צו איר שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט זי אים געענטפערט, אַז ערשט דאַן וועט זי מיט אים הייראַטען, ווען ער וועט איר ברייגען דאָס האַרץ פון זיין מוטער. באַטויבט פון זיין ווילדער ליבע צו איר, איז ער אַוועקגעלאָפען אַהיים, געטויט זיין מוטער און אויסגעשניטען איר האַרץ. לויפענדיג צו זיין געליבטער מיט דעם האַרץ פון זיין מאַמען, איז ער געפאַלען און דאָס האַרץ איז געבליבען ליגען אויף דער ערד. ווען ער איז צוגעקומען אויפצוהויבען דאָס האַרץ, הערט ער ווי זיין מוטער'ס האַרץ פרעגט אים: „האָסטו זיך שטאַרק אָפּגעשלאָגען מיין קינד ?..."

איך האָב דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסען, זאָגט די גאָטהייט צו ציון. „על כפים חקותיך" — אויף מיינע הענט האָב איך דיך אויסגעקריצט. „חומותיך נגדי תמיד" — דיינע חרוב'ע מויערן שטייען שטענדיג פאַר מיינע אויגען. איך האָב פאַר אַ צייט פאַרלאָזען דיינע אידען און ניט מיטגעגאַנגען אין זייערע מלחמות פאַר דיר. אזוי גיך אָבער ווי די אידען זיינען אַוועק פון דיר האָלט איך אין איין בייינקען נאָך זיי און זאָג: הלואי וואָלטען זיי דאָ געווען אפילו אויב זיי וואָלטען מיר דערצאָרנט.

ה.

דינען ג' דורך „אהבה" אָדער „יראה"

מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה וכו'.

„אטו יראת שמים מילתא זוטרתא היא? אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא" — איז דען מורא האָבען פאַר ג' אַ גרינגע זאַך? יאָ, פאַר משה'ן איז עס געווען אַ גרינגע זאַך (ברכות ל"ג ע"ב).

וואָס אייגענטליך פאַרלאַנגט פון אייך ג'? — זאָגט משה צו די אידען — בלויז „ליראה את ה'", מורא צו האָבען פאַר ג'; „ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו", צו גיין אין אַלע זיינע וועגען און אים ליב צו האָבען; „לשמור את מצות ה' ואת חוקותיו", צו היטען די באַפעלען פון ג' און זיינע געזעצען. אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען גרינג דורכצופירען. איבער דעם ווערט באַמערקט אין „מדרש שוחר טוב": אויף דער בקשה פון דוד המלך: „אחת שאלתי מאת ה',

אותה אבקש" — איין זאך האב איך געבעטען פון ג', און דאס פארלאנג איך. „אמר הקב"ה לדוד אתה אמרת „אחת שאלתי" ואתה מבקש הרבה" — דו האסט געזאגט, אז בלויז איין זאך בעטסטו און צום סוף פארלאנגסטו גאר א סך זאכען, ווי „שבתי בבית ה' כל ימי חיי", איך זאל זיצען אין הויז פון ג' אלע טעג פון מיין לעבען; „לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו", צו זעהן די ליבליכקייט פון ג' און זיך צו פעדערען אין זיין טעמפעל; „כי יצפנני בסוכו ביום רעה", אז ער זאל מיך באהאלטען אין זייןביידעל אין א טאג פון בייז. דאס איז שוין צופיל פארלאנגט. „אמר לו", רופט זיך אפ דוד צו אים: „גם אתה אמרת מה ה' שואל מעמך, ובקשת הרבה" — אויך דו האסט געזאגט, וואס אייגענטליך פארלאנגט פון דיר ג', און דו רעכענסט אויס א גאנצע צעטעל פון שווערע זאכען, וואס א דורכשניטליכער מענש קאן עס ניט באוויזען (מדרש שו"ט תהלים כ"ז).

כמעט אלע פון אונזערע חז"ל, ראשונים אזוי גוט ווי אחרונים, שטימען איין, אז דינען ג' „מאהבה", אויס ליבע און איבערגעבענקייט, שטייט פיל העכער ווי דינען ג' „מיראה", אויס מורא אדער שרעק. „ביידע, אי דער „אוהב ה'", אי דער „ירא ה'", זענען מקיים די מצוות פון דער תורה, זאגט הרב ר' יעקב ריינעס ז"ל, דער אונטערשייד פון זיי ביידען באשטייט אבער אין דעם: דער וואס טוט עס אויס ליבע האט קיינע פניות ניט דערביי, ער טוט עס ניט צוליב שכר, צוליב דעם ווייל ער וועט דערפאר באלוינט ווערען, אדער צו פארמיידען אן עונש, א שטראף פון ג', פאר ניט טאן עס. ער פילט א זעלישע הנאה און א גייסטיגען פארגעניגען ווען ער איז מקיים זיין רצון, און דערפאר זוכט ער צו פארשענערען און פארגרעסערען די מצוה. דער וואס טוט אבער אויס מורא, זוכט אפצוקומען מיט דורכפירען די מצוה, ווייל ער וויל ניט באשטראפט ווערען. האט ער איר איינמאל אפגעטאן שטעלט ער זיך צופרידען און זוכט איר ניט מער צו פארגרעסערען אדער פארשענערען".

„דער ליבהאבער — זאגט ווייטער הרב ריינעס — זוכט צו טאן דעם רצון פון זיין געליבטען. דער שרעקעדיגער אבער זוכט מערסטענס ניט צו טאן זאכען וואס זענען קעגען דעם רצון פאר וועמען ער שרעקט זיך. דאס איז די כוונה פון דעם רמב"ן, וואס דערקלערט, אז דער טעם פארוואס „עשה דוחה לא תעשה" — א מצוה פון טאן קומט מאנכעמאל פריער פאר א מצוה פון ניט טאן, ווייל די מצוות פון טאן ווערען על פי רוב דורכגעפירט „מאהבה" — אויס ליבע צו דער אמונה און אירע טראדיציעס. די מצוות אבער פון ניט טאן, פארבאטען קעגען

פאַרברעכענס, ווערען מער אָפּגעהיט אויס מורא, אַז מען וועט באַשטראָפט ווערען. און דינען ג׳ מאהבה שטייט העכער ווי טאָן עס אויס יראה (רמב״ן פ׳ יתרו).

די חסידישע רביים ווערטלען זיך שטאַרק איבער דעם ענין. עס ווערט דערציילט, אַז דער בעש״ט ז״ל האָט אַמאָל געענטפערט אַ מתנגדישען רב, וועלכער האָט אים געפרעגט: „אויב איר האָט פאַרגעסען צו זאָגען „יעלה ויבא״ אין דער שמונה עשרה פון ראש חודש דאַרפט איר איבערשטיין שמונה עשרה פון דאָס ניי?״ „דאָס קאָן נאָר טרעפען ביי אייך״, האָט אים דער בעש״ט געענטפערט. „איר, וועלכע דאַווענען אויס „יראת שמים״, קאָנט איר פון שרעק אַמאָל פאַרגעסען צו זאָגען „יעלה ויבא״, מיר אָבער, וועלכע דאַווענען „מאהבה״, ווייל מיר ליבען ג׳ מיט זיינע תפילות, וועלען קיינמאָל ניט פאַרגעסען צו זאָגען „יעלה ויבא״ (שבחי בעש״ט). רבי מענדעלע קאָצקער פלעגט זיך וויצלען און זאָגען: „דער אונטערשייד פון אַ חסיד ביז אַ מתנגד באַשטייט אין דעם וואָס א חסיד האָט ליב דעם רבונו של עולם און אַ מתנגד שרעקט זיך פאַר׳ן שולחן ערוך״.

ס׳קאָן אָבער אַמאָל טרעפען, אַז ליבע זאָל אָפּגעקילט ווערען, אַז געוויסע אומשטענדען זאָלען ברענגען אַ אידען ניט צו ליב האָבען ג׳. דערפאַר ראָטען אונז די חכמים: „עשה מאהבה ועשה מיראה. עשה מאהבה שאם באת לשנוא, ואין אוהב שונא. עשה מיראה שאם באת לבעוט ואין ירא בועט״ — זיי מקיים די דינים אויס ליבע און אויס מורא, טו עס אויס ליבע, ווייל אויב די אומשטענדען ברענגען דו זאָלסט פיינט האָבען, וועסטו עס נישט טאָן, ווייל אַ ליבהאָבער האָט ניט פיינט. טו עס אויס מורא, ווייל אויב דו וועסט עס ווועלען אָפּוואַרפען ווועסטו עס אויך ניט טאָן, ווייל דער וואָס האָט מורא וועט ניט באַגיין קיין פאַרברעכען (ירושלמי ברכות סוף פ׳ הרואה).

רבי הירש לייב וואָלאָזשינער ז״ל, אין זיין „העמק דבר״, באַהויפּטעט, אַז מיט דעם רוף „מה ה׳ דורש ממך״ — וואָס וויל ג׳ פון אייך? האָט זיך משה געווענדט צו אַלע שיכטען פון פאָלק. צו די ראשים און מנהיגים, די אידישע פירער און הערשער האָט ער געזאָגט: אלץ וואָס ג׳ וויל פון אייך איז „כי אם ליראה את ה׳״, בלויז איר זאָלט מורא האָבען פאַר ג׳. איר קאָנט זיך דאָך איינרעדען, אַז צוליב דעם וואָס איר האָט זוכה געווען צו דער פירערשאַפט מעגט איר שוין טאָן וואָס איר ווילט און אפשר גאָר דריקען דאָס פאָלק, זאָג איך אייך האָט מורא פאַר ג׳. ער האָט אייך די הערשאַפט געגעבען און ער קאָן זי נאָך פון אייך אָוועקנעמען.

די חז״ל פרעגען „אטו יראה מילתא זוטרתא היא?״ — איז יראת שמים אַזאַ גרינגע זאַך, וואָס משה רעדט וועגען דעם אין אַזאַ לייכטען טאָן? — און ענטפערען: „לגבי משה מילתא זוטרתא היא״ — פאַר משה׳ן איז עס טאַקע געווען אַ קלייניגקייט. ער איז געווען דער גרעסטער אוהב ה׳, ער האָט געליבט די גאָטהייט מיט אַלע פעדים פון זיין גוף און נשמה, דערפאַר איז פאַר אים „יראה״ געווען אַ גאַר גרינגער זאַך.

מיין פאָטער ע״ה האָט מיר אַמאָל געגעבען אַן אַנדער דערקלערונג איבער דעם מאמר אין דער גמרא: „ווען קליינע כלים רינגלען אַרום אַ גרויסע כלי איז, אַז עס גיסט זיך אַריבער פון דער גרויסער כלי, ווערען אויך די קליינע כלים אָנגעפילט. „לגבי משה״, פאַר די וואָס האָבען געלעבט לעבען משה׳ן, איז „יראה״ געווען אַ מילתא זוטרתא״, אַ גאַנץ גרינגע זאַך. פון משה רבנו האָט געשטראָמט אַזוי פיל יראה און אהבה צו ג׳, אז דער איבערפלוס האָט אויך אָנגעפילט די אַלע אידען אַרום אים.

צו די זקנים, די רבנים און לערער פון פאָלק זאָגט משה: ג׳ פאַרלאַנגט פון אייך „ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו״, צו גייך אין אַלע זיינע וועגען און אים ליב האָבען. ג׳ וויל, אַז איר זאָלט זיך פירען מיט זיינע קינדער ווי אמת׳ע טאַטעס, ניט אימער נאָך דעם שטרענגען וואָרט פון געזעץ. מען דאַרף זיך באַגיין מיט דעם המון עם „לפנים משורת הדין״, לויט נאָך דער לאַגע און די אומשטענדען, אין וועלכע דאָס פאָלק געפינט זיך. „הקב״ה ווערט געלויבט אַלס אַן „אוהב ישראל״, אַ ליבהאָבער פון אידען, פלעגט זאָגען ר. לוי יצחק באַרדיטשעווער ז״ל, און די וואָס ליבען תורת ישראל זאָלען אויך ליב האָבען דעם עם ישראל״.

צו דעם המון העם אָבער זאָגט משה, אַז ג׳ פאַרלאַנגט פון זיי: „לשמור את מצות ה׳ ואת חוקותיו לטוב לך״ — צו היטען די געבאָטען פון ג׳ און זיינע געזעצען, כדי אייך זאָל גוט זיין. מיט דעם וואָס זיי וועלען זיך אויפפירען לויט די פאָרשריפטען פון דער תורה און לויט ווי זייערע עלטערען האָבען געטאָן, וועלען זיי קיינמאָל ניט אונטערגיין, ווייל דאָס וועט זיי אויסהיטען פון אַלדאָס בייז.

הפטרה

אין ליכט פון אייער אייגענעם פייער

לכו באור אשכם.

„עריקין הוינן מן קומי גונדא בהדא בוטיטא והיה בידינו נרות. בשעה שהיו כהים היינו יודעים שהוא יום, ובשעה שהיו מבהיקים היינו יודעים שהוא לילה" — מיר זענען געלאָפען פון דעם שונא׳ס אַרמייען אין פינסטערע קעלערען און אין אונזערע הענט האָבען מיר געהאַלטען ליכט. ווען זייער שיין איז געווען טונקעל האָבען מיר געוואוסט, אַז עס איז טאָג, אָבער ווען זיי האָבען אויפגעפלאַמט האָבען מיר געוואוסט, אַז עס איז נאַכט. (ב"ר ל"א).

די היינטיגע הפטרה איז די צווייטע פון די „שבע דנחמתא", די זיבען טרייסט הפטרות, וואָס מיר לייענען אין די זיבען שבתים נאָך תשעה באב. די אידישע נחמות מוזען זיין זיבענפאַכיג אַלס באַלוינונג פאַר דער שרעקליכער קללה פון דער תוכחה „והכיתי אתכם שבע על חטאתיכם" — איך וועל אייך שלאָגען זיבען מאָל פאַר אייערע זינד, וואָס איז אַזוי גרויזאַם דורכגעפירט געוואָרען קעגען זיי, אויף זייערע לאַנגע וואַנדערונגען איבער אַלע זיבען ים׳ען פון דער וועלט.

די אַלע זיבען טרייסט הפטרות ווערען פון דעם גרויסען נביא ישעיה איבערגעגעבען צו אונז אין „נחמות כפולות", טאָפּעלטע טרייסטען, ווייל דאָס קומט אונז פאַר דעם „לקו בכפלים", פאַר דער טאָפּעלטער פּאַרציע פון צרות און יסורים, וואָס זיינען אונז צוגעטיילט געוואָרען אין אַלע לענדער פון דעם פינסטערען גלות. קיין פאָלק אין דער וועלט האָט אַזוי פיל ניט געליטען ווי דאָס אידישע. פאַר דעם איינציגען חטא פון זיין אַ איד, האָט מען אים איבעראַל שטאַרק גע׳רודפ׳ט און זיין בלוט פאַרגאָסען. טאָפּעלטע גלות׳ן האָט ער געהאַט אויסצושטיין אין אַלע ווינקלאַך פון דער וועלט. וואו ער האָט פּרובירט זיך צו באַזעצען, האָט מען אים צוגעטיילט אַ צווייאיגע פּאַרציע פון באַגרעניצונגען. אַלס פרעמדער האָט מען באַשרענקט זיינע פּאָליטישע פרייהייטען, און אַלס איד האָט מען אים אויך באַרויבט פון אַלע מענשליכע רעכטען. זיין גאולה מוז דעריבער צוזאַמענגעשטעלט ווערען פון „נחמות כפולות", טאָפּעלטע טרייסטען,

וועלכע זאָלען אים צוריקגעבען זיין נאַציאָנאַלען שטאָלץ און זיין היסטאָרישע גרויסקייט.

אין דער ערשטער טרייסט הפטרה רעדט ישעיה צו די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט און זאָגט זיי: „דברו על לב ירושלים וקראו אליה, כי מלאה צבאה, כי נרצה עונה, כי לקחה מיד ה׳ כפלים בכל חטאותיה״ — רעדט צום האַרצען פון ירושלים און רופט צו איר, אז איר צייט איז שוין פאַרפולט געוואָרען, אַז איר זינד איז שוין פאַרגעבען געוואָרען, ווייל זי האָט שוין באַקומען פון גאָט׳ס האַנט צוויי מאָל אַזוי פיל פאַר אירע זינד. ער וואָרענט זיי, אַז זיי זאָלען ניט שטערען דעם צוריקקער פון זיינע קינדער צו זיין אַלטער היימלאַנד. „כל הגוים כאין נגדו״, אַלע פעלקער זיינען ווי גאָרנישט געגען אים. אויב זיי ווילען שלום און פרייהייט אויף דער וועלט, זאָלען זיי צוערשט באַפרייען דעם אייביג־ליידענדיגען ישראל, וועלכער איז דער אָנפאַנג און סוף פון די אַלע גרויסע וועלט־מלחמות און בלוט־בעדער. וועלען זיי עס אָבער ניט טאָן, דאַן איז זייער אייגענע צוקונפט נישט קיין געזיכערטע. „הנותן רוזנים לאין שופטי ארץ כתהו עשה״ — די הערשער וועלען פאַרשווינדען און די ריכטער פון דער וועלט וועלען פאַרוויסט ווערען. „סערה כקש תשאם״, דער שטורעם, וואָס הויבט זיך, געוויינליך, אָן מיט די אידען אין זייערע לענדער, וועט זיי אויך ווי שטרוי אַוועקטראָגען.

אין דער היינטיגער הפטרה רעדט דער נביא צו ציון, וועלכע האָלט זיך אין קלאָגען, אַז „עזבני ה׳ וה׳ שכחני״, ג׳ האָט מיך פאַרלאָזען און פאַרגעסען. ער טרייסט איר און זאָגט איר אַז די גוטע בשורה: „שאי סביב עיניך וראי כלם נקבצו באו לך״, הויב אויף דיינע אויגען און קוק זיך אַרום, ווי אַלע קלייבען זיך צוזאַמען און קומען צו דיר. „עוד יאמרו באזניך בני שכוליך, צר לי המקום גשה לי ואשבה״ — עס וועלען נאָך זאָגען אין דיינע אויערען דיינע פאַרוואָרפענע קינדער, אַז דער פלאַץ, וואו זיי געפינען זיך איז פאַר זיי ענג געוואָרען, רוק זיך צו צו מיר און איך וועל זיך אין דיר באַזעצען. אַלע דיינע קינדער, ביי וועמען דער גלות איז געווען איינגעבאַקען אין האַרצען און האָבען אים ניט געוואָלט פאַרלאָזען, אויך זיי וועלען זיך ענדליך אַרומזעהן, אַז אין דער פרעמד איז פאַר זיי קיין פלאַץ ניטאָ, און זיי וועלען קומען צו דיר. און אויך גייסטיג וועסטו שטייגען. „עתידה ירושלים להיות רמה ועולה עד שמגעת לכסא הכבוד ואומרת להקב״ה צר לי המקום גשה לי ואשבה״ — ירושלים וועט אין

דער צוקונפט שטייגען און אַרויפגיין ביז זי וועט גרייכען צום כסא הכבוד און זאָגען צו ג׳, מיר איז ענג דער פּלאַץ, גענעהן צו מיר און איך וועל זיך לעבען דיר באזעצען (ילקוט שמעוני רמז תע״ב).

און צו די אידען פון דער גאַנצער וועלט ווענדט זיך דער נביא מיט דעם רוף: „הן כלכם קודחי אש, מאזרי זיקות, לכו באור אשכם ובזיקות בערתם״ — איר זייט דאָך אַלע געווען די אָנצינדער פון דעם געטליכען פייער, די וואָס האָבען פאַרשפּרייט די פונקען פון דער אמת׳ער אמונה, געהט אין אייער אייגענעם פייער און אין די שטראַלען, וואָס איר האָט אָנגעצונדען. באַנוצט זיך ניט מיט פרעמדע פייערען, וואָס לייכטען ניט און דערוואָרעמען ניט. אויף דעם באַמערקט דער מדרש, ווען מיר האָבען זיך באַהאַלטען אין די פינסטערע היילען פון גלות, זיך צו באשיצען פון דעם שונא׳ס אַרמייען, האָבען מיר געטראָגען דעם ליכט פון גלויבען. „בשעה שהיו כהים היינו יודעים שהוא יום״ — אין אַ צייט פון טאָג, פון בעסערע צייטען, איז זיין ליכט ביי אונז טונקעל געווען. „ובשעה שהיו מבהיקין היינו יודעים שהוא לילה״ — אין אַ צייט פון פינסטערניש אָבער, האָט ער צוריק אויפגעשיינט, און אין זיין ליכט וועלען מיר קומען „אל המנוחה ואל הנחלה״, צו דעם רוה־פּלאַץ און צו אונזער אייגענער היים.

ראה

א.

תורה און אמונה

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.

„אמר בר קפרא: הנפש והתורה נמשלו בנר. הנפש, דכתיב: „נר ה׳ נשמת אדם״; התורה, דכתיב: „כי נר מצוה ותורה אור״. אמר הקב״ה לאדם: נרי בידך ונרך בידי, אם תשמור את נרי אני משמר את נרך״. — בר קפרא האָט געזאָגט: די מענשליכע נשמה און די תורה ווערען צוגעגליכען צו אַ ליכט. די נשמה, ווי עס שטייט געשריבען: אַ ליכט פון ג׳ איז די נשמה פון אַ מענשען; און וועגען די תורה ווערט געזאָגט: אַ ליכט איז די מצוה און די תורה אַ העלער שיין, אַזוי זאָגט ג׳ צו דעם מענשען: מיין ליכט, מיין תורה, איז ביי דיר אין די הענט, און דיין ליכט, דיין נשמה, איז ביי מיר אין די הענט. אויב דו וועסט היטען מיין ליכט, וועל איך היטען דיין ליכט (דב״ר פ״ד).

„ראה״, זעהט! — זאָגט משה צו די אידען, — „אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה״ — איך ליג פאַר אייך היינט פאַר די וועגען, וואָס פירען צו ברכה, צו גליק, און אויך די, וואָס פירען צו קללה, צו אומגליק. די תורה פאָדערט ניט פון אייך קיין בלינדע נאָכפאָלגערשאַפט. זי פאַרלאַנגט פון אייך בלויז, אַז איר זאָלט זעהן און שטודירען אירע געזעצען, און דאַן וועט איר זיך אַליין איבער־ציייגען, אַז די ברכה ליגט אין הערען און אויספאָלגען די מצוות פון אייער ג׳, און די קללה — אין ניט הערען און ניט פאָלגען זיינע ווערטער. „לא לרעתכם נתתי להם ברכות וקללות, אלא להודיען איזו דרך טובה שיבחרו אותה כדי שיטלו שכר״ — ניט צו שאַדען טאָן האָב איך זיי געגעבען ברכות און קללות, נאָר כדי זיי צו לאָזען וויסען וועלכען וועג עס איז גוט פאַר זיי אויסצוקלייבען, כדי צו באַקומען זייער געהעריגען לוין (דב״ר פ׳ ד׳). די תורה צווינגט אייך

ניט צו טאָן וואָס זי פאַרלאַנגט. די ברירה איז ביי אייך אין די הענט און איר קענט פרייוויליג אויסקלייבן וועלכן וועג איר ווילט.

„ראה נתתי לפניכם״ — זעהט אַלץ, וואָס איך האָב פאַר אייך פערגע־לייגט, און איר וועט זיך אַליין איבערצייגען.

„דער הויפט יסוד, אויף וועלכען דער אידישער גלויבען איז באַגרינדעט״, זאָגט פּראָפעסאָר פּוט מור, „באַשטייט אין דעם „ראה״, אין איר אָפענבאַרקייט. ניטאָ קיין געהיימניש אין דער אידישער תורה. אירע געזעצען זיינען ניט איינגע־וויקעלט אין סודות. דער אויבערשטער אַליין האָט זיך אַנטפּלעקט צו די אידען אויף דעם באַרג סיני און פון זיין אייגענעם מויל האָבען זיי געהערט די „עשרת הדברות״, די צען געבאָט, וועלכע אַנטהאַלטען די הויפט פּרינציפּען פון זיין תורה. ספּעציפישע מצוות זיינען פון ג׳ אַנגעוויזען געוואָרען נאָך צו די אבות, אָבער די גאַנצע אַנטפּלעקונג פון זיין תורה איז געמאַכט געוואָרען צו משה׳ן און איז נאָכדעם איבערגעגאַנגען צו די נביאים און צו די „אנשי כנסת הגדולה״. „לא בשמים היא״ — די תורה איז ניט פאַרבליבען אין די הימלען. זי איז אַן אָפענער בוך פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אין דעם באַשטייט די גרונט־אידייע פון דעם אידענטום״ (דזשודאַאיזם).

„יהדות״, אידישקייט, זאָגט פּראָפעסאָר הערמאַן כהן ע״ה, איז ניט אַ רעליגיע אין דעמזעלבען זין ווי אַלע אַנדערע פעלקער פאַרשטייען עס. ביי זיי איז רעליגיע א בלינדער גלויבען אין ג, וואָס איז איינגעוויקעלט אין סודי־סודות און שטייט אָפּגעזונדערט פון דער מענשהייט. זיינע באַפעלען האָבען מער צו טאָן מיט דעם הימעל, ווי מיט דער ערד. פאַר די, וואָס דינען צו אים, ווערט פאַרשפּראָכען אַ פּראַכטפולע „יענע־וועלט״, וואו זייערע נשמות נאָכ׳ן טויט וועלען אַריינגענומען ווערען און דאָרט פאַרברייננגען אין „אייביגען גליק״. מיט דעם טאָג־טעגליכען לעבען גיבען זיך זייערע אמונות ווייניג אָפּ. זיי אינטע־רעסירט מער די באַציאונגען פון דעם מענש צו ג׳ איידער זיינע באַציאונגען צו זיינע מיטמענשען. דער הויפט מאָטיוו פון זייערע אמונות באַשטייט אין ראַטעווען די נשמה פון דעם מענשען. אָט טאָקע צוליב דעמדאָזיגען גלויבען האָבען די פאַנאַטישע נאָכפאָלגער פון זייערע אמונות געוואָרפען צענדליגער טויזענטער נפשות אויף אויטאָ־דאַ־פעען און קאַלכאויוועגס, כדי צו ראַטעווען זייערע נשמות פאַר דער קומענדער וועלט.

דער אידישער גלויבען אָבער איז אַן אָפענע תורה, וואָס מיינט לערע,

דערציאונג און באַלייכטונג. זי שטייט ניט אָפּגעזונדערט פון דעם מענשען. אין געגענטייל, זי גייט מיט אים אויף אַלע וועגען און וואַכט איבער אים טאָג און נאַכט. די טיפסטע אָפּשאַצונג פון דער אידישער תורה, זאָגט דער „בינה לעתים", געפינט זיך אין די ווערטער פון „יתרו", ווען ער זאָגט צו משה'ן: „והזהרת אתהם את החוקים ואת התורות, והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון" — מאַך די אידען אויפמערקזאַם וועגען די געזעצען און די לערען און לאָז זיי וויסען דעם וועג, אין וועלכען זיי זאָלען גיין, און די מעשים, וואָס זיי זאָלען טאָן (שמות י"ח כ'). די אידישע תורה באַשטייט ניט פון טרוקענע דאָגמען אָדער בלינדע גלויבענס. זי איז אַ ליכט און וועגווייזער פאַר די מענשען, ווי זיי זאָלען זיך אויפפירען, כדי צו לעבען גליקליך אויף דער וועלט.

ווייל די תורה איז אַ ספר־החיים, אַ בוך פון לעבען, זאָגט דער „כוזרי", דערפאַר ווערט אין איר ווייניג גערעדט פון אַ יענער וועלט. אַנשטאָט צו פאַר־שפּרעכען אירע אַנהענגער גרויסע גליקען נאָכ'ן טויט, זאָגט זי זיי בעסער: „ובחרת בחיים" — קלייבט אייך אויס דעם וועג פון לעבען. איר האָט פאַר זיך צוויי וועגען: „אחד שתחילתו מישור וסופו קוצים, ואחד שתחילתו קוצים וסופו מישור" — איין וועג איז פון אָנפאַנג גלייך, אָבער זיין סוף איז פול מיט דערנער, און דער צווייטער איז פון אָנפאַנג דאָרנדיג, אָבער זיין סוף איז אַ גלייכער (ספרי). די אידייע פון „איש כל הישר בעיניו יעשה", אַז יעדער זאָל טאָן ווי אים געפעלט, וויזט פון אָנפאַנג אויס צו זיין גוט פאַר יעדען מענשען, אָבער זיין סוף איז פול מיט דערנער. די געזעלשאַפט איז צוזאַמענגעשטעלט פון פיל מיט־מענשען, און דער גייעג צופרידענצושטעלען זיינע אייגענע תאוות וועט אים מיט דער צייט ברייינגען אין קאָנפליקט מיט אַנדערע און קען פאַר־אורזאַכען אַ קריזיס, אַ צוזאַמענברוך, וואָס וועט אויפטרייסלען אויך זיין אייגענע עקזיסטענץ. דאַגעגען, דער וועג פון יושר און גערעכטיגקייט צו זיינע מיט־מענשען איז אפשר שווערליך פון אָנפאַנג, אָבער זיין סוף איז אַ גלייכער און פירט צו שלום און אחדות אין דער וועלט.

אידישקייט איז אַ וועג פון לעבען, ניט פון גלויבען. אַלע דינים פון דער תורה ווערען פון אונזערע חכמים אָנגערופען מיט דעם נאָמען „הלכות", וואָס מיינט „גאַנגען", ווייל אַזוי דאַרפען אידען גיין, כדי צו דערגרייכען דעם אמת'ן תכלית פון לעבען. דערפאַר זאָגט משה צו די אידען „ראה" — זעהט פאַר זיך אַליין. איר דאַרפט מיר ניט גלויבען אויפ'ן וואָרט. שטודירט און איר וועט אַליין

אויסגעפינען דעם אמת. „אם אין תורה אין דרך ארץ" — אַז אָהן תורה איז שווער צו געפינען דעם ריכטיגען וועג פון לעבען (אבות פ"ג). „וואָס די אידישע אמונה פאַרלאַנגט פון דעם מענשען", זאָגט ווייטער פּראָפעסאָר פוט מור, איז צו ליבען און ערליך האַלטען זיין חבר, זיין מיט־מענש. דער געבאָט פון „ואהבת את ה' אלקיך" — דו זאָלסט ליב האָבען דיין ג', ווערט אויסגעדריקט אין דעם „ואהבת לרעך כמוך" — דו זאָלסט ליב האָבען דיין חבר ווי זיך אַליין, און ניט נאָר דיין חבר, „ואהבתם את הגר" — איר זאָלט אויך ליב האָבען דעם פרעמדען (דזשודאאיזם).

„ראה", זעהט! האַלט אייערע אויגען אָפען, דאָס איז דער ווילען פון אייער ג', די תורה איז געגליכען צו אַ ליכט, וואָס פאַרשפּרייט ליכטיגקייט און קלאָרקייט. אויך די נשמה פון דעם מענשען איז געגליכען צו אַ ליכט און דאַרף באַלייכטען אַלע זיינע וועגען. די ברירה איז ביים מענשען אין די הענט. „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" — דער שיקזאַל פון אַלץ ליגט אין די הענט פון דעם אויבערשטען, אויסער דער שיקזאַל פון „יראת שמים" (ברכות ל"ג ע"ב). מורא צו האָבען פאַר ג' און גיין אין זיינע דרכים — דאָס איז איבערגעגעבען צו דער „בחירה חפשית" — צו דעם פרייווילען פון דעם מענשען זעלבסט. די תורה צווינגט קיינעם ניט צו טאָן ווי זי הייסט; זי לערנט אים בלויז און צייגט אים אָן די וועגען, וואָס פירען צו אַ גליקליך לעבען.

מיט דעם וואָס די תורה איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם פרייווילען פון דעם מענשען, האָט זי זיך פאַרבונדען מיט אייביגקייט. וואָלט די „בחירה" ניט איבערגעגעבען געוואָרען צום מענשען, זאָגט הרב ריינעס ז"ל, וואָלטען אַלע זיינע מעשים אויף אים אַרויפגעצוואונגען געוואָרען וואָלט ער מיט דער צייט געוואָרען אויס מענש, אָדער ער וואָלט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מלאך, אַן אויבער־מענש, אָדער אין אַ ווילדער חיה, אַ נידעריגע בריאה. דער מענש איז ניט קיין אויטאָמאַטישע מאַשין; ער איז מחויב צו דענקען און טראַכטען וואָס עס איז גוט אָדער וואָס עס איז שלעכט פאַר אים. מיט דעם שטייט ער העכער פאַר אַלע אַנדערע ברואים אין דער וועלט. ג' אָבער זאָגט צום מענשען: מיין ליכט, מיין תורה, איז אין דיינע הענט, און דיין ליכט, דיין נשמה, איז אין מיינע הענט. היט מיין ליכט און איך וועל היטען דיין ליכט.

ה פ ט ר ה

די ליכט פון ציון וועט נאָך שיינען

וכל בניך למודי ה׳ ורב שלום בניך.

„כך אמר הקב״ה לישראל: הואיל ואורי הוא אורכם, ואורכם הוא אורי, אני ואתם נלך ונאיר לציון״ — אַזוי זאָגט ג׳ צו די אידען: אַזוי ווי מיין ליכט איז אויך אייער ליכט, און אייער ליכט איז אויך מיין ליכט, לאָמיר צוזאַמען גיין און באַלייכטען ציון (פסיקתא רבתי).

„עניה, סוערה, לא נוחמה״ — אַן אָרימע, צעשטורעמטע, ניט קיין געטרייסטע. אין די דאָזיגע דריי קורצע ווערטער גיט אונז דער נביא אַ גרינטליכען אַנאַליז איבער דער טרויעריגער לאַגע פון די אידען אין גלות. אין בלויז דריי קליינע שטריכען ווערט פאַר אונז אויפגעדעקט דער טיפער, פינסטערער אַפּגרונט, צו וועלכען די אידישע אומה איז געזונקען, ליגט דאָרט איינגעקלאַמערט אין צער און צאָרן און זעהט פאַר זיך ניט קיין אויסוועג פון רעטונג.

„עניה״ — אָרים און קליין אין צאָל. אין דער צייט פון חורבן בית שני האָט דאָס אידישע פאָלק געציילט לערך זעקס מיליאָן נפשות. לויט דעם נאַטירליכען וואוקס האָט אונזער פאָלק געדאַרפט איצט באַשטיין פון אַ באַפעלקערונג, לכל הפחות, פון אַ הונדערט מיליאָן. אָבער דער גרויזאַמער גלות מיט זיינע מערדערליכע פּאָגראָמען און שחיטות האָט אונז ניט געלאָזט וואַקסען און מיר ציילען היינט קוים צוועלף מיליאָן נפשות.

„עניה״ — אויך אָרים אין קאַפּיטאַל. עקאָנאָמיש איז אונזער פאָלק געבראָכען. וויפיל קאַפּיטאַל און רייכטימער האָט דאָס ענערגישע און אַרבייטזאַמע אידיש פאָלק צונויפגעזאַמעלט אין דעם משך פון טויזענטער יאָרען? אַלץ איז אָבער אַוועק אין ניוועץ, ווייל דער רויבערישער גלות האָט שוין געזעהן, אַז פון אונזערע קאַפּיטאַלען זאָל אונז גאָרניט בלייבען.

„עניה״ — אויך זיינען מיר אָרים פּאָליטיש. דער גלות האָט צעשטערט אונזער גרויסען נאָמען. פון אונזער אַמאָליגען „עם סגולה״, אַן אויסדערוויילט פאָלק, וואָס האָט דער וועלט געגעבען אַ גלויבען, גרויסע נביאים און הויכע אידעאַלען, איז אין די פינסטערע יאָרען פון גלות פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין „שה פזורה ישראל״ — אַ פאַרוואָרפענע שעפּסעלע, וואָס געפינט זיך אימער

צווישען ביידע וועלף און איז „ללעג וקלס בגוים" — צו שאנד און צו שפאט ביי די פעלקער און ווערט אויך בארויבט פון אלע מענשליכע רעכט.

טראץ אונזער ארימער לאגע, פאליטיש און עקאנאמיש, איז אונזער אומה אויך „סוערה" — א צעשטורעמטע. מיר ווערען מיטגעריסען פון יעדען שטורעם, וואס ברעכט אויס אין דער וועלט. אלע גרויסע מלחמות און איבערקערענישען, וואס קומען פאר צווישען די פעלקער, וואו מיר געפינען זיך, מאכען אן גרעסערע חורבנות אין אונזערע רייען, ווי אין די פון די אנדערע פעלקער. מיר זיינען דאס ערשטע כפרה־הינדעל ביי יעדען אויפברויז פון האס און צארן. מיט אונזער בלוט פאנגט זיך אן יעדער קריג און מיר ווערען נאך געדריקט צו לאזען אונזערע קינדער שטארבען אויף אלע שלאכטפעלדער.

און וואס איז נאך טרויעריגער: ווען אלע שטורעמס ווערען שוין איינגעשטילט און די וועלט פאנגט זיך אן צו טרייסטען נאך די גרויסע פארלוסטען, וועס זייערע מלחמות האבען זיי געבראכט, בלייבט אונזער אידישע אומה אלץ א „לא נוחמה" — ניט קיין געטרייסטע. צו די שלום־טישען לאזט מען איר ניט צו. איר שטים ווערט ניט געהערט, און אלע פארשפרעכונגען, וואס זיינען איר געמאכט געווארען, אויך פון די זאגענאנטע דעמאקראטישע מדינות, ווערען פארלייקענט און אפגעשפאט. כדי צו קריגען אונזער וואוט און אונזער מיטהילף האבען אונז אזעלכע לענדער ווי אמעריקע און ענגלאנד הייליג פארשפראכען צו העלפען עטאבלירען אונזער נאציאנאלע היים אין ארץ־ישראל. אבער פון אלע זייערע הבטחות איז געווארען אן אויסגעבלאזען איי. די טייכען אידיש בלוט אין די טרעבלינקעס און אשוויענטשימס זוכט מען צו פארשווענקען מיט'ן אויל פון די אראבישע לענדער, און אונזער שארית הפליטה שמאכט נאך אלץ אין די פינסטערע קאנצענטראציע לאגערען פון דער בלוט־אויסגעווייקטער אייראפע.

„לא נוחמה" — מיר ווערען אויך ניט געטרייסט פון דער „יונייטעד ניישאנס", וועלכע האט זיך ארגאניזירט פאר דעם צוועק פון פארפעסטיגען דעם שלום אויף דער וועלט. צו אירע פארזאמלונגען לאזט מען אונז ניט צו. מיר זיינען דאך א פאלק אהן א לאנד, אהן א מלוכה — און בלויז מלוכות האבען דאס רעכט אנטיילצונעמען אין אירע פארהאנדלונגען. מעג א מלוכה'לע זיין אזוי די גרויס ווי א „טל ומטר" אין א קליין סידור'ל, מעג איר ממשלה זיין בארבאריש און פינסטער ווי די נאכט, איר שטים ווערט געהערט און געציילט, אבער דאס „קול יעקב", די שטים פון ארימען ישראל, ווערט דערשטיקט.

דער נביא הייסט אָבער די אידען ניט צו פאַרצווייפלען. ג׳ ווייסט און זעהט אייער שרעקליכע לאַגע און ער הייסט מיר אייך טרייסטען און זאָגען: „הנה אנכי מרביץ בפוך אבניך ויסדתיך בספירים״ — איך וועל פון דימענטען אויסלייגען דיינע גרונשטיינער און וועל דיין באַזיס מאַכען פון סאַפּירשטיינער. אייערע שונאים וועלען אייך ניט ברעכען, אייער צוקונפט וועט נאָך לייכטען. קוים זיינען דיינע קינדער „למודי ה׳״, געלערענטע פון ג׳ און האַלטען זיך אין זיינע אידעאַלען, „ורב שלום בניך״ — וועט דער שלום פון דיינע קינדער זיין גרויס. מיט דער ליכט פון ג׳ וועט איר באַלייכטען די וועגען פון ציון, און זי וועט צוריק אָנפאַנגען שיינען ווי אין דעם גרויסען אַמאָל.

ב.

אמונה און שכל

אשר אנכי מצוה אתכם היום.

„אם תאמר איך אני יכול לשמור כל התורה ולשמור כל המצוות? — כך הקב״ה אומר לאדם: מה איכפת לך? שכיר יום אתה: עשה יומך״. — אויב דו וועסט זאָגען: ווי קאָן איך דען אויספאָלגען די גאַנצע תורה און אָפּהיטען אַלע אירע געזעצען? אַזוי זאָגט ג׳ צום מענשען: וואָס אַרט דיך? דו ביסט בלויז אַן אָנגעשטעלטער פון טאָג; טו דיין טאָג אַרבייט (מדרש ילמדנו).

אין אַלע זיינע ערקלערונגען איבער די מצוות פון דער תורה באַמיט זיך משה צו באַווייזען די אידען, אַז די תורה זוכט זייער אייגענע טובה. זי דיקטירט ניט סתם אין דער וועלט אַריין, און באַפעלט ניט אַזעלכע זאַכען, וואָס קאָנען דעם מענשען קיין נוצען ניט ברענגען. זי לערנט זיי ווי זיך אויפצופירען, כדי זיי זאָלען קאָנען געניסען און הנאה האָבען פון זייער לעבען. „אין דעם״, זאָגט דער כוזרי, „באַשטייט דער גרויסער אונטערשייד פון אונזער תורה צו די תורות פון אַנדערע אמונות. אונזער תורה רעדט ווייניג וועגען די גליקען, וואָס די מענשען וועלען האָבען נאָכ׳ן טויט, אויף יענער וועלט, אויב זיי וועלען אויספאָלגען אירע געזעצען. די הבטחות און פאַרשפּרעכונגען וועגען אַ יענער וועלט, מיט וועלכע אַנדערע אמונות גיבען זיך אַזויפיל אָפּ, אַפּעלירען ניט שטאַרק צום האַרצען. דער פשוט׳ער מענש קאָן ניט פאַרשטיין אַזעלכע זאַכען וואָס

זענען ווייט פון זיין באַגריף. די אידישע תורה אָבער איז אַ תורה פון לעבען, און רעדט צו אירע אָנהענגער וועגען די אינטערעסען פון לעבען, ווי עס צו פאַרשענערען און פאַרבעסערען. פאַר יעדער מצוה, וואָס זיי וועלען טאָן, וועלען זיי קריגען זייער באַלוינונג אויף דער וועלט".

„ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה" — זעהט, זאָגט משה צו די אידען, איך לייג פאַר אייך היינט פאַר די וועגען, וואָס פירען צו ברכה, צו גליק און אויך די וועלכע פירען צו קללה, צו אומגליק. איר דאַרפט מיר ניט גלויבען אויפ'ן וואָרט, איר קאָנט עס זעהן מיט אייערע אייגענע אויגען און פאַרשטיין מיט אייער אייגענעם שכל, אַז די ברכה ליגט אין הערען און אויספאָלגען די מצוות פון אייער ג', און די קללה — אין ניט הערען און ניט פאָלגען זיינע ווערטער. די ברירה איז ביי אייך אין די הענט, איר קאָנט פרייוויליג אויסקלייבען וועלכע איר וועלט.

איר האָט פאַר זיך צוויי וועגען. „אחד שתחילתו מישור וסופו קוצים, ואחד שתחילתו קוצים וסופו מישור" — איינער פאַנגט זיך אָן גלייך און גלאַט און זיין סוף איז פול מיט דערנער; דער צווייטער איז פון אָנפאַנג דאָרנדיג, אָבער זיין סוף איז גלייך און גלאַט. דער וועג פון דעם רשע צו טאָן וואָס ער וויל שיינט פון אָנפאַנג אויס צו זיין גוט און ערפאָלגרייך, אָבער זיין סוף איז פול מיט דערנער. דאָס געיעג צופרידענצושטעלען זיינע אייגענע תאוות וועט אים ברענגען אין קאָנפליקט מיט אַנדערע און וועט פירען צו אַ קריזיס, צו אַ צוזאַמענ־ברוך פון דער געזעלשאַפט. דער וועג פון יושר, דאַגעגען, איז טאַקע שווערלעך פון אָנפאַנג, אָבער זיין סוף איז אַ גוטער און פירט צו שלום און אחדות (ספרי).

„צוויי מיסטעריעזע כוחות באַהערשען דעם מענשען — „אמונה" און „שכל", זאָגט הרב יצחק יעקב ריינעס ז"ל. פון אויבענאויף דוכט זיך, אַז דיביידע זענען צוויי קעגענגעזעצטע באַגריפען, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל ניט פאַראייניגען. „אמונה" פאַרנעמט איר פלאַץ ערשט דאַן, ווען שכל פאַלט קורץ צו פאַרשטיין און באַגרייפען דעם ענין. אַזוי גיך אָבער ווי דער שכל דערגרייכט עס איז שוין נישטאָ קיין פלאַץ פאַר אמונה. באמת אָבער ווירקען די צוויי באַגריפען איינער אויף דעם אַנדערען און העלפען זיך איינער דעם צווייטען. די אמונה באַאיינפלוסט דעם שכל זיך צו פאַרטיפען אין דער זאַך און זוכען צו דערגרייכען דעם אמת. און דער שכל דערהויבט די אמונה און פאַרהיט איר פון בלינדקייט, פון אַבערגלויבען".

„אונזערע חכמים זאָגען, אַז דער פאַקט וואָס דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען צו גיין גלייך מיט׳ן קאָפּ אין דער הויך, ניט ווי אַלע אַנדערע חיות, וואָס גייען אויף אַלע פיר און מיט׳ן קאָפּ אַרונטערגעלאָזען צו דער ערד, ווייזט אונז, אַז ער איז באַשטימט געוואָרען פון זיין באַשעפער צו טראַכטען וועגען העכערע עניניס און צילען, צו גרייכען די הימלען, ניט ווי די אַנדערע חיות, וואָס קוקען אַלץ אַרונטער און זייער תכלית אין לעבען איז בלויז די ערד. אָט דאָס איז דער הויפּט־געדאַנק פון דעם „ראה נתתי לפניך", זעה וואָס איך גיב דיר. איך פאָדער פון דיר ניט בלינדע נאָכפאָלגערשאַפט. שטודיר, פאָרש און דאַן וועסטו זיך איבערצייגען, אַז דער הויפּט־ציל פון דער תורה איז צו פאַרבינדען דעם הימעל מיט דער ערד, צו ברענגען די הימלען נעענטער צום מענשען און דערהויבען דעם מענשען נעענטער צום הימעל".

„דער תמצית פון אַלע מצוות אין דער תורה — זאָגט ווייטער הרב ריינעס ז״ל — איז צו ברענגען דעם מענשען צו אַזאַ מדרגה, אַז זיינע מאָראַלישע און עטישע באַגריפען זאָלען אויף אים האָבען דיזעלבע ווירקונג ווי זיינע נאַטירליכע אינסטינקטען. דער מענש איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון „גוף" און „נשמה": דאָס ערשטע איז גענומען געוואָרען פון אונטען, פון דער ערד, און ווערט מערסטענס באַהערשט פון „רצון", פון ווילען און זוכען צופרידענצושטעלען זיינע ערדישע תאוות און ליידענשאַפטען. דאָס צווייטע אָבער איז גענומען געוואָרען פון אויבען, פון הימעל און באַקומט זיינע דירעקטיוועז פון דער אמונה, פון גלויבען אין אַ העכערען כוח צו וועלכען דער שכל איז מאַנכעסמאָל צו קורץ צו דערגרייכען. דאָס שאַפט דעם גלייכגעוויכט, וואָס מאַכט דעם מענשען פאַר אַ „מעט מאלקים", אַ העכערע באַשעפעניש, צוליב דעם חלק אלק׳ ממעל, צוליב דער געטליכקייט אין אים, און אַ שטערבליכע בריאה צוליב זיין ערדליכען טייל.

„צוליב אָט דער אורזאַך איז די „בחירה חפשית", דעם מענשען׳ס פריי־וויליגקייט פאַר זיך צו באַשטימען וואָס ער האָט צו טאָן, איינער פון די יסודות אויף וועלכע די אידישע אמונה איז באגרינדעט. „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" — (ברכות ל״ג ע״ב). מורא צו האָבען פאַר ג׳ און גיין אין זיינע דרכים, דאָס איז איבערגעלאָזען געוואָרען צו דער „בחירה חפשית", צו דעם פרייען ווילען פון דעם מענשען זעלבסט. די תורה צווינגט קיינעם ניט צו טאָן ווי זי הייסט; זי לערנט דעם מענשען בלויז און צייגט אים אָן די וועגען וואָס פירען צו אַ גליקליך לעבען".

„ראה נתתי לפניכם" — זעהט וואָס איך לייג פאַר אייך פאַר. די תורה פאַרלאַנגט פון אייך ניט, אַז איר זאָלט אויפגעבען אייערע מענשליכע פאַרגעניגענס. זי וויל פון אייך ניט אַזעלכע קרבנות, וואָס זאָלען שווער מאַכען אייער לעבען. זי גיט אייך די פולע פרייהייט צו טאָן וואָס איר ווילט. אַלץ וואָס זי פאַרלאַנגט פון אייך איז „מחשבה", זיך אַריינצוטראַכטען אין יעדער זאַך וואָס איר גייט טאָן און אויסגעפינען אויב דאָס קאָן אפשר שאדען ברענגען צו אייך אָדער אַנדערע. די „מחשבה" דער געדאַנק און איבערלייגונג איידער אַ זאַך ווערט געטאָן, איז אַ טייל פון דער נשמה, דער „רצון", דער ווונש צופרידענצושטעלען די תאוות און ליידענשאַפטען קומט פון דעם גוף. ראָט אייך דערפאַר די תורה, אַז איר זאָלט זיך באַנוצען אויך מיט דער מחשבה, כדי צו צאַמען אייער רצון".

און רבי ריינעס פירט אויס: אַזוי ווי די „מחשבה" האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם רצון און האָט בכוח צו צווינגען, אַז ער זאָל טאָן וויכטיגערע זאַכען ווי צו באַפרידיגן זיינע אייגעננוצען, דערפאַר זאָגט טאַקע די גמרא: „חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה" — האָט אַ מענש געטראַכט צו טאָן אַ מצוה, נאָר צוליב געוויסע אומשטענדען איז עס אים ניט געלונגען, פאַררעכענט עס די תורה אויף זיין קאָנטאָ פאַר אַ מצוה, ווי ער וואָלט זי טאַקע געטאָן. קוים איז אַ מענש אינספּירירט געוואָרען פון אַ העכערען פאַרלאַנג און האָט אָפּגעמאַכט זיין „מחשבה" צו טאָן אַ מצוה, וואָלט ער, אונטער געוויינליכע אומשטענדען, שוין געפונען די נויטיגע מיטלען צו באַוועגען דעם „רצון" עס דורכצופירען. האָט זיך אָבער אַ סיבה געמאַכט, וואָס האָט אים געשטערט, איז עס ניט זיין שולד, און גב"ה איז זיין „מחשבה טובה מצרף למעשה", אַלע זיינע גוטע מחשבות ווערען פון אים באַטראַכט אַלס מעשים, פאַקטישע געשעענישען.

איבערהויפּט וואָרענט משה די אידען, זיי זאָלען זיך ניט לאָזען באַאיינפלוסען פון פרעמדע השפעות. „וסרתם מן הדרך אשר אנכי מצוה אתכם היום ללכת אחרי אלקים אחרים אשר לא ידעתם" — אָפּצוקערען זיך פון דעם וועג, וואָס איך פאַרזאָג אייך היינט און גיין נאָך פרעמדע געטער וועלכע איר ווייסט ניט. אויב די „בחירה" איז אייך איבערגעגעבען געוואָרען, לאָזט זיך ניט פאַרפירען פון פרעמדע געדאַנקען, וועלכע זענען ניט אין איינקלאַנג מיט דער תורה און אמונה פון אייער פאָלק און אייער ג׳ „כל המודה בעבודת כוכבים ככופר בכל התורה" — דער וואָס לאָזט זיך באַאיינפלוסען פון עבודה זרות, פון פרעמדע

אידייען און פרינציפּען, איז גלייך ווי ער וואָלט געלייקענט אין דער גאַנצער תורה (ספרי).

אויב אייער שכל וועט אייך פרעגען: „איך אני יכול לשמור כל התורה ולשמור כל המצוות" — איז עס דען מעגליך פאַר אַ מענשען אויסצופאָלגען די גאַנצע תורה און אָפּהיטען אַלע אירע געזעצען? ווערט ניט אָפּהענטיג פון אַזאַ פראַגע. די תורה פאַרלאַנגט ניט פון יעדען מענשען דורכצופירען אַלע אירע פאַרשריפטען. זי זאָגט צו אים: מה איכפת לך? וואָס אַרט דיך, אז די תורה איז גרויס און אירע מצוות זענען אַ סך? ניט אויף דיר אַליין ליגט די פליכט זיי מקיים צו זיין. „שכיר יום אתה" — דו ביסט בלויז אַן אַנגעשטעלטער פון טאָג — דיין לעבען און דיינע מעגליכקייטען זענען קורצע. „עשה יומך" — טו דיין טאָג אַרבייט. זעה בייצושטייערען וויפיל דיין צייט און דיינע כוחות ערלויבען דיר צו דער אַנטוויקלונג פון דעם תורה־לעבען, וואָס וועט דיך מאַכען עקאָנאָמיש און גייסטיג שטאַרק.

הפטרה

קומט נעענטער צום אַלטען מקור

שמעו שמוע אלי ואכלו טוב.

„אמר הקב"ה: תורתי בידכם והקץ בידי ושנינו צריכים זה לזה. אם אתם צריכים לי להביא את הקץ, אף אני צריך לכם שתשמרו את תורתי, כדי לקרב את בני ביתי ואת ירושלים". — ג' זאָגט: מיין תורה איז ביי אייך אין די הענט און די גאולה איז אין מיינע הענט. און מיר ביידע דאַרפען זיך איינע די אַנדערע. אויב איר דאַרפט מיך צו ברענגען פאַר אייך די גאולה, דאַרף איך אייך אויך האָבען, אַז איר זאָלט היטען מיין תורה, כדי צו קאָנען צוזאַמענברענגען מיינע קינדער מיט ירושלים (פּסיקתא רבתי).

די היינטיגע הפטרה, וועלכע איז די דריטע פון די „שבע דנחמתא", די זיבען טרייסט הפטרות, שילדערט די גלענצענדע צוקונפט פון דער אידישער אומה. כאָטש זי איז איצט „עניה סוערה", אַן אָרימע און פון שטורעם צעטריי־סעלטע, און אויך „לא נוחמה", ניט קיין געטרייסטע, פאַרלאָזען און פאַרגעסען

פון אירע בעסטע פריינט, זאָל זי אָבער ניט אַריינפאַלען אין יאוש און פאַרלירען איר מוט, ווייל די ישועה וועט באַלד קומען פון ג׳ אַליין.

אום אָבער אַז די ישועה זאָל וואָס גיכער קומען, מוזען די אידען אויך מיטהעלפען אין דעם פּראָצעס פון זייער באַפרייאונג, און זייער הילף באַשטייט אין „שמעו שמוע אלי״, זיך צוהערען צו דער שטים פון זייער ג׳ און פון זייערע אַלטע טראַדיציעס, וואָס האָבען זיי אויפגעהאַלטען ביים לעבען, טראָץ די שרעקליכע אומשטענדען אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען אין די גרויזאַמע גלות־לענדער. „עס איז נאַאיוו און קינדיש צו גלויבען״, זאָגט דר. שמרי׳ לעווין ע״ה, „אַז מען קאָן מבטל זיין די השפעה פון דעם עבר. די געגענוואַרט האַלט אין איין פליסען, דו צוקונפט איז מער ניט ווי אַן עמבריאָ אין מוטער־לייב פון דעם עבר, קאָנקרעט, ממשות׳דיג איז נאָר די פאַרגאַנגענהייט אַליין. צו באַפרייען זיך פון עבר, אָפּזאָגען זיך פון דער ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט און בויען אַ נייע צוקונפט נאָך דעם אייגענעם ווילען, אויף אַ נייעם פונדאַמענט — דאָס איז אַ היסטאָרישע אומזין. דאָס באַדייט אָפּלייקענען די מציאות און איבערטראָגען זיך אין אַ וועלט פון הוילער פאַנטאַזיע, אין אַ וועלט פון נאַקעטע, וואָרצעללאָזע און לופט־שוועבענדע רעיונות־חלומות, אָהן קיין שום פאַרבינדונג און צוזאַמענהאַנג מיט רעאַליטעט, אָהן קיין שום יניקה פון דער ווירקליכקייט. אַ צוקונפט אָהן אַ פאַרגאַנגענהייט איז אַ „גולם״, אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען, אַ פּראָדוקט פון אַ צעהיצטער, צעשמאָלצענער וועלט־אַנשויאונג, אַ קינד פון אַ קראַנקהאַפטער פאַנטאַזיע.

„אונזערע אַסימילאַטאָרען מאַכען נאָך אַ טעות. זיי פאַרגלייכען די אידישע רעליגיע מיט די אַנדערע רעליגיעס און זיי לערנען אַ „גזירה שוה״: אַזוי ווי ביי די אומות העולם געהערט דאָך ניט די רעליגיע אומבאַדינגט צו די נאַציאָנאַלע סימנים, מ׳קאָן למשל זיין אַ פּראָטעסטאַנט אָדער אַ קאַטאָליק און געהערען דערביי צו וואָס פאַר אַ נאַציע מען וויל, אַזוי דאַרף די אידישע רעליגיע אויך ניט באַטראַכט ווערען ווי אַ נאַציאָנאַלער סימן. בכן קאָן מען זיין אַ דייטש, אַ פראַנצויז, אַן ענגלענדער און בלייבען דערביי רוהיג אַן אַנהענגער פון דער אידישער רעליגיע.

„און דאָ ליגט טאַקע דער גרויסער טעות, די אומהיסטאָרישע און אומריכטיגע אויפפאַסונג פון דעם כאַראַקטער און באַשאַפענקייט פון דער אידישער רעליגיע. די מאָדערנע פעלקער, אָהן אַן אויסנאַם, האָבען אָנגענומען אַ פּאַרטיגע

רעליגיע און זיי האָבען זי געענדערט, יעדער נאָך זיין נאַציאָנאַלען געשמאַק. מיט אַ פּאַרטיגער רעליגיע באַגייען זיך נאַציעס ווי דער איינצעלנער, ווען ער קויפט אַ פאַרטיגען אַנצוג. איז ער צו־לאַנג קירצט ער אים אונטער, איז ער צו־שמאָל זוכט ער צו מאַכען אים ברייטער. די אידישע רעליגיע אָבער איז ניט געקויפט געוואָרען פאַרטיג. זי האָט דאָס פאָלק געשאַפען און איז דער עכסטער אויסדרוק פון די נאַציאָנאַלע עלעמענטען פאַרוואַנדעלט מען זי אין אַן אַבסטראַקט פילאָזאָפיש סיסטעם, ווי עס טוען די מייסטע אַסימילאַטאָרען. נעמט מען פון איר אַוועק אַלע פאָלקס־סימנים און מען קוועטשט איר אַריין אין די ד׳ אמות פון דער „סינאַגאָגע״, דאַן הערט אויף די רעליגיע צו זיין די לעבעדיגע, די אייביג־וואַקסענדע, די באַפרוכטענדע, די באַגייסטערנדע; דאַן פאַרוואַנדעלט זי זיך אין אַ מומיע (אין מלחמה־צייטען).

ביי אונז אידען קאָן מען ניט אָפּטיילען דעם שטאַט פון דער רעליגיע. די ביידע זאַכען גייען ביי אונז צוזאַמען. הערט זיך צו צו מיר און עסט פון אָלדאָס גוטס, זאָגט דער נביא ישעיהו, ווייל ג׳ זאָגט: מיין תורה איז אין אייערע הענט און אייער שיקזאַל איז אין מיינע הענט. מיר דאַרפען זיך איינע די אַנדערע האָבען, כדי צוזאַמענצוברענגען מיינע בני־בית, מיינע אידישע קינדער מיט ירושלים. אויב איר וועט זיך דערנעענטערען צום אַלטען מקור, אויב איר וועט נאָכפאָלגען אייער גרויסע פאַרגאַנגענהייט, וועט איר דערלעבען אַ פיל גרעסערע צוקונפט.

ג.

דער סוד פון אידישער אומשטערבליכקייט

בנים אתם לד׳ — לא תתגודדו.

„קרא הקב״ה למלאך המות ואמר לו: אף על פי שעשיתי אותך קוזמוקטר על הבריות אין לך עסק באומה זו מפני שהם בני״ — דער אויבערשטער האָט גערופען צו זיך דעם מלאך המות און אים געזאָגט: כאָטש איך האָב דיך באַשטימט

צו זיין דער באַשטראָפער פון די מענשען, זאָלסטו אָבער קיינע געשעפטען ניט האָבען מיט דיזער אומה, ווייל זיי זיינען מיינע קינדער (ויק"ר פ' י"ח).

דרייערליי אחדות'ן האַלטען פאַרשיידענע קלאַסען מענשען, מער אָדער ווייניגער, פאַראייניגט. זיי זענען: א) „אחדות מקומית", פאַראייניגונג פון פלאַץ; ב) „אחדות ממשלתית" — פאַראייניגונג פון רעגירונג און ג) „אחדות דתית" — פאַראייניגונג פון רעליגיע. מענשען, וואָס וואוינען אין איין און דעמזעלבען געגענט, מעגען זיי זיין אונטערטאַנען פון פאַרשיידענע מלוכות, אָדער אָנהענגער פון באַזונדערע אמונות, זענען פאַראייניגט צווישען זיך, ווייל די נאָכבאַרשאַפט, די נאָענטקייט פון פלאַץ האַלט זיי צוזאַמען. אויך בירגער פון איין מלוכה, כאָטש זיי וואוינען אין פאַרשיידענע לענדער און גלויבען אין אנדערע רעליגיעס, זענען, אין אַ געוויסער מאָס, פאַראייניגט, ווייל דאָס געטריישאַפט צו זייער רעגירונג בינדט זיי צוזאַמען. מענשען פון איין גלויבען, ווען אפילו זיי געפינען זיך אין פאַרשיידענע לענדער, אונטער פאַרשיידענע מלוכות, האַלטען זיך אויך נעענטער איינע צו די אַנדערע צוליב זייער אמונה. ביז מיר וועלען קומען צו אונזער אייגען לאַנד, וואו מיר וועלען קאָנען געניסען פון די אַלע דריי אחדות'ן, איז די אידישע אמונה דער איינציגער כוח, וואָס האַלט אונז צוזאַמען (רבי יצחק ריינעס ז"ל, ספר הערכים).

„כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום" — אַז צווישען דיר וועט אויפ־שטיין אַ פּריידיגער אָדער אַ טרוימער, וואָס טראָגען זיך אַרום מיט חלומות, אַז די אידישע ישועה וועט קומען דורך אַסימילאַציע, דורך „נלכה אחרי אלקים אחרים", גיין נאָך פרעמדע געטער און זיך אויסמישען צווישען די אַרומיגע פעלקער, „לא תשמע", זאָלסטו ניט הערען און ניט פאָלגען. זיי מעגען דיר אפילו געבען שטאַרקע אַרגומענטען און דיך זוכען צו איבערצייגען מיט אותות ומופתים, אַז זיי זענען גערעכט, „אפילו מעמיד חמה באמצע הרקיע, אַל תשמע לו" — אפילו ווען זיי וועלען פאַר דיר אָוועקשטעלען די זון אין מיטען הימעל און דיר ווייזען, אַז דורך דעם ווערסטו גליקליך, זאָלסטו זיי נישט הערען (סנהדרין צ' ע"א). זיי זענען קורצזיכטיגע בּרואים, וועלכע זעהען ניט ווייטער ווי זייער נאָז. פון דער פאַרגאַנגענהייט ווילען זיי ניט וויסען און די צוקונפט פאַרשטייען זיי ניט. זיי לעבען בלויז מיט דעם היינט, און זייערע פאַרשפּראָכענע גליקען זענען בלויז צייטווייליגע.

„כי יסתך אחיך בן אמך, או בנך, או בתך, או אשת חיקך" — אַז דיין

ברודער פון איין מוטער, אָדער דיין זון, אָדער דיין טאָכטער, אָדער דיין אייגען ווייב וועלען זוכען דיך איינצורעדען „נלכה ונעבדה אלקים אחרים", לאָמיר גיין דינען פרעמדע געטער פון די אַרומיגע פעלקער, „לא תאבה ולא תשמע", זאָלסטו ניט וועלען און ניט הערען. ווי עס פּאַסירט גאַנץ אָפט, איבערהויפּט אין די פרייע לענדער, אַז צוליב דעם וואָס די קינדער אָדער דאָס ווייב ווילען אַנשלאָגען אין דער כלומר׳שטער העכערער געזעלשאַפט פאַרלאָזט מען די אייגענע שוהל, אָדער דעם אַלטען בית־מדרש און מען זוכט זיך אַנצושליסען אין די רעפאָרמירטע טעמפּלען. אַזעלכע שריט פירען צום אידישען אונטערגאַנג. די געשיכטע האָט אונז אומציילינע מאָל באַוויזען, אַז די קינדער פון די טאַטעס און מאַמעס, וואָס זוכען צו רעפאָרמירען זייער גלויבען, גייען פון זיי פאַרלוירען.

איר זאָלט תמיד האָבען אין זינען, אַז „בנים אתם לה׳ אלקיכם" — איר זענט אַלע קינדער פון איין ג׳, און אַזוי מוזט איר זיך אויפפירען. קינדער, וואָס פאַרלאָזען זייער טאַטען, צערייסען די קייט וואָס האַלט זיי צוזאַמען. די גמרא פרעגט: „נקראים בנים ונקראים עבדים" — די אידען ווערען אין די תורה אָנגערופען גאָט׳ס קינדער און אויך גאָט׳ס קנעכט, ווי איז עס מעגליך? קינדער זענען דאָך געבוירענע און קנעכט זענען געוואָרענע? קינדער האָבען אַ ליבע צו זייערע עלטערען, און קנעכט — בלויז אַ מורא, אַ פורכט? קינדער פאַר־בלייבען אימער געטריי, קנעכט אָבער, אַזוי גיך ווי זיי ווערען באַפרייט, פאַרלירען זייער געטריישאַפט? און די גמרא גיט אויף דעם אַ מערקווירדיגען ענטפער: „בזמן שאתם נוהגים מנהג בנים אתם נקראים בנים, ואם לאו אתם נקראים עבדים" — אַז איר פירט זיך אויף ווי קינדער פון איין טאַטען דאַרפען זיך אויפפירען, דאַן זענט איר באַרעכטיגט צום טיטעל „בנים", גאָט׳ס קינדער; אויב אָבער איר דערווייטערט זיך פון דעם טאַטענ׳ס טיש און גיט אויף די מנהגים וואָס ער האָט אייך געלערענט, ווערען אייערע תפילות פאַרוואַנדעלט אין „סערוויסעס", גאָטעס־דינסטען, וואָס טראָגען מער דעם כאַראַקטער פון „עבדים", קנעכט, וואָס זוכען אָפּצוקומען זייער פליכט, ווי „בנים", קינדער וואָס ווילען זיך דערנעענטערען צו זייער טאַטען (קדושין ל״ו ע״א).

קינדער פון איין טאַטע זענען אויך ברידער, און ברידער דאַרפען לעבען בשלום צווישען זיך. „לא תתגודדו" — רייסט זיך ניט, קריגט זיך ניט „לא תעשו אגודות אגודות" — שאַפט זיך ניט צופיל פאַרטייען פון פאַרשיידענע ריכטונגען (יבמות י״ד). דאָס ברענגט די איינהייטליכקייט פונ׳ם פאָלק און שוואַכט אָפּ זיין

שאַפונגס־גייסט. פאַרטייען, לאַנדסמאַנשאַפטען זענען אַ פּראָדוקט פון גלות, וואָס דאָס לעבען אין פאַרשיידענע לענדער האָט עס אויף אַייך אַרויפגעצוואונגען. אין ארץ ישראל מוזט איר עס אָפּשאַפן. דאָרט מוזט איר אַלע זיין פאַראייניגט צו איין ציל, צו איין צוועק. „לא תשימו קרחה — כשם שעשה קורח" — פאַראורזאַכט ניט קיין פליך, קיין ריס אין דעם אידישען לעבען ווי קרח האָט געטאָן (ילקוט שמעוני). קעגנערשאַפט פון איין פאַרטיי צו דער צווייטער ברעכט די אידישע גאַנצקייט, ברענגט שפּאַלטונג צווישען די רייען פון פאָלק און פאַרקלענערט די מעגליכקייט פון אַ בעסערער אַנטוויקלונג.

„לא תתגודדו" — אויך אַייערע רבנים און פירער זאָלען זיך ניט איינ־טיילען אין פאַרשיידענע אגודות, „כגון ב"ד אחד בעיר אחת, פלגא מורים כדברי בית שמאי ופלגא כדברי בית הלל", צום ביישפּיל, אַ בית־דין פון רבנים אין איין שטאָט, איין העלפט האַלט ווי „בית שמאי" און די צווייטע ווי „בית הלל", און זוכען איבערצופּסק'ענען איינע די אַנדערע (יבמות י"ד ע"א). ווען אויך רבנים זענען צעריסען צווישען זיך, רופט זיך עס שלעכט אָפּ אויף דעם גאַנצען פאָלק; זיי גראָבען אונטער די אַכטונג, וואָס אידען דאַרפען האָבען פאַר זייערע געזעצען און ברענגען פאַרווירונג אין דעם אידישען רעליגיעזען לעבען.

קינדער פון איין ג' — אין דעם באַשטייט דער סוד פון אידישער אומ־שטערבליכקייט. קוים פירען מיר זיך אויף ווי ברידער, ווי קינדער פון איין טאַטען, וועלען מיר קיינמאָל ניט אונטערגיין. אידישע סאָלידאַריטעט, די אייגענ־אַרטיגקייט פון אונזער לעבען אין אַלע ערטער וואו מיר געפינען זיך, זענען די פעסטונגען, וואָס באַשיצען אונז קעגען די אַנגריפען פון אונזערע שונאים. ווי שיין דריקט זיך אויס איבער דעם דער מדרש: הקב"ה האָט צו זיך גערופען דעם מלאך המות און אים אָנגעזאָגט כאָטש איך האָב דיך באַשטימט צו זיין דער באַשטראָפער פון די מענשען, וועלכע אויב זיי פירען זיך ניט אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין, דאַרפסטו זיי מקצר ימים זיין און מאַכען אַ תל פון אַלע זייערע אַספּיראַציעס און האָפענונגען — מיט'ן אידישען פאָלק אָבער האָסטו קיין עסק ניט, אויף אים קאָנסטו קיין שליטה ניט האָבען, „מפני שהם בני", ווייל זיי זענען מיינע קינדער, און אַזוי ווי איך לעב אייביג, אַזוי וועלען זיי אויך אייביג לעבען.

הפטרה

אין די טריט פון דער גאולה

למה תשקלו כסף בלא לחם.

„למה אתם שוקלים כסף לבני עשו? על שלא שבעתם מלחמה של תורה" — די אורזאַך, וואָרום איר גיט אײַער געלט אַוועק צו די קינדער פון עשו איז, ווייל איר האָט זיך ניט געזעטיגט מיט דעם ברויט פון דער תורה (ויק"ר פ' ל').

„דאָס אידישע פאָלק — האָט אַמאָל געזאָגט צבי הירש מאַסליאַנסקי ע"ה — ווערט פון אונזערע חז"ל אָנגערופען מיט דעם נאָמען „סוכת דוד הנופלת", די איינגעפאַלענע סוכה פון דוד המלך, ווייל זינט די אידישע מלוכה איז געפאַלען זענען מיר אימער געדריקט געווען צו לעבען און סוכות, שוואַכע ביידלאַך וועלכע זענען אין איילעניש צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דאָ און דאָרט. אין קיין פלאַץ אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל זענען מיר ניט געווען אימשטאַנד אויפצושטעלען אַ „בית ישראל", וואָס זאָל זיין געבויט אויף פעסטע יסודות און ניט אויפגעטרייסעלט צו ווערען פון יעדען אויסערגעוויינליכען ווינט. דער דין פון סוכה זאָגט, אַז זי מוז זיין „צלתה מרובה מחמתה", איר שאָטען דאַרף זיין גרעסער פאַר איר זון. דאָס הייסט, אַז איר פינסטערער טייל מוז אַריבערשטייגען דעם ליכטיגען. און אַזוי ווי די סוכה אַזוי אויך דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק אין גלות, איז אימער געווען פול מיט שאָטענס, וואָס האָבען פאַרשטעלט פון אונז די שיין פון דער זון".

קיין פאָלק אין דער וועלט האָט ניט דורכגעמאַכט אַזוי פיל צרות און יסורים ווי דאָס אידישע. זעהר ווייניג ליכטיגע מאָמענטען האָבען מיר געהאַט אין אונזער לאַנגען און שווערען גלות. פאַר דעם איינציגען חטא פון זיין אידען האָט מען אונז איבעראַל שטאַרק גע'רודפ'ט און טייכען פון אונזער בלוט פאַרגאָסען. טאָפּעלטע גלות'ען האָבען מיר געהאַט אויסצושטיין אין אַלע לענדער פון דער וועלט. וואו מיר האָבען זיך פרובירט צו באַזעצען, האָט מען אונז צוגעטיילט אַ צווייאַיגע פאַרציע פון באַגרעניצונגען. אַלס פרעמדע מינאַריטעטען האָט מען באַשרענקט אונזערע פאָליטישע פריהייטען און אַלס אידען האָט מען אונז אויך באַרויבט פון אַלע מענשליכע רעכטען.

אויב מיר זענען געראַטעוועט געוואָרען פון אונטערגאַנג, איז עס געווען

צוליב דעם וואָס אונזער גלות איז געווען אַ צעשפּרייטער איבער אַלע זיבען ים׳ען פון דער וועלט. ווי אונזערע חז״ל זאָגען: „צדקה עשה הקב״ה עם ישראל שפזרן בין האומות״ — אַ צדקה האָט ג׳ געטאָן מיט די אידען וואָס ער האָט זיי צעשפּרייט צווישען די פעלקער (פסחים פ״ז ע״ב). די שנאה און קנאה וואָס הערשט צווישען זיי האָט געהאָלפען, אַז זיי זאָלען זיך ניט קאָנען צוזאַמענרעדען אונז אינגאַנצען צו פאַרניכטען. אויב אין דעם אָדער יענעם לאַנד האָט מען אונז אומדערבאַרעמליך געשלאָגען, האָבען מיר זיך געקאָנט אַרויסכאַפּען אין אַן אַנדער לאַנד, וואו די אידישע לאַגע איז געווען מער אָדער ווייניגער דערטרעגליך.

אויסער דעם האָבען מיר געהאַט גרויסע אידען אין די אַמאָליגע לענדער, גייסטיגע ריזען, וואָס האָבען זיך געזאָרגט פאַר אונזער קיום און זיך מוסר נפש געווען פאַר זייערע ברידער. אונזערע געשיכטע איז פול מיט די באַשרייבונגען פון געוואָגטע העלדען, גרויסע גאונים און איינפלוסרייכע פירער, וואָס האָבען פּשוט מפקיר געווען זייער לעבען צו ראַטעווען זייערע ברידער פון די בלוטיגע לענדער. „פּדיון שבויים״, אויסלייזען געפאַנגענע אידען, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרען פון גרויזאַמע הענקער, איז באַטראַכט געוואָרען פאַר דער גרעסטער מצוה, און אידישע קהלות אין די פרייע לענדער פלעגען זיך פּשוט טיילען זייער ביסען ברויט מיט די אומגליקליכע אַרויסגעטריבענע און היימלאָזע.

אונזער אמונה אין ג׳ און די גרויסע פאַרערונג וואָס מיר האָבען געהאַט פאַר די תלמידי חכמים, די גייסטיגע לערער פון פאָלק, האָט געשטאַרקט אונזער מוט און אונז געגעבען די נויטיגע כוחות צו קאָנען ווידערשטיין דעם שרעקליכען אויסגוס פון צער און צאָרן, וואָס פלעגט אונז גאַנץ אָפט באַפאַלען. די גאונים און פירער זענען געווען טריי די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון זייער פאָלק און די אידעאַלען פון זיין תורה. און דאָס פאָלק האָט געהאַט גרויס צוטרוי צו זיי און זיך צוגעהערט צו זייערע עצות און טרייסט־ווערטער. דאָס האָט אויפגעהאַלטען די גאַנצקייט פון דעם פאָלק און עס באַשיצט פון אונטערגאַנג.

„בעקבתא דמשיחא״, אין די טריט פון משיח, אָבער פאַר דער ענטגילטיגער גאולה, זאָגען אונז די חז״ל, וועט די לאַגע זיין אַ פּיל ערגערע: „דור שבן דוד בא, תלמידי חכמים מתמעטים, והשאר עיניהם כלות ביגון ואנחה, וצרות רבות וגזרות קשות מתחדשות, עד שהראשונה פקודה, שנייה ממהרת לבא״ — דער דור, אין וועלכען דער „בן דוד״ וועט קומען, וועלען תלמידי חכמים זיין ווייניג, און ביי די איבעריגע פון פאָלק וועלען די אויגען פאַרבלענדט ווערען פון טרויער

און זיפץ, פיל צרות און שווערע גזרות וועלען זיך האלטען אין באנייען, ביז דער ערשטער אומגליק וועט פארביי, וועט אן אנדערער שנעל אנקומען (סנהדרין צ״ז ע״א).

ווי ליכטיג זייערע אויגען האבען פאראויסגעזעהן די ווייטע צוקונפט, ווייזט אונז די פארצוויפעלטע אידישע לאגע פון היינטיגען טאג. מיליאנען פון אונזערע ברידער זיינען אויסגעקוילעט געווארען פון די גרויזאמע הענקערס, טויזענטער אידישע קהלות זיינען אויסגעריסען געווארען מיט׳ן ווארצעל און אלע זייערע דערגרייכונגען פון הונדערטער יארען זיינען אוועק מיט׳ן רויך. דער בלוטיגער לאזונג פון די מערדערליכע נאציס, אז די אידען מוזען אומגעבראכט ווערען, כדי גאנץ אייראפע זאל בלייבען אידען־ריין, איז ליידער אויפגענומען געווארען פון אלע אנטיסעמיטישע רעגירונגען און ווערט אויפ׳ן גרויזאמסטען אופן דורכגעפירט אין זייערע לענדער. אונזער נאציאנאלער מצב איז דער ערגסטער וואס מיר האבען ווען עס איז געהאט. אלע האפענונגען צוריקצובויען דאס אידיש פאלק אויף זיין לאנד, זיינען לעת עתה צעטרייסעלט געווארען, און אונזערע „תלמידי חכמים״, די קלוגע און געלערענטע פירער, זיינען „מתמעטים״, ווייניג אין צאל און קליין־געוויקסיג אין גייסט. אויב זיי האבען ניט אינגאנצען באנקראטירט, שטייען זיי אבער אין א באוואוסטלאזען מצב, פארגאפט און אומבאהאלפען.

אומגעזעהן פון דעם, אז אויך אונזערע בעסטע פריינט צווישען די פירער פון די דעמאקראטישע לענדער האבען בנוגע אונז אידען אנגענומען א פולען מויל מיט וואסער און שווייגען, לייגען נאך אלץ אונזערע פירער זייער הויפט האפענונג, אז דער נייער וועלט־שלום מיט די „אטלאנטיק טשארטערס״ און אנדערע באבסקע רפואות וועלען אונזער פאלק ברייגען די ריכטיגע ישועה.

דער נביא פון היינטיגער הפטרה, וועלכע איז די דריטע פון די „שבע דנחמתא״, די זיבען טרייסט־הפטרות, ראט אונז אבער, אז מיר זאלען זיך ניט צופיל פארלאזען אויף דעם „חסד לאומים״, די גענאדען, וואס אונזערע כלומר־שטע פירער דערווארטען פון די דעמאקראטישע לענדער. ער שרייט אויס מיט פארביטערונג: „למה תשקלו כסף בלא לחם, ויגיעכם בלא לשבעה?״ — ווארום זאלט איר איינשטעלען אייער געלט פאר א זאך, וואס וועט אייך קיין ברויט ניט געבען, און אייער מי — פאר א פוסטען חלום, וואס וועט אייך ניט זאט מאכען? און אויף דעם באמערקען אונזערע חז״ל: ווייסט איר ווארום אייער האב און גוטס

איז אימער געווען הפקר אין די גלות־לענדער און אייערע פארמעגענס האבען אימער פארכאפט עשו׳ס קינדער ? דאס איז אלץ געווען „על שלא שבעתם מלחמה של תורה״, ווייל איר האט זיך ניט געזעטיגט פון דעם ברויט פון אייער תורה. אויב מען זוכט ישועות ביי אנדערע, מוז מען אימער זיין א נכנע, אן אונטער־ווארפענער. אויב מען זוכט צו עסען פון פרעמדע טישען, מוז מען זיך צופרידענ־שטעלען מיט ברעקלעך, מיט נעכטיגע וועטשערעס. אייער איינציגע טרייסט ליגט אין „שמעו שמוע אלי ואכלו טוב״. הערט זיך איין צו מיר און עסט גוט. זעטיגט זיך מיט׳ן ברויט פון אייער אייגענער תורה און בויט אייער צוקונפט מיט אייערע אייגענע הענט.

ד.

דער אידישער באגריף פון צדקה

ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך.

„כל הגוזז מנכסיו ועושה מהן צדקה ניצל מדינה של גיהנם. משל לשתי רחילות שהיו עוברות במים, אחת גזוזה ואחת אינה גזוזה, גזוזה עברה ושאינה גזוזה לא עברה״ — דער וואס שערט אפ פון זיינע גיטער פאר צדקה־זאכען, ווערט געראטעוועט פון גיהנם. דאס איז געגליכען צו צוויי שעפסען, וואס האבען געדארפט דורכגעהן א טייך; די אפגעשארענע איז דורכגעגאנגען, די ניט־אפגעשארענע אבער האט ניט געקאנט דורכגעהן (גיטין ז׳ ע״א).

„ביי אונז אידען״, זאגט דער דובנער מגיד ז״ל, „איז דער באגריף פון צדקה א גאנץ אנדערער ווי ביי די אומות־העולם. ביי זיי הייסט געבען הילף צו אן ארימען און נויטבאדערפטיגען, פילאנטראפיע, טשאריטי, וואס איינער טוט אויס גוטהארציגקייט, אבער איז ניט מחויב עס צו טאן, אויב ער וויל ניט. ביי אונז אידען אבער הייסט שטיצען א געפאלענעם ברודער, צדקה, גערעכ־טיגקייט, און איז א חוב אויף יעדען עס מקיים צו זיין. די גמרא זאגט אונז: „עושה צדקה בכל עת זה הזן בניו ובנותיו כשהן קטנים״, אז דער, וואס שפייזט זיינע קליינע קינדער, טוט כסדר צדקה (כתובות נ׳ ע״א). פונקט ווי מפרנס צו זיין אייגענע קינדער איז א צדקה, א גערעכטע טאט, וואס איז א פליכט אויף

יעדען טאַטע און מאַמע, אַזוי איז אויך אַרויסצוהעלפען אַן אָרימאַן אין זיין נויט אַ חוב, אַ פליכט אויף יעדען אידען״.

אין מדרש רבה פ׳ משפטים ווערט געבראַכט, אַז דוד המלך האָט געֿ׳טענה׳ט פאַר ג׳: „תיישב עולמך בשוה, העניים והעשירים״ — באַזעץ דיין וועלט גלייך מיט רייכע און אָרימע, טייל איין איהרע רייכטימער אַזוי, אַז אָרים און רייך זאָלען האָבען גלייך. „על פי יושר האָט טאַקע אַזוי געדאַרפט זיין״, זאָגט ווייטער דער דובנער, „אַלע מענשען זיינען באַשאַפען געוואָרען „בצלם״ און האָבען אַלע גלייכע רעכט צו געניסען פון דער וועלט. זיינען אָבער דאָ צווישען זיי פיפיגערע און פעהיגערע, וואָס פאַרכאַפּען פאַר זיך אַלץ וואָס זיי קאָנען און ווערען רייך אויפ׳ן חשבון פון דעם שוואַכערן, וועמען עס פעהלען די פעהיגקייטען פון כאַפּעריי. דעריבער באַטאָנט די תורה: „כי יהיה בך אביון״, אויב עס וועט זיך געפינען ביי דיר אַן אָרימאַן, דאָס מיינט, אַז דעם אָרימאַנ׳ס פאַרמעגען געפינט זיך אייגענטליך ביי דיר, דו האָסט דאָך, אויף פאַרשיידענע אופנים, דאָס פון איהם פאַרכאַפּט, טאָ גיב איהם כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס איהם קומט, ווי אונזערע אָבות לערנען אונז „תן לו משלו״, גיב איהם פון זיינע״ (אָבות, פ״ג).

„לא ירע לבבך בתתך לו״ — גיב עס אים ניט מיט אַ שלעכט האַרץ. „גדולה צדקה מכל הקרבנות״ — צדקה שטייט העכער פאַר אַלע קרבנות, וואָס איינער איז מקריב אויפ׳ן מזבח (סוכה מ״ט, ע״ב). אַ קרבן, וואָס האָט אויף זיך אַ מום, טאָר מען ניט מקריב זיין, ווייל עס איז אַן אומווירדיגקייט פאַר ג׳; צדקה, וואָס ווערט געגעבען מיט אַ שלעכט האַרץ איז פעלערהאַפט און איז אַ באַליידיגונג פאַר ג׳ אַזוי ווי פאַר דעם אומגליקליכען אָרימאַן.

ב. יאושזאָהן ע״ה ברייגנט די פאָלגענדע מעשה׳לע, וואָס אילוסטרירט ווי מען דאַרף אָפּגעהיט זיין ניט צו באַליידיגען דעם נויטבאַדערפטיגען:

די צוויי באַוואוסטע רביים רבי דוד׳ל לעלעווער און דער איד הקדוש פון פשיסכע זיינען אַמאָל אַרומגעגאַנגען צונויפנעמען נדבות פאַר א בכבוד׳יגען יורד, זיינען זיי אַריינגעקומען צו אַ גביר, אַ איד אַ קמצן, וועלכער האָט זיי פערזענליך ניט געקענט. דערהערענדיג נאָך וואָס זיי זיינען געקומען, האָט ער זיך גענומען בייזערן און שרייען: שנאָרערס! קליין זיינען אַזעלכע אידען ווי איהר צו געהן אַרבייטען? — זיי האָבען איהם גאָרנישט געענטפערט און זיינען אַוועק. תיכף נאָכדעם אָבער האָט ער זיך דערוואוסט ווער די דאָזיגע אידען זיינען

און וועמען ער האָט אַזוי מיאוס באַליידיגט... ער האָט גענומען לויפען אויף אַלע וועגען, ביז ער האָט זיי אויפגעזוכט, און דאַן האָט דער גביר אַנגעהויבען וויינען פאַר זיי און בעטען, אַז זיי זאָלען איהם מוחל זיין, פאַרענטפערענדיג זיך, אז ער האָט ניט געוואוסט ווער זיי זיינען און ער האָט זיי אַנגענומען פאַר געוויינליכע קבצנים...

„מיין כבוד קאָן איך דיר מוחל זיין", ענטפערט איהם דער איד הקדוש, „דען מיך האָסטו דאָך ניט געמיינט צו באַליידיגען, באַליידיגען האָסטו געוואָלט דעם אומבאַקאַנטען סתם־אָרימאַן, פאַר וועלכען דו האָסט מיך אַנגענומען, און זיין כבוד האָב איך ניט קיין רעכט דיר מוחל צו זיין, ווייל עס איז ניט אין מיין רשות...

„דערצו", האָט דער איד הקדוש אויסגעפירט, „איז פאַראַן נאָר איין עצה: יעדען סתם־אָרימאַן, וואָס וועט קומען צו דיר נאָך אַ נדבה, זאָלסטו ניט אַרויסלאָזען ליידיג און ביי יעדען פון זיי זאָלסטו מחילה בעטען פאַר דער באַליידיגונג..."

„כי בגלל הדבר הזה יברכך ה'" — ווייל אָט צוליב דיין געבען צדקה וועט דיר ג' בענשען. „תנא דבי רבי ישמעאל — גלגל הוא שחוזר בעולם" — אין דעם בית מדרש פון רבי ישמעאל האָט מען אויף דעם געלערענט, אַז דאָס איז אַ רעדעלע, וואָס דרייט זיך אין דער וועלט (שבת, קנ"א). די מטבע איז קיילעכדיג — היינט איז זי ביי דעם און מאָרגען קייקעלט זי זיך אַוועק צו אַ צווייטען. קיינער קאָן ניט וויסען וואָס וועט זיין דער שיקזאַל זיינער מאָרגען, וועלכע שווערע וואָסערן ער וועט מוזען דורכשניידען אום אַנצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ? דאַן ווענדט זיך ווי ער האָט זיך אויפגעפירט אין גוטע צייטען — אויב ער האָט אָפּגעשאָרען פון זיינע גיטער פאַר צדקה און האָט געהאָלפען אַנדערע אין זייער נויט, וועט ער דעם שווערן שטראָם דורכמאַכען און וועט אַרויסקומען בשלום; אויב אָבער ער האָט זיין וואָל, זיין רייכטום, געהאַלטען אין גאַנצען פאַר זיך, די לאַגע פון אַנדערע האָט איהם ווייניג אינטערעסירט, פאַר אַזאַ „ניט אָפּגעשאָרענעם שעפּס" וועט שווער זיין דורכצושניידען די שווערע וואָסערן פון דעפּרעסיע און עקאָנאָמישען קריזיס. קיינער סימפּאַטיזירט ניט מיט אַזעלכען און אויך די הימלען פאַרגעסען אָן איהם, ווייל „כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים" — בלויז דער וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע, קאָן דערוואַרטען רחמנות פון די הימלען (שבת קנ"א, ע"ב).

די שענסטע פאָרמע פון צדקה איז „נותנה ואינו יודע למי נותנה" — ווען דער געבער ווייס ניט וועמען ער גיט און דער נעמער ווייס ניט פון וועמען ער נעמט (ב"ב י', ע"ב). אַזאַ סאָרט צדקה הייסט „מתן בסתר", געבען אין דער שטיל, און איז די העכסטע פאָרמע פון ברייטהאַרציגקייט. דאָס פאַרהיט דעם אָרימאַן פון „בושת פנים", פון שאַנד און געפאַלענקייט, און ברייננט ניט דעם גביר צו גאוה, וואָס איז אַ מיאוס'ע עבירה.

אין „אמונת התחיה" ווערט געבראַכט אַ מערקווירדיגע היסטאָרישע געשעהעניש, וואָס האָט פאַסירט אין קראָקאָ: ווי באַקאַנט, איז דער באַרימטער גאון רבי יום טוב ליפמאַן (מחבר פון תוספות יום טוב) נקבר געוואָרען לעבען גדר, לעבען פלויט פון דעם שטאָטישען בית־עלמין. דאָס איז אָבער געטאָן געוואָרען אויף זיין אייגענעם פאַרלאַנג צוליב דער פאָלגענדער געשיכטע:

„אין קראָקאָ האָט אין זיין צייט געוואוינט אַ גרויסער גביר מיט'ן נאָמען שמעון, וועלכען מען האָט גערופען „שמעון קמצן", מחמת ער האָט קיינמאָל אַן אָרימאַן קיין פרוטה ניט געגעבען און די גאַנצע שטאָט פלעגט איהם דערפאַר שעלטען. אין דערזעלבער צייט זיינען אין שטאָט שטאַרק באַרימט געווען צוויי פראָסטע אידען, איינער אַ קצב, דער צווייטער אַ בעקער, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע אָפענע הענט, טיילענדיג זעהר פיל צדקה.

„ויהי היום, איז דער „שמעון קמצן" געשטאָרבען און מען האָט איהם, אַלס שטראָף און בזיון פאַר זיין קאַרגשאַפט, באַגראָבען ביים פלויט פון בית־עולם. נאָך זיין טויט האָבען פלוצים די צוויי אידען, דער קצב און דער בעקער, אויפגעהערט צו טיילען צדקה. דאָס האָט אין שטאָט אַרויסגערופען גרויס פאַר־וואונדערונג. די אָרימע־לייט האָבען מרעיש־עולם געווען: סטייטש, וואָס איז עס פלוצים געשעהן מיט זיי? דער רעש איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיי געשיקט רופען צום רב. און דאָ, ביים רב, האָבען אָט די צוויי אידען דערקלערט, אַז די צדקה, וואָס זיי פלעגען שטענדיג געבען, איז ניט געווען פון זייער טאַש: דאָס געלט אויף צעטיילען צדקה פלעגט זיי געבען ר' שמעון, „שמעון קמצן", אונטער אַ שבועה, אַז זיי וועלען ניט אַרויסגעבען זיין נאָמען, מחמת ער האָט מורא געהאַט פאַר כבוד, וואָס קאָן פירען צו גאוה... כהיום אָבער, אַז ר' שמעון איז געשטאָרבען, האָבען זיי מער ניט פון וואַנען צו טיילען!

„די דאָזיגע דערקלערונג האָט אויפ'ן „בעל תוספות יום טוב" אַ שטאַרקען רושם געמאַכט, און נאָך זיין פטירה האָט מען געפונען איינגעשריבען אין זיין

צוואה, אַז ער פאַרלאַנגט, מען זאָל איהם לייגען לעבען „שמעון קמצן"... און זיין פאַרלאַנג האָט די שטאָט אויסגעפילט".

הפטרה

די פעסטע יסודות פון אידישען פאָלק

ויסדתיך בספירים.

„א"ר פנחס תאמר שהספיר הזה רך הוא? מעשה באחד ברומי שהניחו על הסדן והיה מכה עליו בפטיש, נבקע הסדן ונחלק הפטיש והספיר לא חסר" — רב פנחס פלעגט זאָגען: אפשר דענקסטו, אַז דער סאַפירשטיין איז ווייך? האָט אָבער פּאַסירט, אַז איינער אין רוים האָט איהם אַוועקגעלייגט אויף אַ קאָוואַדלע און איהם געקלאַפּט מיט אַ גרויסען האַמער, איז דער קאָוואַדלע געשפּאָלטען געוואָרען, דער האַמער איז צעפּאַלען און דער סאַפּירשטיין איז געבליבען גאַנץ (ילקוט שמעוני רמז תע"ח).

אין דער היינטיגער הפטרה, וועלכע איז די דריטע פון די „שבע דנחמתא", די זיבען טרייסט הפטרות, שילדערט דער נביא די גלענצענדע צוקונפט פון דער אידישער נאַציע. כאָטש זי איז איצט „עניה סוערה", אַז אָרימע און פון שטורעם צעטרייסעלטע, און אויך „לא נוחמה", ניט קיין געטרייסטע, פאַרלאָזען און פאַרגעסען פון איהרע בעסט פריינט, פאַרצווייפלען אָבער זאָל זי ניט, ווייל איהר ישועה וועט באַלד קומען פון ג' אַליין.

די „בעלי אגדה" דערציילען אונז, אַז אַלע אידישע פירער, פון אברהם אבינו ביז דעם לעצטען נביא, האָבען פון צייט צו צייט געזוכט צו טרייסטען דאָס אידיש פאָלק און איהם דערמוטיגען צו קאָנען ווידערשטיין די שרעקליכע קלעפּ פון דעם לאַנגען און פינסטערן גלות. זייערע טרייסט-ווערטער זיינען אָבער געפאַלען אויף טויבע אויערען. דער גרויזאַמער גלות מיט זיינע בלוטיגע רדיפות האָבען אויפגעטרייסעלט די אידישע האָפענונגען, ווען עס איז צו ווערען אַ פריי פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך. די אידישע פירערשאַפט האָט זיך כמעט ווי אָריענטירט אין די פרעמדע לענדער און ביי מאַנכע פון זיי, איבער-הויפּט ביי די רייכע און ראַדיקאַלען, איז דער גלות געוואָרען אַ קולט, אַ גלויבען, פון וועלכען זיי האָבען קיין חשק ניט זיך צו באַפרייען.

„הולכים כלם לפני הקב״ה ואומרים רבש״ע אינה מקבלת ממנו תנחומין״ — קומען אַלע אָבות און די נביאים פאַר ג׳ און באַקלאָגען זיך: האַר פון דער וועלט, די אידען נעמען ניט אָן אונזערע טרייסט־ווערטער, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער הייטיגען הפטרה: „עניה סוערה לא נוחמה״ — די אָרימע, פון שטורעם געטריבענע ווערט ניט געטרייסט. און דער אויבערשטער ענטפערט זיי: קומט, איך וועל אויך געהן מיט אייך איהר טרייסטען. „אין ראוי לילך אלא אני בעצמי״ — עס פּאַסט ניט פאַר קיין אַנדערען צו געהן ווי פאַר מיר, „מפני שעברתי על מה שכתוב בתורתי״ — ווייל איך אַליין האָב קעגען איהר געזינדיגט מיט דעם, וואָס איך האָב עובר געוועזן אויף די פּרינציפּען, וואָס זיינען געשריבען אין מיין תורה. אין דער תורה ווערט געזאָגט: „לא תשנא את אחיך בלבבך״ — דו זאָלסט ניט פיינט האָבען דיין ברודער אין דיין האַרצען, „ואנכי שנאתיה״, איך אָבער האָב איר פאַר אַ לאַנגער צייט פיינט געהאַט, „על כן עלי לפייסה״, דעריבער מוז איך איהר אַליין איבערבעטען.

און דער אויבערשטער קומט צו איהר און פרעגט איהר: „בתי כל כעס זה למה?״ — וואָרום טראָגסטו אויף מיר אַזאַ כעס? האָסטו דען ניט געזינדיגט קעגען מיר מיט דעם וואָס דו האָסט ניט אָפּגעהיט די מצוות פון מיין תורה? „אמרה לפניו, רבונו של עולם, כיון שהגליתני בין האומות בדין הוא שלא אשמור שבת ואקיים המצוות שלך״ — ענטפערט איהם די אידישע אומה: וויבאַלד, אַז דו האָסט מיר פאַרטריבען צווישען פרעמדע פעלקער, ווי קאָן איך אָפּהיטען שבת און מקיים זיין דיינע מצוות?

„אמר לה: בתי, הגיע זמנך להגאל״ — זאָגט צו איהר ג׳: מיין טאָכטער, עס איז געקומען דיין צייט אויסגעלייזט צו ווערען. זי ענטפערט אָבער: „איני מתנחמת עד שתראני באותן הרשעים שצערוני וחרפו את שמך״, איך וועל ניט געטרייסט ווערען ביז דו וועסט מיר ווייזען דעם סוף פון די רשעים, וואָס האָבען מיך אַזוי פיל געדריקט און געלעסטערט דיין נאָמען. און ג׳ ענטפערט איהר: מיין טאָכטער, איך שווער ביי דיין לעבען, אַז דו וועסט מיט דיינע אייגענע אויגען זעהן ווי אויף זיי וועט מקוים ווערען מיין פלוך, וואָס איך האָב פאַרשפּראָכען דורך מיין נביא ישעיה (מ״ט, כ״ו): „והאכלתי את מוניך את בשרם וכעסיס דמם ישכרון״ — איך וועל דיינע דריקער מאַכען עסען זייער אייגען פלייש און ווי פון שטאַרקען וויין וועלען זיי שכור ווערען פון זייער אייגען בלוט (ילקוט שמעוני רמז תמ״ג).

דאָס איז די נחמה פון דער היינטיגער הפטרה: גב"ה אַליין פאַרשפּרעכט דאָס אידיש פאָלק: „אנכי מרביץ בפוך אבניך ויסדתיך בספירים" — איך וועל פון דימאַנטען אויסלייגען דיינע גרונטשטיינער און וועל דיין באַזיס מאַכען פון סאַפּירשטיינער. דיין צוקונפט וועט זיין אַ שעהנע און אַ ליכטיגע, וואָס וועט באַשיינען די גאַנצע וועלט. אונזערע חכמים רעאַגירען איבער דעם מערקוויר־דיגען פסוק און דעקען פאַר אונז אויף די גרויסע מיסטעריעזע דערשיינונג פון דער אידישער אומשטערבליכקייט:

די אורזאַך וואָרום מיר האָבען און וועלען ווייטער איבערלעבען אונזערע שונאים און דריקער איז, ווייל דער יסוד פון אונזער אומה איז געמאַכט פון סאַפּירשטיינער. אונזער נאַציאָנאַלער קיום ווערט ניט באַשיצט פון פעסטונגען געמאַכט פון שטיינער און צעמענט, אויך ניט פון אַרסענאַלען אָנגעפילט מיט אייזערנע און שטאָלענע געווער. אונזער יסוד ווערט אויפגעהאַלטען פון די „אבני פוך וספיר", די דימאַנטענע און סאַפּירשטענענע פּרינציפּען פון אונזער תורה, און אויב איהר מיינט, אַז זיי זיינען וויך און צו שוואַך צו טראָגען אויף זיך דעם עתיד פון אונזער פאָלק, מאַכט איר אַ גרויסען טעות. די געשיכטע האָט שוין אונז אומצייליגע מאָל באַוויזען, אין רוים און אין אַנדערע גלות לענדער, וואו מען האָט מיט גרויסע האַמערען און אויף שווערע קאַוואַדלעס געזוכט צו צעשמעטערען דעם אידישען קיום, אָבער די רעזולטאַטען זיינען געווען אימער דיזעלבע. „נבקע הסדן ונחלק הפטיש והספיר לא חסר" — געשפּאָלטען געוואָרען זיינען די קאָוואַדלעס, צעפּאַלען זיינען די שטאַרקע האַמערען און דער סאַפּיר־שטיין, דער אידישער קיום איז געבליבען גאַנץ ווי תמיד (שם רמז תמ"ח).

ה.

וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען

כי לא יחדל אביון מקרב הארץ.

„אמר שמואל: אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד" — שמואל זאָגט: עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישען דער היינטיגער וועלט און משיח'ס צייטען, נאָר די אונטערדריקונג פון רעגירונגען בלויז (שבת קנ"א, ע"ב).

די דינים, פרינציפּען און אידעאַלען, וואָס ווערען דערקלערט פון משה׳ן אין היינטיגער סדרה, נעמען אַרום דעם גאַנצען אידישען לעבען, אין הויז, און אין גאַס, אין אייגען לאַנד און אין פרעמדע לענדער. זיי צייכענען אָן די באַציאונגען פון דעם אידען צו זיין אמונה, צו זיין פאַמיליע און צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער פאַרקערט. זיי באַשפּרעכען אויך זיינע פליכטען צו זיין פאָלק און צו אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג. „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה״ — זעט, זאָגט משה צו די אידען, איך לייג פאַר אייך היינט פאַר די וועגען, וואָס פירען צו ברכה, צו גליק און אויך די, וועלכע פירען צו קללה, צו אומגליק. איר דאַרפט מיר ניט גלויבען אויפ׳ן וואָרט. איר קאָנט עס זען מיט אייערע אייגענע אויגען און פאַרשטיין מיט אייער אייגענעם שכל, אַז די ברכה ליגט אין הערען און אויספאָלגען די מצוות פון אייער ג׳, און די קללה — אין ניט הערען און ניט פאָלגען זיינע ווערטער. די ברירה איז ביי אייך אין די הענט, איר קאָנט פרייוויליג אויסקלייבען וועלכע איר ווילט.

„דברה תורה בלשון בני אדם״ — די תורה רעדט אין אַ מענשליכער שפּראַך, קלאָר און דייטליך, ווייל זי איז אַ „תורת חיים״ — אַ תורה פון לעבען. זי דיקטירט ניט סתם אין דער וועלט אַריין, און באַפעלט ניט אַזעלכע זאַכען, וואָס קאָנען דעם מענשען קיין נוצען ניט ברענגען. אין דעם, זאָגען אונז די מחקרים, באַשטייט דער גרויסער אונטערשייד פון אונזער תורה צו די תורה׳ס פון אַנדערע אמונות. אונזער תורה רעדט ווייניג וועגען די גליקען, וואָס די מענשען וועלען האָבען נאָכ׳ן טויט, אויף יענער וועלט, אויב זיי וועלען אויספאָלגען איר׳ע געזעצען. די הבטחות און פאַרשפּרעכונגען וועגען אַ יענער וועלט, מיט וועלכע אַנדערע אמונות גיבען זיך אַזויפיל אָפּ, האָבען געפירט צו גרויסע מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען. אויב דער הויפּט ציל פון דעם מענשען איז זיך צו פאַרשאַפען וואָס מער עולם הבא, דאַרף נאָך דער מיינונג זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון יעדער רעליגיע צו ראַטעווען די נשמות פון די אומגלויבער, און צו פאַרברענען זייערע זינדיגע קערפּערס אויף די שייטער־הויפענס.

די פילאָזאָפיע פון דער אידישער אמונה אָבער קומט צום שלוס, אַז „יפה קורת רוח אחת במעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא״ — עס איז פיל בעסער איין אָטעם פון גוטע טאָטען אויף דער וועלט, ווי דאָס גאַנצע לעבען פון דער קומענדיגער וועלט.

„מעשים טובים״ — גוטע און גרויסע אויפטואונגען, וואָס וועלען דער־

הויבען די מענשהייט פון דער וועלט צו אַ העכערער שטופע און אַנטוויקלען זייערע געדאַנקען צו גרייכען דעם „מעט מאלקים" — די נאָענטקייט פון גאָט, דאָס איז „עולם הבא"־אַרבייט, ווייל מיט דעם פאַרפולקאָמט מען בײדע וועלטען. די אידישע תורה איז אַן אייביגע, און אייביגקייט ווייס ניט פון קיינע גרעניצען און לאָזט זיך ניט טיילען אין באַזונדערען וועלטען. משה רבנו רעדט צו דער יוגענט וועגען די אינטערעסען פון לעבען, ווי עס צו פאַרשענערען און פאַר־בעסערען. פאַר יעדער מצוה, זאָגט ער זיי, וועלען זיי קריגען זייער באַלוינונג אויף דער וועלט.

„והיה כי יביאך ה׳ אלקיך אל הארץ אשר אתה בא שמה לרשתה. ונתת את הברכה על הר גריזים ואת הקללה על הר עיבל" — און אַזוי זאָל עס זיין, אַז אייער ג׳ וועט אייך ברענגען צו דעם לאַנד וואָס איר גייט ערבען. זאָלט איר פאַרלייענען די ברכות אויף דעם באַרג גריזים און די קללות אויפ׳ן באַרג עיבל. אונזערע חכמים לערנען אונז, אַז מיט דעם האָט משה פאַר זיי סימבאָליזירט די וועגען ווי איינצונעמען דאָס לאַנד און ווי איר צו באַזיצען. „שתי דרכים יש, אחד שתחילתו מישור וסופו קוצים, ואחד שתחילתו קוצים וסופו מישור". עס זיינען דאָ צוויי וועגען: איינער פאַנגט זיך אָן גלייך און גלאַט און זיין סוף — איז פול מיט דערנער; דער צווייטער איז פון אָנפאַנג דאָרענדיג, אָבער זיין סוף איז גלייך און גלאַט (ספרי).

דער וועג פון דעם רשע צו טאָן וואָס ער וויל, שיינט פון אָנפאַנג אויס צו זיין גוט און דערפאָלגרייך אָבער זיין סוף איז פול מיט דערנער. דאָס געיעג צופרידענצושטעלען זיינע תאוות וועט אים ברענגען אין קאָנפליקט מיט אַנדערע און וועט פירען צו אַ קריזיס, צו אַ צוזאַמענברוך פון דער געזעלשאַפט. דער וועג פון יושר, דאַגעגען, איז טאַקע שווערליך פון אָנפאַנג, אָבער זיין סוף איז אַ גוטער און פירט צו שלום און אחדות. דער וועג צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר אַ פאָלק, איז פול מיט בערג און גרויסע שטערונגען. גייט ער מיט יושר און זוכט צו שאַפען אַ היים, וואָס זאָל קאָנען דינען פאַר אַ מוסטער פון צדק פאַר אַלעמען, כאָטש אַזאַ וועג איז שווער און דאָרענדיג פון אָנפאַנג, וועט אָבער דער סוף זיין אַ גליקליכער. זוכט אָבער די הערשאַפט אויסצופירען אירע אייגענע אַמביציעס און קימערט זיך ווייניג פאַר דעם וואוילזיין פון דעם גאַנצען פאָלק, מעג דער אָנפאַנג זיין ווי דערפאָלגרייך, דער סוף אָבער וועט זיין פול מיט דערנער.

די ערשטע זאַך וואָס איר מוזט טאָן אין אייער לאַנד, איז „אבד תאבדון את כל המקומות אשר עבדו שם הגויים״ — איר זאָלט צעשטערען אַלע פּלעצער, וואו די גוים האָבען דאָרט געדינט פרעמדע אָפּגעטער. אין ארץ ישראל מוזט איר זיין פולשטענדיג אָריגינעל און אייגענאַרטיג. אַלע השפּעות, וואָס די פרעמדע קולטורען האָבען אויף אייך אויסגעאיבט אין גלות זאָלט איר אויס־וואָרצלען אין ארץ ישראל. „כל המודה בעבודת כוכבים ככופר בתורה״ — דער וואָס גיט צו, אַז אָפּגעטער האָבען אַ געוויסען ווערט, איז ווי ער וואָלט געלייקענט אין דער גאַנצער תורה. „וירשתם אותה וישבתם בה״ — „בזכות שתרשו תשבו״ — איר זאָלט ירשנען און באַזעצען צוליב דעם זכות פון אייער ערבען וועט איר זי באזיצען (ספרי). ארץ ישראל איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען בירושה פון ג׳ אליין. אויב מיר וועלען עס אַזוי באַטראַכטען און מיט דעם דאָזיגען רעכט עס פאָדערען, וועלען מיר איר געוויס באַזיצען.

פון אַלע גוטסקייטען, וואָס איר וועט האָבען אין אייער לאַנד מעגט איר געניסען און הנאה האָבען, „רק הדם לא תאכלו״ — אָבער בלוט זאָלט איר ניט עסען. לאָזט זיך ניט וואוילגיין אויף דעם בלוט פון די שוואַכערע פאַר אייך. איך האָב געהערט פון מיין פאָטער ע״ה אַ וואונדערבאַרען געדאַנק איבער דעם פסוק (מסעי ל״ה) „ולא תחניפו את הארץ אשר אתה בה״ — חנפה׳ט ניט דאָס לאַנד, וואו איר געפינט זיך, צוליב די שיינע איינריכטונגען וואָס זי באַזיצט. אויב דאָס איז געשאַפען געוואָרען מיט דעם בלוט פון אונטערדריקטע, וועט עס קיין קיום ניט האָבען. „כי הדם הוא יחניף את הארץ״ — ווייל דאָס בלוט פון אומשולדיגע מאַכט אַלע דערגרייכונגען פון אַ לאַנד פאַר „חניפה״, פוסטע באַרימעריי. און עס וועט זיך שלעכט אָפּרופען קעגען די וואָס האָבען דאָס אומשולדיגע בלוט פאַרגאָסען. די צוקונפט וועט זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע חטאים, וואָס די פירער פון אַ לאַנד זיינען באַגאַנגען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

„כי יהיה בך אביון מאחד אחיך — לא תאמץ את לבבך ולא תקפץ את ידך״ — אויב עס וועט זיך געפינען ביי דיר אַן אָרימאַן, איינער פון דיינע ברידער, זאָלסטו ניט האַרט מאַכען דיין האַרץ און ניט פאַרמאַכען דיין האַנט. דו מוזט אים געבען „די מחסרו״ — וויפיל אים פעלט. דער דובנער מגיד ז״ל דערקלערט דעם פסוק אויף אַ פאָרטרעפליכען אופן, ער זאָגט: „אין מדרש רבה, פרשת משפטים ווערט געבראַכט, אַז דוד המלך ע״ה האָט געטענה׳ט פאַר ג׳: „תיישב עולמך בשוה, העניים והעשירים״ — טייל־אייך דיין וועלט גלייך

צווישען די רייכע און אָרימע, אָרים און רייך זאָלען האָבען גלייך. על פי יושר האָט טאַקע אזוי געדאַרפט זיין, אָבער די פעהיגערע האָבען גענומען אַריינכאַפּען וויפיל זיי קאָנען, און דער גביר ווערט רייכער אויפ׳ן חשבון פון אָרימאַן... דעריבער זאָגט די תורה: „כי יהיה ,בך׳ אביון" — אויב עס איז דאָ אַן אָרימאַן צווישען אייך, איז ער דאָך דיינער, זיין פאַרמעגען איז דאָך „בך" — ביי דיר, דו האָסט דאָך אויף פאַרשידענע אופנים דאָס פון אים פאַרכאַפּט, טאָ גיב אים כאָטש אַ טייל פון וואָס אים קומט".

איך האָב אַמאָל געהערט זעהר א שיינע דערקלערונג פון דעם פאַר־שטאָרבענעם רב הכולל רבי יעקב יוסף ז״ל, איבער וואָס אין פסוק ווערט פיל מאָל איבערגע׳חזר׳ט דער באַפעל, אַז מען זאָל ניט פאַרמאַכען די האַנט פאַר אַן אָרימאַן, נאָר „פתוח תפתח", מען זאָל האַלטען אין איין עפענען. ער זאָגט, אַז אפילו דער, וואָס גיט שוין צדקה זאָל עס געבען מיט אַן אָפענער האַנט. ווען די האַנט איז פאַרמאַכט האָבען אַלע פינגער איין מאָס, ווען מען עפענט זי אָבער, זעט מען, אַז איין פינגער איז גרעסער און דער אַנדערער קלענער. אַזוי איז אויך מיט דעם וואָס גיט מיט אַ פאַרמאַכטער האַנט. אַלע צוועקען זיינען פאַר אים גלייך, און גיט די זעלבע סומע צו יעדער „דבר שבצדקה", קיין אונטערשייד ניט ווי גרויס און וויכטיג איז די זאַך. דער וואָס גיט אָבער מיט אַן אָפענער האַנט פאַרשטייט אָפּצושאַצען דעם ווערט פון דער צדקה־זאַך, און אויב דער ענין איז פון אַ גרעסערער וויכטיגקייט גיט ער מער.

וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען? איבער דער פראַגע זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען צווישען אונזערע חכמים. מאַנכע ווילען האָבען, אַז דער גאַנג פון דער גאַנצער וועלט וועט זיך ענדערען און דער פרט אַזוי ווי דער כלל וועט לעבען גליקליך און צופרידען. עס וועלען מער ניט זיין קיין דריקער און אונטערדריקטע, קיין רייכע און אָרימע. אַלע וועלען לעבען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פריי פון יעדער זאָרג. רבי שמואל אָבער איז מיט דער מיינונג, אַז משיח וועט בלויז ברענגען די פּאָליטישע באַפרייאונג פון דער וועלט. „אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד" — דער אונטערשייד פון דער היינטיגער וועלט און משיח׳ס צייטען וועט באַשטיין אין דעם, וואָס דער פּאָליטישער דרוק פון די פעלקער איינע קעגען די אַנדערע וועט פאַרשווינדען. די עקאָנאָמישע לאַגע וועט אָבער פאַרבלייבען די זעלבע. „כי לא יחדל אביון

מקרב הארץ״ — עס וועט ניט אַוועק דער אָרימאַן פון לאַנד. עס וועלען זיך נאָך געפינען רייכע און אָרימע, און די רייכע מוזען העלפען די אָרימע.

הפטרה

דער אַלטער טריק צו אַנטוואָפענען ירושלים

ואנכי בראתי משחית לחבל.

„כשבא אַספסינוס להחריב את ירושלים, אמר להם: שוטים! מפני מה אתם מבקשים להחריב את העיר הזאת? וכי מה אני מבקש מכם, אלא שתשגרו לי קשת אחת או חץ אחת ואלך לי מכם״ — ווען אַספסינוס איז געקומען חרוב צו מאַכען ירושלים, האָט ער געזאָגט צו אירע פאַרטיידיגער: נאַראָנים וואָס איר זייט? פאַרוואָס ווילט איר חרוב מאַכען די שטאָט? וואָס פאַרלאַנג איך דען פון אייך? בלויז אַז איר זאָלט מיר איבערגעבען אייער ביסעל בויגענס און אייער ביסעל פיילען און איך וועל אַוועק פון אייך (אבות דרבי נתן).

די היינטיגע הפטרה, וועלכע איז די דריטע פון די „שבע דנחמתא״ — די זיבען טרייסט־הפטרות, פאַנגט זיך אָן מיט דעם האַרצרייסענדען אויסגעשריי צו דעם אידישען פאָלק: „עניה סוערה, לא נוחמה״ — דו אָרימע און פון די פעלקער צעטרייסעלטע, וועלכע קאָן נעבעך ניט געטרייסט ווערען. מיליאָנען פון אירע קינדער זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען פון די גרויזאַמע הענקער. טויזענטער אידישע קהלות זיינען חרוב געוואָרען און אַלע זייערע דערגרייכונגען זענען אַוועק מיט׳ן רויך. די אויסראַטונגאַרבייט, וואָס די פאַשיסטישע פעלקער האָבען אָנגעפאַנגען קעגען די אָרימע אידען, ווערט נאָך איצט פאָרטגעזעצט, זאָגאַר פון די כלומר׳שט דעמאָקראַטישע פעלקער. ווי ריכטיג האָבען די חז״ל פאָראויס־געזען אונזער איצטיגע לאַגע! זיי זאָגען: „דור שבן דוד בא, תלמידי חכמים מתמעטים, והשאר עיניהם כלות ביגון ואנחה, וצרות רבות וגזרות קשות מתחדשות, עד שהראשונה פקודה, שניה ממהרת לבוא״ — דער דור אין וועלכען משיח וועט קומען, וועלען תלמידי חכמים, קלוגע און וויטזעהענדע פירער זיין ווייניג, און ביי די איבעריגע פון פאָלק וועלען די אויגען פאַרבלענדט ווערען פון טרויער און זיפץ; פיל צרות און שווערע גזרות וועלען זיך האַלטען

אין איין באַנייען, איידער דער ערשטער אומגליק פאַרשווינדט, וועט אַן אַנדערער גלייך אָנקומען (סנהדרין צ״ז, ע״א).

אַלע פאַרשפּרעכונגען, וואָס זיינען אונז געמאַכט געוואָרען פון די פּאַרט־געשריטענע פעלקער זיינען אויסגערונען. אום צו קריגען אונזער „וואוט״ און אונזער מיטהילף אין דער גרויסער מלחמה, האָבען אונז אַזעלכע לענדער ווי אַמעריקע און ענגלאַנד הייליג פאַרשפּראָכען צו העלפען עטאַבלירען אונזער נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל. פאַר יאָרענלאַנג האָבען אונז די פּרעזידענטען און פירער פון דידאָזיגע כלומר׳שט פרייהייטס־ליבענדע פעלקער געהאַלטען אין איין קאָרמענען מיט פוסטע פראַזען און הויך קלינגענדע צוזאָגען, וועלכע זיי האָבען נאָכדעם פאַרגעסען. די טייכען אידיש בלוט פאַרשווענקט מען מיט אויל, און אונזער שארית הפליטה שמאַכטעט נאָך איצט אין די פינסטערע קאָנצענטראַציע לאַגערען פון דער בלוט אויסגעווייקטער אייראָפּע. מען שרייט שלום, שלום אָבער שטילערהייט גרייט מען זיך צו אַ דריטער מלחמה. און דער איד וועט בלייבען דער שעיר לעזאזל.

אויב אונזער יוגענט אין ארץ ישראל איז פאַרצווייפעלט און איז זיך מוסר נפש פאַר זייערע איבער׳געבליבענע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער, וועלכע זיי זוכען איבערצונעמען אין ארץ ישראל און זיי געבען אַ געלעגענהייט אָנצופאַנגען אַ ניי, פריי לעבען, רופט מען זיי מיט אַלערליי מיאוס׳ע נעמען, ווי טעראָריסטען, באַנדיטען א. ד. ג. פאַר דער וועלט שטעלט ענגלאַנד אַרויס איר כשר־חזיר־פיסעל און טענה׳ט, אַז אַלץ, וואָס זי זוכט אין ארץ ישראל, איז איינצופירען שלום און רו. די צבוע׳קישע פירער פון דער סאָציאַ־ליסטישער אַרבייטער רעגירונג, אַטלי און בעווין, פאָדערען דוכט זיך אַ קלייניג־קייט: זאָל די אידישע הגנה, די באַשיצער פון אונזער לאַנד, זיי איבערגעבען דאָס ביסעל געווער און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

אונזערע העלדישע פאַרטיידיגער אין הייליגען לאַנד אָבער, לאָזען זיך ניט פאַרפירען. מיר זיינען אַן אַלט פאָלק, און אונזער געשיכטע איז פול מיט אַזעלכע אינצידענטען. מיר ווייסען, אַז דאָס איז בלויז אַ טריק, מיט דער טייפעלשער כונה אָפּצושוואַכען זייערע רייען, און דאַן איבערגעבען אונזער היסטאָריש לאַנד צו זייער בוזים־פריינט, דעם בלוט־דורשטיגען מופטי מיט דער פאַשיסטישער אַראַבישע ליגע. אויך דער רוימישער אספסינוס, איידער ער האָט חרוב געמאַכט ירושלים, האָט גע׳טענה׳ט דאָס זעלבע. איך וועל אייך

לאָזען צורו, האָט ער געזאָגט די אידישע פאַרטיידיגער, אויב איר וועט מיר איבערגעבען אייער פייל און בויגען, אייער ביסעל געווער. אונזערע העלדען אָבער האָבען זיך דאַן ניט געלאָזט נאַרען, און זיי וועלען עס היינט אויך ניט טאָן.

דער מדרש זאָגט אונז, אַז צו דער ענדגילטיגער גאולה וועט ג׳ זאָגען צו דער אידישער אומה: „בתי הגיע זמנך להגאל" — מיין טאָכטער, עס איז געקומען דיין צייט אויסגעלייזט צו ווערען. זי ענטפערט אָבער: „איני מתנחמת עד שתראני באותן הרשעים שצערוני וחרפו את שמך" — איך וויל ניט גע־טרייסט ווערען ביז דו וועסט מיר ווייזען דעם סוף פון די רשעים, וואָס האָבען מיך אַזויפיל מצער געווען און געלעסטערט דיין נאָמען. און ג׳ ענטפערט איר: מיין טאָכטער! איך שווער ביי דיין לעבען, אַז דו וועסט מיט דיינע אייגענע אויגען זען ווי אויף זיי וועט מקוים ווערען מיין פלוך, וואָס איך האָב פאַרשפּראָכען דורך מיין נביא ישעי׳ (מ"ט כ"ו): „והאכלתי את מוניך את בשרם וכעסיס דמם ישכרון" — איך וועל דיינע דריקער מאַכען עסען זייער אייגען פלייש, און ווי פון שטאַרקען ווייַן וועלען זיי שכור ווערען פון זייער אייגען בלוט. „ואנכי בראתי משחית לחבל", ווייל איך האָב באַשאַפען אַ צעשטערונגס כח, וואָס וועט זיי פאַרניכטען.

שופטים

א.

די פליכטען פון אידישע געזעצגעבער

שופטים ושוטרים תתן לך.

„משל לחולה שנכנס הרופא אצלו לבקרו, אמר לבני ביתו האכילוהו כל מה שהוא מבקש. נכנס אצל אחר, אמר להם, הזהרו בו שלא יאכל דבר פלוני. אמרו לו לראשון אמרת לאכל כל מה שירצה ולשני אמרת שלא יאכל! אמר להם הראשון אינו של חיים לפיכך אמרתי שיאכל כל מה שירצה, אבל זה שהוא לחיים אמרתי הזהרו בו" — דאָס איז געגליכען צו אַ קראַנקען וועלכער דער דאָקטאָר איז געקומען באַזוכען, און האָט אָנגעזאָגט זיינע בני בית, אַז זיי קאָנען אים געבען עסען וואָס ער וויל. צו אַ צווייטען חולה איז דער זעלבער דאָקטאָר געקומען, און דאָרט האָט ער אָנגעזאָגט צו די בני בית, אז זיי זאָלען זיך אָפּהיטען פון געבען אים עסען געוויסע שפּייזען. האָט מען אים געפרעגט: ווארום האָסטו געהייסען יענעם חולה צו עסען וואָס ער וויל, און דעם הייסטו צו זיין פאַרזיכטיג? ענטפערט ער זיי: דער ערשטער וועט ניט לאַנג לעבען און דארום קאָן ער עסען וואָס/ער וויל. דיזער חולה אָבער האָט אַלע אויסזיכטען צו בלייבען לעבען, מיט אים דאַרף מען זיין שטאַרק אָפּגעהיט (מדרש תנחומא).

אויפצונעמען און באַשטימען פאַסיגע ריכטער פאַר'ן פאָלק, וועלכע זאָלען פאַרוואלטען מיט דעם געזעץ און ריכטיג אויסטייטשען די דינים פון דער תורה, איז פאַר משה'ן פיל וויכטיגער ווי די גרינדונג פון אַ אידישער מלוכה. ערשט נאָכדעם אַז עס וועט געשאַפען ווערען אַ פאַרטרויענסווערטע לעגיסלאַטיווע מאַכט, וואָס וועט האָבען די הויפּט דעה איבער די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע איינריכטונגען אין לאַנד, דאַן, אויב איר וועט וועלען „שים תשים עליך מלך" — קאָנט איר פאַר אייך באַשטימען אַ קעניג, וואָס זאָל פאַרוואלטען

מיט די פּאָליטישע אינטערעסען פון לאַנד. די לעגיסלאַטיווע און געזעצגעבענדע אינסטיטוציעס פון אַ לאַנד, זיינען די גרונטשטיינער אויף וועלכע איר געזעלשאַפטליכער לעבען איז באַגרינדעט. אויב זיינע „שופטים ושוטרים״, זיינען פּאַסיג און עהרליך, וועלען זיי ביישטייערען צו דער געהעריגער אַנטוויקלונג פון זיינע שאַפענדע כחות, און וועלען אָנהאַלטען דעם גלייכגעוויכט פון זיין סאָציאַלען לעבען.

„שופטים ושוטרים תתן לך״ — ריכטער און פאַרוואַלטער זאָלסטו פאַר דיר באַשטימען, „לך ולא לאומות העולם״ — פאַר דיר און ניט פאַר די פעלקער פון דער וועלט (דברים רבה). זוכט ניט אַזעלכע ריכטער און פאַרוואַלטער, וואָס ווילען פאַרזאָרגען די גאַנצע וועלט מיט יושר און גערעכטיגקייט, און זיינען צוליב דעם גרייט צו פאַרבויגען פילע פון די אינטערעסען פון זייער אייגען פאָלק. סאָציאַלע וועלט־פאַרזאָרגער, וואָס רייסען זיך דעם פעלץ פאַר דער גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע אונטערדריקטע מאַסען אין דער וועלט, האָט אונזער פאָלק פון זיך אַרויסגעגעבען אין אַלע גלות־לענדער. זיי האָבען ווייניג נוצען געבראַכט, ווייל אין וואָס אנבאַלאַנגט דעם מצב פון די אידען אַליין, האָבען די פעלקער טויבע אויערען און הערען זיך ווייניג צו צו די „ביל אָוו רייטס״ און צו דעם פוסטען געשריי פון „אַרבייטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט אייך״. אויב איר ווילט האָבען גערעכטיגקייט פאַר זיך אַליין „שופטים ושוטרים תתן לך״ — קלייבט אויס אַזעלכע געזעצגעבער און פירער, וואָס זאָלען זיין געטריי די אינטערעסען פון אייער אייגענער אומה.

רבי נפתלי סופר באַמערקט אויף דעם: „אַמאָל איז טאַקע אַזוי געווען, אַז אַ שטאָט אָדער קהלה האָט געהאַלטען ביים אויפנעמען אַ נייעם רב, האָט מען אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון שעהנע באַלעבאַטים, וועלכע פלעגען זיך אַרויסלאָזען זוכען אַ רב, אַ גרויסען למדן, אַ ירא שמים, אַ בעל־מדות. היינט אָבער, איבערהויפּט אין די אידישע קהלות פון די פריירע לענדער, אַז מען דאַרף אויפנעמען אַ רב, האָט מען קודם כל אין זינען, ער זאָל אויסנעמען ביי די גאַנצע אָדער האַלבע גויים. אַנשטאָט צו קאָנען לערנען מוז ער זיין באַהאַוועגט אין דער לאַנד־שפּראַך; אנשטאט פסק׳ענען שאלות, זאָל ער האָבען אַ טאַלאַנט צום רעדען; אנשטאט אַ ירא־שמים, מוז ער באַזיצען פיינע מאַנירען און זיין העפליך צו די בעאַמטע און מיטגלידער פון זיין געמיינדע. זאָגט דעריבער דער מדרש, אַז ווען אַ אידישע קהלה אין ארץ ישראל האַלט ביים אויפנעמען אַ

שופט אָדער אַ רב, זאָל ער זיין „לך ולא לאומות העולם" — אַ רב פאַר אידען און ניט פאַר גוים".

„ושפטו את העם משפט־צדק" — זיי זאָלען משפט'ן דאָס פאָלק לויט די גערעכטיגקייט פון דעם געזעץ. די גרונט־אידייע פון אַלע דינים אין דער תורה איז דער „צדק צדק תרדוף" — אימער נאָכצופאָלגען די גערעכטיגקייט, צוויימאָל צדק — צו ג' און צו לייט. מיט דעם וואָס איינער פירט זיך אויף מיט גערעכטיגקייט צו זיין מיטמענשען איז ער אויך גערעכט פאַר זיין ג'. „צדקה היא עם שניהם. עם הזכאי שנוטל את שלו ועם החייב שמוציאין גזילה מתחת ידו" — דאָס איז אַ גערעכטיגקייט פאַרביידען, מיט דעם ערליכען, ווייל ער באַקומט וואָס באַלאַנגט צו אים, און מיט דעם שולדיגען, ווייל מען נעמט פון אים אַוועק דאָס וואָס ער האָט דערוואָרבען דורך באַ'גזל'ענען אַ פרעמדען (ספרי). דאָס וואָס איינער דערווערבט דורך אומערליכע מעטאָדען וועט אים קיין גוטס ניט ברענגען. זיין געוויסען וועט אים אימער פלאָגען און ער וועט ווייניג הנאה האָבען דערפון.

אין דורכפירען די געזעצען פון דאָס פאָלק זאָלען זיך די שופטים ניט אויפפירען מיט גאוה. זיי זאָלען פאַר קיין פאַל ניט זוכען צו באַהערשען דאָס פאָלק און אויף אים אַרויפצווינגען אַזעלכע געזעצען וואָס וועלען אים דריקען. „כשם שהזהיר הקב"ה את הכהנים שלא יהיו פוסעין פסיעות גסות על גבי המזבח, כך הזהיר את הדיינים שלא יפסעו פסיעות גסות בדין" — פונקט ווי ג' האָט אָנגעזאָגט די כהנים, אַז זיי זאָלען ניט מאַכען קיין צו גרויסע טריט אויפ'ן מזבח, אַזוי האָט ער אויך אָנגעזאָגט די דיינים ניט צו מאַכען קיין צו גרויסע טריט אין דעם דין (שמות רבה ל'). גרויסע און שטאָלצע טריט אויפ'ן מזבח צייגט אויף גאוה און גרויסהאַלטעריי פאַר דעם אויבערשטען, ווענמען מען קאָן נאָר דינען דורך „הכנעה", דורך אונטערוואָרפענקייט צו זיין גרויסקייט. דאָס־זעלבע איז אויך מיט אַ שופט, אַ רב. אויב ער האַלט זיך גרויס און זוכט צו טרעטען אויף די קעפּ פון דאָס פאָלק מיט זיין אויטאָריטעט, וועט ער קיין גערעכטען משפט ניט אַרויסגעבען. פאַר דעם געזעץ זיינען אַלע גלייך. אויך דער שופט, דער ריכטער אַליין זאָל זיך ניט נעמען קיינע ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

דער „ילקוט שמעוני" ברענגט: דאָס ביי דעם טראָן פון שלמה המלך איז געשטאַנען אַ „כורז", אַן אויסרופער, וועלכער פלעגט ביי יעדען פון די זעקס טרעפּ, וואָס האָבען געפירט צום טראָן, אַנאָנסירען איינעם פון די זעקס

לאו׳ן (פאַרבאָטען), וואָס משה רעכענט אויס אין דער היינטיגער סדרה, פאַר די אידישע שופטים און דיינים, אין וועלכע זיי מוזען זיין אָפּגעהיט, איידער זיי באַשטייגען דעם כס־המשפט — דעם ריכטער שטול.

„כיון שהיה עולה במעלה הראשונה היה כורז״ — אַז שלמה המלך האָט באַשטיגען דעם ערשטען טרעפּ, האָט דער כורז אויסגערופען „לא תטה משפט״ — דו זאָלסט ניט אָפּנויגען דעם געזעץ. דאָס איז די ערשטע שטופע צו גרייכען גערעכטיגקייט. זוכט מען אָפּצונויגען דעם געזעץ, די געפּעלען צו ווערען דער אָדער יענער פּאַרטיי, פאַרקריפּעלט מען דערמיט זיין אמת׳ן זין און מען איז „גורם לשכינה שתסתלק מישראל״ — אַז די שכינה זאָל אַוועק פון די אידען. מען טאָר אויך דעם געזעץ ניט אָפּנייגען, כדי צו באַגרעניצען די רעכטען פון אַ גר, פון אַ פרעמדען איינוואַנדערער. „השוה את הגר לאזרח בכל מצות שבתורה״ — ג׳ האָט פאַרגליכען דעם גר צו דעם בירגער פון לאַנד פאַר אַלע מצוות פון דער תורה, און דער געזעץ מוז פאַר אים האָבען דיזעלבע מאָס גערעכטיגקייט, ווי פאַר די באַלעבאַטים פון לאַנד.

איבערהויפּט זאָלען די געזעצגעבער ניט זוכען אָפּצונייגען דעם געזעץ קעגען איינוואונדערונג, קעגען אַריינלאָזען גרים אין לאַנד. „השערים נפתחים בכל שעה״ — די טויערען פון ארץ ישראל זאָלען זיין אָפען צו יעדער צייט פאַר נייע איינוואַנדערער, „וכל מי שמבקש ליכנס יכנס״ — און דער וואָס וויל אַריינקומען זאָל אַריינגענומען ווערען (שמו״ר י״ט). צו באַשריינקען די רעכטען פון די איינוואַנדערער אָדער שליסען די טויערען פון לאַנד פאַר זיי, איז די גרעסטע אַפּנייגונג פון געזעץ וואָס קאָן נאָר געבען. דאָס ווייזט אויף ענגהאַרציגקייט און שאָוועניזם, וואָס זיינען שטריינג פאַרבאָטען אין די געזעצען פון דער תורה.

„מעלה שניה״ — אַז שלמה האָט דערגרייכט דעם צווייטען טרעפּ פלעגט דער „כורז״ אויסרופען: „לא תכיר פנים במשפט״ — דו זאָלסט ניט אָנערקענען קיינע פערזענליכעס אין דיין אורטייל. „ר׳ יהודה אומר, לא תכירהו אם אוהבך, רבי אלעזר אומר לא תנכרהו אם הוא שונאך״ — רבי יהודה זאָגט דו זאָלסט אים ניט אַרויסווייזען צופיל אויפמערקזאַמקייט אויב ער איז דיין פריינט, און רבי אלעזר זאָגט: דו זאָלסט אים ניט פאַרפרעמדען אויב ער איז דיין פיינט (סנהדרין ז׳, ע״ב). פערזענליכע פניות מצד דעם דיין, וועלען געוויס פירען צו אַן אומגע־

רעכטען אורטייל. פֿאַר דעם געזעץ זיינען אַלע גלייך, פריינט אָדער שונא, סאַי אָרים סאַי רייך, זיינען באַרעכטיגט צו אַן אומפּאַרטייאישען משפט.

„מעלה שלישית" — ביי דעם דריטען טרעפּ פלעגט ער אויסרופען: „לא תקח שוחד" — דו זאָלסט ניט נעמען קיין כאַבאַר. „כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים" — ווייל כאַבאַר מאַכט בלינד די אויגען פון די קלוגע און פאַרקרימט די ווערטער פון די גערעכטע. אַ רב אָדער דיין, וואָס קוקט אין די הענט פון די בעלי דינים, צו וויסען ווער פון זיי וועט אים געבען מער פּסק־געלט, איז ניט עלול צו פּסק'ענען דעם דין ריכטיג. ער וועט געוויס נוטה זיין צו דעם צד וואָס גיט מער. „מאי שוחד?" — וואָרום הייסט כאַבאַר שוחד? „שהוא חד" — ווייל ער איז שאַרף און שניידט איין דעם בעל־דין אַזוי גוט ווי דעם דיין (כתובות ק"ה ע"ב).

„מעלה רביעית" — ביים פערטען טרעפּ פלעגט דער "כורז" אויסרופען: לא תטע לך אשרה" — דו זאָלסט דיר ניט פלאַנצען אַ בוים פאַר אַן עבודה זרה לעבען דעם מזבח פון ג'. „כל המעמיד דיין שאינו הגון כאלו נוטע אשרה בישראל" — די קהלה וואָס נעמט אויף אַ רב אָדער אַ דיין, וואָס איז ניט פּאַסיג פאַר דעם אַמט, איז ווי זי וואָלט פאַרפלאַנצט אַן אשרה ביי אידען (סנהדרין ז' ע"ב). די געטין אשרה, זאָגען אונז די פאָרשער איז געווען די פרוי פון דעם אָפּגאָט בעל. איר דינסט איז באַשטאַנען אין זנות און ניאוף. אַ דיין וואָס איז ניט פּאַסיג וועט געוויס זוכען זיך צו חנפה'ענען צו פרעמדע גלויבענס און אַזוי אָרום מנאף זיין די גאָטהייט.

„מעלה חמישית" — ביי דעם פינפטען טרעפּ פלעגט ער אויסרופען: „לא תקים לך מצבה" — דו זאָלסט דיר ניט אויפשטעלען אַ שטיינערנע מצבה. פאַראַן אַזעלכע רבנים, זאָגט רבי יונתן אייבשיץ ז"ל, וואָס נאָכדעם ווי זיי קריגען שוין אַריין דעם „כתב רבנות", ווערען זיי קאַלט צו אַלע אידישע אינ־טערעסען, ווי אַ שטיין; זיי רירען זיך ניט פון אָרט און מישען זיך ניט אין קיין שום זאַך, וואָס איז נוגע דעם כלל. אַזעלכע רבנים, כאָטש זיי מעגען זיין גרויסע לומדים, פּאַסען זיך אָבער ניט צו זיין די פירער פון אַ פאָלק. אַ פירער מוז זיך באַטייליגען און מיטאַרבייטען מיט'ן פאָלק אין אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע צום כלל".

„מעלה ששית" — ביי דעם זעקסטען טרעפּ פלעגט ער אויפמערקזאַם מאַכען שלמה'ן איבער דעם „לאו" פון „לא תזבח לד' אלקיך כל דבר רע" —

דו זאָלסט ניט מקריב זיין פאַר ג׳ קיין שלעכטע זאַך. דער שופט און מנהיג פון דער קהלה מוז זעהען, אַז די הכנסות פאַר קהל׳שע זאַכען זאָלען קומען פון ווירדיגע קוועלען. ניט אַלעס איז פּאַסיג צו טאָן כדי צו פאַרגרעסערען די הכנסות פון דער גמיינדע. „אתנן זונה לא יבא בקהל״ — געלדער וואָס קומען פון ניט ריינע קוועלען, זיינען אומווירדיג פאַר ג׳.

משה רבנו, איידער ער שיידט זיך אָפּ פון די אידען מאַכט זיי אויפמערק־זאַם אויף די אַלע דינים וואָס זיינען נוגע די ערגענונג פון שופטים און שוטרים, ווייל אן זיי ווענדט זיך שטאַרק די אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ פון פאָלק. זיין הויפּט באַגער אין דער „למען תחיה״, אַז זיין פאָלק זאָל אימער לעבען, און איינער וואָס וויל לאַנג לעבען מוז זיין אָפּגעהיט מיט זיין עסען, מיט זיינע אויפפירונגען, כדי צו פאַרמיידען שווערע קראַנקהייטען.

הפטרה

דער אויבערשטער וועט איבערנעמען דעם קריג פאַר זיין פאָלק ואלקיך יריב עמו.

„על שלשה דברים העולם עומד: על הדין, על האמת ועל השלום״ — אויף דריי זאַכען עקזיסטירט די וועלט: אויף גערעכטיגקייט, אויף אמת און אויף שלום (מדרש רבה שופטים.

דער נביא פון היינטיגער הפטרה שילדערט דעם גרויסען בראָך וואָס איז באַפאַלען דאָס אידיש פאָלק. „שתים הנה קוראתיך״ — צוויי אומגליקען זיינען דיר באַפאַלען: „מי ינוד לך השד והשבר״ — ניטאָ ווער זאָל דיר באַדויערען אין אַ צייט פון פאַרוויסטונג און בראָך. „והרעב והחרב מי אנחמך״ — און אין אַ צייט פון הונגער און שווערד איז ניטאָ ווער זאָל דיך טרייסטען. ווען די גרויסע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען און דו ביזט געווען דער ערשטער קרבן צו פאַלען פאַר דעם גרויזאַמען הענקער, האָט זיך קיינער, זאָגאַר פון די פאַרטגעשריטענע פעלקער, ניט געקימערט איבער דיין שרעקליכער לאַגע. און אַז די צייט פון הונגער און שווערד איז פאַריבער, איז ניטאָ ווער עס זאָל דיך טרייסטען.

שוין צוויי יאָר ווי די פעלקער פון דער וועלט פאַרזאַמלען זיך אָפּט אין דער „יונייטעד ניישאַנס" צו פאַרהאַנדלען וועגען שלום אין דער וועלט, אָבער דיך לאָזט מען צו די פאַרזאַמלונגען ניט צו. „בניך עולפו, שכבו בראש כל חוצות" — דיינע פאַר׳חלש׳טע קינדער וואַלגערען זיך נאָך אויף אַלע וועגען. „כתא מכמר" — ווי געפאַנגענע אַנטלאָפּען ליגען זיי איינגעשלאָסען אין נעצען פון שטעכיגע דראָטען און פינסטערע קאָנצענטראַציע לאַגערען. אנשטאַט דיר צו העלפען קומען צו זיך אין איין אייגען לאַנד, ווי זיי האָבען דיך פייערליך פאַרשפּראָכען, זוכען זיי צו צאַמען אַלע וועגען פאַר דיינע קינדער און די זאַגענאַנטע דעמאָקראַטישע ענגלאַנד, דורך די יונייטעד ניישאַנס, פאַרלאַנגט פון אַלע לענדער צו שליסען זייערע גרעניצען און זיי ניט לאָזען גיין צו זייער היימלאַנד.

עס ווערט דערציילט, אַז דער ווילנער גאון האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט די פירער פון שטאָט, אַז זיי זאָלען אים ניט רופען צו די שטאָטישע אסיפות, סיידען עס וועט זיך האַנדלען וועגען איינפירען אַ נייע תקנה. איינמאָל האָבען די פרנסים באַשלאָסען איינצופירען אַ תקנה ניט אַריינצולאָזען אין ווילנע קיין פרעמדע אָרימע לייט. האָבען זיי צונויפגערופען אַן אספה און איינגעלאַדען דעם גאון. דערהערענדיג וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, רופט ער זיך אָן צו זיי:

— איך האָב דאָך מיט אייך אָפּגעמאַכט, איר זאָלט מיר ניט רופען אויף קיינע אספות, סיידען עס וועט זיך האַנדלען וועגען איינפירען אַ נייע תקנה.

— געוויס רבי — ענטפערען זיי, אָט ווילען מיר דאָך טאַקע מאַכען אַ נייע תקנה.

— ניין דערקלערט דער גאון. דאָס וואָס איר ווילט איצט מאַכען איז אַן אַלטע תקנה, נאָך פון די „ארבע ארצות".

— אַ תקנה פון די ארבע ארצות? חידוש׳ען זיך די פרנסים, מיר ווייסען גאָר׳נישט דערפון. אין פנקס פון די אַרבע ארצות ווערט אַזאַ תקנה ניט דערמאָנט.

— איך מיין ניט די היינטיגע — ענטפערט דער גאון — נאָר די אַמאָליגע ארבע ארצות: סדום, עמורה, אדמה און צבאים — זיי האָבען אַזאַ תקנה געהאַט איינגעפירט אין זייערע לענדער, נישט אריינצולאָזען קיין פרעמדע אָרימעלייט (פון אַלטען אוצר).

און די מאָדערנע סדום׳ניקעס וואָס זיצען איצט אין די קולואַרען פון דער יונייטעד ניישאַנס האָבען נאָך די חוצפה צו פּראָקלאַמירען עפענטליך, אַז זיי

זוכען צו פאַרזיכערען דעם שלום פון דער וועלט... „כה אמר אדוניך ה׳״ — אָבער אַזוי זאָגט דיין האַר ג׳: „יריב עמו״ — ער אַליין וועט אויפנעמען דעם קאַמף פאַר זיין פאָלק און דעם ביטערען בעכער וואָס זיי מאַכען דיר צו טרינקען, וועלען זיי אַליין טרינקען. די וועלט קאָן זיך נאָר האַלטען אויף די דריי זאַכען „דין״ — געזעצליכקייט און גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען גלייך. „אמת״, ווארהייט, וואָס איז ווייט פון אימפעריאַליסטישע אַמביציעס און „שלום״ — שטרעבען צו לעבען אין פרידען מיט אַלעמען.

ב.

די מאָראַל פון תורת משה

צדק צדק תרדוף.

„על שלשה דברים העולם עומד, על הדין ועל האמת ועל השלום, תן דעתך, שאם הטית את הדין אתה מזעזע את העולם״ — אויף דריי זאַכען שטייט די וועלט, אויפ׳ן געזעץ, אויפ׳ן אמת און אויפ׳ן שלום. באַדענק דיך, אויב דו נויגסט אָפּ דעם געזעץ, טרייסעלסטו אויף די וועלט (מדרש רבה דברים).

„למען תחיה וירשת את הארץ״ — כדי איר זאָלט תמיד לעבען בלייבען און האָבען דאָס לאַנד אין אייער שטענדיגען באַזיץ, ראָט משה די אידען: „צדק צדק תרדוף״ — איר זאָלט רק שטרעבען נאָך גערעכטיגקייט. צדק און יושר, פולשטענדיגע גערעכטיגקייט און פולע גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אַלע מענשען, איז דער מאָראַלישער יסוד פון אייער תורה און אמונה. בלויז דורך אָנהאַלטען אַ סאָציאַלען גלייכגעוויכט אין דער געזעלשאַפט וועט איר קאָנען זיכערען די עקזיסטענץ פון אייער מדינה, פון אייער פאָלק און אויך פון דער גאַנצער וועלט. אומגערעכטיגקייט, די פאַרלעצונג פון צדק און יושר וועט שטערען אייער האַרמאָנישען צוזאַמענלעבען, וועט ברעכען די גאַנצקייט פון אייער אומה און ניט דערלאָזען צו דער פולער אַנטוויקלונג פון די נאַטירליכע און גייסטיגע רעסורסען, מיט וועלכע די השגחה האָט באַשאָנקען אייער לאַנד.

„ובערת הרע מקרבך״ — דו זאָלסט אויסראָטען די שלעכטקייט פון צווישען דיר, „מדבר שקר תרחק״ — פון יעדער פאַלשקייט זאָלסטו זיך דער־

ווייטערן. אַט די עטישע פאַרבאָטען ווערן אייניגע מאָל ווידערהאָלט אין דער תורה, ווייל שלעכטקייט און פאַלשקייט זיינען שעדליכע זיטען, וואָס גראָבען אונטער די סאַמע יסודות פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. שקר און רשעות ברעכען דעם סאָציאַלען גלייכגעוויכט, פאַראורזאַכען קלאַסען־קאַמפען, וואָס פירען צו מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען. אַנטלויפט פון אַזעלכע שלעכטע זיטען און פאָלגט בעסער נאָך די גערעכטיגקייט, וואָס וועט אייך ברענגען גליק און פרידען.

„צדק צדק תרדוף" — צוויי מאָל צדק, צו ג׳ און צו לייט. יעדער איד מוז זיין גערעכט פאַר ג׳ און טאָן זיין פולע פליכט צו די גייסטיגע אינטערעסען פון זיין פאָלק. אָבער צו דערזעלבער צייט מוז ער אויך זיין גערעכט צו דער געזעלשאַפט, צו זיינע מיטמענשען. כדי צו קאָנען וויסען וואָס איז רעכט און וואָס איז אומרעכט, „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך", זאָלט איר אויפ־נעמען ריכטער און פאַרוואַלטער אין אַלע אייערע שטעט, „ושפטו את העם משפט צדק", וועלכע זאָלען משפט׳ען דאָס פאָלק לויט די געזעצען פון גערעכ־טיגקייט. „צדקה עם שניהם, עם הזכאי, שנוטל את שלו ועם החייב, שמוציאים גזילה מתחת ידו" — די שופטים און שוטרים וועלען טאָן גערעכטיגקייט מיטביידע — מיט דעם, וואָס האָט געוואונען דעם דין־תורה, ווייל ער קריגט צוריק דאָס זייניגע, און אויך מיט דעם, וואָס פאַרלירט, ווייל זיי וועלען אַוועקנעמען פון אים דאָס, וואָס ער האָט געקראָגען דורך גזילה, דורך אומערליכקייט (ספרי).

„לא תטה משפט" — דו זאָלסט ניט אָפּבויגען דעם געזעץ. אַ אידישער דיין מוז זיין ערליך און אומפּאַרטייאיש. ער מוז אויך זיין גוט געלערענט אין די דינים פון דער תורה, כדי ער זאָל קאָנען אַרויסגעבען אַ ריכטיגען אורטייל. „כל דיין שאינו דן דין אמת לאמיתו גורם לשכינה שתסתלק מישראל" — אַ דיין, וואָס פסק׳ענט ניט ריכטיג אַ דין, איז גורם, אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן פון די אידען (סנהדרין ד׳ ע"א). איבער די געריכט־הייזער פון די גריכען און רוימער פלעגט אויפגעשטעלט ווערן די געטין „נעמעזיס", מיט פאַרבונ־דענע אויגען, האַלטענדיג אַ וואָגשאָל אין אירע הענט. דאָס איז געווען גע־מיינט צו סימבאָליזירען, אַז דער געזעץ מוז זיין אומפּאַרטייאיש און ניט אנער־קענען איין צד מער ווי דעם צווייטען. דער דאָזיגער סימבאָל איז איינער פון די פילע, וואָס זיינען גענומען געוואָרען פון אונזער תנ"ך. שלמה המלך זאָגט: „פּסל ומאזני משפט לה׳" — די ריכטיגע וואָג און וואָגשאָלען פון

געזעץ זיינען פון ג׳ (משלי ט״ז י״א). אויב דער שופט אָדער דיין נויגט אָפּ דעם געזעץ, איז ער „דוחק רגלי השכינה״ — דריקט ער די פיס פון דער גאָטהייט, און זי פאַרלאָזט די געמיינדע.

„לא תכיר פנים״ — דו זאָלסט קיינעם ניט נושא־פּנים זיין אָדער חנפ׳ענען אין דיין אורטייל. פאַר דעם געזעץ מוזען אַלע זיין גלייך, סיי אָרים און סיי רייך, געלערנט אָדער אומוויסענד — אַלע זיינען באַרעכטיגט צו אַן אומפּאַרטייאישען משפט. די גמרא דערציילט, אַז דער גרויסער אמורא שמואל „הוי עבר במעברא״ איז אַמאָל דורכגעגאַנגען אַ שמאָל בריקעל. „אתא ההוא גברא יהיב לו ידו״, איז צוגעקומען אַ מאַן און אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט אים צו העלפען אַריבערצוגיין. „אמר לו מאי עבדתיך, למה אתה עושה כן?״ — פרעגט אים שמואל, מיט וואָס האָב איך דיר געדינט, אַז דו טוסט אַזוי צו מיר? „אמר לו דינא אית לי״ — ענטפערט אים דער מאַן: איך האָב אַ דין־תורה, וואָס דאַרף פאַרקומען פאַר דיר. „אמר לו פסילנא לך לדינא״, זאָגט צו אים שמואל: מיט דעם האָסטו מיך גע׳פסל׳ט צו זיין דער דיין, ווייל איך פיל אַ דאַנקבאַרקייט צו דיר פאַר דיין הילף און וועל ניט קאָנען אַרויסגעבען קיין ערליכען אורטייל (כתובות ק״כ). „ולא תקח שוחד״ — דו זאָלסט ניט נעמען קיין כאַבאַר. אַ רב אָדער אַ דיין, וואָס קוקט אין די הענט פון די בעלי־דינים, צו וויסען ווער פון זיי וועט אים געבען מער פסק־געלט, איז ניט עלול צו פסק׳ענען דעם דין ריכטיג. ער וועט געוויס נוטה זיין צו דעם צד, וואָס גיט מער. „מאי שוחד?״, וואָרום הייסט כאַבאַר „שוחד״? „שהוא חד״, ווייל ער איז שאַרף און שניידט איין דעם בעל־דין אַזוי גוט ווי דעם דיין (כתובות ק״ה ע״ב).

„השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים״ — כאַבאַר מאַכט בלינד די אויגען פון די קלוגע און פאַרקרימט די ווערטער פון די גערעכטע. „אפילו חכם גדול ולוקח שוחד אינו נפטר מן העולם בלא סמיות הלב״ — מעג דער רב אָדער דיין זיין אַ גרויסער חכם, וואָס ווייסט באמת דעם געזעץ, קוים אָבער נעמט ער כאַבאַר, וועט ער ניט אַוועק פון דער וועלט אָהן אַ בלינדקייט פון האַרצען. זיין תאוה צו געלט וועט אים שווין אַראָפּפירען פון גלייכען וועג און ער וועט פאַרקריפּלען דעם געזעץ. „אפילו צדיק גמור ולוקח שוחד אינו נפטר מן העולם בלי טרוף הדעת״ — מעג דער רב אָדער דיין זיין אַ פולשטענדיגער צדיק, אויב ער נעמט אָבער שוחד, וועט ער ניט אַוועק פון דער וועלט אָהן

אַ צעמישטען מוח. זיין תשוקה צו געלט וועט אים משוגע מאַכען און ער וועט אויך אויפהערען גלויבען אין ג׳ (כתובות ק״ה ע״א).

דער „קול אומר קרא״ גיט אַ העכסט־וויציגע און טיפע דערקלערונג אי־בער דעם באַוואוסטען מאמר אין „פרקי אבות״: „האומר שלי שלי ושלך שלך הרי זו מדה בינונית, ויש אומרים הרי זו מדת סדום״ — דער וואָס זאָגט, אַז מיינע איז מיינע און דיינע איז דיינע — דאָס איז די מדה פון אַ מיטעלמע־סיגען מענשען; אַנדערע זאָגען, אַז דאָס איז די מדה פון סדום׳ניקעס. וואָרום רופען די „יש אומרים״ אַ מענשען, וואָס וויל ניט יענעמס, אָבער האַלט טייער זיין אייגענס, מיט דעם נאָמען סדום׳ניק? זאָגט דער „קול אומר קרא״, אַז די „יש אומרים״ האָבען געהאַט אין זינען פרומע דיינים, וועלכע נעמען כאַבאַר. ישעיה הנביא מוסר׳ט די שופטים פון די אידען פאַר דריקען די אָרימעלייט און אָפּנייגען דעם געזעץ צום צד פון די רייכע צוליב „שוחד״. און ער זאָגט צו זיי: „שמעו דבר ה׳ קציני סדום, למה לי רוב זבחיכם״ — הערט זיך צו צו די רייד פון ג׳, איר האַרען פון סדום, וואָס נוצען מיר אייערע פילע קרבנות, אַז „ידיכם דמים מלאו״ — אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט, איר באַרויבט און באַ׳גזל׳ט אייערע חברים און מיטמענשען צוליב כאַבאַר און צו דערזעלבער צייט ווייזט איר אַרויס אייער גרויס פרומקייט דורך ברייגנען פעטע קרבנות פאַר ג׳.

אָט דאָס האָבען די „יש אומרים״ געהאַט אין זינען, אַ רב אָדער דיין, וואָס זאָגט צו ג׳: „שלי שלי, וואָס אָנבאַלאַנגט צו מיר, צו מיינע אייגענע אינטערעסען, טו איך מיר ווי איך וויל, אָבי „שלך שלך״, וואָס באַלאַנגט צו דיר, בין איך מקיים, איך דאַווען, איך לערן און בין פרום, „הרי זו מדת סדום״, איז עס אַ סדום׳ישע מעטאָדע. אויך די סדום׳ניקעס זיינען געווען פרום צו ג׳, אָבער פאַרדאָרבען קעגען זייערע מיטמענשען, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ואנשי סדום רעים וחטאים״ — די מענשען פון סדום זיינען געווען שלעכטע און זינדיגע, אָבער „לה׳ מאד״ — צו ג׳ זיינען זיי געווען זעהר פרום.

„צדק צדק תרדוף״ — צו פולשטענדיגער גערעכטיגקייט זאָלט איר אַלע שטרעבען, דאָס פאָלק אַזוי גוט ווי זייגע „שופטים ושוטרים״, די ריכטער און פאַרוואַלטער, ווייל אויף דריי זאַכען שטייט די וועלט, „על הדין, ועל האמת, ועל השלום״ — אויפ׳ן געזעץ, אויפ׳ן אמת און אויפ׳ן שלום. אויב דער געזעץ

ווערט אָפּגענויגט, פאַלט דער אמת, „ואתה מזעזע את העולם", און דערמיט ווערט די וועלט אויפגעטרייסעלט און דער שלום פאַרשווינדט.

הפטרה

ווייסטו דען ניט ווער דו ביזט?

מי את ותיראי מאנוש ימות.

„למה את מתיראת? שמא אין את יודעת מי את? אין את בתו של אברהם יצחק ויעקב? ואת מתיראת מן אנוש אנוש, היום חי ומחר מת"... וואָס שרעקסטו זיך? פילייכט ווייסטו ניט ווער דו ביזט? ביזטו דען ניט די טאָכטער פון אברהם יצחק און יעקב? און דו שרעקסט זיך פאַר אַ שוואַכען מענשען, וואָס היינט לעבט ער און מאָרגען שטאַרבט ער?... (פסיקתא רבתי).

אין מדרש ווערט אונז איבערגעגעבען, אַז דריי טעג איידער משיח וועט קו־מען „בא אליהו ועומד על הרי ישראל ובוכה ומספיד עליהם, וקולו נשמע מסוף העולם ועד סופו" — וועט זיך אליהו הנביא אוועקשטעלען אויף די בערג פון ישראל און זיי באַוויינען און באַקלאָגען, און זיין שטים וועט געהערט ווערען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען. „ביום הראשון הוא אומר: בא שלום לעולם" — דעם ערשטען טאָג אַנאָנסירט ער, אַז שלום איז געקומען אויף דער וועלט. „ביום השני הוא אומר: באה טובה לעולם" — דעם צווייטען טאָג רופט ער אויס, אַז גוטע צייטען זיינען געקומען אויף דער וועלט. „ביום השלישי הוא אומר: „באה ישועה לעולם" — אויפ'ן דריטען טאָג מאַכט ער באַקאַנט, אַז אַ ישועה איז געקומען אויף דער וועלט. „כיון שהוא רואה שהרשעים שמחים, אומר לציון מלך אלקיך" — אַזוי גיך אָבער ווי ער זעהט, אַז די רשעים פרייען זיך, זאָגט ער צו ציון: דיין ג' קעניגט (פסיקתא רבתי).

וויפיל פּאָליטישע וויזהייט און היסטאָרישע ווייט־זעהונג געפינט זיך אין די שילדערונגען פון דעם מדרש. לאָמיר עס זוכען צו פאַרשטיין לויט די אומ־שטענדען און די געשעהענישען פון היינטיגער צייט:

נאָך דער גרויסער וועלט־מלחמה, וואָס האָט געבראַכט טויט און רואינע אויף דער גאַנצער מענשהייט, האָבען זיך די פעלקער פון דער וועלט אַרויס־געלאָזען ברייננגען דעם „משיח פון שלום", וואָס זאָל פאַרזיכערען די וועלט

קעגען ווייטערדיגע מלחמות. איידער דער משיח פון פרידען קומט פאַרזאַמ־
לען זיך אַלע פעלקער אויף פאַרשידענע קאָנפערענצען, וועלכע דאַרפען עס זיין
די אליהו׳ס, וואָס פּראָקלאַמירען דעם אָנקום פון דעם משיח־השלום. איין
קאָנפערענץ ווערט אָפּגעהאַלטען אין דאַמבאַרטאַן אָוקס, וועלכע אַנאָנסירט „שלום
בא לעולם״, מיר האָבען פאַרבאַרייט אַ פּלאַן, וואָס גיט די מאַכט צו די דריי
גרויסע פעלקער צו רעגולירען דעם שלום פון דער וועלט. אַ צווייטע קאָנפע־
רענץ קומט פאָר אין ברעטאָן וואודס, וועלכע פּראָקלאַמירט „טובה באה לעולם״
— גוטע צייטען קומען אויף דער וועלט, אַלע פעלקער וועלען פאַראייניגען זייערע
רעסורסען צו פאַרזיכערען דעם עקאָנאָמישען מצב פון דער וועלט. אַ דריטע
קאָנפערענץ ווערט פאַררופען אין סאַן פראַנציסקא, וואו עס איז פייערליך אויס־
געשאַלט געוואָרען: „ישועה באה לעולם״ — אַ ישועה איז געקומען אויף
דער וועלט, דער „טשאַרטער״, וואָס איז דאָרט אָנגענומען געוואָרען, וועט פאַר־
זיכערען די צוקונפט קעגען מלחמות.

דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט געליטען מער פון אַלעמען, איז אויף
דער קאָנפערענץ ניט געווען פאַרטראָטען. כאָטש דאָס אידישע פאָלק איז געווען
דער ערשטער און גרעסטער קרבן פון די ווילדע נאַציס און פאַשיסטען, האָבען
אָבער די גרויסע דריי מלוכות, וועלכע רעדען מיט פאַרגלאָצטע אויגען וועגען
דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיגונג, ניט געפונען פאַר נויטיג אים איינצולאַ־
דען. „ורשעים שמחים״ — די רשעות׳דיגע פעלקער, וועלכע האָבען פיל ביי־
געשטייערט צו די אידישע צרות, צוערשט מיט שטיין פון דער ווייטענס, ווען
אידיש בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענווייז, און דאַן מיט פאַרשליסען אַלע טויע־
רען פאַר די אומגליקליכע פליכטלינגע, פרייען זיך מיט זייער גרויסען זיג.
אויך די רשעים פון די אַראַבישע פעלקער, וועלכע האָבען, אויף דער פּראָ־
וואָקאַציע פון ענגלאַנד, געשטערט אין דער גרינדונג פון אונזער נאַציאָנאַלער
היים אין ארץ־ישראל, זיינען „שמחים״, זיי פרייען זיך מיט דעם, וואָס דער
„שוואַרץ־ווייסער פּאַפּיר״, וואָס האַלט די טויערען פון ארץ־ישראל געשלאָסען
פאַר די אידען, איז נאָך אין פולער קראַפט און זיי האָפען נאָך אַז זיי וועט
געלינגען אַרויסצוטרייבען די אידען, וועלכע האָבען זיך שוין דאָרט באַזעצט,
און ירש׳ענען די פאַרמעגענס, וואָס זיי האָבען דאָרט אַריינגעלייגט.

אַלס ענטפער אויף זייער אַלעמען׳ס ווילדער שמחה קערט זיך דער מיס־
טעריעזער אליהו צו דער אַלטער ציון און זאָגט איר: זיי ניט פאַרצווייפעלט, דיין

צייט וועט זיכער קומען, אַלע זייערע פּלענער וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין פּוסטע חלומות, אויב זיי וועלען דיך נישט אנערקענען אַלס די געזעצליכע היים פאַר דיינע קינדער. זיי ווייסען, אַז „מלך אלקיך", דיין ג׳, איז נאָך אַלץ דער אמת׳ער קעניג פון דער וועלט און זיין ווילען מוז דורכגעפירט ווערען.

דער מדרש זאָגט, אַז אליהו הנביא קלאָגט אויף די „הרי ישראל", די זאָגענאַנטע הויכע פּירערשאַפט פון ישראל, וועלכע זיינען נישט דערוואַקסען צו זייער גרויסער אויפגאַבע. זיי רעדען נאָך אַלץ די שפּראַך פון גלות, וועלכע איז פאַרשטעלט און אונטערטעניג. עס פעהלט זיי מוט צו רעדען קלאָרע דבורים און פאָדערען אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די צייט איז געקומען ניט נאָר צו עפענען די טויערען פון ארץ־ישראל פאַר נאָך אַ צאָל איינוואַנדערער, נאָר מיר ווילען און מיר מוזען דאָרט האָבען אַן אייגענע מלוכה, וועלכע זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַראָפּנעמען דעם קין־צייכען פון אונזערע שטערענס און אונז שטעלען אין אַ גלייכער ליניע מיט אַלע אַנדערע פעלקער.

הרב מאיר בערלין, רעדענדיג וועגען דער צעטומלעניש, וואָס הערשט אין די רייען פון דער ציוניסטישער פּירערשאַפט, זאָגט: „דר. הערצל, וועלכער איז געווען אַ פרייער מענש נאָך איידער ער האָט דערגרייכט די באַפרייאונג פון זיין פאָלק, האָט אָנגערופען די זאַך ביים ריכטיגען נאָמען — אַ „אידישע מדינה". ווען עס האָבען זיך אָבער פאַרזאַמעלט די דעלעגאַטען פון אַלע עקען וועלט צום ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, זיינען זיי ניט געשטאַנען אויף דער געהעריגער פּאָליטישער הויך און האָבען ניט פאַרמאָגט דעם גענייגענדען נאַציאָנאַלען שטאָלץ און זיי האָבען דעריבער געזוכט און גענישטערט און האָבען נאָך פיל מי געפונען אַן אויסדרוק, וואָס איז ניט קלאָר ביז היינטיגען טאָג: „עפענטליך, רעכטליך". נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אונזערע האָפענונגען זיינען געשטיגען און מיר האָבען זיך געפילט זיכערער פאַר אַ קורצער צייט, האָבען מיר ווידער ניט געהאַט דעם מוט אָנצורופען אונזער שטרעבונג מיט׳ן ריכטיגען נאָמען און זיך באַנוגענט מיט אַן אויסדרוק, וואָס זאָגט גאָרנישט און פאָדערט לאַנגע פּרושים און דערקלערונגען — אַ „נאַציאָנאַלע היים". איצט, אַז מיר גרייטען זיך צו פאָדערען דאָס, וואָס אונז קומט, האָבען מיר ווידער נישט די קראַפט און דעם מוט צו פאָרמולירען אונזער פאָדערונג קלאָר און עקזאַקט. מיר פאָדערען נישט „אַ אידישע מלוכה", נאָר אַ „קאָמאַנוועלט" — ווידער אַ זאַך, וועמעס כונה איז פאַרשטעלט, און ווער עס וויל פאַרקלענערען אונזער ציל, קאָן עס טאָן אומגעשטערט".

„אנכי, אנכי הוא מנחמכם" — איך, איך וועל אייך טרייסטען, זאָגט דער נביא אין נאָמען פון ג'. אָבער צוערשט וויל איך וויסען „מי את?" — ווער ביזטו און וואָס פאַרלאַנגסטו? „למה את מתיראת?" — וואָס האָסטו אַזוי מורא, וואָרום רעדסטו נישט קיין קלאָרע דבורים? דו שרעקט זיך „מאנוש ימות", פאַר שטערבליכע מענשען, וואָס היינט זיינען זיי דאָ און מאָרגען ווערען זיי פאַרשוואונדען. דו ביזט דאָך די טאָכטער פון אברהם, יצחק און יעקב, וועלכע האָבען געשאַפען אַן אומשטערבליך פאָלק, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט פילע פון זיינע פריערדיגע שונאים. נעם זיך אָן מיט מוט און רעד ווי אַ פריי פאָלק דאַרף רעדען, און דיין שטים וועט געוויס געהערט ווערען.

ג.

דער אידישער באַגריף פון גערעכטיגקייט

צדק צדק תרדוף למען תחיה וירשת את הארץ.

„יצא זכאי מבית דין אין מחזירין אותו לחובה יצא חייב מחזירין אותו לזכות. כדאי הוא מנוי הדיינים הכשרים להחיות את ישראל ולהושיבם על אדמתם" — איז איינער אַרויס אומשולדיג פון געריכט, זאָל מען אים ניט אומקערען צוריק פאַר באַשולדיגונג. איז ער אַרויס שולדיג, זאָל מען אים יאָ אומקערען צוריק, אויב מען געפינט פאַר אים אַ זכות. די אויפנעמונג פון פאַסיגע דיינים איז ווערט אויפצולעבען די אידען און זיי ברייגנען צו זייער לאַנד (ספרי).

צו קאָנען לעבען רוהיג און בלייבען אין באַזיץ פון אייער לאַנד, זאָלט איר תמיד שטרעבען צו טאָן גערעכטיגקייט. צדק, צדק צוויי מאָל צדק — צו ג' און צו לייט. יעדער איד מוז זיין גערעכט פאַר ג' און טאָן זיין פולע פליכט צו די אינטערעסען פון זיין פאָלק; צו דערזעלבער צייט אָבער מוז ער אויך זיין גערעכט צו דער געזעלשאַפט און העלפען זיינע שכנים און מיטבירגער מיט וואָס נאָר ער קאָן. צדק און יושר, פולשטענדיגע גערעכטיגקייט און פולע גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אַלע מענשען, איז דער מאָראַלישער יסוד פון אייער תורה און אמונה. און דיביידע סאָרטען דצק „תרדוף", זאָלסטו נאָכ־

יאָגען. צו טאָן גערעכטיגקייט מוז מען זיך איילען, מען טאָר ניט פאַרלירען קיין צייט. פאַרשפּעטיגטע גערעכטיגקייט האָט אַ קנאַפּען ווערט און קאָן נאָך אַמאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אומגערעכטיגקייט. איבערהויפּט מוזען די שופטים, די ריכטער, זיין שטאַרק פאָרזיכטיג ביים אויסטיילען גערעכטיגקייט, און ער גיט זיי דריי הויפּט דירעקטיווען: 1) „לא תטה משפט" — זאָלסט ניט אָפּנויגען דעם געזעץ. אַ דיין מוז זיין ערליך און אומפּאַרטייאיש צו אַלע, וואָס קומען פאַר אים זוכען גערעכטיגקייט. ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו" — מען מוז אורטיילען ריכטיג צווישען איין אידען און זיין ברודער און אויך אַ פרעמדען, אַ ניט־איד. עס ווערט דערציילט, אַז צום לאַדזער רב, ר' אלי' חיים ז"ל איז אַמאָל געקומען אַ גוי און געבעטען, אַז ער וויל רעדען מיט'ן „פּאַן ראַבין" אונטער פיר אויגען. רבי אלי' חיים איז מיט אים אַריין אין אַ חדר־מיוחד און דאָן פאַרטרויט אים דער גוי אַזאַ מעשה:

אַליין, דערציילט ער, איז ער אַ לאָדזער און וואוינט אויפ'ן באַלוט. ער איז געווען פאַרמישט אין דער „פּאַווסטאַניע", האַלטענדיג דאָן די קאַסע פון גאַנצען געגענט. אַז די פּאַווסטאַניע איז דערשטיקט געוואָרען, איז ביי אים געבליבען געלט, אַרום אַכציג טויזענט רובל. דאָס געלט האָט ער באַגראָבען אין קעלער פון הויז, וואו ער וואוינט, אָפּגעהיט עס ווי אַן אויג אין קאָפּ און קיין בן־אדם האָט דערפון ניט געוואוסט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אין מיטען דער נאַכט איינער אַליין אַראָפּגיין אין קעלער און דאָס געלט איבערציילען. אַזוי איז אַוועק אַ צייט מיט יאָרען. אָבער אַנומעלט גייט ער אַראָפּ אין קעלער — דאָס געלט איז ניטאָ! האָט ער גענומען וויינען, שרייען, רייסען זיך די האָר פון קאָפּ, שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפען, אָבער קיינער קאָן אים ניט העלפען — דאָס געלט איז ניטאָ!

„האָט איר אַ חשד אויף עמיצען?" פרעגט אים רבי אלי' חיים.

„כ'ווייס אַליין ניט, פּאַני ראַבין, די מעשה איז אַזוי: מיט מיר אין איין הויז וואוינט אַ איד, אַ סטאָליער, אַן אָרימער בעל־מלאכה. תמיד האָט ער געלעבט אין גרויס נויט, אָבער זינט אַ צייט איז דער סטאָליער אויפגעריכט געוואָרען און אָנגעהויבען לעבען מעשה גביר, און אַז די שכנים פרעגען אים פון וואַנען ער איז רייך געוואָרען, ענטפערט ער, אַז זיין ווייב'ס אַן עלטער־

פעטער איז געשטאָרבען אין לאָנדאָן און אים איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה... צי דאָס איז ריכטיג אָדער ניט, ווייס איך ניט."

רבי אלי' חיים הייסט דעם גוי קומען אין אַ טאָג אַרום, און דאַן לאָזט ער גלייך רופען צו זיך דעם סטאָליער.

„כ'האָב געהערט," זאָגט צו אים רבי אלי' חיים, „אַז איר זענט אויפגע־ריכט געוואָרען און איר זענט אָהן עין הרע אַן עושר, איז פאַרוואָס זאָל אַזאַ איד ווי איר ניט אַריינקומען אַמאָל צו מיר און געבען אַ נדבה אויף אַ דבר שבצדקה?"

„גערעכט, רבי, ס'איז מיר גאָר פון זינען אַרויס; רבי, איך וועל זיך אודאי ניט אָפּזאָגען."

„איז עפּעס אייער פעטער", פרעגט אים ווייטער ר' אלי' חיים, „געווען אַ גרויסער עושר?"

„יאָ," ענטפערט דער סטאָליער, „אַ גרויסער עושר."

„האָט ער עפּעס געלאָזען נאָך זיך יורשים?"

דער סטאָליער פּלאָנטערט עפּעס מיט דער צונג, פון וואָס רבי אלי' חיים פאַרשטייט, אַז די מעשה מיט דער ירושה איז ניט אַזוי גלאַטיג.

„הערט זיך איין," זאָגט צו אים רבי אלי' חיים שטילערהייט, „איך האָב אייך געשיקט רופען פון אייער טובה וועגען, אייך מציל צו זיין פון אַן אומ־גליק. מען האָט מיר פאַרטרויט, אַז איר צאָלט מיט פאַלש געלט, איר ווייסט דאָך מיט וואָס אַזאַ זאַך שמעקט."

ווערט דער איד בלייך ווי קאַלך. עס איז אים איצט קלאָר געוואָרען, אַז דער דאָזיגער סודות'דיגער גוי, דער שכן זיינער, איז עוסק אין מאַכען פאַלש געלט און דערפאַר באַהאַלט ער זיך אַזוי שטענדיג אין קעלער.

„רבי," הויבט ער אָן ציטערען, „איך וועל אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת. דאָס געלט האָב איך געפונען באַגראָבען אין קעלער פון הויז, וואו איך וואוין. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרען, אַז אַ גוי, אַ שכן אין דעמזעלבען הויז, האָט עס באַגראָבען. ווער זאָל זיך ריכטען, אַז ער מאַכט פאַלש געלט?"

„לויפט שוין אַהיים," וואָרענט אים דער רב, „און ברייגנט אַהער דאָס גאַנצע געלט, וואָס איר האָט ביי זיך."

דער סטאָליער האָט געפאָלגט, און בריינגענדיג דאָס גאַנצע פּעקעל געלט, האָט עס רבי אלי' חיים פון אים צוגענומען און געזאָגט:

„מהיום והלאה, ר׳ איד, זאָלט איר וויסען, אַז מען טאָר ניט נעמען קיין פרעמדס, אפילו ניט פון אַ גוי. דאָס געלט איז טאַקע אמת׳ע געלט, אָבער עס איז ניט אייערס."

אויף צומאָרגענס האָט דער גוי צוריק באַקומען זיין געלט (די וועלט דערציילט).

2) „לא תכיר פנים" — דו זאָלסט קיינעם ניט נושא פנים זיין אָדער חנפ׳ענען אין דיין אורטייל. פאַר דעם געזעץ מוזען אַלע זיין גלייך, סיי אָרים און סיי רייך, געלערענט אָדער אומוויסענד — אַלע זיינען באַרעכטיגט צו אַן אומפּאַרטייאישען משפּט. אין דער צייט פון די חכמי התלמוד פלעגען די דיינים פאַרדעקען זייערע געזיכטער מיט זייערע טליתים, כדי ניט צו זעהן די בעלי־דינים. דאָס קאָנען מיר אויסלערנען פון דער גמרא: „מאימתי התחלת דין? משיתעטפו הדיינין" — ווען איז דער אָנפאַנג פון דער דין־תּורה? פון דעם מאָמענט, ווען די דיינים וויקלען זיך איין אין זייערע טליתים (שבת י׳). אַזוי האָבען זיך אויך נוהג געווען פילע פון אונזערע גרויסע רבנים און רביים אין פוילען און ליטע.

עס ווערט דערציילט, אַז צום ביאַליסטאָקער רב, רבי וועלוועלע, איז איינמאָל צוגעפאָרען אַ רייכע קאַרעטע, פון וואַנען עס זיינען אַרויסגעשטיגען די צוויי אין יענער צייט באַרימטע גבירים, ר׳ זימעל עפשטיין און ר׳ קאָפּעל האַלפּערן.ביידע האָבען געפירט בשותפות ריזיגע געשעפטען, אָנגענומען די גרעסטע מלוכה־פּאָדריאַדען, געבויט שאָסייען און בריקען און מפרנס געווען הונדערטער משפחות. דערצו האָבען זיי אויך געהאַט אַ שם אַלס גרויסע בעלי־צדקה.

בעת דער שמש האָט זיי דערזעהן איז ער אָהן אַ אָטעם אַריינגעלאָפען צו רבי וועלוועלע׳ן און אים מודיע געווען, אַז ר׳ זימעל עפשטיין און ר׳ קאָפּעל האַלפּערן זיינען געקומען האָבען אַ דין־תּורה. רבי וועלוועלע האָט אַריינגערופען דעם דיין זיינעם און דאַן אַראָפּגעלאָזט דעם טלית איבער די אויגען און געהייסען אַריינבעטען די בעלי־דינים.

אַז די גבירים זיינען אַריינגעקומען, האָט זיי ר׳ וועלוועלע ניט געגעבען קיין שלום, ניט געבעטען זיי זיצען, ניט געקוקט אפילו אין זייער זייט, צוטרעטענדיג גלייך צום ענין, זאָגענדיג:

„זימעל און קאָפּעל, ווער פון אייך איז דער תובע, זאָל טענה׳ן פריער."

ווערען די גבירים איבערראַשט. אויף אַזאַ ברוך הבא, מען זאָל זיי אַזוי קאַלט באַהאַנדלען, דערויף האָבען זיי זיך ניט געריכט.

„איך בין דער תובע", האָט ר' זימעל קוים אַרויסגערעדט און גענומען פאַרלייגען זיינע טענות.

„און דו, קאַפּעל, וואָס טענה'סטו?" האָט ר' וועלוועלע זיך געווענדט צום נתבע.

אויסגעהערט ביידע טענות, הייסט זיי רבי וועלוועלע אַרויסגיין, און ער שמועסט זיך איבער מיט דעם דיין, ווי דער פּסק זאָל זיין, און דאַן לאָזט ער זיי צוריק אַריינרופען, הייסט זיי מקבל־קנין זיין און זאָגט אַרויס דעם פּסק־דין.

ערשט דאַן נעמט רבי וועלוועלע אַראָפּ דעם טלית פון קאָפּ און גיט זיי שלום:

„שלום־עליכם, ר' זימעל! שלום־עליכם, ר' קאַפּעל! וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס?" און הייסט דעם שמש גרייטען דעם טיש פאַר די חשוב'ע אורחים (די וועלט דערציילט).

3) „ולא תקח שוחד" — דו זאָלסט ניט נעמען קיין כאַבאַר. אַ רב אָדער אַ דיין, וואָס קוקט אין די הענט פון די בעלי־דינים, צו וויסען ווער פון זיי וועט אים געבען מער פּסק־געלט, איז ניט עלול צו פּסק'ענען דעם דין ריכטיג. ער וועט געוויס נוטה זיין צו דעם צד, וואָס גיט מער. „מאי שוחד?" וואָרום הייסט כאַבאַר שוחד? „שהוא חד" — ווייל ער איז שאַרף און שניידט אי דעם בעל־דין, אי דעם דיין (כתובות ק"ה ע"ב).

דער ווילנער גאון, אין זיין „אדרת אליהו" באַמערקט, אַז די אַלע דריי פאַרזאָגען זיינען אויך געווענדט צו די קהל'שע מנהיגים, צו די, וועלכע האָבען די דעה ביים אויפנעמען אַ רב אָדער אַ דיין אין שטאָט. צו זיי ווערט געזאָגט: „לא תטה משפט" — נויגט ניט אָפּ דעם געזעץ, איר זאָלט ניט אויסנוצען דער־ביי קיין זייטיגע, פּערזענליכע פּניות, וועלענדיג באַזאָרגען מיט אַ פּאָסטען אייערען אַ קרוב אָדער גוטען־פריינט. „לא תכיר פנים" — ביים אויפנעמען אַ רב זאָל ניט שפּילען די הויפּט ראָל זיין אויסערליכער הדרת פּנים. ער דאַרף אויך קאָנען לערנען. „ולא תקח שוחד" — דו זאָלסט ניט אויפנעמען אַ רב מיט דער הילף פון געלט, פון כאַבאַר.

און אַזוי טאַקע זאָגט אויך דער „ספרי" און פירט אויס: „כדאי הוא מנוי הדיינים" — דער אויפנאַם פון וויכטיגע רבנים און ריכטער איז ווערט

אויפצולעבען דאָס פאָלק און אים צוריקברענגען צו זיין לאַנד. מיט זיין חכמה און געלערזאַמקייט איז אַ גרויסער רב אימשטאַנד צו האַלטען זיין געמיינדע פאַראייניגט — און אחדות פירט צו גאולה...

הפטרה

וויי צו דעם פאָלק, וואָס וועט שטערען די אידישע גאולה

לקחתי מידך את כס התרעלה — ושמתיה ביד מוגיך.

„אמר ר׳ יוחנן: אוי לה לאומה שתמצא בשעה שהקב״ה עושה פדיון לבנים! מי מטיל כסותו בין לביא ולביאה בשעה שנזקקין זה עם זה״ — רבי יוחנן זאָגט: וויי איז צו דער אומה, וואָס וועט שטיין אין וועג, ווען קב״ה וועט זיך נעמען אויסצולייזען זיינע קינדער! ווער קאָן פאַרשטעלען מיט זיין קלייד אַ לייב מיט אַ לייביכע בשעת זיי קומען זיך צוזאַמען? (סנהדרין ק״ו).

„אנכי, אנכי הוא מנחמכם״ — איך, איך וועל זיין אייער טרייסטער, זאָגט דער נביא אין נאָמען פון ג׳. אָבער איידער איך נעם זיך צו דער אַרבייט וויל איך וויסען „מי את״, צי ווייסט איר ווער איר זענט? צי זענט איר באַוואוסט־זיניג אויף די פליכטען צו אייער ג׳ און אייערפאָלק? „ותיראי מאנוש ימות״ — דו שרעקסט זיך פאַר שטערבליכע מענשען, וואָס היינט זיינען זיי דאָ און מאָרגען ווערען זיי פאַרשוואונדען. „אין את בתו של אברהם, יצחק ויעקב?״ — ביזטו דען ניט די טאָכטער פון אברהם, יצחק און יעקב, וועלכע האָבען געשאַפען אַן אומשטערבליך פאָלק, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט פיל פון זיינע פריערינע שונאים? „למה את מתיראת?״ — וואָס האָסטו אַזוי מורא, וואָרום רעדסטו ניט קיין קלאָרע דבורים? נעם זיך אָן מיט מוט און רעד ווי אַ פריי פאָלק דאַרף רעדען און דיין שטים וועט געוויס געהערט ווערען (פסיקתא רבתי).

צו־לאַנג האָסטו געלעבט אין טעות מיט דעם, וואָס דו האָסט צופיל גע־גלויבט אין „חסד לאומים״ — אין דער גענאָד און געוויסען פון די אַנדערע פעלקער. דו האָסט אַוועקגעגעבען דיינע כוחות פאַר די לענדער, וואו דו האָסט זיך געפונען. דו ביזט גרייט געווען צו פאַרקוקען דיינע אייגענע פאָלקס־אינ־טערעסען צוליב די פון די פעלקער, מיט וועלכע דו האָסט זיך גע׳חבר׳ט, אָבער ווער פון זיי קימערט זיך פאַר דיר איצט? „שתים הנה קוראתיך״ — צוויי

אומגליקען זיינען דיך באַפאַלען: „מי ינוד לך חשד והשבר״ — ניטאָ ווער זאָל דיך באַדויערען אין אַ צייט פון פאַרוויסטונג און בראָך. „והרעב וההרב מי אנחמך״ — און אין אַ צייט פון הונגער און שווערד איז ניטאָ ווער עס זאָל דיך טרייסטען.

ווי ווייט אמת עס זיינען די ווערטער פון דעם נביא, קאָנען מיר אַרויס־זעהן פון אונזער לאַגע אין דער היינטיגער צייט. צוויי גרויסע מלחמות זיינען פאָרגעקומען פאַר די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָר. אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה האָט מען אונז צוגעזאָגט צו העלפען שאַפען אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. האָבענדיג גרויס בטחון אין דעם פאַר־שפּרעכען פון די פעלקער, און איבערהויפּט אין אַזעלכע דעמאָקראַטישע מלוכות ווי ענגלאַנד און אַמעריקע, האָבען מיר זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט און מיט דער מסירת־נפש פון אַן אויסגעהונגערט פאָלק פאַר אַן אייגענער היים האָבען מיר פאַר דער צייט געשאַפען וואונדער אין ארץ־ישראל. דורך די יאָרען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען אונז געהאַלטען אין איין פאַר־שפּרעכען, דורך רעזאָלוציעס אויף זייערע קאָנגרעסען און די פּראָגראַמען פון זייערע עלעקשאָנס, אַז מען וועט אונז העלפען עטאַבלירען אַ אידישע מלוכה אין אונזער הייליג לאַנד.

אָבער וואָס זעהען מיר איצט? כאָטש דאָס אידיש פאָלק איז געווען דער ערשטער און גרעסטער קרבן פון די ווילדע נאַציס און פאַשיסטען, האָבען אָבער די גרויסע מלוכות, וועלכע רעדען מיט פאַרגלאַצטע אויגען וועגען דעמאָקראַ־טיע און גלייכבאַרעכטיגונג, ניט געפונען פאַר נויטיג איינצולאַדען פאָרשטייער פון אונזער פאָלק צו זייערע שלום־קאָנפערענצען. אין געגענטייל, ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי זיך פאַראייניגט צו פאַרענדיגען די אידישע אויסראָטונג, וואָס היטלער ימח שמו האָט אָנגעפאַנגען. אַלע טירען פון דער וועלט זיינען געשלאָ־סען פאַר אונז. ארץ־ישראל ווערט טעראָריזירט פון דער אַרבייטער־רעגי־רונג אין ענגלאַנד און די פרייע אַמעריקע קוקט און שווייגט. אָבער דער נביא פון דער הפטרה טרייסט אונז און הייסט אונז ניט פאַרצווייפלען. „כה אמר אדוניך ה׳ ואלקיך ירים עמו״ — אַזוי זאָגט דיין האַר ג׳ — דיין ג׳, וואָס וועט איבערנעמען דעם קריג פאַר זיין פאָלק. „הנה לקחתי מידך את כוס התרעלה״ — איך נעם אַוועק פון דיין האַנט דעם כוס גיפט, וואָס דו האָסט געהאַלטען אין איין טרינקען דורך דעם לאַנגען „גלות״. „לא תוסיפי לשתותה עוד״ — דו

וועסט אים שוין מער ניט דארפען טרינקען. „ושמתיה ביד מוגיך" — און איך וועל אים איבערגעבען אין דער האנט פון דיינע דריקער. ווי צו דעם פאלק, וואס וועט זיך שטעלען אין מיין וועג, ווען איך וועל קומען אויסלייזען מיין פאלק. „מי מטיל כסותו בין לביא ולביאה בשעה שנזקקין זה עם זה?" ווער וואגט צו ווארפען זיין קלייד און זוכען צו פארשטעלען דעם וועג צווישען א לייב מיט א לייביכע, בשעת זיי קומען זיך צוזאמען?...

ד.

דאס אידיש פאלק און די תורה זיינען געגליכען צו א בוים

לא תטע לך אשרה כל עץ.

„התורה נמשלה לעץ שנאמר: עץ חיים היא למחזיקים בה, ועם ישראל נמשל לעץ שנאמר: והיו כימי עץ ימי עמי. מה התורה מתקיימת לעולם כך ישראל מתקיים לעולם" — די תורה איז געגליכען צו א בוים, ווייל עס ווערט וועגען איר געזאגט: זי איז א בוים פון לעבען פאר די וואס האלטען איר, און דאס אידיש פאלק איז געגליכען צו א בוים, ווי עס ווערט געזאגט: און די טעג פון מיין פאלק וועלען זיין ווי די טעג פון א בוים. אזוי ווי די תורה עקזיסטירט פאר אייביג, אזוי אויך וועט ישראל עקזיסטירען אייביג (ילקוט שמעוני).

„די פילאזאפיע פון דער אידישער אמונה — זאגט פראפעסאר הערמאן כהן ע"ה — ווערט אויסגעדריקט אין דעם וואונש פון דער גאטהייט: „ושכנתי בתוככם", איך זאל וואוינען צווישען אייך. אין אונזער אמונה זיינען ניטא קיין פארמיטלער. דער איד דארף שטעהן נאהענט צו דער שכינה, ווייל די שכינה וויל זיין נאהענט צו אים. ניט מיט'ן דאווענען אדער לערנען קומט א איד אפ זיין חוב צו זיין ג'; ער מוז אויך לעבען מיט אים. וואו ער גייט און שטייט, וואס ער טוט און שאפט, מוז זיין לויט די פארשריפטען פון דער תורה, אויב ער וויל, אז די שכינה זאל זיין מיט אים. דער הויפט געדאנק פון דער אידישער אמונה איז „לשמוע בקולו ולדבקה בו" — צו פאלגען ג' און זיך מיט אים באהעפטען". אדער ווי רבי שניאור זלמן לאדיער זצ"ל, דער בעל התניא, פלעגט זאגען: „ולדבקה בו", זיך צו באהעפטען מיט אים אליין,

איך ווילּ ניט זיין גן־עדן, איך בין אים מוחל זיין עולם הבא, איך ווילּ אים אַליין האָבען".

אָט צוליב דעם מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג אין דעם אויסוואַל פון אידי־שע רבנים און פירער. „כל דיין שאינו דן דין אמת לאמיתו גורם לשכינה שתסתלק מישראל" — יעדער דיין, וואָס פסק'ענט ניט ריכטיג אַ דין, איז גורם, אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן פון די אידען (סנהדרין ז'). „אַמאָל איז טאַקע אַזוי געווען, זאָגט רבי נפתלי סופר, אַז אַ שטאָט אָדער קהלה האָט גע־האַלטען ביים אויפנעמען אַ נייעם רב, האָט מען אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון שיינע באַלעבאַטים, וועלכע פלעגען זיך אַרויסלאָזען זוכען אַ רב, אַ גרויסען לַמדן, אַ ירא שמים, אַ בעל מדות. היינט אָבער, איבערהויפט אין די אידישע קהלות פון די פרייערע לענדער, אַז מען דאַרף אויפנעמען אַ רב, האָט מען קודם כל אין זינען, אַז ער זאָל אויסנעמען ביי די גאַנצע אָדער האַלבע גוים. אַנשטאָט צו קאָנען לערנען מוז ער זיין באַהאַוונט אין דער לאַנד שפּראַך; אַנשטאָט צו קאָנען פסק'ענען שאלות, זאָל ער האָבען אַ טאַלאַנט צום רעדען; אַנשטאָט צו זיין אַ ירא שמים, מוז ער באַזיצען פיינע מאַניערען און זיין העפליך צו די באַאַמטע און מיטגלידער פון זיין געמיינדע. אַזעלכע רבנים אָבער, זיינען על פי רוב „דוחק רגלי השכינה", זיי פאַרטרייבען די שכינה פון זייערע שוהלען און זי פאַרלאָזט די אידישע געמיינדע".

„לא תטה לך אשרה כל עץ אצל מזבח ה' אלקיך אשר תעשה לך" — זאָלסט דיר ניט פלאַנצען אַ געצענבוים פון קיין האָלץ לעבען דעם מזבח פון ג' דיין האַר, וואָס דו וועסט דיר מאַכען. אַז דו גייסט בויען אַ שוהל, אַ ישיבה אָדער תלמוד תורה, זוך ניט נאָכצומאַכען דיינע אַרומיגע שכנים. ברייננג ניט אַריין קיינע פרעמדע מנהגים אין דיינע הייליגטימער. מיט דעם פאַרלירסטו דיין אייגענ־אַרטיגקייט און ברעכסט די גאַנצקייט פון דיין פאָלק. „ולא תקים לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך" — און זאָלסט דיר ניט אויפשטעלען אַ זיילשטיין, וואָס ג' דיין האַר האָט פיינט. מאַך ניט פון דיינע שוהלען און טעמפּלען שטיינערנע מאָנומענ־טען, וועלכע רירען זיך ניט פון אָרט, שיינע וועגט אָבער אָהן אידישען איני־האַלט. שטיינער וואַקסען ניט און פּראָדוצירען ניט קיינע פרוכט. אידישע אַנשטאַלטען, וואָס זיינען אויסערליך שיין און אינווייניג פוסט, שאַפען ווייניג פאַר דאָס פאָלק. זיי זיינען בלויז מצבות, דענקמאָלען, וואָס מען שטעלט אַוועק אויף אַ בית־עלמין אַלס אַן אָנדיינק נאָך איינעם, וואָס איז שוין מער ניטאָ צווישען די לעבעדיגע.

אונזערע חז"ל באַמערקען אויף דעם פּסוק: „כל המעמיד דיין שאינו הגון כאלו נוטע אשרה בישראל" — די קהלה וואָס נעמט אויף אַ רב אָדער אַ דיין, וואָס איז ניט פּאַסיג פאַר דעם אמת, איז ווי זי וואָלט פאַרפלאַנצט אַ געצענבוים ביי אידען (סנהדרין ז' ע"ב). אַזאַ רב וועט זוכען איינצופירען רעפאָרמען אין זיין שוהל, פרעמדע מנהגים, וואָס זיינען געגען דעם גייסט פון דער אידישער תורה. ער וועט זיין קהלה אָפּרייסען פון דעם כלל ישראל און דערמיט אָפּשוואַכען די איינהייטליכקייט פון דאָס פאָלק. דער רמב"ם ווייל האָבען, אַז אַ קהלה, וואָס נעמט אויף אַ רב, וואָס איז ניט פּאַסיג איז „כאלו הקים מצבה", ווי זי וואָלט אויפגעשטעלט אַ מצבה (הלכות סנהדרין פ"ג). אונ־טער זיין פירערשאַפט וועט דער אידישער גייסט אָפּשטאַרבען און די שוהל וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ מצבה, אַ דענקמאָל נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם רוח ישראל. בלויז קדיש־זאָגער און יאָרצייט־האַלטערס וועלען זיין שוהל באַזוכען.

ביידע, אי די תורה, אי דאָס פאָלק ישראל, זאָגט דער מדרש, זיינען געגליכען צו אַ בוים, ווייל ביידע פון זיי האָבען דיזעלבע אייגענשאַפטען. אַ בוים ציט איר יניקה, איר לעבענס־קראַפט פון דער ערד, דורך אירע וואָרצ־לען און פון דער לופט דורך אירע צווייגען. ביידע אָבער מוזען זיין פאַראייניגט אין דעם בוים, רייסט מען אָפּ אירע צווייגען וועט זי מער ניט וואַקסען, האַקט מען אונטער די וואָרצלען וועט דאָס גאַנצע בוים אומפאַלען און אירע צווייגען וועלען אויסגעטריקענט ווערען. אַזוי איז אויך די אידישע תורה. אירע וואָרצלען זיינען איינגעפלאַנצט געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני, פון דאָרטען ציט זי איר הויפּט יניקה, איר הויפּט לעבענס־קראַפט. אירע צווייגען, די „תורה שבעל פה", די פאַרשיי־דענע דינים און מנהגים, וועלכע זיינען פון צייט צו צייט איינגעפירט געוואָרען, גיבען איר צו פיל קראַפט און פאַרגרעסערען איר אַנטוויקלונג. אַלע בייע געדאַנקען אָבער מוזען זיין אַ טייל פון דער תורה און ציען זייער חיונה פון באַרג סיני. דינים און מנהגים וואָס זיינען פרעמד צו די פאַרשריפטען פון דער תורה און שטאַמען ניט פון דעם הויפּט־געדאַנק, וואָס איז אויסגעשפּראָכען גע־וואָרען אויפ'ן באַרג סיני, זיינען צווייגען אָהן וואָרצלען און וועלען זיך לאַנג ניט האַלטען.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דאָס אידיש פאָלק, אויך ער איז ווי אַ בוים, וועמענס וואָרצלען מוזען ציען זייער יניקה פון זיין אייגען ערד, פון זיין ארץ־ישראל. זיינע צווייגען, די פאַרשיידענע אידישע געמיינדען איבער דער גאַנ־

צער וועלט, אום צו קאָנען לעבען און פּראָדוצירען, מוזען זיך האַלטען אָן דעם בוים און זיינע וואָרצלען. האַקט אַ געמיינדע אונטער די נאַציאָנאַלע וואָרצלען פון דעם אידישען בוים, און וויל ניט וויסען פון אָן ארץ־ישראל, ווערט זי אָן אויסגעטריקענט צוויג, וואָס וועט זיך ענדליך אָפּברעכען פון דעם כלל ישראל און אונטערגעהן. זיינען אָבער די צוויגען מיט די וואָרצלען פאַר־איינינגט, איז „מה התורה מתקיימת לעולם כך ישראל מתקיים לעולם" —ביידע, דאָס אידיש פאָלק אַזוי ווי זיין תורה וועלען לעבען אייביג.

הפטרה

די אידישע נחמה וועט זיין אַ טאָפּעלטע כתובה

אנכי אנכי הוא מנחמכם.

„משל למלך שכעס על מטרונא והוציאה מתוך פלטין שלו. לאחר ימים בקש להחזירה, אמרה יכפל כתובתי. כך אמר הקב"ה לישראל, בסיני אמרתי לכם פעם אחת אנכי ולעתיד לבא אומר לכם שתי פעמים אנכי" — דאָס איז געגליכען צו אַ קעניג, וואָס האָט געכעס'ט אויף זיין קעניגין און איר אַרויס־געשיקט פון זיין פּאַלאַץ. אין אַ צייט שפּעטער האָט ער איר געוואָלט צוריק־ברייינגען, האָט זי געזאָגט ער זאָל טאָפּלען מיין כתובה. אַזוי זאָגט ג' צו די אידען: אויפ'ן באַרג סיני האָב איך אייך געזאָגט איינמאָל „אנכי", אין דער צוקונפט אָבער, וועל איך אייך טרייסטען מיט צוויי מאָל „אנכי" (ילקוט שמעוני ח"ב רמ"ז תע"ד).

„די אידען, זאָגט דער מלבי"ם ז"ל, שרייען צו ג': עורי, עורי לבשי עז זרוע ה' — דערוועק דיך, דערוועק דיך, באַקלייד דיך מיט שטאַרקייט, דו אָרעם פון ג'; „עורי כימי קדם, דורות עולמים", דערוועק דיך ווי אין די טעג פון אַמאָל, אין די דורות פון פאַרצייטען. פון זייערע רייד קאָן מען חו"ש מיינען, אַז דער אויבערשטער האָט זיך געביטען, אַז ער איז שוין ניט דער־זעלבער וואָס אַמאָל. ער ענטפערט זיי אָבער: „אנכי אנכי" — איך בין נאָך אַלץ דערזעלבער וואָס געווען, „אני לא נשתניתי", איך האָב זיך ניט געענ־דערט. „מי את?" ווער אָבער ביזטו? איך דערקאָן דיך גאָרניט. „אינך עוד העם אשר היית בימי קדם", דו ביסט שוין מער ניט דאָס פאָלק וואָס דו ביזט

געוועז פאַרצייטן. ניטאָ מער דיין שטאָלץ פון אַמאָל. „ותיראי מאנוש ימות", דו שרעקסט זיך פאַר יעדען שטערבליכען מענשען. דיין בטחון אין ג' האָסטו פאַרגעסען, „ותפחד תמיד כל היום מפני חמת המציק" — און האָלסט זיך אין איין שרעקען די גאַנצע צייט פאַר דעם גרימצאָרן פון דעם דריקער".

„התעוררי, התעוררי", דערוועק זיך בעסער אַליין, „קומי ירושלים", שטיי אויף פון דיין לעטאַרגישען שלאָף, דו ירושלים. דיין אומבאַוואוסטזיניגקייט האָט געפירט צו דעם, „אשר שתית מיד ה' את כס חמתי, את קבעת כס התרעלה, שתית מצית" — וואָס דו האָסט געטרונקען פון ג'ס האַנט דעם בעכער פון זיין גרימצאָרן און אויסגעזויגען זיין גיפט ביז דעם ביטערען דעק. די הויפט־צרה פון דער אידישער אומה באַשטייט אין דעם, וואָס „אין מנהל לה מכל בנים ילדה" — ניטאָ ווער זאָל זי פירען פון אַלע זין, וואָס זי האָט געבוירען, „ואין מחזיק בידה מכל בנים גדלה" — און ניטאָ ווער זאָל האַלטען איר האַנט פון אַלע זין, וואָס זי האָט אויפגעצויגען.

„שתים הנה קוראתיך" — צוויי אומגליקען זיינען דיך באַפאַלען אין גלות: „מי יניד לך השד והשבר", ניטאָ ווער זאָל דיך באַדויערען אין אַ צייט פון פאַרוויסטונג און בראַנד. „והרעב והחרב מי אנחמך" — און אין אַ צייט פון הונגער און שווערד איז ניטאָ ווער זאָל דיך טרייסטען. דו גיסט אַוועק דיינע כוחות פאַר די לענדער וואו דו געפינסט זיך. דו ביזט גרייט צו פאַרקוקען דיינע אייגענע פאָלקס־נוצען פאַר די פון די פעלקער מיט וועלכע דו זוכסט זיך צו פאַראייניגען, אָבער ווער פון זיי קימערט זיך פאַר דיר אין שלעכטע צייטען? אין געגענטייל, דו ווערסט זאָגאַר באַשולדיגט, אַז דו האָסט עס געבראַכט צו דעם עקאָנאָמישען צוזאַמענברוך. דיינע באַנקירען פון איין זייט און דיינע ראַדי־קאַלען פון דער צווייטער זייט האָבען געפירט צו דעם, אַז דו ביזט דער ערשטער צו ליידען און דער לעצטער געהאָלפען צו ווערען.

אין אַ צייט פון „חרב", ווען דער שווערד באַהערשט די וועלט, אַז עס ברעכען אויס מלחמות צווישען די פעלקער, איז דער איד די ערשטע כפרה־הינדעל. מלחמות געוויינליך הויבען זיך אָן מיט פאַגראָמירען די אידען און קאָנפיסקירען זייער האָב־און־גוטס. זיינע קינהער שלאָגען זיך אויף אַלע שלאַכטפעלדער, זיין בלוט גיסט זיך איבעראַל טייכענווייז, און אַז עס קומט די צייט פון פאַרהאַנדלען וועגען אַ שלום, איז „מי אנחמך", ניטאָ ווער זאָל אים טרייסטען. אויף די שלום־קאָנפערענצען, וואָס ווערען פאַררופען פון די וועלט־

פירער, ווערט פאַרהאַנדעלט די לאַגע פון יעדען פאָלק, גרויס אָדער קליין, אָבער וועגען די אידען ווערט אַ וואָרט ניט דערמאָנט.

דער נביא טרייסט די אידען און זאָגט זיי ווערט ניט פאַרצווייפעלט, „אלקיך יריב עמו", דיין ג' וועט זיך קריגען פאַר זיין פאָלק. ער וועט דיר צוויי מאָל פאַרגיטיגען פאַר דיינע ליידען. ערשטענס, וועט ער פון דיר אוועק־נעמען דעם גיפטיגען בעכער און דו וועסט מער ניט זיין געדריקט אים צו טרינקען, און, צווייטענס, „ושמתיה ביד מוגיך", איך וועל אים איבערגעבען אין די הענט פון דיינע אונטערדריקער. זיי וועלען אים טרינקען ביז'ן ביטערען סוף, „אשר אמרו לנפשך שחי ונעבורה", ווייל זיי האָבען געזאָגט צו דיר, בייג זיך איין, מיר זאָלען קאָנען אַריבערגיין. זיי האָבען דיך געמאַכט פאַר זייער פוס־בענקעל און געטראָטען איבער דיר, אָבער דאָס וועט זיי טייער קאָסטען.

און דער מדרש באַמערקט איבער דעם: דאָס איז געגליכען צו אַ קעניג, וואָס האָט זיך צעקריגט מיט זיין קעניגין און איר פאַרטריבען פון זיין פּלאַץ. אַז ער וויל זי צוריקברענגען פאַרטאָפּעלט ער איר כתובה. ביים באַרג סיני האָט ג' אונז געזאָגט בלויז איינמאָל „אנכי", איך בין דיין ג', וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון מצרים און געמאַכט פאַר אַ פאָלק. נאָך דעם שרעקליכען גלות וועט ער אונז טרייסטען מיט צוויי מאָל „אנכי" — מיר וועלען זיך אַליין געפינען און מיר וועלען אויך צוריקקריגען דעם בטחון אין אונזער ג', אַ נאַציאָנאַלע און גייסטיגע באַפרייאונג.

ה.

די פרייהייט פון אמונה און דער יאָך פון מלכות

מקרב אחיך תשים עליך מלך.

„חשבתי שיהיו חורין מן המלכות — אבל הואיל וסופן לבקש להם מלך בשר ודם, מהן ימליכו עליהם ולא מלך נכרי" — איך האָב צוערשט געדענקט, אַז זיי זאָלען פריי זיין פון אַ קעניגליכען יאָך, אָבער וויבאַלד אַז צום סוף וועלען זיי דאָך פאַרלאַנגען אַ קעניג איבער זיך פון פלייש און בלוט, זאָלען זיי כאָטש אויפנעמען אַן אייגענעם און ניט קיין פרעמדען (ד"ר פ', ה').

די גרויסע אידייע פון „אחדות הבורא" איז קעגען יעדער פאָרמע פון

באַגרענצונג אָדער דרוק. דער גלויבען אין אַן איינציגען אַל־אומפאַסענדען כוח, וואָס באַהערשט און קאָנטראָלירט הימעל און ערד, „ואין עוד מלבדו", און אויסער אים איז ניטאָ קיינער, איז דער יסוד פון אמת'ער פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענשענקינדער. איינצוטיילען די וועלט אין פאַרשידענע לענדערייען מיט ענגע גרעניצען, וואָס שטערען דעם פרייען פאַרקער, איז אָפּשטויסענד צו זייער אמונה, וואָס פּראָקלאַמירט דעם „כי לי כל הארץ", אַז דער גאַנצער ערד־קוגעל באַלאַנגט צו דעם באַשעפער פון דער וועלט, און אין זיינע אויגען זיינען אַלע לענדער און פעלקער גלייך. איבערהויפּט קאָן ער ניט פאַרטראָגען די אומבאַרעכטיגטע איינטיילונג פון דער מענשהייט אין פאַרשיידענע קאַסטען פון שקלאַפען און פאַרשקלאַפער, פון אונטערטאַנען און הערשער, פון קנעכט און בעלי־בתים.

אַזוי לערנט אונז די ריינע אמונה: „אדם הראשון מכל העולם הוצבר עפרו, אדום, שחור, לבן, ירקרק" — דער שטאָף פון וועלכען ג' האָט באַשאַפען דעם ערשטען מענשען איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען פון אַלע טיילען פון דער וועלט און איז באַשטאַנען פון אַלע קאָלירען ערד: רויטע, שוואַרצע, ווייסע און געלע (סנהדרין ל"ח). מענשען פון אַלע ראַסען און קאָלירען שטאַמען אָפּ פון איין און דעמזעלבען מקור און זיינען דאַרום באַרעכטיגט צו לעבען וואו זיי ווילען און געניסען פון אַלץ וואָס די וועלט פּראָדוצירט. קיינער האָט ניט דאָס רעכט איינצופירען ענגע גרעניצען אָדער וועלכע ניט איז באַשריינקונגען, וואָס שטערען דעם פרייען פאַרקער אָדער דערלאָזען ניט דעם ברייטען אויסטויש פון די נאַטירליכע רייכטימער פון איין טייל וועלט מיט דעם צווייטען.

אין אונזערע תפלות באַצייכענען מיר אונזער אמונה מיט דעם נאָמען „מגן אברהם", דער פאַנצער פון אברהם, ווייל דאָס אידישע פאָלק פאַרהייליגט שטאַרק דעם אָנדענק פון זיין פאָטער און גרינדער אברהם אבינו, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו אָנערקענען דעם גרויסען אידעאַל פון „אחדות הבורא", וואָס האָט געדינט זיינע קינדער אַלס דער שטאַרקער פאַנצער, זיי צו פאַרהיטען פון אונטערגאַנג. „מוניטון של אברהם" דער עמבלעם, דער סימבאָלישער צייכען פון אברהם, זאָגט אונז דער מדרש, איז געווען „זקן וזקנה מכאן ובחור ובתולה מכאן" — אַן אַלט פּאָר פאָלק פון איין זייט און אַ יונג פּאָר פאָלק פון דער צווייטער זייט (ב"ר מ"ד). פאַר אים זיינען אַלע געווען גלייך. יונג און אַלט, שוואַך און שטאַרק, אַלע זיינען פון איין „מטבע", פון

דערזעלבער מינצע אַרויס, און זיינען באַרעכטיגט צו גענֿיסען פון דער וועלט און לעבען פריי און אומגעשטערט.

אונזער פאָטער אברהם טרוימט ניט פון מדינות און קעניגרייכען, פון איינטיילען די מענשהייט אין הערשער און באַהערשטע. ביי אים זיינען „סדום" און „עמורא" אַזוי ליב און טייער ווי „חברון" און „בית אל". אַז ער באַזיגט דעם מעכטיגען קעניג אמרפל מיט זיינע אַליאירטע, גיט ער צוריק זיין קאָזין לוט און דעם קעניג פון סדום זייערע מענשען און רייכטימער, וואָס אמרפל האָט פון זיי פאַרנומען. ער אַליין וויל ניט נהנה זיין פון זיג „מחוט ועד שרוך נעל" — פון אַ פאָדעם ביז אַ שוך־בענדעל. זיין הויפט־אידעאַל איז „הרימותי את ידי אל ה' קונה שמים וארץ" — איך הויב מיין האַנט צו ג', וואָס האָט באַשאַפען הימעל און ערד. אָט די ריינע אמונה פאַרהאַסט אונטערדריקונג און פאַראַכטעט גיטער און רייכטימער, וואָס ווערען דערגרייכט דורך כוח און דרוק.

חשבתי שיהיו חורין מן המלכות" — בשעת ג' האָט אונז געגעבען די תורה איז זיין מחשבה לכתחילה געווען, אַז זיינע אידען זאָלען פריי זיין פון אַ קעניגליכען יאָך. ביים באַרג סיני פראָקלאַמירט ער דאָס אידישע פאָלק פאַר זיין „סגולה מכל העמים", זיין באַזונדער אייגענס פון צווישען אַלע פעלקער. ניט אַ פאָלק פון מעכטיגע קעניגען און באַרימטע קריג־העלדען וויל ער מאַכען פון די אידען, נאָר אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליג פאָלק, ווי זייער פאָטער אברהם האָט געטרוימט. דערפאַר זעהען מיר טאַקע, אַז אין דער היינטיגער סדרה, וואו עס ווערט מערסטענס אַרומגערעדט די אַדמיניסטראַציע פון דעם אידישען געזעץ, ווערט צוערשט באַהאַנדעלט די ערנענונג פון „שופטים ושוטרים", ריכטער און פאַרוואַלטער און נאָכדעם ערשט אין דער צווייטער פרשה קומט די פראַגע פון אויפנעמען אַ קעניג.

די פילאָזאָפיע פון דער אידישער אמונה באַשטייט אין דעם „ושכנתי בתוכם", אַז די גאָטהייט וויל וואוינען צווישען די אידען, און דאָס קאָן נאָר געשעהען אויב די געזעצען פון דער תורה ווערען ריכטיג דורכגעפירט. אָט צוליב דעם מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג אין דעם אויסוואַל פון אידישע „שופטים ושוטרים". „כל דיין שאינו דן דין אמת לאמיתו גורם לשכינה שתסתלק מישראל" — יעדער דיין, וואָס פסק'ענט ניט ריכטיג אַ דין איז גורם, אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן פון די אידען (סנהדרין ז', ע"א). די אידישע תורה זוכט אַריינצוברענגען וואָס מער קלאָרקייט אין די רייען פון

פאָלק. אויב דער רב אָדער שופט פאַרקריפּעלט דעם דין, איז ער „דוחק רגלי השכינה", דריקט ער די פיס פון דער שכינה, זי געפינט קיין אָרט ניט פאַר זיך און פאַרלאָזט די אידישע געמיינדע.

„איך ווייס אָבער — זאָגט ג' — שסופכם לעזבני", אַז איר וועט ניט אויסהאַלטען דעם ריכטיגען טעסט פון מיין גרויסער אמונה, „ואמרת אשימה עלי מלך ככל הגוים אשר סביבותי" — און איר וועט פאַרלאַנגען אויפצונעמען אַ קעניג ווי אַלע אַנדערע פעלקער ארום איך. „כבר הזהרתי ע"י משה", דער־פאַר האָב איך שוין לאַנג קלאָר געמאַכט דורך משה'ן, אַז וויבאַלד זיי וועלען ענדליך דאָך וועלען אַ קעניג פון פלייש און בלוט, זאָלען זיי כאָטש אויפנעמען אַן אייגענעם און ניט קיין פרעמדען. אין דעם געיעג אויסצוברייטען אירע גרעניצען און באַפעסטיגען אירע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע יסודות קאָן נאָך אַמאָל פּאַסירען, אַז זיי זאָלען איינשטימען אויפצונעמען אַלס קעניג אַ גרויסען קריג־העלד, כאָטש ער וועט זיין פרעמד צו דעם אידישען גייסט, זאָגט אונז די תורה „מקרב אחיך תשים עליך מלך", פון צווישען דיינע אייגענע ברידער זאָלסטו זיך אויפנעמען אַ קעניג. אויב איר ווילט, אַז זיין מלוכה זאָל זיך האַלטען, מוז ער זיין „אשר יבחר אלקים בו" — איינער וואָס אויך ג' שטימט איין אים אויסצוווייילען.

ווי ווייט די אידישע אמונה איז קאַלט צו די דערגרייכונגען פון מאַכט און קריג־פירונג איז צו זעהן פון פאָלגענדען דערשטוינענדיגען פאַקט:

נאָכדעם ווי דוד המלך האָט באַזיגט די פלישתים און אַלע אַרומיגע פעל־קער און האָט עטאַבלירט אַ מעכטיגע אידישע מלוכה, האָט זיך אים געוואָלט בויען דעם בית המקדש. ער האָט צונויפגעזאַמעלט אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען פון זילבער, גאָלד, קופער און האָלץ. אָבער פּלוצלונג קומט צו אים דער נביא „גד" און זאָגט אים „לא תבנה הבית לשמי" — דו קאָנסט ניט בויען דאָס הויז פאַר מיר — „הרבה דמים שפכת" — צופיל בלוט האָסטו פאַרגאָסען. אַ הויז פון ג' קאָן ניט געבויט ווערען פון פאַרנומענע מאַטעריאַלען. „ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים" — מיין הויז איז באַשטימט צו זיין אַ געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער. גלויבען, אמונה, וויל ניט וויסען פון נאַציאָנאַלע גרעניצען. זי איז קעגען האָבען אונטערדריקטע און פאַריאָכטע פעלקער. דיין זון שלמה, וועלכער איז אַ „שר שלום", אַ פּרינץ פון פרידען, ער וועט בויען מיין הויז פאַר מיר (ד"ה, כ"ב).

הפטרה

דער קוואַל פון אידישען קיום

אנכי, אנכי הוא מנחמכם.

„חטאו בהוא, דכתיב, כחשו בה' ואמרו לא הוא (ירמיה ה'). לקו בהוא, דכתיב, ויהפך להם לאויב, הוא נלחם בם (ישעי' ס"ג). ומתנחמים בהוא דכתיב, אנכי, אנכי הוא מנחמכם" — זיי האָבען געזינדיגט מיט דעם, וואָס זיי האָבען גערעדט וועגען דעם אויבערשטען מיט דעם לשון „ער", ווי עס איז געשריבען: זיי האָבען געלייקענט אין ג' און האָבען געזאָגט „ניט ער". זיי זיינען געשלאָגען געוואָרען פון „אים", ווי דער נביא זאָגט: ג' איז פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין אַ פיינט צו זיי, „ער" קעמפט מיט זיי. און זייער נחמה וועט קומען פון „אים", ווי עס ווערט דאָ געזאָגט: איך וועל זיין „ער", וואָס וועט אייך טרייסטען.

די תורה דערציילט אונז, אַז איידער משה רבנו האָט אויף זיך גענומען די שווערע מיסיע צו באַפרייען די אידען פון זייער שרעקליכען גלות, האָט ער פאַרלאַנגט צו וויסען די ריכטיגע באַדייטונג פון ג—ט'ס נאָמען. ער קריגט דעם ענטפער: „אהיה אשר אהיה" — תמיד זיין, תמיד עקזיסטירען, „זה שמי וזה זכרי לדור דור" — דאָס איז מיין שטענדיגער נאָמען און מיין אָנדענק פאַר אַלע דורות. אויב די אידען וועלען דיך פרעגען: ווער האָט דיך גע־שיקט? זאָלסטו זיי ענטפערען: אהיה שלחני אליכם" — דער אימער־עקזיס־טירענדער כח האָט מיך געשיקט צו אייך. דער ג' וואָס האָט אויך אייך געגעבען די כחות צו קאָנען עקזיסטירען דורך דעם גאַנצען לאַנגען און שווערען גלות, געהט אייך איצט באַפרייען.

אַט דעם באַגריף פון „אהיה", פון אייביגען זיין, איז פאַרבליבען דער יסוד, דער גרונט־געדאַנק פון דער אידישער אמונה. דער וואָרט „הוא" אין באַצוג צו דער גאָטהייט איז אַ טייל פון דעמזעלבען באַגריף און קאָן ניט פאַר־שטאַנען ווערען אַלס אַן „ער", אַן אַבסטראַקטער און באַזונדער וועזען. „ישראל, אורייתא וקודשא בריך הוא חד", דאָס אידישע נאַציאָנאַליטעט, זיין תורה און גלויבען זיינען איינס און בילדען דעם „חוט המשולש", די דרייאיג געפלאָכטענע קייט, וואָס קאָן ניט איבערגעריסען ווערען. הויבען אָבער אידען אָן צו באַ־טראַכטען דעם „הוא" פון דער גאָטהייט אַלס אַן „ער", אַן אָפּגעזונדערטען כח, און טיילען־אָפּ דאָס פאָלק פון דער רעליגיע, דאַן פאַנגט זיך אָן די קייט

פֿאַנאַנדערצעפּלעכטען, אירע פּעדים ווערען אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערען און לאָזען זיך גרינג איבעררייסען.

אין דער היינטיגער הפטרה, וועלכע איז די פערטע פון די „שבע דנחמתא", די זיבען טרייסט הפטרות, וואָרענט דער נביא די אידען, אַז זיי זאָלען זיך ניט לאָזען פֿאַרפֿירען פון די פֿאַלשע נביאים און טרוימער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען וועלט־פרידען. די אידישע נחמה טאָר זיך ניט באַזירען אויף דעם „חסד לאומים", אויף דער ווייטלויפיגער האָפענונג, אַז גלייך נאָך דער שרעקליכער וועלט־מלחמה וועלען אַלע פעלקער אַרומגעכאַפּט ווערען מיט דעם גייסט פון דעמאָקראַטיע און געמיינזאַם זוכען צו שאַפען אַ בעסערע וועלט, וואו אַלע זאָלען זיין פריי. זייט ניט גענאַרט, שרייט אויס דער נביא, „אנכי, אנכי הוא מנחמכם" — די אידישע נחמה קאָן נאָר קומען פון דעם אַלטען קוואַל פון „אנכי", פון אידישער באַוואוסטזיניגקייט, און פון דעם „הוא", דעם אייביג־עקזיסטירענדען כח, וואָס האָט איר אויפגעהאַלטען ביז איצט.

„חטאו בהוא", יעדען מאָל, וואָס אידען האָבען געזינדיגט קעגען דיזען כח, מיט דעם וואָס „כחשו בה' ואמרו לא הוא" — זיי האָבען געלייקענט אין ג' און געזאָגט, אַז ניט ער איז דער יסוד פון דעם אידישען קיום, „לקו בהוא", זיינען זיי שטאַרק געשלאָגען געוואָרען פון אים. וואָס מער די אידען האָבען געזוכט זיך צו דערווייטערען פון זייער אַלטען מקור און צו אַסימילירען זיך מיט די פעלקער, וואָס האָבען זיי באַהערשט, „הוא נלחם בם" — אַלץ מער האָט ער, דער מיסטעריעזער כח פון אידישער אייביגקייט, זיי באַקעמפט און באַשטראַפט. די געשיכטע האָט שוין אומצייליגע מאָל באַוויזען, אַז די שרעקליכע שטראָמען פון אידענהאַס הויבען־אָן זייערע ווילדע פֿאַרפֿלייצונגען און פֿאַרניכטונגען דווקא מיט די אַסימילירטע טיילען פון די אידען אין זייערע מקומות.

„ומתנחמים בהוא" — די אידען וועלען ענדליך געטרייסט ווערען פון דעם אייביגען ג', וועלכער פֿאַרשפּרעכט דאָס אידיש פֿאָלק: „ואשים דברי בפיך", איך וועל אַריינלייגען מיינע ווערטער אין דיין מויל. דו וועסט מיט שטאָלץ פֿאָדערען דיינע רעכטען פון דער וועלט. „ובצל ידי כסיתיך" — מיט דעם שאָטען פון מיינע הענט וועל איך דיך פֿאַרדעקען; דו וועסט שוין ניט זיין אַזוי הפקר ווי געוועזן. „לנטע שמים וליסוד ארץ" — ווייל איך וועל דיך באַציען מיט אייגענע הימלען און באַגרינדען אויף אַן אייגען באָדען, „ולאמר לציון עמי אתה", און פּראָקלאַמירען פֿאַר ציון, דאָס לאַנד אָהן אַ פֿאָלק, אַז דו ביזט מיין פֿאָלק פֿאַר דעם לאַנד.

כי תצא

א.

דער אידישער אידעאַל פון שלום

ונתנו ה׳ אלקיך בידך.

„אם עשית כל האמור בענין, סוף שה׳ נותנו בידך" — אויב דו האָסט פריער געטאָן אַלץ, וואָס ווערט געזאָגט אין דער תורה וועגען דעם ענין, ווי אויסצומיידען אַ מלחמה קעגען אַ שונא, וועט דער סוף זיין, אַז ג׳ וועט אים איבערגעבען אין דיינע הענט (ספרי).

דער ניט־לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער דייוויד לאָיד דזשאָרדזש, געוועזענער פרעמיער פון ענגלאַנד דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה און איינער פון די גרעסטע אידענפריינט, איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ גרויסער חסיד פון דער ביבעל. ביי יעדער געלעגענהייט פלעגט ער ציטירען גאַנצע פסוקים פון תנ"ך און ציען פון זיי שלוסען איבער די געשעענישען פון דער היינטיגער צייט. אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען איניגע חדשים פאַר זיין טויט איבער דער פראַגע ווי צו פאַרזיכערען דעם שלום פון דער וועלט, האָט ער געהאַט פאָלגענדעס צו זאָגען:

„עס זיינען פאַראַן צוויי קעגענגעזעצטע מיינונגען ווי צו פאַרהיטען די וועלט פון בלוטיגע מלחמות — באַוואָפענונג" און „ענטוואָפענונג". די ערשטע איז דער אידעאַל פון „עשו" און „ישמעאל" און די צווייטע פון די אידישע נביאים. „עשו", לויט דער ביבעל, האָט תמיד געשטרעבט צו זיין „איש יודע ציד" — אַ מענש, וואָס פאַרשטייט ווי זיך צו באַנוצען מיט געווער, און „ישמעאל" האָט געגלויבט אין דעם „על חרבך תחיה", אויף דיין שווערד זאָלסטו לעבען.ביידע האָבען פאַרהייליגט ברוטאַלע מאַכט און זייערע יורשים, די קריסטען און מאַכמעדאַנער, האָבען פון זיי איבערגענומען דעם דאָזיגען גלויבען און זיי

האַלטען זיך מיט אים ביז היינטיגען טאָג. צו באַוואָפּענען זיך ביז'ן האַלז און אַנהאַלטען גרויסע אַרמייען און פלאָטען איז געווען און איז נאָך איצט די הויפּט אויפגאַבע פון יעדער מלוכה אין דער וועלט. אויך די דעמאָקראַטישע פעלקער, האַלטען זיך אין איין באַוואָפענען, מיט דעם אויסרייד, אַז דאָס וועט פאַרהיטען מלחמה. די גרויסע פאַרלוסטען אין מענשען לעבענס און אין פאַרמעגענס, וואָס אַזעלכע מלחמות וועלען ברייגגען די זיגער אַזוי גוט ווי די באַזיגטע, וועלען אָפּהאַלטען די פעלקער פון פאַרפירען אַ קריג איינס קעגען צווייטען.

„אַז די טעאָריע איז ווייט פון אמת, האָבען אונז געוויזען די לעצטע צווייִ בלוטיגע וועלט־מלחמות אין אַ משך פון בלויז עטליכע און צוואַנציג יאָר. ניט אַכטענדיג די שרעקליכע פאַרלוסטען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און מיט אַ קלאָרען וויסען, אַז די נייע מערדערליכע וואָפען וועלען ברייגגען נאָך גרעסערע פאַרלוסטען, האָבען זיך דאָך די אָפּשטאַמער פון עשו און ישמעאל ניט אָפּגעהאַלטען פון פאַרפירען אַ נייעם קריג, אַ פיל גרעסערען און בלוטיגערען ווי דער ערשטער. פון דעם איז צו זעהן, אַז „באַוואָפענונג" איז אַ קנאַפּע תרופה קעגען מלחמות. יעדער בגד, וואָס אַ מענש האַלט אין קלאָזעט, מאָנט „טראָג מיך", און יעדער הארמאַט אָדער קריגסשיף, וואָס אַ פאָלק באַזיצט, שרייט „נוץ מיך!"

„אָבער דער אידעאַל פון „אַנטוואָפענונג", וועלכער שטאַמט פון די אידישע נביאים, איז פיל ווירקזאַמער צו פאַרהיטען בלוטיגע מלחמות. „וכתתו חרבותם לאתים — ולא ילמדו עוד מלחמה" — צו שמידען שווערדען און גראָב־אייזענס און זיך מער ניט לערנען אַנצופירען מלחמות. ווי עס וועט געפּרעדיגט פון ישעי' הנביא, וועט זיכערען דעם פרידען פון דער וועלט, אַז מען וועט ניט האָבען מיט וואָס זיך צו שלאָגען, וועלען קיין מלחמות ניט פאָרקומען. איך וואָלט געראַטען דער וועלט אַנצונעמען דעם אידישען אידעאַל פון אַנט־וואָפענונג, כדי צו פאַרזיכערען אונזערע צוקונפטיגע דורות קעגען די שרעקען פון נייע בלוטיגע מלחמות".

אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען זיינען קעגען דעם אידישען אידעאַל פון שלום. אַנצופירען אַ מלחמה קעגען אַ פרעמד פאָלק בלויז צוליב אייגענוצען, צוליב דעם ווייל די רעגירונג פילט זיך שטאַרק גענוג אויסצושפּרייטען איר מאַכט איבער אַנדערע לענדער, איז אידען פאַרבאָטען. „כי תצא למלחמה על אויביך", אויב דו ביזט שוין יאָ געצוואונגען אַרויסצוגיין אין שלאַכט קעגען דיינע

פיינט, איבערצייג זיך פריער „שהוא אויבך", אַז ער איז דיינער אַ ביטערער שונא און זוכט דיך צו פאַרניכטען אָדער אונטערדריקען, זאָלסטו אים גלייך ניט באַפאַלען. „כי תקרב אל עיר להלחם עליה, וקראת אליה לשלום" — אַז דו וועסט זיך דערנענטערען צו אַ שטאָט קעגען איר מלחמה צו האַלטען, זאָלסטו איר צוערשט אָנבאָטען פרידען. „אם לא תשלים עמך ועשתה עמך מלחמה, וצרת עליה" — בלויז אויב זי אַנטזאָגט זיך צו שליסען פרידען מיט דיר און איז באַשלאָסען צו קעמפען קעגען דיר, דאַן ערשט מעגסטו זי באַלאַגערען און באַקעמפען.

„כי תצא למלחמה על אויביך — במלחמת הרשות הכתוב מדבר" — דער פסוק רעדט דאָ וועגען אַ מלחמה, וואָס ווערט פאַרפירט פון איין מלוכה קעגען אַ צווייטער צוליב עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע צוועקען (ספרי). צווייערליי מלחמות מעגען אָנגעפירט ווערען פון אידען. איינע איז אַ „מלחמת מגן", אַ פאַר־טיידיגונגס קאַמף, אַז אַ שונא באַפאַלט דאָס לאַנד און וויל עס פאַרכאַפּען אָדער אונטערדריקען. אַזאַ מלחמה הייסט אויך „מלחמת מצוה" — אַ היילינגער קאַמף, און די מלוכה האָט אַ רעכט צו קאָנסקריפּטען און צווינגען יעדען איינעם צו גיין אין שלאַכט אַריין. „במלחמת מצוה הכל יוצאין, אפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה" — אין אַ פאַרטיידיגונגס־קאַמף מוזען אַלע גיין אפילו אַ חתן פון זיין צימער און אַ כלה פון אונטער איר חופה (סוטה מ"ד ע"א). אַז דאָס לאַנד שטייט אין סכנה און דער גורל פון פאָלק הענגט אין דער לופטען, איז קיינער ניט פריי, יעדערער איז מחויב בייצושטייערען זיינע כוחות פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער אומה.

אָבער דאַגעגען, ביי אַ „מלחמת רשות", אין אַ קאַמף, וואָס ווערט פאַרפירט פון דער רעגירונג מיט דעם צוועק צו פאַרשטאַרקען איר עקאָנאָמישען אָדער פּאָליטישען מצב — צו אַזאַ מלחמה מוז מען האָבען די צושטימונג פון אַלע פאַרשטייער פון פאָלק. „אין מוציאין למלחמת הרשות אלא על פי בית דין של שבעים ואחד" — מען שיקט קיינעם ניט אַרויס אויף אַ אָנגרייפונגס־קאַמף, סיידען מען האָט די צושטימונג פון די איין־און־זיבעציג סנהדרין, וועלכע זיינען די פאַרשטייער פון דעם גאַנצען פאָלק (סנהדרין כ' ע"ב). דער קעניג אָדער די רעגירונג האָבען ניט קיין רעכט אַרויפצוצווינגען אַ מלחמה אויף זייערע אונטערטאַנען קעגען אַ שונא, וואָס גרייפט ניט אָן, בלויז ווייל זיי דאַכט זיך, אַז אַ זיג וועט ברייננען עקאָנאָמישע פּראָפיטען צו דער אינדוסטריע פון לאַנד

און וועט אויך העלפען צו פאַרפעסטיגען זיין פּאָליטישען פּרעסטיזש און אויבערהערשאַפט.

אַזאַ מלחמה האָט נאָר געקאָנט אָנגעפירט ווערען פון וואָלונטירען. ניט די מלוכה און ניט די סנהדרין האָבען דאָס רעכט צו קאָנסקריפּטען די חיילות און זיי צווינגען צו גיין אין שלאַכט קעגען זייער ווילען. אין געגענטייל, איידער די מאָביליזאַציע פון די אַרמייען קומט פאָר, זאָלען די כהנים אויסרופען: „מי אשר בנה בית חדש — אשר נטע כרם — אשר ארש אשה — הירא ורך הלבב — ילך וישוב לביתו" — ווער עס האָט געבויט אַ ניי הויז, פאַרפלאַנצט אַ וויינגאָרטען, פאַר'קנס'ט אַ פרוי, אָדער ער שרעקט זיך, זאָל ער צוריקקערען צו זיין הויז. אַזעלכע מענשען זיינען ניט עלול צו גיין מוטיג אין קריג אַריין און זיינען אַ געפאַר פאַר דער אַרמיי.

„כי תצא למלחמה" — אַז דו וועסט אַרויס אין אַ קריג, וואָס דיין אייגענע מלוכה וועט אַרויסרופען, זאָלסטו פריער זעהן „אם עשית כל האמור בענין" — אויב דו האָסט געטאָן אַלץ, וואָס די תורה זאָגט דיר אָן איבער אַזאַ אָנגעלעגענהייט. ווייל אַזאַ קריג איז נאָר דאַן דערלויבט, אויב עס שטימט מיט די אידעאַלען פון דער תורה. אויב די אורזאַכען זיינען אַזעלכע, וואָס וועלען ברייננגען נוצען ניט נאָר דיין אייגען פאָלק, נאָר אויך דער גאַנצער מענשהייט, אפילו דעם פאָלק, קעגען וועמען דו גייסט זיך שלאָגען, דאַן און נאָר דאַן איז דאָ אַ באַרעכטיגונג פאַר דער בלוט־פאַרגיסונג. „כל זמן שישראל מסתכלין למעלה הם מתגברים ואם לאו נופלים" — כל זמן די אידען קוקען אַרויף צום הימעל, וועלען זיי זיין שטאַרק; אויב ניט, וועלען זיי פאַלען (ר"ה כ"ט ע"א); אויב זיי צילען צו עטוואָס העכער ווי אויסצובעסערען זייער אייגענעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען מצב; אויב די מלחמה האָט אויך אַ אידעאַלען געדאַנק, וואָס שטימט מיט די פּרינציפּען פון זייער גייסט און קולטור „סוף שה' נותנו בידך" — וועט דער סוף זיין, אז דער אויבערשטער וועט דעם שונא איבערגעבען אין אייערע הענט.

הפטרה

די צייט פון דער גאולה וועט זיכער קומען

כי מי נח זאת לי.

„זה מה שאמר הכתוב: לכל זמן ועת לכל חפץ. זמן היה לנח ליכנס לתבה וזמן היה לו שיצא הימנו" — דאָס איז ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: פאַר אַלץ איז דאָ אַ טערמין און אַ צייט פאַר אַלע זאַכען. אַ באַשטימטער טערמין איז געווען פאַר נח'ן אריינצוגיין אין דער תבה און אַ באַשטימטע צייט ווען ער זאָל אַרויס פון איר (ב"ר ל"ד).

די הפטרה פון היינטיגער סדרה, וועלכע איז איינע פון די זיבען טרייסט־הפטרות, איז אויך די הפטרה פון סדרה „נח", ווייל פיל פון די בעלי אגדה אין דער גמרא און מדרש זעהען אין דער געשיכטע פון נח מיט דעם מבול אַ פאַרשטעלונג פון דעם אידישען לעבען אין גלות. דער מבול ווערט פון זיי באַשריבען אַלס אַ גרויסע וועלט קאַטאַסטראָפע, וואָס די מענשען פון דעם דור האָבען אויף זיך אַליין געבראַכט. נח ווערט געשילדערט אַלס דאָס אידישע פאָלק און די תבה אַלס די אידישע היים, אין וועלכער ער ראַטעוועט זיך מיט זיינע קינדער. מיר וועלען פרובירען אַרויסנעמען פון די פיל אגדות און מדרשים די נויטיגע שטריכען פאַר דעם בילד, וואָס נח און דער מבול שטעלען פאַר, לויט זייערע געדאַנקען און מיינונגען, אָנצייגענדיג אויף וויפיל מעגליך די מקורים, פון וואַנען מיר האָבען די שטריכען גענומען.

אַלע מענשען, וואָס האָבען געלעבט אויף דער וועלט פאַר דעם מבול, האָבען זיך געפונען אין אַ וואונדערבאַרער לאַגע. די רייכע נאַטור האָט זיי באַזאָרגט מיט אַלע גוטסקייטען און עס האָט זיי קיין זאַך ניט געפעלט. זייערע פעלדער זיינען געווען באַלאָדען מיט תבואה, די גערטנער — מיט פרוכט און די וועלדער — מיט פיל שאָף און רינדער. דאָס צופיל גוטס אָבער, וואָס ג' האָט זיי געגעבען, האָט זיי אַראָפּגעפירט פון גלייכען וועג. זיי האָבען זיך גענומען יאָגען נאָך אַלערליי תאוות און קערפּערליכע פאַרגעניגענס, האָבען ניט געאַכטעט איינער דעם צווייטען און האָבען זיך גרויס געהאַלטען אויך קעגען ג' (סנהדרין ק"ח).

קנאה און שנאה האָבען געהערשט אין דער גאַנצער וועלט. אויב דער

שטאַרקער האָט באַמערקט, אַז דער שוואַכערער פאַר אים האָט אַ שיין הויז, אַ שיינע קוה אָדער אַ שיין ווייב, האָט ער עס אַוועקגערויבט פון אים. גנבה און גזלה האָבען זיך שטאַרק פאַרשפרייט צווישען אַלע קלאַסען מענשען. זייער מאָראַל איז געפאַלען צו דער נידעריגסטער שטופע און האָט אונטערגעגראָבען אַלע יסודות פון דער מענשליכער געזעלשאַפט (סנהדרין נ״ז, מ״ר ל״א).

כדי צו שיצען זיך מיט זיינע קינדער פון דער דראָענדער געפאַר, האָט ער פאַר זיך געבויט אַ „תבה״ — א באַזונדער היים, וואו ער מיט זיין פאַמיליע האָבען געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער איבעריגער באַפעלקערונג און זיך אויפגעפירט לויט די טראַדיציעס פון זייערע גרויסע עלטערען. זיין תבה האָט ער געבויט פון מאַטעריאַלען, וואָס ג׳ האָט אים אָנגעוויזען, און האָט צו איר ניט צוגעלאָזט קיין „דבר עבירה״, קיין זינדיגע זאַך (סנהדרין ק״ט).

ווען די מענשען האָבען געזעהן, אַז ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון זיי, לאָזט ניט זיינע קינדער נעמען פרעמדע פרויען און גיין אין דיזעלבע דרכים ווי די איבעריגע שכנים, האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף אים און געזוכט צו פאַרברענגען זיין „תבה״ און צעשטערען זיין הויז. ער האָט זיך אָבער געווערט קעגען זיי און מיט דער הילף פון זיין ג׳ איז אים געלונגען אויפצוהאַלטען זיין היים און זיין ריינעם פאַמיליענלעבען (מדרש שוחר טוב).

ענדליך איז די קאַטאַסטראָפע געקומען. עס האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער מבול, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט „את כל היקום״, די גאַנצע באַפעל־קערונג פון דער וועלט, און האָט אָנגעהאַלטען אַ גאַנץ לאַנגע צייט. שטעט זיינען אינגאַנצען חרוב געוואָרען, הייזער, פעלדער און וועלדער זיינען אָפּגעמעקט געוואָרען פון דער ערד, מענשען און חיות זיינען אָפּגעשטאָרבען, די מיה און אַרבייט פון לאַנגע דורות זיינען אַוועק מיט׳ן שטראָם, די ברויזענדע כוואַליעס האָבען אַלץ פאַרניכטעט אין זייער וועג; נח מיט זיין פאַמיליע האָבען געמוזט עוקר זיין פון דעם פלאַץ, וואו זיי האָבען געוואוינט, און געטראָגען פון די רוישענדע וואַסערען איז ער און זיין „תבה״ אַרומגעשוואומען איבער אַלע ימים פון דער וועלט; די „תבה״ האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען צו זיין שטאַרק גענוג ווידערצושטיין די גרויזאַמע ווינטען און כוואַליעס פון דעם שרעקליכען מבול און נח מיט זיינע קינדער זיינען גערעטעוועט געוואָרען.

נאָך אַ לאַנגער צייט פון טויט און פאַרניכטונג האָט ענדליך דער מבול אָפּגעלאָזט. „וישכו המים״ — די שלעכטע וואַסערען זיינען שטילער געוואָרען

און די וועלט האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. נח שיקט אַרויס אַ טייבעלע צו זעהן: „הקלו המים״, זיינען די וואַסערען גרינגער געוואָרען אויך פאַר אים און פאַר זיינע קינדער, אָבער די טייבעלע ברייגנגט אים די טרויעריגע בשורה: „לא מצאה מנוח לכף רגלה״ — זי האָט ניט געפונען קיין רוה־פּלאַץ פאַר אירע פיס. פאַר אַלע מענשען אין דער וועלט איז שוין דער מבול פאַראיבער, אָבער ניט פאַר נח׳ן. ער מוז נאָך זיין אויסגעשלאָסען און אָפּגעטיילט פון די איבעריגע מענשען...

אָט אַזוי זעהען אונזערע חכמים אין די שילדערונגען פון נח און דעם מבול, אַ בילד פון דעם אידישען לעבען אין גלות, וועלכער האַלט נאָך אַן ביז היינטיגער צייט. דער נביא פון דער הפטרה אָבער טרייסט דאָס פאָלק און הייסט אים ניט פאַרלירען זיין מוט. „כי מי נח זאת לי״ — די איצטיגע לאַגע פון דער וועלט איז ביי מיר גלייך ווי די וואַסערען אין די צייטען פון נח, זאָגט ג׳. די אידישע צייט וועט געוויס קומען. געוועזען אַ צייט, ווען נח האָט זיך געדאַרפט באַהאַלטען אין זיין „תבה״, און אַ צייט, ווען ער האָט געקאָנט אַרויסגיין אויף דער פרייער וועלט. „ההרים ימושו והגבעות תמוטנה וחסדי מאתך לא ימוש״ — די הויכע און מעכטיגע וועלען פאַלען און מיין גנאָד וועט פון דיר ניט אַוועק־גענומען ווערען.

ב.

די דינים פון דער תורה ווערען ניט גענומען בוכשטעבליך

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה.

„בן סורר ומורה לא היה ולא עתיד להיות, למה נכתב? דרוש וקבל שכר. עיר הנדחת לא היתה ולא עתידה להיות, ולמה נכתבה? דרוש וקבל שכר״. — דער משפט פון אַ בן סורר ומורה אָדער פון אַן עיר הנדחת איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען און וועט קיינמאָל ניט פאָרקומען. וואָרום דען זיינען די דינים געשריבען געוואָרען? בלויז כדי זיי צו לערנען און קריגען שכר דערפאַר (סנהדרין ע״א ע״א).

פון אויבענאויף ווייזען אויס ביידע דינים צו זיין אומדערבאַרעמליך

שטריינג אין פאַרגלייך מיט די מילדע און מענשען־פריינטליכע געזעצען פון דער תורה. דער דין פון אַ „בן סורר ומורה" זאָגט: „אויב איינער וועט האָבען אַ זון, וועלכער איז צעלאָזען און פאַרשייט, זאָלען אים זיינע עלטערען בריינגען פאַר די שופטים פון שטאָט און אים פאַרקלאָגען, אַז ער פאָלגט זיי ניט און איז אַ „זולל וסובא", און די שטאָט־מענשען זאָלען אים פאַרוואַרפען מיט שטיינער ביז צום טויט".

אַזאַ שטרייגנער געזעץ שטימט ניט מיט דעם כאַראַקטער פון דער תורה, וואָס איז באַזירט אויף צדק און יושר. און רבי שמעון פרעגט טאַקע: „וכי מפני שאכל זה תרטימר בשר ושתה חצי לוג יין אביו ואמו מוציאין אותו לסקלו?" — צוליב דעם וואָס דאָס קינד האָט געגעסען אַן איבעריג פונט פלייש און געטרונקען נאָך אַ האַלבע קוואַרט וויין האָבען שוין זיין טאַטע־מאַמע דאָס רעכט אים אַרויסצופירען פאַרשטיינט צו ווערען? (סנהדרין ע', ע"א).

דאָסזעלבע איז אויך מיט'ן דין פון „עיר הנדחת", וועלכער זאָגט אונז: „אויב אַ שטאָט וועט פאַרפירט ווערען און זיך לאָזען איבעררעדען צו דינען פרעמדע געטער, זאָלען אַלע אירע איינוואוינער אויסגעשלאָכט ווערען און זייער גאַנצען פאַרמעגען זאָל מען איינזאַמלען אין מיטען שטאָט און פאַרברענען עפענטליך. אויך די שטאָט אַליין זאָל מען חרוב מאַכען און זי זאָל קיינמאָל ניט צוריקגעבויט ווערען". אונזערע חכמי התלמוד וואונדערען זיך אויף דער גרויזאַמקייט פון דעם געזעץ, וועלכער שטימט ניט מיט דעם גרונד־געדאַנק פון דער אידישער אמונה, וואָס לערנט אונז צו זיין געדולדיג און ליבעראַל (סנהדרין קי"ג).

די דינים פון דער תורה ווערען אָבער פון אונזערע גרויסע לערער ניט אַנגענומען בוכשטעבליך. אונזער אמונה האָט ניט קיין טרוקענע דאָגמען און אירע געזעצען שטאַמען ניט פון קאַפּריזען. זי האָט אונז געגעבען אַ „תורת חיים", אַ תורה וואָס וויל, אַז מיר זאָלען לעבען בלייבען און לערנט אונז ווי צו לעבען. אירע ווערטער האָבען אַ טיפערען מיין ווי דער אויבערפלעכליכער פשט ווייזט. „בשעה שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה כותר כתרים לאותיות" — ווען משה איז, נאָך קבלת התורה, אַרויף אויפ'ן הימעל, האָט ער געפונען גב"ה ווי ער האַלט אין אָנטאָן קרוינען אויף די אותיות פון דער תורה (שבת פ"ט). זיינע חוקים און משפטים באַשטייען ניט פון טויטע אותיות און קאָנען ניט אויסגעטייטשט ווערען בוכשטעבליך. יעדעס אות טראָגט אויף

זיך אַ באַזונדער קרוין פון אַ טיפער כונה און מוז דאַרום געגוי שטודירט ווערן. דאָן ערשט געפינט מען דעם ריכטיגען זין פון די געזעצען, וועלכע קומען אַלע פון דעם „מקור חיים", דעם געטליכען קוואַל פון אייביג לעבען.

די פסוקים, וועלכע באַהאַנדלען די דינים פון „בן סורר ומורה" און פון „עיר הנדחת", ווערען פון אונזערע חז"ל גרינדליך אַנאַליזירט און פון יעדען וואָרט אָדער אות לערנען זיי אַרויס אַזויפיל באַגרעניצונגען און אויס־נאַמען, וועלכע מאַכען פאַקטיש אוממעגליך, אַז אַזעלכע משפטים זאָלעןווירקליך אַמאָל קאָנען פאַרקומען.

פון דעם וואָרט „בן" ווערט פאַרשטאַנען — „בן ולא קטן, בן ולא גדול" — ניט ווען ער איז צו־קליין אָדער צו־גרויס, בלויז אין דער צווישענצייט פון אַ קטן ביז אַ גדול, וואָס געדויערט מער נישט ווי דריי חדשים. פון די ווערטער „אביו ואמו" לערנען זיי אַרויס, אַזביידע עלטערען מוזען זיין לעבעדיג. אויב איינער פון זיי איז ביני לביני געשטאָרבען קאָן ער נישט גע׳משפט ווערען. פון די ווערטער „ותפשו בו", ביידע זאָלען אים אָננעמען, איז געדרונגען, אַז אויב איינער פון זיי איז אַ בעל־מום, אָהן אַ האַנט, קאָן ער ווייטער ניט גע׳משפט ווערען. דאָסזעלבע איז אויך אויב איינער פון זיי איז הינקעדיג אויף אַ פוס, ווייל עס ווערט געזאָגט „והוציאו אותו", ביידע זאָלען אים אַרויספירען. אי דער טאַטע אי די מאַמע מוזען קענען גוט רעדען און הערען. אויב איינער פון זיי איז שטום אָדער טויב קאָן דער משפט ניט פאַרקומען, ווייל עס ווערט געזאָגט „איננו שומע בקולנו" — ער הערט ניט אין אונזער שטים. ווייל עס ווערט געזאָגט בקולנו אין אַ לשון יחיד. דרש׳נט רבי יהודה: „אם לא היתה אמו שוה לאביו בקול ובמראה ובקומה אינו מעשה בן סורר ומורה" — אויב די מוטער איז ניט ענליך צום פאָטער אין שטים, אין אויסזעהן און אין וואוקס, קאָן זייער קינד ניט גע׳משפט ווערען אַלס בן סורר ומורה (סנהדרין ע"א).

אָט די אַלע באַשריינקונגען זיינען בטבע אויסגעשלאָסען און דערלאָזען ניט, אַז אַזאַ משפט זאָל ווען עס איז קאָנען פאַרקומען. וואָס איז אָבער דער הויפט געדאַנק? וואָרום איז דער דין אַזוי געשריבען געוואָרען? און דער ענטפער איז: „דרוש וקבל שכר" — לערן אים און קריג דיין געצאָלט. יעדעס וואָרט פון דעם דין וועט דיך לערנען ווי צו דערציען דיין קינד, אַז ער זאָל חו"ש ניט אויסוואַקסען אַ „בן סורר ומורה".

עלטערען מוזען שטימען אין דער דערציהונג פון זייערע קינדער. זיי מוזען

זיך אויסגלייכען אין דער הנהגה פון הויז „בקול", אויב זיי רעדען ניט צום קינד אין דער זעלבער שטים, און וואָס דער טאַטע הייסט זאָגט די מאַמע פאַרקערט; „במראה" — אויב זיי זעהן ניט אויג־צו־אויג אין דער מאָדעלירונג פון זייער קינד'ס כאַראַקטער; „בקומה" — אויב זיי שטימען ניט אין דער אָפּשאַצונג פון די גייסטיגע ווערטען אין דער דערציהונג, וועט זייער קינד מיט דער צייט זיי ביידען ניט פאָלגען און וועט אויסוואַקסען צעלאָזען און פאַרשייט.

אויך פון די פסוקים, וואָס רעדען פון אַן „עיר הנדחת" לערנען אונזערע חכמים אַרויס פיל באַגרעניצונגען און אויסנאַמען, וואָס באַשריינקען, אז אַזאַ משפט זאָל זעלטען ווען פאַרקומען. פון די ווערטער „אנשי בליעל מקרבך" — זינדיגע מענשען פון דיר אַרויס, דרינגען זיי, אַז די פאַרפירער מוזען זיין פון דער זעלבער שטאָט און פון זעלבען שבט. אויב זיי ווערען פאַרפירט פון פרעמדע, קאָנען זיי ניט גע'משפט ווערען. „ודרשת וחקרת היטב" — דו זאָלסט גוט אויספאָרשען און נאָכזוכען, פון דעם ווערט פאַרשטאַנען, אַז צוויי כשר'ע עדות מוזען אויפווייזען אויף יעדען איינעם באַזונדער און באַשטעטיגען זיין חטא. פון די ווערטער, אַז זייער פאַרמעגען זאָל פאַרברענט ווערען „כליל לה'", אינגאַנצען צו ג', לערנט ר' אלעזר אַרויס: „כל עיר שיש בה אפילו מזוזה אחת אינה נעשית עיר הנדחת" — אַ שטאָט, וואָס האָט אפילו איין מזוזה, קאָן ניט גע'משפט ווערען אַלס אַן עיר הנדחת, ווייל אַ מזוזה טאָר ניט פאַרברענט ווערען (סנהדרין קי"ג).

און דער שכר, וואָס מיר באַקומען פאַר געגוי שטודירען אָט דעם געזעץ, באַשטייט אין דעם קיום פון אונזער פאָלק: אויב אין אַ שטאָט געפינט זיך בלויז איין הויז מיט אַ מזוזה און זיינע איינוואוינער האַלטען־אָן דעם אייגענאַרטיג אידיש לעבען, ווערט די שטאָט אַריינגערעכענט אין אונזער פאָלקס־אינווענטאַר. די איבעריגע איינוואוינער ווערען בלויז „אברים מדולדלים", אָפּגעשטאַנענע גלידער פון איינצעלנע אידען, און די אידישע געשיכטע רעכענט זיך ניט מיט יחידים, ווי גרויס זייער צאָל זאָל ניט זיין...

ה פ ט ר ה

די וואָס זיינען פאַרליבט אין גלות

רני עקרה לא ילדה.

„אמר לה ההוא צדוקי לברוריא, כתיב רני עקרה לא ילדה, משום דלא ילדה רני? אמרה לו, שטיא, שפיל לסיפא דקרא: „כי רבים בני שוממה מבני בעולה". אלא, רני כנסת ישראל שלא ילדה בנים לגיהנום" — אַ געוויסער אַפיקורס האָט געפרעגט ביי ברוריא „די פרוי פון רבי מאיר, וועלכע איז געווען באַרימט פאַר אַ גרויסע למדנית, עס איז געשריבען: די קינדערלאָזע זאָל זינגען, די וואָס האָט ניט געבוירען. צוליב דעם וואָס זי האָט ניט געבוירען דאַרף זי זינגען? האָט זי אים געענטפערט: נאַר, וואָס דו ביזט! באַמערקט דעם סוף פון פסוק, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז פיל מער זיינען די קינדער פון דער פאַרוויסטער ווי פון דער באַזיצטער. וואָס דער נביא אָבער מיינט צו זאָגען איז, אַז די כנסת ישראל מעג זיך פרייען ווייל זי האָט ניט געבוירען קיינע קינדער פאַר דעם גיהנום ווי איר (ברכות י׳, ע״א).

אַלע טרייסט־הפטרות, וואָס מיר לייענען אין די זיבען וואָכען נאָך תשעה באב, זיינען פאָראויסגעזאָגט געוואָרען פון דעם גרויסען נביא ישעיה. זיינע רייד טראָגען דעם כאַראַקטער פון פאָזיטיווע בשורות, ווייל ער האָט זיי געהערט פון ג׳ אַליין. מיט דעם צייכענט זיך אויס דער נביא ישעיה מער פון אַלע אַנדערע נביאים. זיינע פּראָפעצייהונגען איבער דעם „אחרית הימים", די צוקונפט פון אידישען פאָלק, זיינען אים אָנפאַרטרויט געוואָרען דירעקט פון דעם אויבער־שטען, ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין מדרש:

נאָך אין זיין יוגענט הערט ישעיה די שטים פון ג׳, וועלכע רופט: „את מי אשלח ומי ילך לי" — וועמען זאָל איך שיקען און ווער וועט פאַר מיר גיין וואָרענען די אידען, אַז מיט זייער זוכען נאָכצוקרימען די אַרומיגע פעלקער און איינפירען זייערע געצענדינערישע מנהגים אין בית המקדש וועלען זיי ברייגנען אומגליק אויף זייער פאָלק? און אַז ישעיה שרייט אויס „הנני שלחני", איך בין גרייט, שיק מיך, זאָגט צו אים ג׳: זיי ווייסען, אַז „בני טרחנין וסרבנין הם" — מיינע קינדער זיינען באַלעסטיגענד און אומגעהאָרכזאַם. עס איז שווער מיט זיי דורכצוקומען. זיי הערען זיך ווייניג צו צו זייערע וועגווייזער און לערער פאַר

דעם שמייכעל פון אַ גוי אָדער רייכען יהודי זיינען זיי גרייט צו באַליידיגען און נאָך רודף זיין זייערע נביאים און רבנים. „אם אתה מקבל עליך להתבזה וללקות מהם אתה הולך בשליחותי״ — אויב דו ביזט צופרידען זיך צו לאָזען פאַרשעמט און געשלאָגען צו ווערען פון זיי, קאָנסטו גיין אין מיין שליחות.

ישעיה אָבער ענטפערט מיט אַנטשלאָסענקייט: „את גוי נתתי למכים ולחיי למורטים״ — מיין קערפּער גיב איך איבער צו די שלעגער און מיינע באַקען צו די פליקער. וואָס מיט מיר זאָל ניט פּאַסירען, וויפיל זיי וועלען מיך פאַרפאָלגען, בין איך גרייט מקבל באהבה צו זיין, אַבי זיי צו פאַרהיטען פון חורבן און אונטערגאַנג. אַט פאַר דעם מסירות נפש באַקומט ער דעם פאָלגענדען פאַרשפּרעכען פון ג׳: „כל הנביאים קבלו נביאות מן נביא, אבל אתה מפי״ — אַלע אַנדערע נביאים האָבען איבערגענומען זייער נבואה איינער פון דעם צווייטען, דו אָבער וועסט עס קריגען פון מיר דירעקט. נאָך מער, דו וועסט זיך אויסצייכענען איבער אַלע אַנדערע נביאים מיט דעם, וואָס „כל הנביאים מתנבאים נביאות פשוטות ואתה נחמות כפולות״ — אַלע נביאים פּראָפעצייען איבער אַלגעמיינע אינטערעסען, דו אָבער וועסט פאַראויסזאָגען דאָפּעלטע נחמות פאַר מיין פאָלק (ויק״ר פ׳, י׳).

אַלע זיינע נחמות ווערען דאַרום פון אים אַרויסגערעדט אין אַ דאָפּעלטער שפּראַך, ווי „נחמו נחמו עמי״, „אנכי אנכי מנחמכם״, ווייל ער וויל דערמיט באַטאָנען, אַז זיי קומען דירעקט פון ג׳ און נאָר זיי וועלען ברייננגען די אמת׳ע ישועה פאַר וועלכע דאָס אידיש פאָלק האָט דורות לאַנג געוואַרט און תפילה געטאָן. אויך די היינטיגע הפטרה פאַנגט זיך אָן מיט אַ דאָפּעלטען אויסדרוק פון נחמה: „רני עקרה, לא ילדה״ — זינג דו קינדערלאָזע און די וואָס האָט ניט געבוירען, ווייל ער וויל באַטאָנען אַ היסטאָרישען פאַקט פון גרויס וויכטיגקייט פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק.

אונזערע חז״ל ווילען האָבען, אַז דער נביא ישעיה האָט דאָ אין זינען די „צדוקים״ און „מינים״, די אַסימילאַטאָרען און ראַדיקאַלען, וואָס האָבען זיך איינגערעדט, אַז דאָס אידישע גליק איז פאַרבונדען מיט דעם שיקזאַל פון די אַנדערע פעלקער, און אום צו קאָנען געניסען פרייהייט זאָלען זיך די אידען אויסמישען מיט זייערע שכנים און אויפגעבען זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

זיי לאַכען פון די „ברוריאס״, די אידישע מאַמעס, וועלכע זוכען צו געבען

זייערע קינדער אַ אידישע דערציהונג און לערנען זיי צו זינגען אידישע נאַציאָ־נאַלע לידער. זיי פרעגען מיט חוזק און שפּאָט: „משום דלא ילדה רני?״ ווייל אָט די פוסטע האָפענונג אויף אַן אייגען לאַנד האָבען אונז גאָרניט געגעבען פאַר די טויזענטער יאָרען פון אונזער וואַנדערען, באַזינגט איר נאָך זיי? וואָלט ניט בעסער געווען, אַז איר זאָלט אייערע קינדער לערנען די נייע לידער פון סאָציאַלע וועלט־איבערקערענישען און די דעמאָקראַטישע נסים ונפלאות, וואָס ווערען אונז פאַרשפּראָכען פון די גרויסע און מעכטיגע רעגירונגען?

„ברוריא״ אָבער, די קלוגע און דערפאַרענע אידישע מאַמע, ענטפערט זיי: שוטים וואָס איר זענט, „שפיל לסיפא דקרא״, לאָזט זיך אַרונטער צום גרונד פון פסוק. שטודירט די וועלט־געשיכטע אין איר וועט אויך קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבען זיך ווייניג־וואָס צו פאַרלאָזען אויף די שיינע פראַזען פון די וועלט־דיפּלאָמאַטען. זיי האָבען פאַר אונז גאָרנישט געמיינט אין דער פאַרגאַנגענהייט און מיינען אויך גאָרנישט פאַר דער צוקונפט. די אידישע ישועה ליגט אין זייערע אייגענע הענט: „רבים בני שוממה מבני בעולה״ — פיל גרעסער איז די צאָל פון אידישע קינדער, וואָס בענקען נאָך דער פאַרוויסטער מאַמע־ציון ווי די וואָס האָבען זיך איינגעבירגערט אין פרעמד־באַזעצטע לענדער.

און דער נביא זאָגט: די כנסת ישראל מעג מיט שטאָלץ זינגען איר נאַציאָנאַלע ליד. אמת טאַקע, אַז פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט איז זי געווען אַן „עקרה״ און האָט ווייניג געשאַפען פאַר זיך אַליין, זי מעג זיך אָבער פרייען וואָס „לא ילדה בנים לגיהנום כוותייכו״ — זי האָט ניט געבוירען קיינע קינדער פאַר דעם גרויסען גיהנום פון גלות, וועלכער האָט פאַרשלונגען די קינדער פון די רעפאָרמער און ראַדיקאַלען. דער אידישער קיום איז אויפגעהאַלטען געוואָרען פון די „בני שוממה״, די געטרייע קינדער פון אונזער פאַרוויסט פאָלק, וועלכע האָבען תמיד געהאָפט און תפילה געטאָן פאַר דער אידישער גאולה, און די צוקונפט וועט אויך צו זיי באַלאַנגען.

ג.

לוין פאַר מקיים זיין די מצוות פון דער תורה

למען ייטב לך והארכת ימים.

„לא גילה הקב"ה מתן שכרן של מצוות חוץ משתים, החמורה שבחמורות והקלה שבקלות, ושניהן שוין: כבוד אב ואם חמורה שבחמורות, מתן שכרה אריכות ימים, ושלוח הקן, הקלה שבקלות, ומהו שכרה? אריכות ימים" — דער איבערשטער האָט ניט אַנגעוויזען דעם לוין פאַר מקיים זיין די מצוות, בלויז פאַר צוויי, איינע פון די האַרבסטע און איינע פון די גרינגסטע, און זיי זיינען ביידע גליך. האַלטען ערליך טאַטע און מאַמע, וואָס איז איינע פון די האַרבסטע מצוות, איז איר לוין לאַנג לעבען, און צו באַפרייען די מוטער פון די קינדער אין אַ פייגעל־נעסט, וואָס איז איינע פון די גרינגסטע מצוות. און וואָס איז איר לוין? אויך לאַנג לעבען (דברים רבה ו').

די סדרה „כי תצא" איז איינע פון דריי סדרות אין דער תורה, אין וועלכע עס ווערט באַהאַנדעלט גאָר אַ גרויסע צאָל דינים און משפטים, וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם לעבען פון דעם „פרט", און אויך פון דעם „כלל". אָנפאַנגענדיג מיט די מצוות, ווי מען דאַרף זיך אויפפירען אין אַ צייט פון מלחמה, ווען די נערוועז זיינען אויפגערעגט, און ענדיגענדיג מיט די מצוות פון ערליך באַהאַנדלען אַ חבר און אים ניט אָפּנאַרען מיט אַ פאַלשער מאָס אָדער וואָג, נעמען די דינים פון דער היינטיגער סדרה אַרום דעם גאַנצען אידישען לעבען ביי זיך אין לאַנד און אין דער פרעמד, אין דעם אייגענעם הויז, און אויך אין די אויפפירונגען מיט די מיטמענשען אין גאַס און אין געשעפט. צו יעדער צייט און אונטער אַלע אומשטענדען זאָלען אידען ניט פאַרלירען דעם באַגריף פון צדק און יושר, אויף וועלכע די תורה איז באַזירט.

איבערהויפּט ווערט אין דער סדרה אויסגערעכענט אַ היפשע צאָל דינים, וואָס זיינען געריכטעט צום פרט, צום איינצעלנעם, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפ־פירען, כדי צו ווערען אַ געהעריגער טייל פון דער געזעלשאַפט און העלפען אָנהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט, וואָס וועט פאַר־זיכערען דעם פרידען אין לאַנד. די פילאָזאָפיע פון דעם אידישען געזעץ — ווערט פון אונזערע חכמים דערקלערט — באַשטייט אין דעם, אַז דער יחיד זאָל זיך

באַטראַכטען, אַז ער שטייט אין דעם מיטעלפּונקט פון דער וועלט, וועלכע איז „חציו חייב וחציו זכאי" — אַ העלפט שולדיג און אַ העלפט ערליך, און עס ווענדט זיך אין אים — וועט ער טאָן אַן עבירה, וועט די שלעכטע העלפט איבערוועגען, און דאַגעגען, אויב ער וועט טאָן אַ מצוה, וועט די גוטע העלפט איבערוועגען און די וועלט וועט געראַטעוועט ווערען (קידושין כ"ד).

ווי פּאָעטיש שיין ווערט דער זעלבער געדאַנק אויסגעדריקט אין מדרש! „אמר רבי אדא: רמ"ח מצוות עשה יש בתורה כמנין איברים שבאדם ובכל יום ויום צועקין אליו עשה אותנו שתחיה בזכותנו ותאריך ימים" — רבי אדא זאָגט: צוויי הונדערט מיט אַכט און פערציג מצוות, וואָס אַ מענש איז מחויב צו טאָן, ווערט אויסגערעכענט אין דער תורה, פּונקט ווי די צאָל פון זיינע גלידער. און יעדען טאָג שרייען זיי צו אים: זיי אונז מקיים, כדי אין אונזער זכות זאָלסטו לעבען און מאריך ימים זיין. „ושס"ה מצוות לא תעשה, כמנין ימות החמה ובכל יום ויום שהחמה זורחת עד שהיא שוקעת צווחת ואומרת לאדם: גוזרני עליך על תעבר בי את העבירה הזאת ואל תכריע אותך ואת העולם כולו לכף חובה" — אויך דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג פאַרברעכענס, וואָס אַ מענש טאָר ניט טאָן, ווערט אויסגערעכענט אין דער תורה, פּונקט ווי די צאָל טעג אין יאָר. און יעדען טאָג, וואָס די זון שיינט ביז זי גייט אַרונטער, שרייט זי צו דעם מענשען: טו ניט די עבירה און וועג ניט אַריבער דיך אַליין און די גאַנצע וועלט אויף דער שלעכטער זייט (מדרש תנחומא כי תצא).

די תורה, וואָס אַנטהאַלט אַלע פּרינציפּען פון אונזער אמונה, זאָרגט זיך מער פאַר דעם יחיד, פאַר דעם איינצעלנעם מענשען, ווי וועלכע עס איז אַנדער אמונה אין דער וועלט. זייענדיג אַ „תורת חיים" — אַ לערע פון לעבען, איז איר הויפּט באַגער צו זעהן, אַז דער פּריוואַטער לעבען פון דעם יחיד זאָל זיין אַזאַ, וואָס זאָל אים געבען די מעגליכקייט בייצוטראַגען זיין חלק צו דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט. דער כלל ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פּרט, פון די איינצעלנע מענשען, וואָס ער נעמט אַרום. אויב דער יחיד איז צופרידען מיט זיין לעבען און פילט זיך ניט פאַרדריינגט פון אַנדערע, איז דער גאַנצער כלל אַ צופרידענער און לעבט בשלום צווישען זיך. „אין בכלל אלא מה שבפרט" — אין דעם כלל, אין דער געמיינדע, געפינט זיך ניט מער ווי אין דעם פּרט, אין דעם יחיד, אונוואָס עס איז גוט פאַר דעם כלל, איז אויך

גוט פאַר דעם פּרט. דאָס איז איינער פון די רעגעלען, וואָס באַהערשען דעם גאַנצען געדאַנקענגאַנג פון אונזער גלויבען.

די אַלע דינים, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין דער היינטיגער סדרה, זיינען „דברים שבין אדם לחברו״ — אַלע אַזעלכע זאַכען און פליכטען, וואָס אַ מענש מוז אָפּהיטען קעגען זיין מיטמענש. זיי זיינען אָבער אויך אַ טייל פון די „דברים שבין אדם למקום״ — די פליכטען, וואָס אַ מענש האָט צו דער גאָטהייט, ווי דער פּסוק פירט אויס: „כי תועבת ה׳ אלקיך כל עושה אלה, כל עושה עול״ — ווייל עס איז אַן אומווירדיגקייט פאַר דיין ג׳, דער וואָס באַגייט די דאָזיגע פאַרברעכענס; אַלע, וואָס טוען אומרעכט. אַ פאַרברעכען קעגען אַ חבר איז, לויט אונזערע חז״ל, אַ „חטא כפול״ — אַ צווייפאַכיגע זינד. איינע קעגען זיין מיטמענש און איינע קעגען ג׳.

די תורה פאַרלאַנגט ניט פון דעם מענשען, אַז ער זאָל מקיים זיין אַלע אירע מצוות. „אם תאמר איך אני יכול לשמור כל התורה והמצוות?״ — אויב דו וועסט פרעגען, ווי איז עס מעגליך פאַר מיר אָפּצוהיטען אַלע אירע מצוות? זיי זיינען דאָך אַזויפיל און מיין לעבען איז צו־קורץ, איך זאָל עס קענען דער־ווייזען. „כך אמר הקב״ה — אָבער אַזוי זאָגט ג׳: „מה איכפת לך? שכיר יום אתה, עשה יומך״ — וואָס אַרט עס דיך? דו ביזט אַן אַנגעשטעלטער פון טאָג, טו דיין טאָג־אַרבייט (מדרש ילמדנו). דינען ג׳ מיינט ניט, אַז דו דאַרפסט אויפ־געבען דיינע אייגענע באַדערפעניסען. אין געגענטייל, „עבדו את ה׳ בשמחה״ — ג׳ דאַרף מען דינען מיט פרייד, מיט צופרידענקייט, ניט בלויז דורך תפילה טאָן אָדער צו פייניגען דיין גוף מיט תעניתים און פאַסט־טעג.

די לעכוועטשער חסידים דערציילען, אַז צו דעם רבי׳ן רבי מרדכי ע״ה איז אַמאָל געקומען אַ חסידישער יונגערמאַן מקבל השפעה צו זיין.

— וואָס איז דיין בקשה? — פרעגט אים דער רבי.

— איך וויל, — ענטפערט דער יונגערמאַן, — דינען דעם רבונו של עולם.

— דעם רבונו של עולם, — ענטפערט מיט התלהבות דער לעכעוויטשער, — באַדאַרף מען ניט דינען. ער איז „דק מן הדק״ — זעהר דין און איידעל. אַזוי דין, אַז „לית מחשבה תפיסא בו״ — דער געדאַנק קען אים גאָר ניט באַ־גרייפען. דו זעה בעסער זיך אַליין צו דינען און מאַכען זיך איידעלער...

הפטרה

דאָס אידיש ליד וועט נאָך קלינגען

רני עקרה לא ילדה, פצחי רנה וצהלי.

„פעם אחת הייתי יושב בבית המדרש הגדול שבירושלים ובא תלמיד ושאל לי: מה נשתנה ישעיה מכל הנביאים, שנתנבא כל הטובות והנחמות בישראל? אמרתי לו בני, מפני שקבל עליו עול מלכות שמים בשמחה. שנאמר: ואשמע את קול ה׳ אומר: את מי אשלח ומי ילך לנו? ואומר הנני שלחני״ — איינמאָל בין איך געזעסען אין גרויסען בית המדרש פון ירושלים, איז צו מיר געקומען א תלמיד און מיך געפרעגט: וואָרום האָט זיך ישעיה אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע נביאים, מיט דעם וואָס ער האָט נביאות געזאָגט אַלעס גוטעס און טרייסטען אויף די אידען? האָב איך אים דערקלערט, דאָס איז צוליב דעם, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען דעם יאָך פון ג׳ מיט שמחה. ווי עס ווערט געזאָגט: איך האָב געהערט די שטים פון ג׳ אויסרופענדיג: וועמען זאָל איך שיקען און ווער וועט גיין פאַר אונז? האָב איך גלייך געענטפערט: איך בין גרייט, שיק מיך (תני דבי אליהו).

די היינטיגע הפטרה, וועלכע איז די פינפטע פון די „שבע דנחמתא״, די זיבען טרייסט הפטרות, וואָס ישעיה האָט נביאות געזאָגט וועגען די אידען, פאַנגט זיך אָן מיט דעם מערקווירדיגען רוף: „רני עקרה לא ילדה, פצחי רנה וצהלי לא חלה״ — זינג דו קינדערלאָזע, וואָס האָט ניט געבוירען, ברעך אויס אין געזאַנג און קלינג אויס פאַר דער וועלט, אַז דו ביזט ניט קראַנק. נאָך אַלע צרות און יסורים, וואָס דו האָסט דורכגעליטען אין דעם פינסטערען גלות, וואָס האָט דיך געמאַכט פאַר אַן „עקרה״ און האָסט קיין זאַך ניט געקענט שאַפען פאַר זיך אַליין, ביזטו דאָך געבליבען גייסטיג געזונט און שטאַרק און דיין האָפענונג צוריק געבויט צו ווערען האָסטו קיינמאָל ניט אויפגעגעבען. דיין נאַציאָנאַל ליד אין גלות איז פאַר לאַנגע יאָרען טאַקע געוועזען דער „איכה ישבה בדד״, די האַרצרייסענדע קינה פון זיין אַליין, פאַרגעסען און פאַרלאָזען פון אַלעמען. די צייטען וועלען זיך אָבער בייטען און דיין ליד וועט נאָך קלינגען מיט האָפענונג און פרייד.

אויף דעם פסוק אין תהלים: „הקשיבה ה׳ רנתי כי דלותי מאד״ —

הער־צו ג׳ מיין געזאַנג, ווייל איך בין זעהר אָרים, גיט דער דובנער מגיד ז״ל פּאָלגענדע דערקלערונג: פון די לידער, וואָס אַ מענש זינגט, קען מען אַרויס־האָבען זיין לאַגע. איז אים גוט, זינגט ער פריילּיכע לידער; איז אים שלעכט, זינגט ער טרויעריגע לידער. אַן אָרימאַן, וואָס איז מחוסר לחם און איז אַ בעל מטופל מיט אַ סך קינדערלעך, אַז ער ברייגנט אַ לאַבען ברויט אַהיים, ברעכט אויס אַ גרויסע שמחה אין הויז און אַלע זינגען זיך פאַנאַנדער. אַט דאָס האָט געמיינט דוד המלך, ווען ער זאָגט: „הקשיבה ה׳ רנתי״ — הער זיך צו צו מיין געזאַנג, וועסטו זיך דערקונדיגען „כי דלותי מאד״ — ווי גרויס מיין דלות איז, אַז צוליב אַ טרוקען שטיקעל ברויט זינגען זיך מיינע בני בית פאַנאַנדער, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַריינגעקראָגען אַ גרויס גליק.

דאָס איז געווען אייער ביטערע לאַגע אין גלות, זאָגט זיי דער נביא, אָבער פאַרלירט ניט אייער האָפענונג. „אל תיראי״ — האָט קיין מורא ניט. „כי בשת עלומיך תשכחי וחרפת אלמנותיך לא תזכרי עוד״ — די שאַנד פון דיין יוגענט וועסטו פאַרגעסען און די חרפה פון זיין אַ וויסטע אלמנה וועסטו מער ניט געדענקען. „כי מי נח זאת לי״ — די איצטיגע לאַגע דיינע איז ביי מיר גלייך ווי די געוויטערען אין די צייטען פון נח, וואָס צוליב די גרויסע רעגענס און שטורעמס האָט ער זיך פאַר אַ געוויסער צייט געמוזט אויסבאַ־האַלטען אין אַ תבה און זיין אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. ער איז אָבער געראַטעוועט געוואָרען, און אַזוי וועט עס אויך זיין מיט דיר. דו וועסט נאָך אויפגעריכט ווערען און מיט שמחה פּראָקלאַמירען דיין טרייסט־ליד.

צווישען די חסידים פון רבי אייזיקעל קאַלעווער, פון אונגאַרען, ווערט דערציילט, אַז דער רבי, ז״ל, ווען ער פלעגט אַריינפאַלען אין עצבות, פלעגט ער זיך אַרויסלאָזען אַליין אין וואַלד אַריין, וואו ער פלעגט זיך צוהערען צו די פאָלקסלידער פון די פאַסטוכער. איינמאָל האָט ער געהערט ווי אַ פאַסטוך זינגט אַ זעהר טרויעריגען און האַרציגען אונגאַרישען ראָמאַנס: „וואַלד, וואַלד, ווי גרויס דו ביזט? ראָזאַ, ראָזאַ, ווי ווייט דו ביזט? וואָלט דער וואַלד ניט גרויס געווען, וואָלט דאָך מיין ראָזאַ נענטער געווען, וואָלט מען מיך פון וואַלד אַרויס־גענומען, וואָלטען מיר זיךביידע צוזאַמענגעקומען״.

דער קאַלעווער צדיק איז שטאַרק גערירט געוואָרען פון די ווערטער, און אַוועקזעצענדיג זיך אין אַ וואַלד, האָט ער גענומען זינגען מיט דער זעלבער רירענדער מעלאָדיע: גלות, גלות, ווי גרויס ביזטו? שכינה, שכינה, ווי ווייט

ביזט? וואָלט דער גלות ניט גרויס געווען, וואָלט דאָך די שכינה געטער געווען, וואָלט מען מיך פון גלות אַרויסגענומען — וואָלטען מיר זיך ביידע צוזאַמענגעקומען... דאָס דאָזיגע ליד איז שטאַרק פאַרשפּרייט ביי די אונגאַרישע חסידים און ווערט אויך געזונגען פון די צאַנזער חסידים (פון אַלטען מקור).

די גאַנצע הפטרה איז געזאָגט געוואָרען מיט שטאָלץ און פרייד און מונטערט די אידען זייער מוט ניט צו פאַרלירען. ישעיה הנביא איז געווען דער איינציגער צווישען די נביאים, וועלכער איז אָנפאַרטרויט געוואָרען פון ג׳ צו טרייסטען זיין פאָלק און אים פאַרשפּרעכען טאָפּעלטע ישועות ונחמות, וויל, זאָגען אונז די חכמים, ער האָט זיין אויפגאַבע צו דינען זיין פאָלק אָנגענומען מיט שמחה. טראָץ די גרויסע געפאַרען, וואָס האָבען געלויערט אויף אים, האָט ער גערן געענטפערט דעם רוף פון ג׳.

ד.

זייט פריינטליך צו פּאָליטיש-פאַרפאָלגטע פון פרעמדע לענדער

לא תסגיר עבד אל אדוניו.

„בעבד שברח מחוץ לארץ הכתוב מדבר" — וועגען אַן אונטערטאַן, וואָס איז אַנטלאָפען פון אַ פרעמד לאַנד אין ארץ־ישראל, ווערט גערעדט אין דעם פסוק (גיטין מ"ה ע"א).

די לעצטע זעקס סדרות פון דער תורה ווערען געלייענט דורך דעם מאָנאַט אלול און די „ימים נוראים", די מוראדיגע טעג, ווען דער שיקזאַל פון יעדען מענשען פאַר דעם נייעם יאָר ווערט באַשטימט און פאַרזיגעלט. אין די שוהלען ווערט דורך די וואָכענטעג געבלאָזען שופר, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אידען, אַז די דאָזיגע טעג זיינען אַנדערש ווי די פון אַ גאַנץ יאָר. דאָס זיינען טעג פון צוגרייטונגען, פון באַדענקען זיך און אַרויינצוטראַכטען זיך אין דעם, וואָס איז שוין געשעהן, און וועלען פאַרשטיין דאָס, וואָס קאָן געשעהן ווייטער.

דער אַלטער טשאָרטקעווער רבי ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט, „אַז אויך אין די נעמען פון די סדרות ווערט אָנגעוואונקען ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין אין

די דאָזיגע הייליגע טעג: „כי תצא, כי תבא" — וואו מען גייט אַרויס און וואו מען גייט אַריין; „נצבים, וילך" — וואו מען שטייט און וואו מען גייט; „האזינו" — זאָל מען זיך צוהערען צו די מצוות פון ג׳, ווייל „וזאת־הברכה" — אין דעם באַשטייט דער אידישער גליק".

פיל דינים ווערען פאַרהאַנדעלט אין היינטיגער סדרה — דינים, וואָס נעמען אַרום דעם גאַנצען אידישען לעבען ביי זיך אין לאַנד און אין דער פרעמד, אין הויז און אין גאַס. זיי צייכענען אָן די באַציאונגען פון דעם אידען צו זיין ג׳, צו זיין פאַמיליע און צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער פאַרקערט. זיי באַשרעבען אויך זיינע פליכטען צו זיין פאָלק און צו אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג. „לא דברה תורה אלא כנגד יצר־הרע" — די תורה רעדט דאָ נאָר קעגען דעם יצר־הרע (קידושין כ"א ע"ב). צו יעדער צייט און אונטער אַלע אומשטענדען זאָלען אידען ניט פאַרלירען זייער גלייכ־געוויכט פון צדק און יושר. אַז עס ברעכט אויס אַ מלחמה־קריזיס, וואָס כאַפּט אַרום דאָס גאַנצע פאָלק און גרויסע קרבנות מוזען געבראַכט ווערען פאַר זיין עקזיסטענץ, אויך דאַן טאָר מען דעם קאָפּ ניט פאַרלירען און עובר זיין אויף די געזעצען פון ג׳. די ווילדע אינסטינקטען וואָס אַ שלאַכט רופט געוויינליך אַרויס, זאָלען אייך ניט פאַרוואַנדלען אין בלוטדורשטיגע חיות.

„כי תצא למלחמה על אויביך" — שהוא אויביך" — אַז דו גייסט אַרויס אין שלאַכט קעגען דיינעם אַ פיינט, זאָלסטו זיך פריער גוט דערקונדיגען, אויב ער איז טאַקע דיינער אַ פיינט (ילקוט שמעוני). צו פאַרגיסען אומשולדיג בלוט איז אידען פאַרבאָטען; אָנצופירען אַ מלחמה קעגען אַ צווייט פאָלק בלויז צוליב אייגענע נוצען, צוליב דעם, ווייל די רעגירונג וויל אויסשפרייטען איר מאַכט איבער אַנדערע לענדער, איז קעגען דעם אידישען אידעאַל פון שלום. „כי תקרב אל עיר להלחם עליה, וקראת אליה לשלום" — אַז דו ווענסט זיך דערנענטערען צו אַ שטאָט מלחמה האַלטען אויף איר, זאָלסטו איר פריער אָנבאָטען פרידען. אפילו אַז דו האָסט זיך שוין קלאָר איבערצייגט, אַז דאָס לאַנד, וואָס האָט אַרויסגערופען דעם קריג, איז דיר אַן אמת׳ער שונא און זוכט דיך צו פאַרניכטען אָדער אונטערדריקען, זאָלסטו עס גלייך ניט באַפאַלען — צוערשט באַט עס אַן שלום. „אם לא תשלים עמך ועשתה עמך מלחמה, וצרת עליה", בלויז אויב דאָס לאַנד אָנטזאָגט זיך צו שליסען פרידען מיט דיר און איז באַשלאָסען צו קעמפען קעגען דיר — דאַן ערשט מעגסטו דאָס לאַנד באַלאַגערען.

אונזערע חז״ל זיינען שטאַרק קעגען אימפּעריאַליזם, פאַרכאַפּען פרעמדע לענדער און באַהערשען פרעמדע פעלקער. אויף דעם פסוק אין משלי: „לעלוקה שתי בנות הב, הב״ — דער גיהנום האָט צוויי טעכטער, וועלכע שרייען אַלץ: גיב, גיב, זאָגט די גמרא: „קול שתי בנות שצועקות מגיהנום ואומרות בעולם הזה „הבא, הבא״, ומאן נינהו? מינות והרשות״ — דאָס זיינען די שטימען פון די צוויי טעכטער, וועלכע שרייען אַרויס פון גיהנום און זאָגען צו דער וועלט: גיב, גיב! און ווער זיינען זיי? אַטעאיזם און אימפּעריאַליזם (ע״ז י״ז ע״א). די ערשטע „מינות״, אַפּיקורסות, זוכט צו פאַרניכטען אַלע אָנגענומענע טראַדיציעס — אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געגעבען דעם פאָלק זיין אייגענאַרטיגען כאַראַקטער און אים אויפגעהאַלטען אין אַלע יאָרען פון זיין עקזיסטענץ. די צווייטע „רשות״, אימפּעריאַליזם, פאַראורזאַכט נויט און פאַרניכטונג מיט דעם, וואָס זי וויל איינשלינגען וועלטען. די אימפּעריאַליסטישע מלוכות רעכענען זיך וועניג מיט די מיינונגען פון פאָלק, וואָס ווערט געדריקט צו שיקען זיינע קינדער אין שלאַכט און מפקיר זיין זייער לעבען. זיי שרייען „הבא, הבא״, גיב, גיב, און דאָס זיינען קולות, וואָס קומען פון גיהנום, פון כף הקלע, וואָס וויל איינשלינגען די וועלט און פאַרניכטען די מענשהייט.

אויך אין צייט פון מלחמה מוז מען זיך אויפפירען מענשליך. איר דאַרפט וויסען, „כי ה׳ אלקיך מתהלך בקרב מחנך להצילך ולתת אויביך לפניך, והיה מחניך קדוש״ — אַז דיין ג׳ גייט אַרום צווישען דיינע אַרמייען, כדי דיר צו ראַטעווען און באַזיגען דיינע פיינט פאַר דיר, דעריבער מוזען דיינע מחנות זיין הייליג. האַלט מען זיך אין די ראַמען פון דער תורה, פאַרלירט מען ניט דעם מענשליכען געפיל אויך אין צייטען פון קריג. „ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך״ — זאָל ער ניט זעהן בײַ דיר קיין שענדליכע זאַך און אַוועקגיין פון דיר. „קודם שחטאו ישראל שכינה שורה עם כל אחד ואחד, וכיון שחטאו נסתלקה שכינה מהם״ — איידער אידען זינדיגען, רוט די שכינה מיט יעדען פון זיי; אַזוי גיך אָבער ווי זיי זינדיגען, גייט די שכינה אַוועק פון זיי (סוטה ג׳ ע״ב). וואַרפט מען זיך אונטער די ווילדע אינסטינקטען פון מלחמה און מען ווערט גרויזאַם און בלוטדורשטיג, דאַן גייען אַלע אידעאַלען פאַרלאָרען און דער זיג ווערט צערונען. איין מלחמה רופט אַרויס אַ צווייטע און די וועלט טרינקט זיך אין טייכען בלוט און טרערען.

אין צייטען פון דעפּרעסיע און אינפלאַציע, וועלכע קומען געוויינליך

נאָך אַ מלחמה, זאָלט איר געדענקען די מצוות פון אייער תורה, וועלכע לערנען אייך צו זיין טאָלעראַנט צו יעדען איינעם. באַשולדיגט ניט קיינעם אין אייער שווערער לאַגע, איבערהויפט זאָלט איר די שולד ניט אַרויפוואַרפען אויף דעם גר, דעם פרעמדען, וואָס געפינט זיך אין אייערע גרעניצען. אויך ער ליידט, און אפשר נאָך מער פון אייך. אויסער דעם גיט אים נאָר די געלעגענהייט און ער וועט זיכער ביישטייערען זיינע בעסטע קרעפטען פאַר דער אַנטוויקלונג און דער אויפלעבונג פון אייער לאַנד אין זיין נייער היים.

„לא תסגיר עבד אל אדוניו" — גיב ניט איבער אַן אונטערטאַן פון אַן אַנדער לאַנד צו זיין מלוכה, איבערהויפט אַזעלכען „אשר ינצל אליך מעם אדוניו" — וואָס זוכט זיך צו ראַטעווען ביי דיר פון זיין רעגירונג, וואָס פאַרפאָלגט אים צוליב פאָליטישע אָדער רעליגיעזע אורזאַכען. אַזעלכע זיינען היימלאָזע מענשען און האָבען ניט וואו צו גיין. דו מוזט זיי אויפנעמען מיט גרויס פריינט־שאַפט. „עמך ישב — בעיר עצמו" — מיט דיר זאָל ער זיצען, אין שטאָט גופא, „בקרבך — ולא בכפר" — צווישען דיר און ניט אין אַ באַזונדערען קוואַרטאַל אָדער קאָנצענטראַציע־לאַגער; „במקום אשר יבחר — במקום שפרנסתו מצויה" — אין דעם פּלאַץ, וואָס ער וועט אויסדערוויילען; אין אַן אָרט, וואו ער זאָל קאָנען מאַכען אַ לעבען (ספרי).

„וזכרת כי עבד היית במצרים" — דו זאָלסט געדענקען, אַז אויך דו ביזט אַמאָל געווען אַ קנעכט אין מצרים, וואו דו ביזט אויסגעריסען געוואָרען פון פאַרשיידענע אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען. גיב דעם גר, דעם פרעמדען, אַלע געלעגענהייטען זיך צו קאָנען איינלעבען ביי דיר אין לאַנד. „עזב תעזב עמו" — אַז דו וועסט אים העלפען, וועסטו אַליין אויך געהאָלפען ווערען. דיסקרי־מינאַציעס און באַשרענקונגען קעגען אַ געוויסען קלאַס איינוואוינער אין אַ לאַנד האָבען דעם לאַנד קיינמאָל קיין גוטס ניט געבראַכט. אין געגענטייל, אַזעלכע אוממענשליכע טאַטען האָבען אימער געשטערט דער פרייער אַנטוויקלונג פון אַ לאַנד און רואינירט דאָס לאַנד גייסטיג און עקאָנאָמיש.

הפטרה

די קאָנקורענץ פון די פעלקער וועט ברייננגען די אידישע גאולה

אל תיראי כי לא תבושי.

„אמר רבי יצחק: שנה שמלך המשיח נגלה בו כל מלכי אומות העולם מתגרים זה בזה, וישראל מתרעשים ומתבהלים ואומרים להיכן נלך ולהיכן נבא? ואומר להם: בני, אל תתיראו! הגיעו ימי גאולתכם" — רבי יצחק האָט געזאָגט: אין דעם יאָר, וואָס דער מלך המשיח וועט זיך ווייזען, וועלען אַלע רעגירונגען פון די גרויסמאַכטען קאָנקורירען איינע קעגען די אַנדערע, און די אידען וועלען זיין דערשיטערט און פאַרצווייפעלט און זיי וועלען פרעגען: וואוהין זאָלען מיר גיין און וואו זאָלען מיר קומען. און דער אויבערשטער וועט זיי ענטפערען: קינדער מיינע, שרעקט זיך ניט, די טעג פון אייער גאולה זיינען נאָענט (פסיקתא רבתי).

די שרעקליכע וועלט־מלחמה, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס פאַרענדיגט, האָט פאַראורזאַכט גרויסע איבערקערענישען און געבראַכט גוואַלדיגע ענדערונגען אין דער פּאָליטישער און אויך אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער וועלט. גרויסע און מעכטיגע אימפּעריעס זיינען אויפגעטרייסעלט געוואָרען און האָבען פאַרלאָרען זייער קאָלאָניאַלע מאַכט. פילע פון זיי זיינען איינגעשרומפּען געוואָרען אין קליינע און שוואַכע מלוכות. גרויסע באַפעלקערונגען, וועלכע זיינען יאָרען־לאַנג געזעסען אויף זייער ערטער, ווערען איצט איבערגעזידעלט פון איין לאַנד אין אַ צווייטען. גרעניצען ווערען איבערגעטאַשט און די לאַנד־קאַרטע פון אונזער ערד־קוגעל באַקומט אַ גאַנץ אַנדער אויסזעהן.

מער ווי אַלע האָט געליטען די אידישע אומה. מיט יעדען טאָג קומען אָן נייע ידיעות פון דער שרעקליכסטער טראַגעדיע, וואָס אונזער מאַרטירער פאָלק האָט ווען עס איז דורכגעמאַכט. די איינצעלהייטען פון די גרויזאַמע שחיטות, וואָס די בלוטדורשטיגע שונאים האָבען אָנגעפירט קעגען אונזערע ברידער אין אייראָפּע, זיינען אַזוי שוידערליך, אַז דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט פון יעדען וואָס הערט עס. ווי ווילדע חיות האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף אַלטע לייט יונגע קינדער און שוואַכע פרויען. די סאַדיסטישע הנאה, וואָס די מערדער האָבען אַרויסגעוויזען אין זייערע רציחות קעגען די אומגליקליכע

קרבנות, וועט זיכער פאַרבלייבן דער שוואַרצסטער פלעק אויף דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענשהייט פאַר אַלע דורות...

דער גרויזאַמער שונא האָט זיך גענומען אויסראָטען אַלע אידען פון די מדינות, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט, און די איבעריגע מלוכות האָבען דאָס צוגעזעהן און האָבען געשוויגען. מיליאָנען אומשולדיגע קדושים זיינען אומגעבראַכט געוואָרען פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט און די פאַרגעשריטענסטע און דעמאָקראַטישסטע פעלקער האָבען קיין זאַך ניט געטאָן אָפּצושטעלען די מערדערלישער האַנט פון דעם שרעקליכען מלאך המות.

עס האָט אויסגעוויזען און עס ווייזט נאָך איצט אויס, אַז בדיעבד זיינען זיי אַלע צופרידען מיט דעמדאָזיגען טויט־אורטייל אויף אונזער אומגליקליך פאָלק...

די „שארית הפליטה" — דער מיליאָן און אַ האַלב פאַרבליבענע אידען, וועלכע זיינען על פי נס ניצול געוואָרען פון דעם העלישען פייער, שמאַכטען נאָך אַלץ אין די שרעקליכע קאָנצענטראַציע לאַגערען אָדער וואַנדערען אַרום צווישען די קברים פון זייערע געליבטע, „מתרעשים ומתבהלים" — אויפגע־שטורעמט און פאַרצווייפעלט, און פרעגען ביי דער וועלט: להיכן נלך ולהיכן נבא?" — וואוהין זאָלען מיר גיין און וואו זאָלען מיר קומען? די טויערען פון אַלע מדינות זיינען פאַרשלאָסען פאַר זיי. זייער פאָטערלאַנד איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַ פּיראַטען־פאָלק, וואָס זוכט צו באַהערשען דעם גאַנצען אָריענט און האַלט די טירען פון ארץ־ישראל פאַרקלאַמערט קעגען אירע רעכטליכע יורשים. און די פעלקער פון דער וועלט קוקען און שוויגען.

אַלע לענדער, וועלכע זיינען געווען פאַרמישט אין דעם קריג, איבער־הויפּט די גרעסערע און מעכטיגסטע פון זיי, זיינען איצט פאַרטאָן מיט זיך. זיי האָבען זיך אונטערגענומען אויסצוגלייכען די פאַרשיידענע סכסוכים פון די פעלקער און אויספאַרמירען אַזאַ צוקונפט, וואָס זאָל כלומר'שט פאַרזיכערען דעם וויטערדיגען פרידען פון דער וועלט. דער הויפּט פּלאַן ווייזט אויס צו זיין — צו גרינדען אַ „יונייטעד ניישאָנס", אַ פאַראייניגונג פון אַלע פעלקער, וואָס זאָל גאַראַנטירען יעדען לאַנד און יעדער נאַציע דאָס רעכט צו לעבען אומ־געשטערט און זיך אַנטוויקלען לויט די אייגענע כוחות און פעהיגקייטען. בו, זיינען שוין פאַרגעקומען אין לאָנדאָן, אין ניו יאָרק און אין פּאַריז פיל זיצונגען פון די הויפּט־אַרכיטעקטען פון דעם פּלאַן, אָבער זיי האָבען זיך בשום אופן ניט געקאָנט איינינגען צווישען זיך.

„מלכי אומות העולם מתגרים" — די אויסלאַנדס־מיניסטאָרען פון די פינף גרויסע מלוכות קאָנקורירען צווישען זיך. יעדער פון זיי זוכט צו פאַרכאַפּען די קלענערע לענדער אין זייער שכנות און זיי אַריינגעמען אין זייער פּאָליטישען קרייז. וואָכענלאַנג זיינען זיי געזעסען און פאַרהאַנדעלט, פיל הייס בלוט האָט זיך געשאַפּען צווישען די טאָן־געבער, אָבער אַלע זייערע פּרואווען צו קומען צו אַן „עמק השוה", צו אַן אויסגלייך, זיינען ביז איצט געווען אַ דורכפאַל. מען האָט טאַקע אויסגעלופטערט פילע פון די באַהאַלטענע כוונות און אייגענניציגע דערגרייכונגען, וואָס יעדע פון די גרויסמאַכטען דערוואַרט צו באַקומען פון דעם זאָגענאַנטען וועלט־פרידען — און ביי דעם איז מען געבליבען. די „שה פזורה ישראל" — די צעשפּרייטע און צוואָרפענע שעפּסעלאַך, די מיליאָנען אויס־געוואָרצעלטע אידען גייען דערווייל אָפּ מיט בלוט, אָבער זייער שטימע ווערט ווייניג־וואָס געהערט.

דער אויבערשטער זאָגט אָבער צו זיי: „בני, אל תתיראו, הגיעו ימי גאולתכם" — קינדער מיינע, זאָרגט זיך ניט, די טעג פון אייער גאולה זיינען נאָענט. מעגען די פעלקער פון דער וועלט האַלטען אין קאָנקורירען איינס מיט דעם צווייטען, ווער פון זיי עס זאָל האָבען די הויפּט דעה, קוים וועלען זיי ניט עפענען די טויערען פון ארץ ישראל פאַר אייך און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרונטערנעמען די אידישע פראַגע פון דער וועלטליכער אַגענדע, וועט קיין שלום אויף דער וועלט ניט זיין. „כי ההרים ימושו והגבעות תמוטנה, וחסדי מאתך לא ימוש" — די מעכטיגע פעלקער וועלען פאַרשווינדען, און די הויכע וועלען פאַלען, אָבער מיין גנאָד פון דיר וועט ניט אַוועקגענומען ווערען.

ה.

די באַהאַנדלונג פון אימיגראַנטען

לא תטה משפט גר יתום.

„מה תלמוד לומר? והלא כבר נאמר לא תטה משפט? אלא, מלמד שכל המטה דינו של גר עובר בשני לאוין" — וואָס פאַר אַ נייעס טוט ער דאָ אויף? עס איז דאָך שוין לאַנג געזאָגט געוואָרען, אַז מען טאָר אַ געזעץ ניט אָפּבויגען?

נאָר דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז דער, וואָס נויגט־אָפּ דעם געזעץ פאַר אַן אימיגראַנט, באַגייט צוויי פאַרברעכענס (ספרי).

אין 36 פאַרשיידענע ערטער אין דער תורה ווערט אונז אָנגעזאָגט ווי זיך צו באַגיין מיט אַ גר, מיט אַ בירגער פון אַ פרעמד לאַנד, וואָס וואַנדערט אויס נאָך ארץ־ישראל און זוכט זיך דאָרטען צו באַזעצן. „ואהבתם את הגר" — איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדען. ניט נאָר זאָלען די טויערען פון אייער לאַנד זיין אָפען פאַר אים, אויב ער בעט אַריינגעלאָזען צו ווערען, נאָר איר זאָלט אים אויך אויפנעמען מיט ליבע און פריינטשאַפט. זעהט, אַז ער זאָל חס ושלום ניט ליידען קיין הונגער אָדער נויט. „כי תקצור קצירך; כי תחבוט זיתך; כי תבצור כרמך" — ווען דו שניידסט די תבואה פון דיין פעלד, ווען דו טרייסעלט אויס דיינע איילבערט־ביימער, אָדער ווען דו קלייבסט אַראָפּ דיינע וויינטרויבען, זאָלסטו ניט אַלץ נעמען פאַר זיך. לאָז איבער אַ טייל, „לגר, ליתום ולאלמנה", פאַר דעם אָרימען אימיגראַנט, פאַר יתומים און אלמנות.

„וגר לא תלחצנו" — דעם פרעמדען זאָלסטו ניט דריקען. עס איז אַ גרויס פאַרברעכען צו דיסקרימינירען קעגען אָרימע אומוואַנדערער און וועלען זיי אָפּטיילען פון די איבעריגע איינוואוינער. באַרויבט זיי ניט פון די מעגליכ־קייטען צו קאָנען אַרבייטען אָדער זיך באַשעפטיגען מיט דעם, צו וואָס זיי פילען זיך פעהיג און איז נענטער צו זייער האַרצען. אויב איר וועט זיי נאָר געבען די געלעגענהייט וועלען זיי געוויס ווערען אַ חשוב׳ער טייל פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט און וועלען זיכער ביישטייערן זייער חלק צו דער עקאָנאָמישער און גייסטיגער אַנטוויקלונג פון אייער לאַנד.

„וגר לא תונה" — און דעם פרעמדען זאָלסטו ניט נאַרען. דער דאָזיגער פאַרזאָג ווערט איבערגע׳חזר׳ט צוויי מאָל אין פסוק, און די חז״ל דערקלערען אונז, אַז דאָס מיינט: איינמאָל — קעגען „אונאת ממון", אים ניט צו באַשווינדלען אין געלט זאַכען, און אַ צווייטען מאָל — קעגען „אונאת דברים", אים ניט אָפּצו־נאַרען און פאַרפירען אין געדאַנקען. ווען אַן אימיגראַנט ווייסט ניט די געזעצען און מנהגים פון לאַנד, איז זעהר לייכט אים צו פאַרפירען און גורם צו זיין, אַז ער זאָל באַגיין פאַרברעכענס קעגען די „חוקי המדינה", די געזעצען פון לאַנד, און אַזוי־אַרום אַריינצופאַלען אין אַ צרה. „גדול אונאת דברים מאונאת ממון", דער חטא פון אָפּנאַרען איינעם אין זיינע געדאַנקען איז פיל גרעסער ווי אים צו באַשווינדלען אין געלט־זאַכען. „זה ניתן לחשבון וזה לא ניתן לחשבון",

אַרויסצוגאַרען יענעמ׳ס געלט, איז דאָ אַ חשבון אויף וויפיל ער האָט אים אָפּ־געגאַרט, אָבער אים אָראָפּצופירען פון אמת — איז קיין שיעור ניטאָ צו אַזאַ נאַרעריי (ב״מ נ״ח ע״ב).

די תורה גיט אונז אַ פּסיכאָלאָגישען טעם וואָרום מיר דאַרפען האָבען איינזעהעניש מיט אימיגראַנטען: „כי גרים הייתם בארץ מצרים״ — ווייל איר אַליין זענט דאָך געוועזען גרים אין דעם לאַנד מצרים און איר ווייסט דאָך וויפיל איר האָט זיך אָנגעליטען פון זייער אומפריינטליכער באַהאַנדלונג. איצט, אַז איר גייט ווערען די באַלעבאַטעם פון אַן אייגען לאַנד, זאָלט איר געדענקען אייער אַמאָליגע לאַגע און זיך באַציען מיט פריינטשאַפט און זאָגאַר מיט ליבע צו די גרים פון פרעמדע לענדער, וואָס וועלען זוכען זיך צו באַזעצען אין אייער לאַנד.

די חז״ל גיבען־צו אויך אַן עטיש־יורידישען טעם וואָרום מען זאָל באַ־האַנדלען אימיגראַנטען מיט פריינטשאַפט און איינזעהעניש. זיי זאָגען: „מפני מה הזהירה התורה על הגר בל״ו מקומות? מפני שסורו רע״ — וואָרום האָט די תורה אין גאַנצע 36 ערטער פאַרזאָגט וועגען דער באַהאַנדלונג פון אַ גר? ווייל זיין אָפּקער איז שלעכט (ב״מ נ״ט ע״ב). מיט פאַרפאָלגען אַ פרעמדען און מיט דיסקרימינירען קעגען אים פלאַנצט מען איין אין זיין האַרצען אַ שנאה צום פאָלק און זיין גלויבען. ער פאַראַכט דאָס לאַנד און די מנהגים פון לאַנד, און אויב ער איז נאָך אַ בירגער פון אַן אַנדער לאַנד, קאָן עס נאָך פירען צו אינטער־נאַציאָנאַלע פלאָנטערס און קריגערייען און שטערען דעם שלום פון דער וועלט.

איבערהויפּט איז די תורה שטאַרק מזהיר און פאַרבאָט זעהר שטרענג די שופטים און דיינים, די געזעצגעבער און ריכטער פון לאַנד, אַז זיי זאָלען חס ושלום ניט מאַכען קיין באַזונדערע געזעצען, אָדער אַזוי אויסטייטשען די געזעצען, אַז דאָס זאָל שאַדען די אָרימע אימיגראַנטען. „לא תטה משפט גר״ — איר זאָלט בשום אופן ניט אָפּבויגען דעם געזעץ פאַר אַ גר. כאָטש איך האָב אייך שוין פיל מאָל אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר קיין געזעץ ניט בויגען, ניט פאַר די רייכע און ניט פאַר די אָרימע, ווייל פאַר דעם געזעץ זיינען אַלע גלייך, „כקטון, כגדול תשמעון״ — דעם קליינעם, אַזוי גוט ווי דעם גרויסען; דעם שוואַכען, אַזוי גוט ווי דעם שטאַרקען — מוז מען אויסהערען און משפט׳ן ערליך, וואָרען איך אייך אָבער נאָכאַמאָל וועגען די דינים פון אַ גר: „שכל המטה דינו של גר עובר בשני לאוין״, ווייל דער וואָס פאַרבויגט דעם געזעץ פאַר אַן אימיגראַנט,

באַגייט צוויי פאַרברעכענס: ערשטענס, קעגען די עטיק פון דעם געזעץ אַליין, וואָס דאַרף זיין אויסגעהאַלטען און פאַר אַלעמען גלייך, און צווייטענס, פאַרברעכט איר קעגען אייער אייגענעם געוויסען, ווייל איר האָט פאַרגעסען ווי שלעכט אייך איז געווען ווען איר אַליין זענט געווען גרים אין אַ פרעמד לאַנד (ספרי).

דער רמב״ם, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטען פון גירוש שפאַניע און איז אין זיינע יונגע יאָרען געווען געדריקט אַרומצוּוואַנדערען פון איין לאַנד אין דעם צווייטען, וואו צוזאַמען מיט פיל אַנדערע פאַרפאָלגטע אידען האָט ער געהאַט אויסצושטיין שרעקליכע רדיפות אַלס אומגעווינשטער אימיגראַנט, ביז ער איז אָנגעקומען קיין קאַירא, אין עגיפּטען, מאַכט די פאָלגענדע באַמערקונג אויף דעם פסוק: „עס ווערט ניט געזאָגט „לא תטה משפט גר ויתום״ — דו זאָלסט ניט אָפּבויגען דעם געזעץ פון אַ גר און אַ יתום, נאָר עס שטייט געשריבען „גר יתום״, וואָס מיינט: „אם היה הגר יתום, עובר בג׳ לאוין״ — אויב דער גר איז נאָך אַ יתום דערצו, באַגייט מען דריי פאַרברעכענס, אויב מען זינדיגט קעגען אים (הלכות סנהדרין פ״ב). בירגער, וועלכע קומען פון פרעמדע לענדער, קאָנען געפינען שוץ קעגען דיסקרימינאַציעס ביי די פאַרשטייער פון זייער רעגירונג אין לאַנד, וועלכע וועלען זיך פאַר זיי אָננעמען. וואָס זאָל אָבער טאָן אַזאַ גר, וואָס איז נעבאַך א יתום, אָהן אַ פאָטערלאַנד, און ער האָט ניט ווער עס זאָל זיך פאַר אים איינשטעלען? אָפּצובייגען דעם געזעץ פאַר אַזעלכע אומ־גליקליכע איז אַ דרייאיגער פאַרברעכען, פאַר וועלכען די געזעצגעבער און ריכטער וועלען שטאַרק באַשטראָפט ווערען פון ג׳ און פון דער היסטאָריע.

צו די אימיגראַנטען־פּרעסערישע געזעצגעבער, די „רענקינס״ און די „דזשאָנסאָנס״, וועלכע העצען קעגען די אָרימע איינוואַנדערער און זוכען צו דיסקרימינירען קעגען זיי, זאָגען די חז״ל: „על שלשה דברים העולם עומד, על הדין ועל האמת ועל השלום — תן דעתך שלא תטה את הדין, שאתה מזעזע את העולם״ — אויף דריי זאַכען שטייט די וועלט — אויף דעם געזעץ, אויפ׳ן אמת און אויף שלום; היט זיך ניט אָפּצובויגען דעם געזעץ, ווייל דורך דעם וועסטו אויפטרייסלען די וועלט (מ״ר שופטים). מיט פאַרפאָלגען די מינדער־הייטען פון לאַנד און באַגרעניצען זייער פרייהייט פאַרשפּרייט מען האַס אין דער געזעלשאַפט. דאָס פירט צו קריגערייען און ראַכעזוכענישען, וואָס טרייסלען אויף די וועלט און שטערען דעם שלום פון דער מענשהייט.

הפטרה

ירושלים וועט וואַקסען אין דער לייַנג און אין דערברייט

הרחיבי מקום אהלך.

„רבנן הוו יתבי ועסקי בהדין קראי: „בעת ההיא יקראו לירושלים כסא ה׳ ונקוו אליה כל הגוים" (ירמי׳ ג׳). אמר ליה רבי אלעזר לרבי אלעזר המודעי: מחזקת היא ירושלים? א"ל עתיד הקב"ה לומר לה: „האריכי, הרחיבי, קבלי אוכלוסיך" — די רבנן זיינען געזעסען און געלערענט די פסוקים פון ירמיה, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז „אין דער צייט פון דער אידישער גאולה וועלען אַלע אָנרופען ירושלים גאָט׳ס שטול, און צו איר וועלען זיך פאַרזאַמלען אַלע פעלקער". האָט געפרעגט רבי אלעזר ביי רבי אלעזר פון מודיעין: וועט ירושלים זיי אַלעמען קאָנען אַריינגעמען? האָט ער אים געענטפערט: דער אויבערשטער וועט איר דאַן זאָגען: ציי זיך אויס, ברייט זיך אויס, נעם אויף דיינע מאַסען (ילקוט שמעוני ח"ב רמז תע"ב).

„איינע פון די הויפּט אורזאַכען, וואָס האָבען געפירט צו דער פאַרלענגערונג פון דעם אידישען גלות, זאָגט דער גרויסער היסטאָריקער „יעבץ", איז געוועזען און איז נאָך, לײַדער, אויך היינט, די שרעקליכע אידישע מחלה פון אינפיריאָריטעט, אייגענער גרינגשעצונג. אין שוהל האָבען זיי דוכט זיך פּראָקלאַמירט דעם „אתה בחרתנו", אַז ג׳ האָט זיי אויסגעקליבען פאַר זיין אייגען פאָלק, אָבער אין גאַס האָבען זיי געשטרעבט צום „נהיה ככל הגוים בית ישראל" — לאָמיר זיין ווי אַלע אַנדערע פעלקער. כאָטש נאָרמאַל האָט עס געדאַרפט מיינען, אַז אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער זיינען געטריי זייער נאַציאָנאַליטעט און זוכען תמיד צו פאַרשטאַרקען זייער אייגענע מלוכה, האָט אַזוי אויך געדאַרפט זיין מיט דער אידישער אומה. האָבען אָבער אונזערע רעפאָרמיסטען עס אימער אויסגעטייטשט פונקט פאַרקערט. ביי זיי האָט דער „נהיה ככל הגוים" געמיינט: לאָמיר זוכען נאָכצומאַכען דעם גוי. אַלץ וואָס דער ניט־איד טוט אָדער זאָגט, איז גרויס און דערהאָבען; דאָס אידישע וואָרט, דער אידישער געדאַנק האָט ביי זיי אַ קנאָפּע ראָלע געשפּילט. תמיד האָבען זיי זיך באַטראַכט נידריגער פאַר דער גוישער סביבה, און אום צו געפעלען ווערען זייערע שכנים האָט מען אויסערליך געזוכט צו באַהאַלטען און פאַרמאַסקירען דעם אייגענעם פּנים".

פאַרלירט אַ פאָלק זיין זעלבסטווירדע און ווערט אָנגעשטעקט מיט דער מחלה פון „בטול היש" פון זעלבסטאונטערשעצונג און אייגענהאַס, מוז ער אויך פאַרלירען זיין פרייהייט און ווערען אַ „נכנע", אַ שקלאַף צו אַנדערע. דאָס איז געווען די הויפט סיבה, וואָס האָט געפירט צו דעם פאַרלוסט פון אונזער מלוכה און אונזער לאַנד, און דאָס איז אויך די הויפט אורזאַך פאַר דעם לאַנגען און פינסטערען גלות. „רני עקרה לא ילדה" — זינג קינדערלאָזע וואָס האָט גאָרנישט געבוירען. מיט די דאָזיגע ווערטער הויבט אָן דער נביא זיין טרייסט־הפטרה פון היינטיגער וואָך. „פצחי רנה וצהלי, לא חלה" — ברעך אויס אין אַ געזאַנג און פראָקלאַמיר, אַז דו ביזט שוין מער ניט קראַנק, אַז דו ליידסט מער ניט פון דעם שרעקליכען אינפיריאָריטי־קאָמפלעקס, וואָס האָט דיך געהאַלטען אַזוי נידעריג אין די טויזענטער יאָרען פון דיין גלות. שריי אויס פאַר דער וועלט, אַז טראָץ די אַלע גרויסע אומגליקען, וואָס דיר האָט געטראָפען, איז דיין נאַציאָנאַלער מוט ניט געבראָכען. פונקט ווי אין דער אמונה האָסטו דיינע האָפענונג אויף ציון ניט אויפגעגעבען, אַזוי זאָל עס אויך זיין אין דיין עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען. שטעל אַרויס דיינע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פאַר דער וועלט און קעמף מיט שטאָלץ פאַר דיינע רעכטען.

די פרוכטבאַרע אידישע אומה, וועלכע האָט אַזוי פיל געשאַפען אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז אין גלות געוואָרען אַן עקרה, אַ קינדערלאָזע. פאַר די טויזענטער יאָרען, וואָס זי האָט געהאַלטען אין אַרומוואַנדערען פון איין לאַנד אין אַ צווייטען, האָט זי קיין וויכטיגעס פאַר זיך ניט פּראָדוצירט. דער גלות איז אַ גרונטלאָזער „כף הקלע", מיט אַ ברייטער האַלז, וואָס שלינגט אין זיך אַריין אַלץ וואָס דער אומגליקליכער פרעמדער שאַפט און פּראָדוצירט. אויסער דעם וואָס „נכסי דחוץ לארץ אין להם מזל ברכה", די גיטער, וואָס אַ וואַנדערער דערווערבט אין דער פרעמד, האָבען ווייניג מזל ברכה, ווייל ער איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זיי, איז ער אויך ניט זיכער מיט זיינע קינדער. ווי זאָגט דאָרט די „תוכחה": „בנים ובנות תוליד ולא יהיו לך, כי ילכו בשבי", זין און טעכטער וועסטו געבוירען, זיי וועלען אָבער ניט זיין דיינע, ווייל זיי וועלען אַוועק צום גלות. יעדען גוטען קינד, וואָס דו וועסט האָבען, אַ זשעני, אַ קינסטלער, אַ דיפּלאָמאַט אָדער גרויסער אינדוסטריאַליסט, וועט ניט פאַררעכענט ווערען אויף דיין קאָנטאָ. זיי וועלען קרעדיטירט ווערען צו די גלות־לענדער, וואו דו וועסט

זיי געבוירען. בלויז די פאַרברעכער אָדער טויגעניכטסען פון דיינע קינדער וועלען פאַרשריבען ווערען אויף דיין רעכענונג.

אָבער מיט אַלע גרויזאַמקייטען האָט דער גלות דאָך ניט געקאָנט פאַר־שלינגען און אומברייגען דאָס אידיש פאָלק. טאַקע צוליב זיינע גרויסע רדיפות און פאַרפאָלגונגען איז דער גרעסטער טייל פון דעם פאָלק געבליבען באַוואוסט־זיניג אויף זיינע נאַציאָנאַלע פליכטען. „כי רבים בני שוממה מבני בעולה״ — פיל מער זיינען די קינדער פון דער פאַרוויסטער, ווי פון דער באַזעצטער. די גרויסע אומגליקען, וועלכע זיינען אונז באַפאַלען אין פינסטערען גלות, וואָס האָט וויסט און חרוב געמאַכט די אידישע קהלות, האָבען אָבער געהאָלפען צו האַלטען דעם גרעסטען טייל פון אונזערע קינדער געטריי צו אונזערע נאַציאָ־נאַלע שטרעבונגען און האָפענונגען. „הרבה צדיקים העמידה לי בחורבנה יותר משהעמידה לי בבנינה״ — פיל מער באוואוסטזיניגע אידען האָט מיר דאָס אידיש פאָלק צוגעשטעלט אין צייטען פון חורבן, איידער אין גוטע צייטען פון בויען און דערווערבען (שיר השירים רבה).

און דיין ישועה וועסטו ערשט באַקומען אין דיין אייגען לאַנד. אויב דו וועסט עס פאָדערען מיט אַלע דיינע כוחות, וועלען סוף־כל־סוף אויך די פעלקער פון דער וועלט איינזעהן די גערעכטיגקייט פון דיינע פאָדערונגען. „בעת ההיא יקראו לירושלים כסא ה׳״ — אין יענער צייט, וואָס די אידען אַליין וועלען רופען און שרייען, אַז ירושלים איז דער שטול פון זייער ג׳ און קיין אַנדער פלאַץ וועט ניט פאַרטרעטען די ברענענדיגע אידען־פראַגע, „ונקוו אליה כל הגוים״, וועלען זיך אויך אַרום איר פאַרזאַמלען אַלע פעלקער און זיי וועלען ענדליך איינשטימען דיר צוריקגעבען דיין ארץ אבות און דיר העלפען בויען דיין היימלאַנד דאָרט. צו די, וואָס צווייפלען אויב ארץ ישראל איז גרויס גענוג און פרעגען „מחזקת היא״, וועט זי קאָנען אויפנעמען די אַלע אידען און זיי באַזאָרגען מיט חיונה? זאָגען אונז די חז״ל: „עתיד הקב״ה לומר לה: האריכי, הרחיבי, קבלי אוכלוסיך״ — דער אויבערשטער וועט איר זאָגען: צי זיך אויס, ברייט זיך אויס, נעם אויף דיינע מאַסען (ילקוט שמעוני).

די גרעסטע לאַנד־עקספערטען, ווי דר. לאודערמילק און אַנדערע, האָבען אונז לעצטענס איבערצייגט, אַז די קליינע ארץ ישראל קאָן נאָך צוריק ווערען דאָס „ארץ זבת חלב ודבש״, דאָס לאַנד וואָס רינט מילך און האָניג, ווי אַמאָל. לויט זייער חשבון קאָן ארץ ישראל אַריינעמען נאָך פילע מיליאָנען אידען. זייער

חשבון איז אָבער ניט אין גאַנצען קאָרעקט, „כי ימין ושמאל תפרוצי — וערים נשמות יושיבו״, ווייל רעכטס און לינקס וועט איר זיך פאַרשפּרייטען און די פאַרוויסטע שטעט וועט איר באַזעצען. די גרעניצען פאַר ארץ ישראל וועלען זיין פיל ברייטער ווי די, וועלכע פעלקער זאָגען איצט. אירע גרעניצען האָט דער אויבערשטער לאַנג באַשטימט אין דער תורה הקדושה און זיי נעמען אַריין פיל וויסטע שטעט, וועלכע קאָנען צוריק אויפגעבויט און אויפגעריכט ווערען אין אריינגעמען דאָס גאַנצע פאָלק.

כי תבא

א.

טרייהייט, אַנטשלאָסענקייט און צוטרוי

וענו כל העם ואמרו אמן.

„אמן הזה יש בו ג׳ אספליאות: שבועה, קבלה ואמנה. אמר רבי יודן: כל מי שעונה אמן בעולם הזה, זוכה לענות אמן לעולם הבא" — דאָס וואָרט „אמן" האָט דריי באַדייטונגען: אַ שבועה פון טרייהייט, אַן אויסרוף פון אַנטשלאָסענקייט און אַן אויסדרוק פון צוטרוי. רבי יודן זאָגט: ווער עס ענטפערט אמן אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין צו ענטפערן אמן אויך אין דער קומענדער וועלט (דברים רבה ז׳).

„אידישער נאַציאָנאַליזם", זאָגט הרב יצחק יעקב ריינעס, ז״ל, „ציט איר יניקה פון צוויי באַזונדערע טעריטאָריעס, אַן ערדישע און אַ הימלישע. די ערדישע טעריטאָריע האָבען מיר צוויי מאָל געהאַט און ביידע מאָל פאַרלאָרען. אויסערליכע שונאים מיט דער הילף פון אינערליכע פאַררעטער האָבען דעם ערדישען באָדען פון אונטער אונזערע פיס אַוועקגערויבט און אונז געמאַכט פאַר אַ וואַנדער־פאָלק, וואָס וואַלגערט זיך אַרום איבער אַלע זיבען ימ׳ען פון דער וועלט. די הימלישע טעריטאָריע, אָבער, האָט אונז אימער אויפגעהאַלטען. קיין פיינטליכע מאַכט אין דער וועלט, האָט זי געמעגט זיין די שטאַרקסטע און די מעכטיגסטע, האָט אונז פון איר ניט געקענט אַראָפּטרייבען".

מיט׳ן אָננעמען די תורה זיינען מיר געוואָרען אַן „עם סגולה", אַן אייגענאַרטיג פאָלק, וואָס נויטיגט זיך ניט דוקא אין מאַטעריאַלען באָדען צו קענען אָנהאַלטען זיין עקזיסטענץ. דער „רוח", דער גייסט, איז שטאַרקער פון דעם „חומר", פון דעם קערפּער. ביים באַרג סיני האָט ג׳ באַשטימט דאָס אידיש פאָלק צו זיין א „ממלכת כהנים וגוי קדוש" — אַ קעניגרייך פון גייסטליכע און

אַ הייליג פאָלק, און אַלס אַזעלכעס באַזיצט עס דעם מיסטעריעזען כוח צו קענען עקזעסטירען איבעראַל, אונטער אַלע אומשטענדען, און קיין צעשטערענדע מאַכט אין דער וועלט איז ניט שטאַרק גענוג אים אומצוברייננגען.

דער הויפּט־ציל און תכלית פון דעם „עם ישראל" איז דורכצופירען אין לעבען די הויכע אידעאַלען פון דער תורה, וואָס זיי האָבען באַקומען פון ג׳ אַליין, און מיט דעם דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער. אָבער אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן פיל מצוות אין דער תורה, וואָס זיינען „תלויות בארץ", אָפּהענגיג פון אַן ערדישען באָדען און קענען אין פרעמדע לענדער ניט דורכ־געפירט ווערען, האָט פאַר אונז ג׳ באַשטימט „ארץ ישראל", אַן אייגענאַרטיג לאַנד, וואו מיר זאָלען קענען אַנפירען אונזער אייגענאַרטיג לעבען. דערפאַר זאָגט אונז משה רבנו: „כי תבא אל הארץ", גלייך ווי איר וועט אַנקומען אין לאַנד, „עשה מצוה שבשכרה תכנס לארץ", טוט אַזאַ מצוה, וואָס זאָל אייך פאַרדינט מאַכען אַריינצוקומען צו ווערען אין דעם לאַנד (ספרי).

און די מצוה, וואָס וועט אייך געבען דאָס רעכט צו באַזיצען אַן אייגענע ערדישע טעריטאָריע, באַשטייט אין דעם, וואָס איר זאָלט אייך גלייך פאַרבינדען מיט דער הימלישער טעריטאָריע, וואָס האָט אייך אויפגעהאַלטען אין די פרעמדע לענדער דורך די לאַנגע גלות־יאָרען. „ולקחת מראשית כל פרי האדמה", דו זאָלסט נעמען די ערשטע פון אַלע פרוכטען, וואָס די ערד פּראָדוצירט, „ושמת בטנא", און זאָלסט ער אַריינטאָן אין אַ קאָרב און עס אַוועקלייגען פאַר דעם מזבח פון ג׳ און בשעת מעשה זאָגען: „ארמי אובד אבי", די לבנ׳ס פון גלות האָבען געזוכט צו פאַרניכטען אונזער שטאַם, אָבער ג׳ האָט אונז באַפרייט פון זייערע הענט און געבראַכט צו דעם לאַנד, וואָס רינט מיט מילך און האָניג. איצט האָב איך געבראַכט פון אירע ערשטע פרוכט פאַר ג׳, כדי איך זאָל זיך קענען פרייען מיט דעם אַלעם גוטען, וואָס ער האָט מיר געגעבען.

מיט דער מצוה פון „בכורים", צו ברייננגען די ערשטע פרוכט פאַר אייער ג׳, זאָגט זיי משה, וועט איר זיך פאַרדינט מאַכען צו קענען דערווערבען אייער לאַנד און עס האַלטען אין אייער שטענדיגען באַזיץ. איר דאַרפט איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסען, אַז דער פאַרשפּרעכען פון ג׳ אייך צו געבען אַ לאַנד, איז ניט געווען געמיינט בלויז אייך צו באַזאָרגען מיט אַן אייגענעם באָדען, כדי איר זאָלט קענען ווערען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיג. איר מוזט אויך ווערען גייסטיג פריי. אין די פרעמדע לענדער איז ניט נאָר אייער עקאָנאָמישער

און פּאָליטישער מצב געוועזן אָפּהענגיג אינ׳ם „חסד לאומים״, אין דעם גוטען ווילען פון די פיינטליכע פעלקער, נאָר אויך אייער גייסטיגער מצב איז געוועזן אַ טרויעריגער און איבעראַל זייט איר געוועזן אַ „תולה בדעת אחרים״, אָנגעהאָנגען און באַאיינפלוסט פון פרעמדע קולטורען.

אין אייער אייגען לאַנד אָבער מוזט איר ווערען פולשטענדיג „בני חורין״ — פרייע מענשען, גייסטיג און קערפּערליך. איר מוזט דאָרט לייגען אַ בריק, וואָס זאָל פאַראייניגען אייער „ירושלים דלמעלה״, די הימלישע טעריטאָריע, וואָס האָט אייך דערנערט ביז איצט, און אייער „ירושלים דלמטה״, די ערדישע טעריטאָריע, וואָס איר נעמט זיך צו באַאַרבייטען. מיט האָבען ג׳ אין זינען ביי אַלע אייערע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען וועט איר ווערען אַ „גוי קדוש״, אַ הייליג פאָלק, וואָס וועט מיט זיינען הויכע אידעאַלען דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע פעלקער אין דער וועלט.

„כיצד מפרישין הבכורים״ — ווי דאַרף מען אָפּשיידען בכורים? ווי דאַרף אַ איד זיך נוהג זיין מיט די ערשטע צייטיגע פרוכט, וואָס ער באַמערקט אין זיין פעלד אָדער גאָרטען? „יורד אדם בתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה, אשכול שבכר, רמון שבכר, קושרו בגמי ואומר, הרי אלו בכורים, — אַז אַ מענש גייט דורך זיין פעלד אָדער וויינגאָרטען און ער באַמערקט אַ פייג, וואָס איז שוין פאַרטיג; וויינטרויבען, וואָס זיינען צייטיג געוואָרען, אָדער אַ מילגרוים, וואָס איז שוין פאַרטיג, זאָל ער עס אַרומבינדען מיט אַ שנירעל און זאָגען: „אָט די זיינען „בכורים״ און באַלאַנגען צו ג׳״ (בכורים פ״ג). אַ איד זאָל ניט וואַרטען ביז אַלע זיינע פרוכט ווערען צייטיג און ערשט דאַן געבען פון פולער האַנט פאַר גייסטיגע און צדקה־צוועקען. נאָך איידער ער ווייסט וואָס עס וועט זיך אים אַליין אָפּשטעלען, זאָל ער האָבען ג׳ אין זינען. דאָס וועט אים ברייגגען גליק און רייכטום.

און די אידען האָבען טאַקע פאַרשטאַנען אָפּצושאַצען דעם גייסטיגען ווערט פון „בכורים״, און מיט גרויס פייערליכקייט פלעגען זיי עס פירען נאָך ירושלים. אָט ווי אַזוי די משנה באַשרייבט די גראַנדיעזע פראָצעסיע פון ברייגגען די בכורים פאַר ג׳: אַלע דערפער פון אַ באַצירק פלעגען זיך פאַרזאַמלען אין שטאָט פון יענער געגענט. „לנין ברחובה של עיר״ — די נאַכט האָט מען פאַרבראַכט אין די הויפּט־גאַסען פון שטאָט און אין דער פרי פלעגט דער „ממונה״, דער אָנפירער, אויסרופען: „קומו ונעלה אל בית ה׳ אלקינו״ — לאָמיר אויפ־

שטיין און גיין צום הויז פון אונזער ג׳. ביי דער „עזרה״, דעם הויף פון בית המקדש, פלעגען זיי די לויים איבערנעמען מיט מוזיק און זינגען: „ארומימך ה׳ כי דליתנו״ — מיר דערהויבען דיך ג׳, ווייל דו האָסט אונז דערהויבען (שם).

מיט דער מצוה פון בכורים, זאָגט זיי ווייטער משה, „את ה׳ האמרת היום״ — באַשטעטיגט איר אייער פאַרשפּרעכען צו ג׳. „ללכת בדרכיו ולשמר חוקיו ומצותיו ומשפטיו ולשמוע בקולו״ — צו גיין אין זיינע וועגען, צו היטען זיינע געזעצען, מצות און משפטים און אים צו פאָלגען. „וה׳ האמירך היום״ — און אויך דער אויבערשטער פאַרשפּרעכט אייך היינט: „להיות לו לעם סגולה״ — אַז איר וועט ביי אים זיין אַן אויסדערוויילט פאָלק, „ולתתך עליון על כל הגוים״ — און דיך צו שטעלען העכער פאַר אַלע פעלקער, „ולהיותך עם קדוש לה׳״ — און צו פאַרבלייבען אַ הייליג פאָלק פאַר ג׳. קיין אַנדערע פאָלק אין דער וועלט האָט ניט אַזעלכע אידעאַלע געזעצען, וואָס פאַרבינדען דעם הימעל מיט דער ערד און מאַכען אים פאַר אַ מוסטער פון צדק און יושר, ווי דאָס אידישע פאָלק.

ביים אַריינקומען אין לאַנד פאַרזאָרגט משה דאָס פאָלק צו פאַרזאַמלען די שבטים שמעון, לוי, יהודה, יששכר, יוסף און בנימין אַרום דעם באַרג גריזים, און די שבטים ראובן, גד, אשר, זבולון, דן און נפתלי אַרום דעם באַרג עיבל. די לויים זאָלען זיך שטעלען אין מיטען און אויסרעכענען אַ ריי קללות פאַר ניט פאָלגען די מצוות פון ג׳ און אַ ריי ברכות פאַר אויספאָלגען די אַלע מצוות. נאָך יעדער קללה זיינען די אידען אָנגעזאָגט געוואָרען צו ענטפערען אמן. ביי די ברכות אָבער ווערט ניט אָגעזאָגט, אַז מען דאַרף ענטפערען אמן. וואָרום איז דאָס אַזוי? אויף דעם גיט אונז דער מדרש די פאָלגענדע דערקלערונג: דאָס וואָרט אמן האָט דריי באַדייטונגען: אַ שבועה פון טרייהייט, אַן אויסרוף פון אַנטשלאָסענקייט און אַן אויסדרוק פון צוטרוי. די אַלע דריי זיינען מער נויטיג אין שלעכטע צייטען, איידער אין גוטע.

ווען קללות באַפאַלען דאָס פאָלק, מוז יעדער איד שווערען טרייהייט צו זיין גלויבען, מיט אַנטשלאָסענקייט קעמפען פאַר זיינע נאַציאָנאַלע פּרינציפּען און האָבען צוטרוי צו זיינע פירער. „כל מי שעונה אמן בעולם הזה״ — דער וואָס ענטפערט אמן אויף דער וועלט און דריקט אויס טרייהייט, אַנטשלאָסענקייט און צוטרוי צו זיין אמונה און צו זיין פאָלק אין שווערע צייטען, וועט זוכה זיין צו ענטפערען אמן אויף דער קומענדער וועלט, ווען די ענדגילטיגע גאולה וועט

קומען און די אידען וועלען צוריק אויפגעבויט ווערען אַלס אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק אין זייער אייגען לאַנד.

הפטרה

די ישועה וועט זיכער קומען

והיה הקטן לאלף והצעיר לגוי עצום.

„עד שלא שקע אורו של גדול אין אורו של קטן מתפרסם, שקע אורו של גדול נתפרסם אורו של קטן" — ביז עס גייט ניט אונטער די ליכט פון דעם גרויסען, איז די ליכט פון דעם קליינעם ניט באַקאַנט. גייט אָבער אונטער די ליכט פון דעם גרויסען, ווערט דאַן די ליכט פון דעם קליינעם באַוואוסט (ב"ר פ' ו').

„קומי אורי" — שטיי־אויף און לייכט! שרייט אויס דער נביא צו ציון. דיר דוכט זיך, „כי בא אורך" — אז דיין ליכט איז אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען. פון די אוילפעלדער אין די אַראַבישע לענדער שלאָגען אַרויס שווערע וואָלקענס, וואָס ציען זיך איבער דיינע הימלען און פאַרשטעלען פאַר דיר דאָס שיין פון דער זון. צוליב דעם דאָזיגען ברען־מאַטעריאַל האָבען זאָגאַר די דעמאָקראַטישע מלוכות פאַרגעסען אַלע זייערע הויכקלינגענדיגע פרינציפען און פון זייערע זיסע הבטחות צו דיר האָט זיך אויסגעלאָזען אַ זויערער עסיג. פאַרצווייפעל אָבער ניט און פאַרליר ניט דיין מוט. „כבוד ה' עליך זרח" — איבער דיר שיינט דער כבוד פון ג' און זיין ליכט לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס. „מי שאמר לשמן וידלק יאמר לחומץ וידליק" — ווער עס האָט געהייסען דעם בוימעל ברענען, קען אויך הייסען דעם עסיג צו טאָן דאָס זעלבע (תענית כ"ה ע"א). דיין זויערע לאַגע וועט צוריק זיס ווערען און פון דער גרויסער פינסטערניש וועט אַרויסשיינען אַ העלע ליכט.

איידער דיין אייגענע זון וועט אויפשיינען וועלען אין דער וועלט פאָרקומען גרויסע איבערקערענישען. צוערשט, „החושך יכסה ארץ" — אַ שרעקליכע פינסטערניש וועט באַדעקען די וועלט. פינסטערע אָפּגרונטען פון האַס און נקמה וועלען אויפברויזען אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד און וועלען די גאַנצע

מענשהייט באַגיסען מיט ברענענדיגער לאַווע. שטעט און לענדער וועלען חרוב ווערען, מענשען און חיות וועלען פאַלען ווי די פליגען. די מי און אַרבייט פון לאַנגע דורות וועלען אַוועק מיט דעם שטראָם. די ברויזענדע כוואַליעס פון דעם בלוטיגען מבול וועלען אַלץ פאַרניכטען אין זייער וועג. און די גרויסע קאַטאַסטראָפע וועט זיך ניט אַזוי גיך איינשטילען. „וערפל לאומים״ — דער גרויסער כאַאָס, וואָס זי וועט ברייגגען אויף דער וועלט, וועט האַלטען אַלע פעלקער איינגעקלאַמערט אין שווערע וואָלקענס. זיי וועלען פאַר אַ לאַנגער צייט טאַפּען די ווענט און זוכען אַן אויסוועג צו פאַרלייכטערען די שווערע לאַגע, וואָס זיי האָבען אויף זיך אַליין געבראַכט. זיי וועלען אים אָבער ניט געפינען ביז זיי וועלען ניט זעהן, אַז „ועליך יזרח ה׳ וכבודו עליך יראה״ — אַז איבער דיר שיינט ג׳ און זיין כבוד ווערט איבער דיר געזעהן. כל זמן זיי וועלען ניט אָנערקענען דיינע רעכט און וועלען דיר ניט געבען די מעגליכקייט צו ווערען זעלבסטשטענדיג, וועט קיין שלום אויף דער וועלט ניט זיין. זייער ווילדע שנאה צו דיין פאָלק האָט זיי געבראַכט צו דער איצטיגער טרויעריגער לאַגע, און זייער עקזיסטענץ וועט קיינמאָל ניט זיין געזיכערט ביז „והלכו גוים לאורך ומלכים לנגה זרחך״ — אַז אַלע פעלקער וועלען גיין אין דיין ליכט און מלוכות אין דער העלקייט פון דיין שיין. דער אידישער אידעאַל פון שלום, וואָס באַשטייט אין דעם „לא ישא גוי אל גוי חרב״ — אַז איין פאָלק זאָל ניט הויבען אַ שווערד קעגען אַ צווייטען; „לא ירעו ולא ישחיתו״ — קיינער זאָל ניט זוכען שלעכטס צו טאָן אָדער פאַרדאַרבען דעם צווייטען. אָט דער אידעאַל איז דער איינציגער, וואָס וועט פאַרזיכערען דעם שלום פון דער וועלט.

די הפטרה פאַרענדיגט זיך מיט דעם מערקווירדיגען פסוק, וואָ סאיז כמעט אומפאַרשטענדליך. ער זאָגט: „הקטן יהיה לאלף והצעיר לגוי עצום, אני ה׳ בעתה אחישנה״ — פון דעם קליינעם וועט ווערען אַ טויזענט און פון דעם יונגען אַ שטאַרק פאָלק, איך ג׳ וועל אין איר צייט איר צואיילען. מיין פאָטער ע״ה דערקלערט דעם פסוק אויף אַזאַ אופן: „אַז עס וועט קומען אַזאַ צייט, ווען אַ קליינער אידישער אינגעל וועט באַגיין אַ פאַרברעכען, וועלען די גויים דערפאַר באַשטראָפען אַ גאַנצע געמיינדע פון טויזענט אידען; ווען פאַר דעם חטא פון עטליכע יונגע חברה וועט מען האַלטען דאָס גאַנצע פאָלק פאַראַנטוואָרטליך — אין אַזאַ צייט מוז זיך ג׳ אַליין אַריינמישען און צואיילען די גאולה״.

אונזערע חכמים דריקען אויס דעם פאָלגענדען געדאַנק: די אַלע צרות,

וואָס אונזער פאָלק איז ביז איצט אויסגעשטאַנען אין דער וועלט, האָט זיך גענומען פון דעם וואָס ער איז אַ „קטן וצעיר" — קליין און מינדערוויכטיג צווישען די פעלקער. „עד שלא שקע אורו של גדול אין אורו של קטן מתפרסם" — כל זמן די ליכט פון דעם גרויסענגייט ניט אונטער, קוקט מען זיך ווייניג אַרום אויפ'ן ליכט פון דעם קליינעם. „כל דאלים גבר" — ווער עס איז שטאַרקער, יענער הערשט, און דער שוואַכער ווערט אונטערדריקט און פאַרשטויסען. „שקע אורו של גדול נתפרסם אורו של קטן" — אָבער ווען די ליכט פון דעם גרויסען וועט אונטערגיין, דאַן וועט זיך אַרויסווייזען דאָס ליכט פון דעם קליינעם. אַז די גרויסע פעלקער וועלען כאַפּען זייער מפלה און זייער אימפעריאַליסטישע מאַכט וועט אָנפאַנגען צו צאַנקען, דאַן וועט דאָס ליכט פון דעם קליינעם און אָרימען ישראל אויפשיינען אין זיין פולער פראַכט.

ב.

די ערשטע און די צווייטע תוכחה

והיה אם לא תשמע בקול ה'.

„תניא: ר' שמעון בן אלעזר אומר: עזרא תיקן להם לישראל, שיהו קורין קללות שבתורת כהנים קודם עצרת, ושבמשנה תורה קודם ר"ה. מאי טעמא? אמר אביי ואיתימא ריש לקיש, כדי שתכלה השנה וקללותיה" — מיר האָבען געלערענט: רבי שמעון, דער זון פון רבי אלעזר, זאָגט: עזרא האָט איינגעפירט ביי אידען, אַז זיי זאָלען לייענען די תוכחה פון בחוקותי פאַר שבועות, און די תוכחה פון כי תבא פאַר ראש-השנה. וואָס איז דער טעם דערפון? אויף דעם גיט אַ דערקלערונג אַביי, אָדער, ווי אַנדערע ווילען האָבען, ריש-לקיש, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט דער כוונה אויסצודריקען די האָפענונג, אַז עס זאָל זיך שוין פאַרענדיגען דאָס יאָר מיט זיינע קללות (מגילה ל"א ע"ב).

דער חומש דברים, ווי מיר האָבען שוין איינינגע מאָל דערקלערט, באַשטייט פון „דברים", לעקציעס, וואָס משה רבנו האָט געהאַלטען פאַר דער אידישער יוגענט „בעבר הירדן", אויף דער אַנדער זייט פון ירדן, וואו זיי זיינען געשטאַנען גרייט צו גיין קעמפען פאַר זייער לאַנד און עס נעמען אין זייער באַזיץ. אַט די

לעקציעס זיינען באַקאַנט אין דער אידישער טראַדיציע אַלס „משנה תורה״, אַ קאָפּיע פון דער תורה, ווייל אין זיי ווערען ווידערהאָלט און דערקלערט אַלע דינים און פאַרשריפטען, איבער וועלכע עס ווערט גערעדט אין די ערשטע פיר חומשים, און אויך נייע דינים און דירעקטיוועז, ווי זיי זאָלען זיך אויפפירען, כדי צו פאַרזיכערען דאָס עקזיסטענץ פון זייער פאָלק און זייער לאַנד. דער גרעסטער טייל פון הייַנטיגער סדרה איז געווידעמט צו דער טעמע פון „כי תבא אל הארץ״, ווי אַזוי אידען קאָנען צוקומען צו האָבען אַן אייגען לאַנד און ווי אַזוי זיי קאָנען עס חו״ש פאַרלירען.

דער צוטריט פון אידען צו אַן אייגען לאַנד מוז זיין פאַרשידען פון דעם פון אַנדערע פעלקער. ביי זיי איז דער שטייגער, אַז זיי נעמען־איין אַ געוויס לאַנד, זוכען זיי צו פאַרכאַפּען אַלע דאָרטיגע רעסורסען און לאָזען זיך וואוילגיין אויף דעם חשבון פון די אָרימע איינוואוינער. די רעגירונג, וואָס האָט דאָס לאַנד באַזיגט, קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע אייגענטום און פאַרנעמט אַלע פּראָדוקציעס. אידען מוזען זיך אָבער אַנדערש אויפפירען: „כי תבא אל הארץ, עשה מצוה שבשכרה תכנס לארץ״ — אַז איר ווילט צוקומען צו דעם לאַנד, טוט פריער אַזאַ מצוה, וואָס זאָל אייך פאַרדינט מאַכען אַריינצוקומען אין לאַנד (ספרי). דאָס שווערד, מיט וועלכען איר האָט זיך באַנוצט צו באַקעמפען דעם שונא, זאָלט איר אַוועקלייגען אין אַ זייט אַזוי גיך ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיגט. די מיליטערישע מאַכט, וואָס האָט באַזיגט די חילות פון דעם פיינט, זאָל ניט איבערנעמען די הערשאַפט איבער דער ציווילער באַפעלקערונג. דאָס לאַנד מוז געפירט ווערען לויט די געזעצען פון צדק און יושר; גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען גלייך, ווי איר ווערט אַנגעזאָגט אין דער תורה.

דער הויפּט תכלית פון באַזאָרגען דאָס אידיש פאָלק מיט אַן אייגען לאַנד איז ניט נאָר צו מאַכען אים פּאָליטיש און עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיג, אַז ער זאָל ניט דאַרפען אַנקומען צו דעם „חסד לאומים״, דעם גענאַד און דער גוטהאַרציגקייט פון אַנדערע פעלקער, פאַר זיין טאָג־טעגליכער חיונה. דער הויפּט ציל איז אויך אים צו מאַכען גייסטיג אומאָפּהענגיג, אַז ער זאָל שוין מער ניט דאַרפען זיין אַ „תולה בדעת אחרים״ — אָפּהענגיג אין דער דעה און אין דער קולטור פון אַנדערע פעלקער. בלויז אין זיין אייגען לאַנד וועט ער באַקומען די ריכטיגע געלעגענהייט זיך צו אַנטוויקלען גייסטיג שטאַרק און דערמיט דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער.

אידישע נאַציאָנאַליטעט ציט איר הויפּט יניקה פון דער רעליגיע. ג׳ האָט אויסגעקליבען די אידען פאַר זיין „עם סגולה״, פאַר זיין אויסדערוויילט פאָלק, כדי זיי זאָלען דורכפירען אין לעבען די הויכע אידעאַלען פון זיין תורה. דער תכלית, די הויפּט־פונקציעס פון דעם „עם־ישראל״ זיינען אָנגעצייכענט אין זיין „תורת ישראל״ — און אַזוי ווי עס גיבען פיל מצוות, וואָס זיינען „תלויות בארץ״, אָנגעווענדעט אין אַן אייגען לאַנד, און קאָנען אין פרעמדע לענדער ניט דורכגעפירט ווערען, האָט פאַר זיי ג׳ דערפאַר באַשטימט „ארץ ישראל״, אַן אייגענאַרטיג לאַנד, וואו זיי זאָלען קאָנען פירען זייער אייגענאַרטיג לעבען. „ארץ ישראל״ קאָן דעריבער ניט באַטראַכט ווערען פון די אידען בלויז אַלס „ארץ חמדה, טובה ורחבה״, אַ ליב, גוט, רחבות׳דיג לאַנד פאַר זייערע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, נאָר זי איז אויך באַשטימט צו זיין דער „משכן כבודך״ — דער צענטער פון געטליכקייט און גייסטרייכער דערהויבענקייט.

די ערשט־צייטיגע פרוכט, וואָס די ערד וועט פאַר אייך פּראָדוצירען, זאָגט זיי משה, זאָלט איר אַריינטאָן אין אַ קאָרב און עס ברייגנען צום כהן אין בית־המקדש. דער הויפּט געדאַנק פון בכורים, דערקלערט דער עקרים, איז „לנטוע בלב כל אחד מישראל את ההכרה שמה שיש לו מד׳ ניתן לו״ — איינצו־פלאַנצען אין דעם האַרץ פון יעדען אידען די אָנערקענונג, אַז וואָס ער פאַרמאָגט, איז עס אים פון ג׳ געגעבען געוואָרען. צו קאָנען אַרבייטען מוז מען זיין געזונט, און געזונטקייט קומט פון ג״; אַז די ערד זאָל קאָנען פּראָדוצירען, מוז זי האָבען רעגען אין צייט, און רעגען קומט פון דעם אויבערשטען; רייכטום איז מערסטענס דער רעזולטאַט פון גליקליכע צופאַלען, און דער צופאַל ליגט אין די הענט פון דעם בורא עולם.

„בכורים״ — צו ברייגנען די ערשט־צייטיגע פרוכט פאַר ג׳, איז געמיינט אַרויסצורופען אין יעדען אידען די באַוואוסטזיניגקייט, אַז וואָס ער האָט, איז ניט אינגאַנצען זיינס. דאָס וועט אים ברייגנען צו טאָן זיין פולע פליכט צום פאָלק און צו דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער פאַרקערט. אַז אַ מענש האָט ג׳ אין זינען און ער ברייגנט זיינע ערשטע פרוכט פאַר אים, איז מען זיכער, אַז ער וועט געבען זיין „תרומה״ צום כהן, זיין „מעשר ראשון״ צום לוי און זיין „מעשר שני״ צו דעם אָרימאַן. די גייסטיגע און עקאָנאָמישע הצטרכות׳ן פון דער געזעלשאַפט וועלען געניסען זייער געהעריגען חלק פון זיין פאַרמעגען, וואָס גב״ה האָט אים געגעבען. „בכורים״ איז אַ מצוה, „שבשכרה תכנס לארץ״, וואָס

צוליב איר זכות פאַרדינען אידען צו האָבען אַן אייגען לאַנד, אַזעלכע אידעאַלע אויפפירונגען מאַכען זיי פאַר אַן „עם סגולה", פאַר אַן אייגענאַרטיג פאָלק און אַן אויסנאַם צווישען די אַנדערע פעלקער.

„שויתי ה' לנגדי תמיד" — שטענדיג צו האָבען ג' אין זינען — דאָס דאַרף זיין דער גייסטיגער מאָטיוו פון יעדען אידען. אונזערע אַלטע, פרומע טאַטעס אַמאָל פלעגען צו הבדלה, שבת־צו־נאַכט, אויסגיסען אביסעל וויין פון כוס אויפ'ן טיש און אין דעם אויסלעשען די הבדלה־ליכט. נאָכדעם פלעגען זיי איינטונקען זייערע שפיץ פינגער אין דעמזעלבען וויין און מיט דעם באַנעצען זייערע אויגען און אויך זייערע טאַשען. אַז איך האָב קליינערהייט געפרעגט מיין פאָטער ע"ה דעם טעם דערפון, האָט ער מיר דערקלערט: „שבת איז אַ איד מער באַוואוסטזיניג וועגען זיין ג' און זיין פאָלק; אין מיטען דער וואָך איז ער צופיל פאַרהאַוועט צו פאַרטראַכטען זיך איבער העכערע ענינים. דעריבער נעמען מיר דאָס ביסעל וויין, אין וועלכען דאָס ליכט פון דער הבדלה איז אויסגעלאָשען געוואָרען, און באַנעצען אונזערע אויגען און אויך אונזערע קעשענעס, כדי אָנצודייטען דאָס אונזער בקשה איז, אַז אויך אין די וואָכענטעג זאָלען אונזערע אויגען זוכען די קדושה פון ג' און אונזערע קעשענעס זאָלען אָנגעפילט ווערען מיט ערליכע פאַרדינסטען, ווי ג' האָט געבאָטען.

די זיכערקייט פון דעם אידישען פאָלק אויף זיין לאַנד איז דעריבער שטאַרק געווענדט אין דעם „כי תשמע אל מצוות ה'" — אַז איר וועט זיך צוהערען און אויספאָלגען די פאַרזאָרגען פון ג'. „והיה אם לא תשמע" — וואָס וועט אָבער זיין, אויב איר וועט זיך ניט צוהערען און אויספאָלגען די מצוות פון ג'? דאַן וועט איר אייער לאַנד פאַרלירען און זיך מוזען וואַלגערען אין פרעמדע לענדער, „ובאו עליך כל הקללות האלה והשיגוך" — און דאָרט וועלען אויף אייך קומען אָט די אַלע קללות און וועלען אייך גרייכען איבעראַל וואו איר וועט זיך געפינען. און משה רעכענט אויס פאַר זיי אַ לאַנגע ליסטע פון אומגליקען, איינס גרעסער און שרעקליכער פאַר דעם צווייטען. כאָטש אין אַלע חוקים און משפטים, וואָס משה ווידערהאָלט אין זיין משנה־תורה, פאַסט ער זיך זעהר קורץ און גיט זיי איבער אין כמעט געציילטע ווערטער, איז ער אָבער שטאַרק מאריך אין די קללות פון דער תוכחה, וועלכע איז פיל לענגער פאַר דער פון דעם חומש ויקרא.

דער רמב"ן ז"ל גיט אויף דעם אַ העכסט־לאָגישע דערקלערונג, וועלכע

איז היסטאָריש אויסגעהאַלטען. ער זאָגט: די ערשטע תוכחה שילדערט די אומגליקען, וואָס ברייננגען צו „חורבן הארץ“ — קללות, וואָס צעשטערען אַ לאַנד און טרייבען דאָס פאָלק אין גלות. די צווייטע תוכחה, אָבער, באַשפרעכט די קללות פון „חורבן העם“ — די אומגליקען, וואָס אַ פאָלק אין גלות האָט דורכ־צומאַכען". אַ לאַנד איז עלול צו פאַרלירען די זעלבסטשטענדיגט אין אַ גאַנץ קורצער צייט. אויב די מלוכה פאַלט אַריין אין די הענט פון גרויזאַמע און גייציגע פירער, וועלכע באַטראַכטען ברוטאַלע מאַכט פאַר דעם איינציגען רעכט צו הערשען, און דאָס פאָלק גייט מיט זיי אויף אַלע זייערע קרומע וועגען, נעמט עס ניט לאַנג פאַר'ן לאַנד חרוב צו ווערען. די ערשטע תוכחה איז דעריבער קורץ און שאַרף. אָבער אין גלות איז דאָס לעבען פון אַ פאָלק אינגאַנצען איינגע־טונקט אין קללות, וואָס געדויערען לאַנג און דריקען עקאָנאָמיש און גייסטיג — דערפאַר איז די צווייטע תוכחה פיל לענגער און שרעקליכער".

די „תוכחת“ אין ויקרא, וועלכע באַציט זיך אויף אומגליקען, וואָס וועלען באַפאַלען דאָס לאַנד, אויב די אידען וועלען ניט אָפּהיטען די דינים פון דער תורה, האָט עזרא מתקן געווען, אַז מען זאָל זיי לייענען „קודם עצרת“ — פאַר שבועות, ווייל דאַן איז שניט־צייט אין ארץ ישראל, און דאָס איז געמיינט פאַר אַ וואָרנונג צו די אידען, וועלכע וואוינען אין לאַנד. אָבער די צווייטע תוכחה, וואָס באַציט זיך אויף די אומגליקען פון גלות, האָט ער איינגעפירט צו לייענען פאַר ר"ה, אין די טעג פון תשובה, פון באַדענקען זיך, כדי דאָס פאָלק זאָל זיך אָפּגעבען אַ „חשבון הנפש“ און זיך פאַרטיפען אין זיין שלעכטער לאַגע, „כדי שתכלה השנה וקללותיה“ — כדי אַז מיט דעם יאָר זאָלען זיך ענדיגען אַלע קללות. וועלען אידען ווערען באַוואוסטזיניג אויף זייערע פליכטען, וועט דאָס נייע יאָר זיי ברייננגען די ריכטיגע ישועה.

הפטרה

דאָס ליכט, וואָס וועט שיינען איבער ציון

והיה לך ה' לאור עולם.

„ישראל נמשלו לזית והקב"ה לנר — מה דרכו של שמן לינתן בנר והם מאירים שניהם כאחת, כך אמר הקב"ה לישראל: הואיל ואורי הוא אורכם, ואורכם הוא אורי, אני ואתם נלך ונאיר לציון“ — די אידען זיינען געגליכען צו

אַן אוילבערט און דער אויבערשטער צו אַ לייכטער. אַזוי ווי דער שטייגער איז אַריינצוגיסען דאָס בוימעל אין דעם לייכטער און דאַן לייכטען זיי בײדע צוזאַמען, זאָגט דעריבער ג׳ צו די אידען: וויבאַלד מיין ליכט איז אויך אייער ליכט און אייער ליכט איז אויך מיין ליכט, לאָמיר בײדע, איך און איר, גיין און באַלייכטען ציון (פסיקתא רבתי).

איידער די אידישע גאולה וועט קומען, זאָגט אונז דער נביא פון היינטיגער הפטרה, וועלען פאַרקומען גרויסע וועלט־איבערקערענישען. „החושך יכסה ארץ וערפל לאומים״ — אַ שווערע פינסטערניש וועט באַדעקען די ערד און אַלע פעלקער וועלען זיין איינגעוויקעלט אין אַ שוואַרצען נעפעל. גרויסע בלוט־בעדער וועלען פאַרטרינקען פעלקער און לענדער און זייער ציוויליזאַציע מיט אַלע אירע דערגרייכונגען וועט האַלטען ביים אונטערגיין. דאָס אידיש פאָלק, ווי געוויינליך, וועט ליידען מער פאַר אַלע און איבער ציון וועלען זיך אויס־שפרייטען דיקע און פינסטערע וואָלקענס. ער הייסט איר אָבער ניט פאַר־צווייפלען און טרייסט זי: „קומי, אורי, כי בא אורך״ — שטיי־אויף, לייכט־אויף, כאַטש דיר דוכט זיך, אַז דיין ליכט איז שוין אונטערגעגאַנגען (רד״ק), „וכבוד ה׳ עליך זרח״ — ווייל די פראַכט פון ג׳ שיינט־אויף איבער דיר.

ציון באַקלאָגט זיך: „עזבני ה׳ וה׳ שכחני״ — פאַרלאָזען האָט מיך ג׳, ג׳ האָט מיר פאַרגעסען. מיין לאַגע איז אַן אומדערטרעגליכע. אַלע הבטחות, וואָס זאָגאַר די פאַרגעשריטענע פון די פעלקער האָבען מיר צוגעזאָגט, זיינען אויסגערונען געוואָרען. קיינער פון זיי האַלט ניט זיין וואָרט און קימערט זיך ווייניג איבער דער טרויעריגער לאַגע פון מיינע קינדער, וועלכע שמאַכטען נאָך אַלץ אין קאָנצענטראַציע־לאַגערען און האָבען זיך ניט וואו אַהינצוטאָן. מיינע טירען זיינען געשלאָסען פאַר זיי, ווייל מיין לאַנד איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַ פּיראַטען־אימפּעריע, וועלכע זוכט אומצוברייגען מיין פאָלק און פאַרהאַלטען פאַר זיך אַלע מיינע גרעניצען. דער אויבערשטער זאָגט איר אָבער: „אני עסוק להעביר מלוכות מן העולם, ולא כבר עברתי בבל, מדי ויון, ועומד אני להעביר מלכות הרביעית, והיא מתרעמת לפני ואומרת: „עזבני ושכחני״ — איך האָב זיך פאַרנומען, צוליב איר, אונטערצוברייגען גרויסע מלוכות פון דער וועלט און איך האָב שוין לאַנג אונטערגעבראַכט אַזעלכע מלוכות ווי בבל, מדי און יון, און איצט בין איך גרייט אונטערצוברייגען אויך די פערטע מלוכה, וואָס שטערט

איר אויפבוי, און זי באַקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז איך האָב זי פאַרלאָזען און פאַרגעסען!... (ילקוט שמעוני ת״ע).

די הויפט סיבה, וואָרום דו ביזט אַזוי לאַנג פאַרלאָזט געוואָרען, איז געווען, ווייל דיינע אייגענע קינדער האָבען דיך אויסגעביטען אויף פרעמדע גלות־לענדער און פון דיר האָבען זיי געוויכט. איצט אָבער, „שאי סביב עיניך וראי, כלם נקבצו באו לך״ — הויב־אויף רונד־אַרום דיינע אויגען און זעה: זיי אַלע גרופּירען זיך און קומען צו דיר. „בניך מרחוק יבאו ובנותיך על צד תאמנה״ — דיינע זין קומען פון אַלע וויטענישען און דיינע טעכטער ווערען דורך זייטיגע וועגען געטראָגען. און אַז דיינע קינדער האָבען איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשלאָסען צוריקצוקערען זיך צו דיר, וועט זיי קיין זאַך ניט אָפּהאַלטען. ופתחו שעריך תמיד יומם ולילה״ — דיינע טויערען וועלען נאָך זיין שטענדיג אָפען, טאָג און נאַכט. „לא יסגרו״ — זיי וועלען ניט בלייבען געשלאָסען. „כי הגוי והממלכה אשר לא יעבדוך יאבדו״ — ווייל דאָס פאָלק און די ממלכה, וואָס וועט דיר ניט דינען און ניט האַלטען אירע צוזאָגען, וואָס זי האָט דיר געמאַכט, וועט ענדליך פאַרלאָרען גיין.

דאָס ליכט פון אידישען פאָלק איז זיין גלויבען אין ג׳ און זיין געטריישאַפט צו זיינע נאַציע. מיט דעם בטחון, אַז ג׳ וועט אים ניט פאַרלאָזען, איז ער דורכ־געגאַנגען דעם לאַנגען, פינסטערען גלות און איז געבליבען גאַנץ, טראָץ די שרעקליכע צרות און רדיפות. דאָס אידיש פאָלק איז געגליכען צו אַן אוילבערט: וואָס מער ער ווערט געדריקט, אַלץ מער בוימעל גיט ער פון זיך אַרויס. זיין אמונה איז געווען דער לייכטער, וואָס האָט באַלויכטען אַלע זיינע וועגען. און אויב זיי וועלען זיך ווייטער צוזאַמענעמען, וועלען זיי שיינען איבער ציון. „לא יבא עוד שמשך וירחך לא יאסף״ — ניט אונטערגיין וועט דיין זון מער און דיין לבנה וועט ניט איינגעטאָן ווערען. „כי ה׳ יהיה לך לאור עולם ושלמו ימי אבלך״ — וואָרים ג׳ וועט דיר זיין פאַר אַן אייביג ליכט און ענדיגען וועלען זיך די טעג פון דיין טרויער.

ג.

ווייניג ברכות און צופיל קללות

ובאו עליך כל הקללות האלה והשיגוך.

„אין מפסיקין בקללות, מפני שאין אומרים ברכה על הפורעניות. אמר אביי, לא שנו אלא בקללות שבתורה, אבל של משנה תורה פוסק. מאי טעמא? הללו בלשון רבים נאמרות ומשה מפי הגבורה אמרן, והללו בלשון יחיד נאמרות ומשה מפי עצמו אמרן" — דער בעל קורא זאָל ניט מפסיק זיין אין מיטען לייענען די תוכחה, ווייל מען מאַכט ניט אַ ברכה אויף אומגליקען. אביי זאָגט, אַז אָט דער דין איז געלערענט געוואָרען בלויז אויף די קללות פון דער „תורה" און ניט אויף די פון „משנה תורה", וואו מען מעג מפסיק זיין. דער טעם דערפון איז, ווייל די ערשטע תוכחה פון „בחוקותי" איז געזאָגט געוואָרען אין אַ לשון רבים און משה האָט זיי איבערגעגעבען פון גאָט'ס מויל. די אָבער פון „כי תבא" איז געזאָגט געוואָרען אין אַ לשון יחיד און קומען פון משה'ס מויל אַליין (מגילה ל"א, ע"ב).

אויסער צו זיין דער גרעסטער געזעץ־בוך, וואָס די וועלט פאַרמאָגט, ווערט אויך אונזער תורה באַוואונדערט אַלס מוסטער פון שפּראַך און דיקציע. אירע פסוקים און פרשיות זיינען „מועט המחזיק את המרובה", קאָנדענסירט אין פאָרם, אָבער רייך אין אינהאַלט. אַ קורצע פראַזע פון אייניגע ווערטער גיט אַמאָל איבער אַ געזעץ פון העכסטער וויכטיגקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט. אַ קליינער זאַץ בלויז פון איין שורה באַשפּרעכט אַן עפּאָכע פון דורות. זאָגאַר איין וואָרט פון בלויז עטליכע בוכשטאַבען ברייגט מאַנכעמאָל אַרויס אַ געדאַנק, וואָס האַלט אין באַצויבערן וועלטען. אונזערע חכמים, וועלכע זיינען אַליין געוועזן גרויסע בריות אויף „צמצום", אויף קאָנצענטראַציע פון מחשבה און כונה, האָבען ניט נאָר געציילט די אותיות פון דער תורה, זיי האָבען זאָגאַר גע'דרש'נט „על קוץ וקוץ של כל אות", איבער די שטריכען פון יעדען אות (רש"י סוטה מ"ט ע"א). פון אַ „חסר" אָדער „יתיר", אַ פעלענדען אָדער איבעריגען בוכשטאַב האָבען זיי אַרויסגעדרונגען פילע דינים, וואָס האָבען באַרייכערט די אידישע „הלכה", דעם אידישען געדאַנקען־גאַנג און אים געמאַכט צוגענגליך פאַר אַלע צייטען און דורות.

אויב די ערשטע פיר חומשים פון דער תורה זיינען אַ מוסטער פון „צמצום״ און קאָנצענטראַציע, איז דער פינפטער חומש „דברים״ אַ מוסטער איבער אַלע מוסטערס, ווייל אין אים ווערען ווידערהאָלט אַלע דינים, פּרינציפּען, אידעאַלען און אויך פּאַסירונגען, וועגען וועלכע עס ווערט פאַרהאַנדעלט אין די ערשטע פיר חומשים. אין קורצע אָבער אינהאַלטסרייכע פסוקים און ווערטער גיט אונז משה איבער די געשיכטע פון די אידען אין די פערציג יאָר פון זייער וואַנדערען אין דער מדבר. חוקים און משפטים, וואָס פאַרנעמען אין דער תורה גאַנצע פרשיות, ווערען דערקלערט אין בלויז אייניגע פראַזען. היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבען גענומען יאָרען, ווערען איבערגעגעבען אין איינציגע ווערטער. משה רבנו, ווי עס ווייזט זיך ארויס, איז געווען דער גרעסטער קינסטלער פון „צמצום״, פון אַריינקוועטשען אַ ים מיט געדאַנקען אין עטליכע קורצע שורות.

בלויז אין איין אָרט האָט ער פיל מאריך געווען און צוגעלייגט אַ היפּשע צאָל ווערטער און פראַזען, וועלכע מיר געפינען ניט אין די ערשטע טיילען פון דער תורה, און דאָס איז אין דער תוכחה פון דער היינטיגער סדרה, וועלכע איז פיל לענגער ווי די פון „בחוקותי״ אין חומש „ויקרא״. פאַר פאַלגען אָדער ניט פאַלגען די מצוות פון ג׳ ווערט אין דער תורה גופא אַנגעגעבען אַ גרעסערע צאָל ברכות און אַ קלענערע צאָל קללות, און אין „משנה תורה״ וועלכע משה אַליין האָט פאַרפאַסט, ווערען אויסגערעכענט פיל ווייניגער ברכות און אַ סך מער קללות.

אונזערע חז״ל וואונדערען זיך שטאַרק איבער דעם און באַמערקען סאַרקאַסטיש: „בא וראה שלא כמדת הקב״ה מדת בשר ודם; הקב״ה ברך ישראל בעשרים ושתים וקללן בשמונה, ואילו משה רבנו ברכן בשמונה וקללן בעשרים ושתים״ — קום און זע, ווי די מענשליכע מידות זענען ניט ווי די פון דעם אויבערשטען; ג׳ האָט געבענשט די אידען מיט צוויי־און־צוואַנציג ברכות און זיי געשאָלטען בלויז מיט אַכט קללות, דאַגעגען משה רבנו האָט זיי געשאָלטען מיט צוויי־און־צוואַנציג קללות און זיי געבענשט בלויז מיט אַכט ברכות (ב״ב פ״ח, ע״ב).

דער רמב״ן גיט אויף דעם אַ העכסט לאָגישע דערקלערונג, וועלכע איז היסטאָריש אויסגעהאַלטען. ער זאָגט: די ערשטע תוכחה שילדערט די אומגליקען, וואָס ברענגען צו „חורבן הארץ״ — וועגען קללות, וואָס צעשטערען אַ לאַנד און

טרייבען דאָס פאָלק אין גלות: ונתתי עריכם שממה, והשמותי את הארץ, ואתכם אזרה בגויים" — איך וועל מאַכען פון אייערע שטעט אַ חורבן, איך וועל פאַרוויסטען דאָס לאַנד, און אייך וועל איך צעשפּרייטען צווישען די פעלקער. די צווייטע תוכחה אָבער באַשפּרעכט די קללות פון „חורבן העם", די אומ־גליקען, וואָס באַפאַלען דאָס פאָלק, אַז ער פאַרלירט זיין נאַציאָנאַלע ווירדע: „יככה ה' בשגעון ובעורון ובתמהון לבב, בנים ובנות תלד ולא יהיו לך, ונתן ד' לך שם לב רגז וכליון עינים ודאבון נפש" — ג' וועט דיך פּלאָגען מיט משוגעת און מיט בלינדקייט און מיט צעדולדקייט פון הארצען; זין און טעכטער וועסטו האָבען, אָבער זיי וועלען ניט בלייבען ביי דיר; און ג' וועט דיר געבען דאָרט אַן אומרואיג האַרץ, אַן אויסגייעניש פון די אויגען און פאַרשמאַכטונג פון דער זעל.

ווען עס האַנדעלט זיך וועגען „חורבן הארץ", וועגען קללות, וואָס האָבען געבראַכט דאָס פאָלק צו פאַרלירען זיין אייגענע היים און ווערען אַ שטענדיגער וואַנדערער אין דער פרעמד, איז „אין מפסיקין", זאָל מען זיך ניט אָפּטיילען פון כלל. יחידים, ווי גרויס און מעכטיג זיי זאָלען ניט זיין, קאָנען ניט אַראָפּ־ברענגען דעם משיח פון אַ פאָלק. צו גרינדען אַן אייגענע היים, מוז זיין „בנעורינו ובזקנינו נלך" — יונג און אַלט מוזען צוזאַמען אַרבייטען פאַר דעם צוועק. טיילען זיך מאַנכע אָפּ און שטערען די אַרבייט פון „בנין הארץ", פון צוריקבויען דאָס לאַנד, זענען זיי „מברכין על הפורעניות", זיי מאַכען אַ ברכה אויף די אידישע אומגליקען און פאַרלענגערען דעם גלות פון זייער פאָלק.

אָבער אַרויסגיין פון גלות קאָן יעדער יחיד. אויב ער זאָל מפסיק זיין און אויפהערען געבען זיינע כוחות צו פרעמדע, ווערט ער אַ פרייער איד — וואו ער זאָל זיך ניט געפינען. ווי שיין די גמרא דריקט זיך אויס איבער דעם דאָזיגען געדאַנק: „לוי בר בוטי הוה קרי וקא מגמגם קמיה דרב הונא בארורי, אמר לו אכנפשך לא שנו אלא קללות שבתורת כהנים אבל שבמשנה תורה פוסק" — לוי דער זון פון בוטי האָט געלייענט און אָפּגעשטאַמעלט פאַר רבי הונא די קללות פון דער היינטיגער תוכחה. האָט ער אים געזאָגט: „דאָס ווענדט זיך אין דיר. דער דין פון ניט מפסיק זיין איז בלויז געזאָגט געוואָרען אויף די קללות פון דער תוכחה אין תורת כהנים, וואו עס ווערט גערעדט וועגען „חורבן הארץ" — צו דעם דאַרף מען דאָס גאַנצע פאָלק. אָבער די תוכחה פון משנה תורה, וואָס באַשפּרעכט דעם שרעקליכען גלות, „אכנפשך — אַזאַ מענש ווי דו קאָן

מפסיק זיין. זיי מבטל דעם גלות, אַרבייט פאַר דעם עקזיסטענץ פון דיין פאָלק, און דער „חורבן האומה" ווערט פאַרשוואונדען ווערען". (מגילה ל"א, ע"ב).

הפטרה

דער אידישער באַפרייער מוז זיין פילזייטיג

הקטן יהיה לאלף והצעיר לגוי עצום אני ה' בעתה אחישנה.

„רבי יהושע בן לוי רמי, כתיב בעתה וכתיב אחישנה? זכו אחישנה, לא זכו בעתה. כתיב עם ענני שמיא וכתיב עני ורוכב על חמור? זכו עם ענני שמיא, לא זכו עני ורוכב על חמור. אמר ליה שבור מלכא לשמואל אמריתו משיח על חמרא אתי, אישדר ליה סוסיא ברקא דאית לי. אמר ליה מי אית לך בר חיוור גווני?" — רב יהושע בן לוי האָט געפרעגט: עס שטייט געשריבען, אז די אידישע גאולה ווערט קומען צו דער באַשטימטער צייט, און גלייך ווערט געזאָגט, אַז „איך וועל זיך צואיילען". ווי איז עס מעגליך? דער תירוץ איז: ווֶעלען זיי ווערט זיין, וועל איך זייער גאולה צואיילען; וועלען זיי ניט ווערט זיין, ווערט זי קומען אין איר באַשטימטער צייט. עס שטייט אויך געשריבען, אַז די גאולה ווערט קומען מיט די וואָלקענס פון הימעל, און אין אַן אַנדער אָרט ווערט געזאָגט, אַז דער אידישער דערלייזער ווערט זיין אַן אָרימאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזעל. איז דער ענטפער דערזעלבער: וועלען זיי ווערט זיין, ווערט זי קומען מיט די וואָלקענס פון הימעל; וועלען זיי ניט ווערט זיין, ווערט עס זיין אַן אָרימאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזעל. דער פּערסישער קעניג שבור מלכא האָט אַמאָל געזאָגט צו שמואל'ן: „ביי אייך ווערט געזאָגט, אַז משיח ווערט קומען צו רייטען אויף אַן אייזעל. איך בין גרייט אים צו שיקען דאָס בעסטע פערד, וואָס איך האָב". פרעגט אים שמואל: „האָסטו איינעם פון הונדערט קאָלירען?" (סנהדרין צ"ח, ע"א).

אין דער היינטיגער הפטרה, וועלכע איז די זעקסטע פון די „שבע דנחמתא", די זיבען טרייסט־הפטרות, שילדערט דער נביא ישעיה די אויפלעבונג פון אידישען היימלאַנד ארץ ישראל: „קומי אורי כי בא אורך" — שטיי אויף און באַלייכט די וועלט, זאָגט ער צו אונזער אַלטער מוטער „ציון", ווייל דיין ליכט

גייט אויף, „וכבוד ה׳ עליך זרח״, און די געטליכע פראכט הויבט אן שיינען איבער דיר. אין דער צייט, וואס „החושך יכסה ארץ וערפל לאומים״, פינסטערניש באדעקט די ערד, און אלע פעלקער זענען איינגעוויקעלט אין א שווארצען וואלקען, וועט איבער דיר שיינען דיין גאטהייט, און זיין ערע וועט איבער דיר געזען ווערען. נאך דער שרעקליכער וועלט־איבערקערעניש, וואס וועט פארניכטען פעלקער און לענדער; נאך די גרויסע בלוט־בעדער, אין וועלכע די גאנצע מענשהייט וועט זיך טרינקען, און זייער ציוויליזאציע מיט אלע אירע דערגרייכונגען וועט האלטען ביים אונטערגיין, „והלכו גויים לאורך ומלכים לנוגה זרחך״ — וועלען די פעלקער אנפאנגען גיין נאך דיין ליכט, און די מלוכות פון דער וועלט וועלען נאכפאלגען דעם שטראל פון דיין שיין.

דער נביא פארענדיגט די הפטרה מיט א מערקווירדיגער דערקלערונג: „הקטן יהיה לאלף והצעיר לגוי עצום, אני ה׳ בעתה אחישנה״ — פון א קליינעם וועט ווערען א טויזענט, א יונגער וועט פארוואנדעלט ווערען אין א גאנצען פאלק. איך בין ג׳, אין איר צייט וועל איך זי צואיילען.

די חז״ל רעאגירען איבער דעם פסוק און באהויפטען, אז דער נביא וויל דא אויפמערקזאם מאכען די אידען, אז די דערגענטערונג אדער, חו״ש, די דערווייטערונג פון דער גאולה ליגט אין זייערע הענט. „זכו״, וועלען זיי ווערט זיין און געמיינזאם זוכען באפרייט צו ווערען, וועט זיין „אחישנה״ — שנעל און מיט „ענני שמיא״, לייכט און גרינג. אויב אבער „לא זכו״, אז זיי וועלען זיך ניט פאראייניגען און ניט זוכען באפרייט צו ווערען, וועט די גאולה קומען „בעתה״, אין איר צייט, אבער זי וועט זיין „עני ורוכב על חמור״ — אן ארימאן, וואס רייט אויף אן אייזעל. ווי באוואוסט, איז אן אייזעל א שווארער גייער, און נאך אן ארימער אייזעל דערצו — מיינט דאס, אז די גאולה וועט זיך שלעפען ג׳ ווייסט ווי לאנג.

דערביי באמערקט די גמרא, אז די אורזאך, וואס די גאולה האט זיך אזוי לאנג פארצויגען, איז, ווייל דאס פאלק איז צעטיילט אין פארשיידענע פארטייען, און יעדע פון זיי זוכט איר משיח. „שבור מלכא״, א ניט־אידישער פאליטיקער, פרעגט: „פארוואס ווארטען פאר א לאנגזאמער גאולה?״ — אישדד ליה סוסיא ברקא דאית לי — איך וועל אייער משיח אויסלייען דאס בעסטע פערד, וואס איך האב, איך וועל אייך העלפען ארגאניזירען ארמייען איינצונעמען דאס לאנד. אבער שמואל ענטפערט אים: אונזער משיח קאן ניט זיין פון איין געשטאלטונג.

אונזער גאולה מוז זיין פון פאַרשיידענע קאָלירען, כדי צו קאָנען צופרידענשטעלען אַלע אידישע פאַרטייען...

צו דער געלעגענהייט וויל איך דאָ ברענגען אַ מערקווירדיג שיינעם געדאַנק, וואָס איך האָב געהערט פון דר. שמריה לעווין, ע״ה:

„אויף דעם פסוק „אַל תגעו במשיחי״ — איר זאָלט ניט באַלעסטיגען מיינע משיחים — דרש׳ענט די גמרא: „אלו תינוקות של בית רבן״ — אַז דאָס מיינט די קליינע קינדער פון די אידישע חדרים. דער אידישער משיח וועט ניט זיין דער זון פון איין טאַטען און מאַמען. די אידישע באַפרייאונג מוז אויסגעטראָגען ווערען פון אַלע אידישע טאַטעס און מאַמעס. די „תינוקות של בית רבן״, די גאַנצע אידישע יוגענט, אויב זי לערנט נאָר אין די אידישע חדרים, וועט צוזאַמענ־שטעלען דעם אידישען משיח, וואָס וועט ברענגען אונזער גאולה״.

ד.

בלויז אין זייער אייגען לאַנד וועלען זיך אידען באַרוהיגען

ובגוים ההם לא תרגיע.

„משה אמר „ובגוים לא תרגיע״, ובא ירמיה ואמר „הלוך להרגיע ישראל״ — משה האָט געזאָגט, אַז צווישען די פעלקער אין גלות וועלען די אידען ניט זיין רוהיג, איז געקומען ירמיה און האָט געזאָגט, אַז די אידען גייען אַרום און זוכען זיך דאָרט צו באַרוהיגען (מכות כ״ד ע״א).

אין דער תוכחה פון „בחוקותי״ ווערען די אידען געבענשט מיט 22 ברכות און געשאָלטען בלויז מיט אַכט קללות; דאַגעגען אין דער הייַנטיגער סדרה ווערען זיי געשאָלטען מיט 22 קללות און געבענשט מיט אַכט ברכות. אונזערע חז״ל וואונדערען זיך שטאַרק איבער דעם און גיבען אַן פאַרשיידענע טעמים. מאַנכע ווילען האָבען, אַז די ערשטע תוכחה איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון גב״ה אַליין, און ער איז דאָך אַ „בעל רחמן״, דערפאַר אַנטהאַלט זי מער ברכות ווי קללות. די צווייטע תוכחה אָבער איז געזאָגט געוואָרען פון משה רבנו, און ער איז פיל שטרענגער. זיי באַמערקען סאַרקאַסטיש: „בא וראה שלא כמדת הקב״ה מדת בשר ודם״ — קום און זעה ווי די מענשליכע מדות זיינען

ניט אַזוי גוט ווי די פון דעם אויבערשטען. גב״ה בענשט מער און שילט ווייניגער. דער מענש משה, אָבער, שילט מער און בענשט ווייניגער (ב״ב פ״ה, ע״א).

דער רמב״ן ז״ל גיט אויף דעם אַ העכסט לאָגישע דערקלערונג, וועלכע איז אויך היסטאָריש אויסגעהאַלטען. ער זאָגט: „די ערשטע תוכחה שילדערט די אומגליקען, וואָס ברייגגען צו „חורבן הארץ״ — וועגען קללות, וואָס צע־שטערען אַ לאַנד און טרייבען דאָס פאָלק אין גלות. די צווייטע תוכחה אָבער באַשפּרעכט די קללות פון „חורבן העם״, די אומגליקען וואָס אַ פאָלק אין גלות האָט דורכצומאַכען״. אַ לאַנד איז באַגרעניצט און קאָן לייכטער חרוב ווערען. אויב די מלוכה פון אַ לאַנד האָט זיך אויפגעפירט ניט ווי עס באַדאַרפט צו זיין און דאָס פאָלק איז מיט איר מיטגעגאַנגען אויף אַלע אירע קרומע וועגען, נעמט עס ניט לאַנג דאָס לאַנד חרוב צו מאַכען. אַ פאָלק אָבער איז ניט אַזוי באַגרעניצט. אויב עס האַלט אָן זיינע טראַדיציעס און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, קאָן עס לאַנג עקזיסטירען אויך אויסער די גרעניצען פון זיין לאַנד. הויבט עס אָבער אָן צו פאַרלירען זיין צוגעבונדענקייט צו זיין נאַציע און זיין רעליגיע, דאַן פאַנגט זיך אָן אַ סדרה פון פיל קללות און אומגליקען, וואָס געדויערען לאַנג און דריקען עקאָנאָמיש און גייסטיג.

אויסער דעם, וואָס אין דער ערשטער תוכחה זיינען פאַראַן ווייניגער קללות ווי ברכות, וואַרפען זיך דורך צווישען די קללות אויך פיל גוטע הבטחות און נחמות, וועלכע פאַרזיכערען דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג, ווי: „וזכרתי את בריתי יעקב וכו׳״ — איך וועל געדענקען מיין בונד מיט יעקב, יצחק און אברהם; „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם״ — און אויך דאָס, זייענדיג אין די לענדער פון זייערע פיינט, וועל איך זיי ניט פאַר׳מיאוס׳ן און באַשמוצען, זיי צו פאַרניכטען; אויך אין דער פרעמד וועט זיי ג׳ אינגאַנצען ניט פאַרלאָזען. אין דער צווייטער תוכחה אָבער זיינען ניטאָ אַזעלכע הבטחות און טרייסט־ווערטער. וואָרום איז עס אַזוי? איבער דער פראַגע ווערט אין „זוהר״ דערציילט אַ וואונדערבאַרע מעשה׳לע, פון וועלכער מיר קאָנען זעהר פיל לערנען:

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, וואָס רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אלעזר זיינען צוליב אַ פּאָליטישער מסירה געווען געצוואונגען זיך אויסצובאַהאַלטען אין אַ הייל אין דער מדבר. זיי זיינען דאָרט געווען אַ גאַנץ

לאַנגע צייט און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זיי געפינען זיך. די לעגענדע דערציילט, אַז על פי נס איז ביי זייער הייל אויסגעוואַקסען אַ גרויסער פייגענבוים און אונטער אים אַ קוואַל פון פרישע וואַסער, פון וואַנען זיי האָבען זיך דער־נערט. אונטער דער צייט איז אין זייער בית המדרש פאַרהאַנדעלט געוואָרען איבער די פאַרשיידענע קללות פוןביידע תוכחות, און די מאַיאָריטעט פון די רבנים האָט איינגעשטימט, אַז אין דער ערשטער תוכחה ווערט געמיינט דער גלות־בבל, וואָס האָט ניט לאַנג געדויערט, און די צווייטע תוכחה באַשפּרעכט די אומגליקען פון דעם לעצטען גלות, וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג. איז אָבער דאָרט פאָרגעקומען די פראַגע: וואָרום איז עס, אַז אין די קללות פון תורת־כהנים געפינען זיך אויך הבטחות און נחמות, וועלכע דריקען אויס אַ ליבע פון ג׳ צום פאָלק, אָבער אין די קללות פון כי־תבא זיינען ניטאָ קיינע הבטחות און קיינע טרייסט־ווערטער? די עלטערע רבנים זיינען געבליבען דערשטוינט, ווייל קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו דערקלערען. האָט זיך אויפ־געשטעלט רבי יהודה בר אלעי און מיט שמערץ אויסגערופען: ליידער פעלט אונז איצט אונזער גרויסער רבי — ער וואָלט שוין געוואוסט וואָס צו ענטפערען. קיינער ווייסט אָבער ניט וואו ער איז, און אויב איינער ווייסט, האָט ער אָבער ניט קיין רעכט דאָס צו אַנטפלעקען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט רבי יוסי, איין פרימאָרגען, באַמערקט אַ היפּשע צאָל פאַרשיידענע פייגעלעך פליען, און נאָך זיי איז נאָכגעפלויגען אַ שיין טייבעלע. האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס און אויסגערופען: „שפנינא מהימנא, דיוקנא דעמא״ — טרייע טייבעלע, דו ביזט דאָך דער סימבאָל פון אונזער פאָלק, דיר קאָן איך אַנפאַרטרויען מיין שליחות צו דעם זון פון יוחאי. האָט זיך דאָס טייבעלע אַרונטערגעלאָזט צו אים און ער האָט אויף אַ צעטעלע אָנגעשריבען די פראַגע און עס אַריינגעלייגט אין איר מויל. די טויב האָט זיך אויפגעהויבען און מיט דעם אַוועקגעפלויגען צום הייל פון ר׳ שמעון און זיין זון אלעזר. „אסתכלו בהוא פתקא ובכו״ — האָבען זיך ביידע איינגעקוקט אין צעטעל און אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, ווייל אויך זיי האָבען ניט געוואוסט דעם טעם דערפון.

באַלד אָבער איז פאַר ר׳ שמעון בן יוחאי דערשינען אליהו הנביא און צו אים געזאָגט: כאָטש איך בין אויף מיין וועג מיט אַ שליחות צו אַן אַנדער פלאַץ, אָבער הערענדיג אייער געוויין, בין איך גלייך געקומען. ענטפער דיינע

תלמידים, אז „כל הבטחות ונחמות דישראל בהני קללות כתיבי בסיומא דלהון" — אַלע הבטחות און נחמות פון די אידען אין דיזע קללות זיינען געשריבען ביים סוף, וואו עס ווערט געזאָגט: „והושיבך ה' מצרים באניות", ג' וועט דיך צוריק־ברייננגען נאָך מצרים אין שיפען. „אבטחותא לאתבא ניסין דעבד קוב"ה במצרים ביומין קדמאין" — דאָס איז אַ פאַרשפּרעכען, אַז דער אויבערשטער וועט צוריק־ברייננגען די נסים, וואָס ער האָט געטאָן אַמאָל מיט די אידען אין מצרים. ווי עס ווערט געזאָגט אין אַן אַנדער פסוק: „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" — ווי אין די טעג, וואָס דו ביזט אַרויס פון מצרים, וועל איך דיך באַווייזען וואונדער (זו"ח סדר תבא).

אַנדערע פון די חז"ל געפינען אויך אַ טרייסט אין דער קללה „ובגוים ההם לא תרגיע ולא יהיה מנוח לכף רגלך" — צווישען יענער פעלקער וועסטו זיך ניט באַרוהיגען און וועסט ניט געפינען קיין רו־פּלאַץ פאַר די טריט פון דיינע פיס. זיי זאָגען, אַז מיט דעם האָט משה פאַרזיכערט די אידישע גאולה. „אלו הרגיעו ומצאו מנוח לא היו חוזרים" — אויב זיי וואָלטען זיך באַרוהיגט און געפונען אַ רו־פּלאַץ, וואָלטען זיי זיך קיינמאָל ניט צוריקגעקערט צו ארץ ישראל. אַ דאַנק דעם, וואָס אין אַלע לענדער, וואו די אידען וואַנדערען, קאָנען זיי ניט געפינען קיין מקום מנוחה, האָלטען זיי נאָך זייער בענקשאַפט צו זייער אַלטער היים, און דאָס וועט מיט דער צייט פירען צו זייער ענטגילטיגער גאולה. אויב זי האָט זיך פאַרשפּעטיגט, איז עס צוליב די, וועלכע האָבען ליב דעם גלות און זוכען זיך דאָרט איינצואָרדנען, ווי דער נביא ירמיהו זאָגט: „מצא חן במדבר עם שרידי חרב, הלוך להרגיע ישראל" — ער געפינט חן אין דעם מדבר, דאָס פאָלק וואָס איז פאַרבליבען פון שווערד, ער זוכט זיך דאָרט צו באַרוהיגען (ירמיה ל"א).

צוליב די אַסימילאַטאָרען, וועלכע געפינען אַ באַזונדערען חן אין דעם מדבר פון גלות און זוכען צו שטערען יעדער באַוועגונג פאַר אידישע באַפרייאונג, ווערט אונזער גאולה אָפּגעהאַלטען. ווי באַמערקט דאָרט דער מדרש: „אילו עלו ישראל חומה מן הגולה לא חרב ביהמ"ק פעם שניה" — אויב די אידען פון גלות בבל וואָלטען אַלע אַרויס פאַראייניגט, וואָלט דער בית המקדש ניט חרוב געוואָרען אַ צווייטען מאָל (שהש"ר ח'). די ליבהאָבער פון גלות האָבען פאַראורזאַכט אַלע אונזערע חורבנות און שטערען דעם צוריקבוי פון אונזער פאָלק.

הפטרה

די ליכט פון אידישען גלויבען

קומי אורי כי בא אורך וכבוד ה׳ עליך זרח.

„חנינא, חד בי שמשי חזייא לברתיה דהוות עציבא, אמר לה בתי אמאי עציבת? אמרה ליה דאיחלף לי מנא דמשחא במנא דחלא ורמאי בשרגא. אמר לה מי שאמר לשמן וידליק יאמר לחומץ וידליק״ — רבי חנינא האָט איין פרייטאָג פאַרנאַכט באַמערקט, אַז זיין טאָכטער איז שטאַרק באַזאָרגט, האָט ער צו איר געזאָגט: מיין טאָכטער, וואָרום ביזטו אַזוי טרויעריג? האָט זי אים געענטפערט: עס האָט זיך ביי מיר פאַרביטען דער קרוג פון בוימעל אויף דעם קרוג פון עסיג און איך האָב עס אַריינגעגאָסען אין לאָמפּ. זאָגט ער צו איר: ווער עס האָט געהייסען, אַז בוימעל זאָל ברענען, קאָן אויך הייסען, אַז עסיג זאָל ברענען (תענית כ״ה, ע״א).

די מפרשים פון תנ״ך זיינען שטאַרק מחולק איבער דער אויסטייטשונג פון דעם פסוק. פון אויבענאויף ווייזט אויס, אַז דער נביא אַדרעסירט זיינע ווערטער צו ירושלים און זאָגט איר: שטיי־אויף, לייכט־אויף, וואָרים דיין ליכט איז געקומען, און די פראַכט פון ג׳ שיינט־אויף איבער דיר. פון די וויטערדיגע פסוקים ווייזט טאַקע אויס, אַז ער רעדט צום לאַנד, ווייל ער זאָגט איר: „שאי סביב עיניך וראי, כלם נקבצו באו לך; בניך מרחוק יבאו ובנותיך על צד תאמנה״ — הויב־אויף רונד־אַרום דיינע אויגען און זעה: זיי אַלע זיינען איינגעזאַמעלט, זיי קומען צו דיר; דיינע זין קומען־אָן פון דער וויט און דיינע טעכטער ווערען אויפ׳ן זייט געטראָגען.

מאַנכע פון די בעלי אגדה אָבער ווילען האָבען, אַז דער נביא רעדט דאָ צום אידישען פאָלק. זיי זאָגען: „ישראל נמשלו לזית והקב״ה לנר — מה דרכו של שמן ליתן בנר והם מאירים שניהם כאחת, כך אמר הקב״ה לישראל, הואיל ואורי הוא אורכם, ואורכם הוא אורי, אני ואתם נלך ונאיר לציון״ — די אידען ווערען צוגעגליכען צו אַן אוילבערט און דער אויבערשטער צו אַ ליכט, אַזוי ווי דער שטייגער איז — אַריינצוגיסען דאָס בוימעל אין דעם לאָמפּ און דאַן לייכטען זיי ביידע צוזאַמען, אַזוי זאָגט ג׳ צו די אידען: וויבאַלד מיין ליכט איז אויך אייער ליכט און אייער ליכט איז אויך מיין ליכט, לאָמיר ביידע, איך און איר, גיין און באַלייכטען ציון (פסיקתא).

די ליכט פון אידישען פאָלק איז זיין גלויבען אין ג׳. מיט דעם בטחון, אַז ג׳ וועט אים ניט פאַרלאָזען, איז ער דורכגעגאַנגען דעם לאַנגען, פינסטערען גלות און איז געבליבען גאַנץ, טראָץ די שרעקליכע צרות און רדיפות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין. איצט, אַז „החושך יכסה ארץ וערפל לאומים" — ווען פינסטערניש באדעקט די גאַנצע וועלט און אַ שוואַרצער נעפל נעמט אַרום אַלע פעלקער, זאָלען די אידען זייער האָפענונג ניט פאַרלירען, ווייל מיט מיין ליכט וועט אויך קומען זייער ליכט. אויב די פראַכט פון ג׳ שיינט איבער דיר, זאָגט דער נביא צום פאָלק, וועסטו ענדליך אַרויס דער זיגער. „והלכו גוים לאורך ומלכים לנגה זרחך" — פעלקער וועלען גיין פאַר דיין ליכט און מלכים פאַר דער העלקייט פון דיין שיין.

אין דער הקדמה צום פרידענס־אָפּמאַך, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער גרויסער ליבהאָבער פון שלום, פרעזידענט ווילסאָן, פאַר־געלייענט דעם עלפטען קאַפּיטעל פון ישעיה, וואו צווישען אַנדערע ווערט געזאָגט: אַז פון דעם שטאַם פון „ישי", די קעניגליכע משפחה פון דעם אידישען פאָלק, וועט אַרויסשפּראָצען אַ קליין ריטעל, אַ צווייג פון זיינע וואָרצלען, וואָס וועט ברענגען אַן איבערקערעניש אין דער הנהגה פון דער וועלט. מען וועט זיך מער ניט קריגען איינע מיט די אַנדערע. דער וואָלף וועט הויזען מיט דעם שעפּס און דער בייזער לעמפּערט וועט רוהיג ליגען לעבען דער שטילער שעפּ־סעלע, ווייל „לא ירעו ולא ישחיתו", קיינער וועט נישט זוכען בייז צו טאָן אָדער פאַרדאַרבען דעם צווייטען. „אָט דער אידישער אידעאַל פון שלום", האָט אין אַ רעדע דאַן באַמערקט דער דעסמאַליגער פּרעמיער פון ענגלאַנד, לאָיד דזשאָרדזש, „מוז דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר אַלע פעלקער, אויב מיר ווילען זיכערען דעם פרידען פון דער וועלט". צו פאַרטרייבען די פינסטערע שאָטענס, וואָס די שרעקליכע מלחמות האָבען געבראַכט אויף דער וועלט, „והלכו גוים לאורך", וועלען די פעלקער מוזען גיין פאַר דיין ליכט און זיך לערנען פון דיר ווי צו לעבען בשלום.

מאַנכע פון די מפרשים, זאָגט דער רד"ק, טייטשען די ווערטער „כי בא אורך", כאָטש דיין ליכט איז אונטערגעגאַנגען. זיי זאָגען, אַז דער נביא רעדט דאָ צו די אידען און מונטערט זיי אויף, זיי זאָלען זייער מוט ניט פאַרלירען. „קומי אורי", שטיי־אויף און לייכט, „כי בא אורך" — כאָטש ווי עס ווייזט אויס איז שוין דיין ליכט אונטערגעגאַנגען. צו דיינע ליידען און שמערצען נעמט

גאָר קיין סוף ניט און קיינער קוקט זיך אויף דיר ניט אום. זייט ניט פאַר־צווייפעלט, טרייסט זיי דער נביא, „כבוד ה׳ עליך זרח״, די פראַכט פון ג׳ וועט נאָך איבער דיר שיינען.

און ווי צוגעפּאַסט עס איז די מעשה, וואָס די גמרא ברייננט וועגען רבי חנינא בן דוסא, וועלכער איז געווען דער גרעסטער מאמין פון זיין צייט און אויף וועמען רב האָט געזאָגט: „בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני״ — יעדען טאָג קומט אַרויס אַ שטים פון הימעל און אַנאָנסירט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט בלויז צוליב דעם זכות פון חנינא מיין זון (תענית כ״ד, ע״א). איינמאָל האָט זיין טאָכטער געמאַכט אַ טעות און אָנשטאָט אַריינצוגיסען בוימעל אין דעם שבת־לאָמפּ, האָט זי אַריינגעגאָסען עסיג. זי איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, ווייל זי האָט געמיינט, אַז זיי וועלען בלייבען אין דער פינסטער דעם גאַנצען שבת. איר פאָטער אָבער האָט זי געטרייסט און דערקלערט: „מי שאמר לשמן וידליק יאמר לחומץ וידליק״ — ווער עס האָט געהייסען בוימעל צו ברענען, קאָן אויך הייסען עסיג צו טאָן דאָסזעלבע. מיט דעם כוח פון בטחון קאָן פון זויערקייט ווערען זיס און פון דער פינסטערניש קאָן אויסוואַקסען אַ גרויס ליכט.

ה.

פון די קללות וועלען ווערען ברכות

„והשיבך ה׳ מצרים באניות״.

„אבטחותא לאתבא ניסין דעבד קודשא בריך הוא במצרים ביומין קדמאין, כדכתיב: כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״ — דאָס איז אַ פאַרשפּרעכען, אַז דער אויבערשטער וועט צוריקברייננען די נסים, וואָס ער האָט געטאָן אַמאָל מיט די אידען אין מצרים, ווי עס ווערט געזאָגט אין אַן אַנדער פּסוק: ווי אין די טעג, ווען דו ביזט אַרויס פון מצרים, וועל איך דיר באַווייזען וואונדער (זו״ח סדר תבוא).

משה רבנו פאַרענדיגט זיינע לעקציעס איבער דער תורה פאַר דער אידישער יוגענט מיט דער אויפפאָדערונג: „הסכת ושמע ישראל, היום נהיית

לעם" — פאַרטיף זיך און הער ישראל, היינט ביזטו געוואָרען אַ פאָלק. איר זענט איצט פרייע מענשען. איר דאַרפט מער ניט שקלאַפען פאַר פרעמדע און האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר די גרויזאַמע „נוגשים", די פיינטליכע רעגירונגען, וועלכע האָבען פאַרביטערט אייער לעבען אין גלות. איידער איר גייט אַריין אין אייער אייגען לאַנד, זאָלט איר אָבער וויסען, אַז אייער גליק און זעלבסטשטענדיגקייט איז געווענדט אָן דעם „והיה אם שמע תשמע" — אויב איר וועט הערען און אויספאָלגען די געזעצען פון דער תורה. ערשט דאַן „ונתנך עליון על כל גויי הארץ" — וועט אייך ג' מאַכען העכער פאַר די אַרומיגע פעלקער. עס וועלען אייך דינען הימעל און ערד. די הימלען וועלען אייך געבען רעגענס אין צייט און די ערד וועט אייך צושטעלען איר פרוכט. איר וועט זיין עקאָנאָמיש און פאָליטיש געזיכערט, אייער מי וועט זיין אָנגעלייגט, ווייל אַלץ וואָס איר וועט דאָרט פאַר זיך דערווערבען, וועט בלייבען אייערס.

דאָס איז דער תנאי, וואָס ג' האָט אויסגענומען מיט די אידען, אויב זיי ווילען אָנהאַלטען זייער עקזיסטענץ אַלס אַ פאָלק. אויב אָבער, חו"ש, די אידען וועלען דעם תנאי ניט אָפּהיטען, וועלען זיי מוזען דאָס לאַנד פאַרלאָזען און צוריקנעמען דעם וואַנדער־שטעקען אין זייערע הענט און זיך וואַלגערען איבער פרעמדע לענדער און גרעניצען. אין דער פרעמד וועט איר די אַלע אויסגערעכענטע גליקען ניט קאָנען באַווייזען. ווי גוט עס זאָל אייך דאָרט ניט גיין, ווי רייך איר זאָלט דאָרט ניט ווערען, קוים וועט איר מוזען ציען אייער חיונה פון פרעמדע טישען, וועט אייך דאָס עסען ניט איינגיין, איר וועט קיין זאַטקייט ניט פילען. דער לעבען אין גלות האָט ניט קיין שטאַנדהאַפטיגקייט, ער איז צופיל אָפּהענגיג אָן דעם „חסד לאומים", אָן דעם גוטען ווילען פון דער איבערוועגענדער מאַיאָ־ריטעט, וואָס איז אימער צווייפעלהאַפט. ווען עס פעהלט אַ באָדען אונטער די פיס, איז די צוקונפט ניט קיין געזיכערטע. „בארצכם אתם יושבים לבטח ואין אתם יושבים לבטח חוצה לה" — בלויז אין אייער אייגען לאַנד זענט איר אימשטאַנד צו זיצען רוהיג. איר קאָנט אָבער ניט זיצען רוהיג אויסער איר, אין פרעמדע לענדער (תו"כ).

„והיית אך עשוק וגזול כל הימים — בכל מעשיך יהיה ערעור" — דו וועסט זיין אַ באַרויבטער און אַ באַגזל'טער אַלע טעג, אין אַלע דיינע מעשים וועלען זיי געפינען פעלערען (רש"י). וואָס איר זאָלט ניט טאָן אין די גלות־לענדער, וועט מען אייך קריטיקירען און טאַדלען. ווי אַזוי די גוים רעאַגירען

איבער אידישע האַנדלונגען אין גלות, ווערט דערציילט אַ שיין מעשה׳לע אין מדרש: אַ רוימישע פּריצ׳טע האָט פאַרלאָרען אַ קעסטעלע מיט גאָלדענע מטבעות. אַ איד האָט עס געפונען און איר דאָס אָפּגעבראַכט. אַז זי האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין ערליכקייט, האָבען איר פריינט באַמערקט: „אינו יודע מה שבתוכה לפיכך הביאה לך" — דאָס איז צוליב דעם, ווייל ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס געפינט זיך אין קעסטעלע, דערפאַר האָט ער עס דיר אומ־געקערט. זאָגט זי צו זיי: „כולהו דדהב מלבר" — דאָס קעסטעלע אַליין איז דאָך אינגאַנצען פון גאָלד, און דאָך האָט ער עס געבראַכט צו מיר. פאַר׳ן אַוועק־גיין זאָגט זי אים: „תהא אומתך מסורה לך" — זאָל דיין אומה באשטיין פון דיר אַליין, נאָך אַזעלכע אידען ווי דו זאָלען זיך ניט געפינען מער. אויף דער פראַגע פון אירע פריינט וואָרום זי שילט אים נאָך, האָט זי געענטפערט: אויב חלילה עס זאָלען זיך געפינען אַ סך אַזעלכע ווי ער, „אנן לא היינו בעלמא" — וואָלטען מיר ניט געקאָנט עקזיסטירען אויף דער וועלט; וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען מיר געהאַט קעגען זיי? (מדרש תהלים י״ב). אָט אַזוי איז שוין אונזער שיקזאַל אין גלות. זיינען מיר שלעכט — טויג ניט, זיינען מיר גוט — טויג ווייטער ניט.

„ועבדת שם אלקים אחרים" — דו ווערסט דאָרט דינען פרעמדע געטער. כדי נושא חן צו זיין ביי די גוים, וועט איר דאָך זוכען זיי נאָכצומאַכען אין אַלע זייערע מנהגים און דינען זייער׳ע אידעאַלען. אָבער „לא יועיל", דאָס וועט אייך גאָר ניט העלפען. „והיית למשל ולשנינה", איר וועט אַלץ פאַרבלייבען צו שאַנד און צו שפּאָט (אבן עזרא). דער גלות שטעלט זעהר גרויסע פאָדערונגען. אַלע מעלות און גייסטיגע דערגרייכונגען האַלט ער פאַר זיך און לאָזט אייך בלויז איבער די חסרונות און נידערלאַגען. אייערע עלויים, קינסטלער און גייסטיגע שעפער ווערען קאָאָפּטירט און פאַרשריבען אויף דער קאָנטאָ פון די פעלקער, צווישען וועלכע איר וואוינט; אויף אייער חשבון ווערען געשטעלט נאָר די, וואָס ברייגנען שאַנד אויפ׳ן פאָלק און וואָס מען קאָן זיי אויסנוצען אַלס אַן אויסרייד פאַר רדיפות און פאַרפאָלגונגען.

„ועבדת את אויבך, ונתן עול ברזל על צואריך — זה הרעיון", דו ווערסט דינען דייך פיינט און ער וועט אַרויפלייגען אויף דיין האַלז אַן אייזערנעם יאָך — מיט דעם ווערט געמיינט דער געדאַנקען (ירושלמי שבת פי״ד). דו ווערסט זיך איבעראַל פילען פאַרקנעכט. דער געדאַנקען, אַז מען באַטראַכט דיך

אַנדערש ווי אַנדערע, וועט דיך שטעלען אונטער אַן „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס״ — דו וועסט זיך אַליין באַטראַכטען פאַר נידעריגער און וועסט אַלץ מורא האָבען טאָמער געפעלסטו ניט דיינע שכנים. אָט דער רעיון וועט דיר אימער פאַרפאָלגען און דריקען ווי אַן אייזערנער יאָך״ (יצחק ניסענבוים).

„והיה, כאשר שש ה׳ עליכם להיטיב אתכם ולהרבות אתכם, כן ישיש עליכם להאביד אתכם ולהשמיד אתכם״, און אַזוי וועט עס זיין, ווי ג׳ האָט זיך געפרייט איבער אייך צו טאָן גוטעס פאַר אייך און אייך צו פאַרגרעסערען, אַזוי וועט ער זיך פרייען איבער אייך, צו פאַרלירען אייך און צו פאַרטיליגען אייך. אויף דעם פסוק באַמערקט דער אבן עזרא די ווערטער: „כאשר שמענו כן ראינו״. און פילע מאַטערען זיך צו פאַרשטיין וואָס ער האָט דערמיט געמיינט. באמת אָבער אַנטהאַלטען די עטליכע ווערטער אַ שאַרפזיניגע כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג. נעמליך: „כאשר שמענו״, די הבטחה „כאשר״ שש עליכם — אַז דער אויבערשטער האָט זיך געפרייט מיט אונז, צו טאָן פיל גוטעס, דאָס האָבען מיר ליידער בלויז געהערט. „כן ראינו״, דאַגעגען אָבער, די קללה פון „כן ישיש״, אַזוי וועט זיך ג׳ פרייען אונז שלעכטס צו טאָן, דאָס האָבען מיר ליידער געזעהן, דאָס ווערט פאַר אונזערע אויגען מקוים יעדען טאָג (פרח לבנון).

די גמרא באַקלאָגט זיך, אַז משה רבנו האָט, אין דער היינטיגער סדרה, געגעבען די אידען ווייניג ברכות און צופיל קללות (ב״ב פ״ח, ע״ב). און דער טעם דערפון איז אַ גאַנץ פשוט׳ער: ברכות זיינען אומפּאַסענד — דעם, ווען דאָס מזל שפּילט און עס גייט אים גוט אין אַלץ, ער דאַרף זיך ניט זאָרגען וועגען דעטאַלען און איינצעלהייטען. אָהן צופיל מי און אָנשטרענגונג שטייגט ער פון שטופע צו שטופע. „זכו מלאכתן נעשה על ידי אחרים״, דעם וואָס עס גליקט, ווערט זיין אַרבייט געטאָן אויך פון אַנדערע. קללות אָבער, אומגליקען זיינען דאָ אַ סך. ווען דער שלימזל פאַרפאָלגט, האָט קיין מנוחת שעה ניט. ער מוז היטען יעדע שריט, ווייל איין צרה שלעפּט אַריין אַ צווייטע און זיין גאַנצע מי איז אַרויסגעוואָרפען.

דער מדרש זאָגט, אַז אַלע ברכות און קללות אין היינטיגער סדרה הויבען זיך אָן מיט „ואו המהפך״, וואָס פאַרוואַנדעלט אַן עבר אין אַן עתיד, אָדער פאַרקערט. דער געדאַנק דערפון איז: „אם זכיתם הריני הופך לכם קללות לברכות״, אויב איר וועט ווערט זיין, וועל איך איבערקערען אַלע אייערע קללות און זיי פאַרוואַנדלען אין ברכות. און דער זוהר הקדוש באַמערקט, אַז די אורזאַך

ווארום משה פאַרענדיגט זיין תוכחה מיט די ווערטער: „והשיבך ה׳ מצרים באניות״, און ג׳ וועט דיך אומקערען נאָך מצרים אין שיפען, דאָס איז אַ הבטחה פון ג׳, אַז מיט אונז וועלען געשעהן דיזעלבע נסים ווי אין דער צייט וואָס מיר זיינען אַרויס פון מצרים.

הפטרה

ג׳ וואַרט, אַז אידען זאָלען אָנפאַנגען

קומי אורי כי בא אורך.

„שנה שמלך המשיח נגלה בה כל מלכי האומות מתגרים זה בזה ומחריבים את כל העולם, וישראל מתרעשים ומתבהלים ואומרים: להיכן נלך ולהיכן נבוא? בשעה זו אומר הקב״ה לכנסת ישראל: קומי אורי כי בא אורך״ — אין דעם יאָר, וואָס משיח וועט זיך ווייזען, וועלען די מלוכות פון אַלע פעלקער פאַרפירען אַ קריג איינע קעגען די אַנדערע און וועלען חרוב מאַכען די וועלט. און די אידען וועלען ווערען אויפגעטרייסעלט און צעשראָקען און וועלען קלאָגען: וואוהין זאָלען מיר גיין און וואוהין זאָלען מיר קומען? אין יענער שעה וועט ג׳ זאָגען צו דער כנסת ישראל: שטעל זיך דו אויף און לייכט, ווייל דיין ליכט איז געקומען (פסיקתא רבתי).

איינע פון די שווערסטע שטעלען אין אונזער תנ״ך, וועלכע איז העכסט מיסטעריעז און אומפאַרשטענדליך, איז די באַהויפּטונג פון דעם נביא זכריה, אַז משיח וועט זיך ווייזען אויף דער וועלט אין דער פאָרמע פון „עני ורוכב על חמור״ — אַן אָרימאַן רייטענדיג אויף אַן אייזעל. אונזערע חז״ל רעאַגירען אויף דעם און פרעגען: „כתיב עם ענני שמיא״ — אין אַן אַנדער פסוק ווערט דאָך געזאָגט, אַז משיח וועט קומען מיט די וואָלקענס פון הימעל, ווי דערקלערט מען די צוויי פאַרשיידענע פסוקים? און זיי גיבען אויף דעם אַ מערקווירדיגען ענטפער: „זכו, עם ענני שמיא, לא זכו, עני ורוכב על חמור״, וועלען זיי ווערט זיין, וועט משיח קומען מיט די וואָלקענס; וועלען זיי אָבער ניט ווערט זיין, וועט ער קומען אויף אַן אָרימען אייזעל (סנהדרין צ״ה ע״א).

אין מיין ספר פון „אייביגען קוואַל״ ווערט דערקלערט, אַז „דער געדאַנק פון די חז״ל איז אָנצוווייזען, אַז אַ פאָלק, וואָס פאַרשטייט ניט ווי אָפּצושאַצען

דעם ווערט פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, קאָן זיין ציל ניט דערגרייכען אַזוי גרינג. ער מוז זיך אַרומוואַלגערען יאָרענלאַנג אין אַ מדבר פון פוסטען לעבען און אינהאַלטסלאָזע דערגרייכונגען, ביז ער דערשלאָגט זיך צום אָרט, וואָס איז פאַר אים באַשטימט געוואָרען פון זיין ג'. „זכו עם ענני שמיא" — איז אַ פאָלק ווערט, קומט זיין גאולה לייכט און גרינג, ווי די וואָלקענס פון הימעל; „לא זכו, עני ורוכב על חמור" — איז אָבער אַ פאָלק ניט ווערט, איז זיין משיח אַן אָרימאַן, וואָס רייט אויף אַן אייזעל און וועט נעמען אַ לאַנגע צייט".

נאָך מער אומפאַרשטענדליך איז די באַמערקונג פון דעם מדרש אויפ'ן פסוק פון זכריה. ער זאָגט: „הוא החמור שרכב עליו אברהם אבינו, הוא החמור שרכב עליו משה, והוא החמור שעתיד מלך המשיח לרכוב" — דאָס איז דער־זעלבער אייזעל, אויף וועלכען עס האָט געריטען אונזער פאָטער אברהם; דאָס איז דערזעלבער אייזעל, אויף וועלכען עס האָט געריטען משה רבנו, און אויף דעמזעלבען אייזעל וועט קומען רייטענדיג דער מלך המשיח (מדרש רבה שמות). קענטיג, אַז מיט דעם אייזעל ווערט געמיינט אַ געוויסער סימבאָל, וואָס שלענ־געלט זיך דורך דער גאַנצער אידישער געשיכטע און גיט אונז אַן אָנדייטונג אויף דעם, ווי אונזער פאָלק פאַסט אויף די גאולה פון דער וועלט.

הרב עמיאל ע"ה גיט אַ מערקווירדיג שיינע דערקלערונג איבער דעם געדאַנק פון פסוק אין זכריה: ער זאָגט: „די צוויי הויפּט קוואַלען, פון וואַנען עס שטראָמען אַרויס מלחמות אויף דער וועלט, זיינען „קאַפּיטאַליזם" און אימפּע־ריאַליזם". די ערשטע זוכט צו פאַרכאַפּען די עקאָנאָמישע רעסורסען פון דער וועלט און די צווייטע — די פּאָליטישע איבערהערשאַפט. זייער משיח איז אַ גראַבבייכיגער גאָלד־זאַק, וואָס גאַלאָפּירט אויף אַ געפּאַנצערטען פערד, גרייט פאַר מלחמה און בלוטפאַרגיסונג. דער אידישער משיח אָבער איז אַן „עני ורוכב על חמור" — אַן אָרימאַן, וואָס זוכט ניט איינצושלינגען די קאַפּיטאַלען פון דער וועלט, און ער פאָרט רייטענדיג אויף אַן אייזעל, וואָס איז דער סימבאָל פון געמיטליכקייט און דעמאָקראַטיע".

אויף דעמזעלבען סימבאָלישען אייזעל האָט זיך אַרומגעטראָגען אונזער פאָטער אברהם, וועלכער האָט נישט געטרוימט פון מדינות און קעניגרייכען, פון איינטיילען די מענשהייט אין הערשער און באַהערשטע. אים האָט אויך ניט אינטערעסירט צו באַגרעניצען די וועלט אין פאַרשיידענע לענדערייען און נאַציאָנאַליטעטען ביי אים זיינען „סדום" און „עמורה" אַזוי ליב און טייער,

ווי „חברון" און „בית־אל". ווען ער באַזיגט דעם מעכטיגען קעניג אמרפל מיט זיינע אליאירטע, גיט ער צוריק דעם קעניג פון סדום זיינע מענשען און רייכטימער וואָס אמרפל האָט פאַרנומען. ער אַליין וויל ניט נהנה זיין פון זיין זיג „מחוט ועד שרוך נעל", פון אַ פאָדעם ביז אַ שוך־בענדל.

זיין הויפּט־אידעאַל איז „הרימותי את ידי אל ה' קונה שמים וארץ" — איך הויב מיין האַנט צו ג', וואָס האָט באַשאַפן הימעל און ערד. רייכטום אָדער גרויסקייט, וואָס מען דערווערבט דורך כוח און דרוק, דורך באַזיגען דעם צווייטען און אים צווינגען צו טאָן זאַכען קעגען זיין ווילען, איז אַפּשטויסענד צו דער אמונה. איינטיילען די מענשהייט אין פאַרשיידענע קאַסטען פון שקלאַפן און פאַרשקלאַפער, פון אונטערטאַנען און איבערהערשער איז קעגען די לערן פון אַ איינציגען ג', דעם פאָטער פון אַלע מענשקינדער.

אויף דעמזעלבען סימבאָלישען אייזעל פון שלום און דעמאָקראַטיע האָט זיך אַרומגעטראָגען אונזער גרויסער לערער און וועגווייזער משה רבנו, וועלכער פּרעדיגט, אַז יעדער מענש איז געבוירען געוואָרען „בצלם אלקים", אין פאָרם פון ג', און איז באַרעכטיגט צו אַלע פרייהייטען אין דער געזעלשאַפט. אויך דער מלך המשיח וועט קומען אויף דעמזעלבען סימבאָלישען אייזעל, „ונכרתה קשת מלחמה ודבר שלום לגוים", עס וועט פאַרשניטען ווערען דער בויגען פון מלחמה און ער וועט רעדען וועגען שלום מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט (זכריה ט').

איידער דער משיח פון שלום וועט קומען, וועלען אויסברעכען שרעקליכע מלחמות, וואָס וועלען חרוב מאַכען אַלע לענדער. די הויפּט־ליידענדע וועלען, ווי תמיד, זיין די אָרימע אידען. זיי וועלען זיך נעבאַך וואַלגערען אויף אַלע גרעניצען און ניט האָבען וואוהין צו גיין אָדער וואוהין צו קומען. צו יענער צייט זאָגט ג' צו זיי: „קומי אורי כי בא אורך" — שטיי דו אויף צוערשט און באַלייכט און דערקלער אָפען פאַר דער וועלט וואָס דיינע פאָדערונגען זיינען, אויב דו ווילסט, אַז דיין ליכט זאָל קומען. איך וועל דיר דאַן העלפען, אויב דו וועסט אָנפאַנגען מוטיג צו אַרבייטען פאַר דיין גאולה.

נצבים־וילך

א.

נאָך אַלע תוכחות וועט דאָס אידישע פאָלק דאָך בלייבן לעבן

אתם נצבים היום כלכם.

„למה נסמכה פרשה זו לפרשת קללות? כיון ששמעו ישראל את הקללות הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו? מיד אמר להם משה, אתם נצבים — הקללות מעמידות אתכם״ — וואָרום קומט די פּרשה גלייך נאָך דער גרויסער תוכחה? — ווייל אַזוי גיך ווי די אידען האָבען אויסגעהערט די פילע קללות איז ביי זיי גרין געוואָרען די געזיכטער פון שרעק און זיי האָבען געפרעגט, ווער קאָן עקזיסטירען אונטער אַזעלכע אומשטענדען? האָט זיי משה באַלד געענטפערט, איר וועט בלייבען שטיין, די קללות וועלען אייך אויפשטעלען (מדרש תנחומא, מדרש הגדול).

אתם נצבים — איר וועט עקזיסטירען, פאַרזיכערט משה די אידען. נאָך אַלע תוכחות מיט זייערע שרעקליכע קללות, וואָס וועלען אייך באַפאַלען אין די פרעמדע לענדער; נאָך אַלע אומגליקען, וואָס איר וועט האָבען אויסצושטיין אין די לאַנגע גרויזאַמע גלות׳ן, וועט איר דאָך לעבען בלייבען. אייערע פאַרפאָלגער וועלען פאַלען, איינער נאָך דעם אַנדערען, יאָגענדיג זיך נאָך אייך! אייערע אונטערדריקער און מערדער וועלען אַליין דערטרונקען ווערען אין די טייכען בלוט, וואָס זיי וועלען פון אייך פאַרגיסען, איר אָבער וועט ניט אונטערגיין. „היסורין כלין והם במקומם עומדים״ — די יסורים נעמען זיך אויס און די אידען בלייבען פעסט אויף זייער פלאַץ (סנהדרין ק״י).

אתם נצבים — אייער עקזיסטענץ וועט פאַרבלייבען דער גרעסטער וואונדער אין דער וועלט־געשיכטע. פריינט און פיינט, צווישען די היסטאָרישע פאָרשער, קאָנען זיך ניט אָפּוואונדערען אויף דער רעטזעלהאַפטער דערשיינונג

פון אַ פאָלק צו קאָנען עקזיסטירען אַזוי לאַנג אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווי די אידען האָבען איבערגעלעבט אין זייער לאַנגען טרויעריגען גלות. „אתם קיומו של עולם הזה ושל עולם הבא" — איר זייט דער צענטער פון דער וועלט און יענער וועלט (תנחומא). אַ קליינע און שוואַכע אומה, נע־ונד איבער אלע ימים פון דער וועלט און איבעראַל אַ מינאָריטעט, דאָך פאַרנעמט זי, פראָפּאָר־ציאָנעל, אַ פיל גרעסערען פּלאַץ אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנט־וויקלונג פון דער מענשהייט.

די אידען זיינען דער מיטעלפונקט פון אַלע שטרייטיגקייטען, וואָס קומען פאָר אין די פאַרשידענע לענדער פון דער וועלט. ווי קלאָגט דאָרט דער נביא ירמיה אין זיין „איכה"? „שבתם וקימתם, הביטה, אני מנגינתם" — אין זייער זיצען און אין זייער שטייען, באַמערקט נאָר, בין איך זייער לידעל. אין אַלע פּאַרלאַמענטען, סענאַטען און קאָנגרעסען, האַלט מען אין איין דעבאַטירען וועגען די אידען; אַרום זיי און וועגען זיי טומעלט זיך איבעראַל מעהר ווי וועגען אַנדערע ראַסען און פעלקער אין דער וועלט. מען בלאָזט אויף זיי קאַלט און וואַרעם מיט איין אָטעם. דיזעלבע אידען־פיינט, וואָס באַשולדיגען זיי צו זיין די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירען, וואָס צוליב זייער גייציג נאָך רייכטום ברענגען זיי מלחמות אויף דער וועלט, בילען אויך, אַז די אידען שטעלען צוזאַמען די גרעסטע צאָל קאָמוניסטען, וואָס זוכען צו פאַרניכטען אַלע קאַפּיטאַלען און רייכטימער.

און וואָס מעהר וואונדערבאַר איז דער פאַקט, אַז טראָץ די זידלערייען און דערנידערונגען, וואָס ווערען צוגעטיילט דעם אידישען פאָלק פון אַלע זייטען, איז ער אויך דער „קיומו של עולם הבא", דער מיטעלפונקט פון די העכערע וועלטען. אין די גייסטיגע און קולטורעלע ספערען פאַרנעמען די אידען דעם אויבענאַן אין דער געשיכטע. די גייסטרייכע לערען פון דער אידישער אמונה זיינען נאָך אַלץ די הויפּט־קוואַלען, פון וועלכע די רעליגיעס פון הונדערטער מיליאָנען מענשען אין דער וועלט שעפּען זייער גייסטיגע יניקה. אירע גרויסע נביאים פון אַמאָל דינען נאָך איצט אַלס די מאָראַל־פּרעדיגער פון דער גאַנצער מענשהייט. זייערע אידעאַלען וועגען אַ וועלט־שלום דינען נאָך היינט די פירער פון די דעמאָקראַטישע פעלקער אַלס מוסטער פאַר זייערע „אַטלאַנטיק טשאַר־טערס" אָדער די „פיר פרייהייטען".

אתם נצבים היום — אייער עקזיסטענץ איז געגליכען צום טאָג, „מה

היום מאפיל ומאיר, אף אתם כשאפלה לכם, עתיד להאיר לכם" — פונקט ווי דער טאָג איז צוערשט פינסטער און נאָכדעם ליכטיג, אַזוי איז אַלעמאָל מיט אייך, נאָך דער פינסטערניש קומט אייער ליכט. די געשיכטע האָט אונז אומ־ציילִיגע מאָל באַוויזען, אַז נאָך יעדען אויסגוס פון האַס און פאַרפאָלגונג איבער די קעפ פון די אידען, זיינען זיי גאָר ארויסגעקומען שטאַרקער און קאַמפּס־לוסטיגער ווי פריער. די רדיפות האָבען זיי געהאָלפען צו ווערען פאַראייניגט; האָבען איבעראַל צעמענטירט די פאַרשידענע טיילען פון פאָלק און געשטאַרקט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט.

ווי זאָגט אונז די תורה אין „בהעלותך": „כן יהיה תמיד, הענן יכסנו, ומראה אש לילה" — אַזוי וועט עס אימער זיין, ווען דער וואָלקען וועט באַדעקען די אידישע שכונות, און דאָס לעבען וועט ווערען העכסט אומדערטרעגליך, זאָל מען ניט פאַרצווייפלען. עס וועט זיך ווייזען אַ פייערדיגער זייל אין מיטען דער נאַכט, וואָס וועט פאַרטרייבען די פענסטערניש און ברענגען ליכט אין די אידישע רייהען. זאָלען נאָר די אידען אַליין זיך האַלטען פעסט צוזאַמען און זיי וועלען איבערקומען אַלע שוועריגקייטען און בלייבען גאַנץ.

„והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות" — און אַז עס וועט טרעפען מיין פאָלק פילע און שלעכטע אומגליקען, „וענתה השירה הזאת לפניו" — זאָל פאַר אים קלינגען דער שיר. די תורה, וועלכע איז דעם אויבערשטען׳ס גרויסע פּאָעמע פון גייסטיגע דערגרייכונגען, וועט אייך אויפמונטערען: איר ווידער־קלאַנג וועט אייך געבען האָפנונג און אויסדויער צו קאָנען ווידערשטיין אַלע דרוקען, און איר וועט ענדליך אַרויס די זיגער.

דער דובנער מגיד ז״ל דערקלערט דעם פסוק מיט אַ משל: דער שטייגער איז, אַז פאַרנאַכט, בשעת דער פרוכט־פעדלער האָט שוין כמעט אויספאַרקויפט זיין סחורה, פון וועלכער עס איז אים געבליבען בלויז אַ קלייניגקייט, און ער איילט זיך שוין צו גיין אַהיים — נעמט ער דאַן די איבערגעבליבענע רעשטלאַך, דאָס ביסעל באַרנעס פון איין קוישעל, דאָס ביסעל עפּל פון צווייטען קוישעל, און דאָס ביסעל פלוימען פון דריטען, און מישט עס צונויף צוזאַמען, וועלענדיג דערפון וואָס שנעלער פטור ווערען. אָט דאָס מיינט דער פסוק צו זאָגען: „והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות" — אויב דו וועסט זעהן, אַז עס הויבט זיך אָן צו שיטען עפּעס אַ מישמאַש פון צרות פון פאַרשידענע מינים, איז אַ סימן, אַז דאָס איז דער סאַמע סוף, די „עקבתא דמשיחא", די טריט פון דער דערלייזונג. די השגחה איילט אירע קינדער זיך צו קלייבען געהן אין זייער אייגענער היים...

ה פ ט ר ה

די ענדגילטיגע גאולה וועט ברייגען דאָפּעלטע פרייד

שוש אשיש בה׳ תגל נפשי באלקי.

„אמרו ישראל, רבונו של עולם, הנפש הזו שמקלסת אותך, עד מתי היא נתונה בעפר? אמר להם, חייכם, יגיע הקץ ונפשותיכם שמחות" — די אידען פרעגען, האַר פון דער וועלט, דער אידישער נפש, וואָס האַלט דיך אין איין לויבען, ביז ווי לאַנג וועט ער זיך וואַלגערען אין מיסט? ענטפערט ער זיי: אַזוי זיכער ווי איר לעבט, אַזוי זיכער קאָנט איר זיין, אַז אַ סוף וועט קומען און אייערע נשמות וועלען זיך פרעהען (ד"ר פ׳ ב׳).

מיט דער היינטיגער הפטרה ווערען פאַרענדיגט די „שבא דנחמתא", די זיבען טרייסט הפטרות, וועלכע דער נביא ישעיה פאַרשפּרעכט די אידען אַלס באַלוינונג פאַר דער שרעקליכער קללה פון דער תוכחה: „והכיתי אתכם שבע על חטאתיכם" — איך וועל אייך שלאָגען זיבען מאָל פאַר אייערע זינד, וואָס איז אַזוי גרויזאַם דורכגעפירט געוואָרען קעגען זיי, אויף זייערע לאַנגע וואַנדערונגען איבער אַלע זיבען ימ׳ען פון דער וועלט. זיינע פּראָפעצייהונגען איבער דער אידישער באַפרייאונג ווערען פון אים איבערגעגעבען אין „נחמות כפולות", טאָפּעלטע טרייסטען, ווייל דאָס קומט אונז פאַר דעם „לקו בכפלים", פאַר דער טאָפּעלטער פּאַרציע פון צרות און יסורים, וואָס זיינען אונז צוגעטיילט געוואָרען אין אַלע לענדער פון דעם פינסטערען גלות.

קיין פאָלק אין דער וועלט האָט אַזוי פיל ניט געליטען ווי דאָס אידישע. פאַר דעם איינציגען חטא פון זיין אַ איד, האָט מען אים איבעראַל שטאַרק גע׳רודפ׳ט און זיין בלוט פאַרגאָסען. טאָפּעלטע גלות׳ן האָט ער געהאַט אויסצו־שטיין אין אַלע לענדער פון דער וועלט. וואו ער האָט פּרובירט זיך צו באַזעצען, האָט מען אים צוגעלייגט אַ צווייאיגע פּאַרציע פון באַגרענצונגען. אַלס פרעמדער האָט מען באַשרענקט זיינע פּאָליטישע פּרייהייטען און אַלס איד האָט מען אים אויך באַרויבט פון אַלע מענשליכע רעכטען. זיין גאולה מוז דעריבער צוזאַמענ־געשטעלט ווערען פון „נחמות כפולות", טאָפּעלטע טרייסטען, וועלכע זאָלען אים צוריקגעבען זיין נאַציאָנאַלען שטאַלץ און זיין היסטאָרישע גרויסקייט.

„בדרך אחד תצא אליו ובשבעה דרכים תנוס לפניו" — אויף איין וועג וועסטו אַרויס קעגען אים און אויף זיבען וועגען וועסטו אַנטלויפען פאַר אים.

אָט די שרעקליכע נבואה פון אונזער גרויסען באַפרייער איז אויף אונז מקוים געוואָרען אין איר פולער גרויזאַמקייט. דער גלות האָט פאַרטויבט אונזערע געהירען און אונז בלינד געמאַכט, ניט צו קאָנען זעהן אָדער באגרייפען וואָס מיט אונז טוט זיך. אין אַלע לענדער זיינען מיר אַרויסגעקומען צו אונזערע שונאים „בדרך אחד״, אויף איין וועג, מיט איין פאָדערונג — עמאַנציפּאַציע, גלייכבאַרעכטיגונג: מיר האָבען זיך געלאָזט איינרעדען פון אונזערע אסימילאַטאָרישע פירער, אַז אונזער ישועה וועט קומען פון „דעמאָקראַטיע״, פון קריגען גלייכע בירגער־רעכט. נאָך יעדער מלחמה, אין וועלכער מיר האָבען געליטען מער פון אַלעמען, האָבען זיי געֿטענה'ט, אַז אויב דאָס צויבערוואָרט „גלייכבאַרעכטיגונג״ וועט אַרויסגעשטעלט ווערען אין די נייע אָפּמאַכען צווישען די פעלקער, וועט נעמען אַ סוף צו אַלע אונזערע צרות. מיר האָבען זיך אָבער אָפּגענאַרט. „בשבעה דרכים תנוס לפניו״ — אויף אַלע וועגען אַרום די זיבען ים׳ען פון דער וועלט האָבען מיר געמוזט לויפען, אויך נאָכדעם ווען אין זייערע קאָנסטיטוציעס האָט מען אונז כלומר׳שט פאַרשפּראָכען עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכקייטען און אויך רעליגיעזע און קולטורעלע פרייהייטען.

די דאָזיגע שיינע דעמאָקראַטישע לידער, וועלכע זיינען געזונגען געוואָרען אויף די חורבות פון אַ וועלט־מלחמה, זיינער אָבער ניט דורכגעפירט געוואָרען אין די ניי־צוריקגעבויטע לענדער. „דעמאָקראַטיע״ קומט געוויינליך נאָך אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס פון גייסטיגער דערציהונג, איבערהויפּט אין לענדער מיט אַ לאַנג־יאָריגער טראַדיציע פון אַנטיסימעטיזם און פרעמדען־האָס. אַזוי גיך ווי די מאַיאָריטעט האָט דערפילט אַ פעסטערען באָדען אונטער אירע פיס איז זי געוואָרען שאָוויניסטיש געשטימט און האָט ניט פאַרגונען די מינאָריטעטען זייער פרייהייט און גלייכקייט. אין דעם פּראָצעס פון פאַרפעסטיגען זייערע פאָלקס־פּאָזיציעס האָבען זיי אָנגענומען דעם ענג־האַרציגען וועג פון פאַרפאָלגען דעם נרדף, דעם שוואַכערען, און ווענדען זיי האָבען געזעהען אַ קאָנקורענט, וואָס שטייט זיי אין וועג צו קאָנען פאַרכאַפּען אַלץ פאַר זיך.

און די אָרימע אידישע אומה, דאָס אינטערנאַציאָנאַלע כפרה־הינדעל, האָט זיך פון דאָס ניי געמוזט איבעראַל ווענדען צו איר אייגענעם ג׳ מיט דער האַרצרייסענדער פראַגע: „עד מתי היא נתונה בעפר?״ — ביז ווי לאַנג וועט זי נאָך אַלץ זיך דאַרפען וואַלגערען אין מיסט? און איר ענטפער באַקומט זי אין דער היינטיגער הפטרה:

„שוש אשיש בה׳" — די אמת׳ע אידישע פרייד ליגט ביי ג׳ אין די הענט. „אמר הקב״ה לישראל, בעולם הזה הייתם מתברכים על ידי אחרים, לעתיד לבא אני מברך אתכם" — ג׳ זאָגט צו די אידען: אין דער איצטיגער וועלט האָט איר זיך געלאָזט בענשען דורך אַנדערע, אין דער צוקונפט אָבער וועל איך אייך אַליין בענשען (ילקוט שמעוני ב׳ תשצ״ב). ווערט ניט צופיל באַגייסטערט פון די שיינע פראַזען, וואָס די פירער פון דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע פּראָקלאַמירען אין די צייטונגען און איבער די ראַדיאָס פון דער גאַנצער וועלט, אַז גלייך נאָך דער מלחמה וועלען זיך אַלע פעלקער פאַראייניגען אין אויפבויען אַ בעסערע וועלט, וואָס זאָל באַפרייען די גאַנצע מענשהייט. מיר האָבען שוין אַזעלכע קלינגענדיגע פראַזען ניט איינמאָל געהערט אין אונזער פאַרגאַנגענהייט און מיר מוזען זיין פאָרזיכטיג. וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי ע״ה, אין זיין לעצטען בוך „דער קריג און די אידען" מאַכט אונז אויפמערקזאַם, אַז „אין פילע טיילען פון אייראָפּע זיינען דאָ געגוג מענשען, וואָס האָבען בענעפיטירט דירעקט פון אַרויס־טרייבען די אידען פון זייערע לענדער און פאַרכאַפּען זייער אייגענטום און געשעפטען. עס איז טאַקע אמת, אַז די מערדערליכע נאַציס האָבען צוגענומען די בעסטע חלקים פאַר זיך, זיי האָבען אָבער אַ סך פון די אידישע פּאָזיציעס איבערגעלאָזט פאַר די דאָרטיגע בירגער און זיי וועלען זיי אונז ניט וועלען צוריק־געבען".

„שוש אשיש בה׳" — אַ דאָפּעלטע שמחה וועט די ענדגילטיגע גאולה ברייננגען דעם אידישען פאָלק. איך האָב געהערט, גיט איבער דער נביא, ווי דער אויבערשטער האָט געשוואוירען „אם אתן את דגנך עוד מאכל לאויביך ואם ישתו בני נכר תירושך אשר יגעת בו" — אַז ניט מער וועל איך געבען דיינע תבואות פאַר שפּייז צו דיינע פיינט און ניט מער וועלען פרעמדע טרינקען דעם וויין וואָס דו האָט זיך געמיט אויף אים. איר וועט ניט זיין געדריקט אָוועקצו־געבען אייערע כוחות פאַר פרעמדע און אייערע פאַרמעגענס לאָזען אויף הפקר פאַר אַלע אויסוואורפען אין די גלות־לענדער. איר אַליין וועט געניסען די פרוכט פון אייער אַרבייט אין אייער אייגענער היים, „בחצרות קדשי", אין די הויפען פון מיין הייליג לאַנד.

„יגיע הקץ ונפשותיכם שמחות" — ביים סוף פון אייער דערלייזונג וועלען זיך אויך אייערע נשמות פרייען. איר וועט ענדליך באַפרייט ווערען אויך פון אייער גייסטיגער שקלאַפעריי. דאָס געפיל פון „אינפעריאָריטי", פון נידער־

געשלאָגענקייט, וואָס האָט אייך אומעטום אין גלות פאַרפאָלגט און ניט געלאָזט אייער קאָפּ אויפהויבען, וועט פון אייך פאַרשווינדען. אין אייער אייגענער היים וועט איר זיך פילען גייסטיג פריי און צוריק אָנפאַנגען די אַנטוויקלונג פון אייער אייגענאַרטיגען דענקען, וואָס האָט אייך גרויס געמאַכט אין דער פאַרגאַנגענהייט. אין זייער אייגענער היים וועלען די אידישע נשמות זיך פרייען, ווייל „וקראו להם עם הקודש גאולי ה׳״ — די גאַנצע וועלט וועט זיי רופען דאָס הייליג פאָלק, די אויסגעלייזטע פון ג׳.

ב.

אידישקייט פאַרבונדען מיט אייביגקייט

ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת.

„כל הנשמות היו שם, אף שעדיין גוף לא נברא״ — אַלע אידישע נשמות האָבען זיך געפונען ביים באַרג סיני, כאָטש קערפּערס פאַר זיי זיינען נאָך ניט באַשאַפען געוואָרען (מדרש תנחומא).

לויט דער אידישער טראַדיציע, איז די תורה באַשאַפען געוואָרען פיל פריער פאַר דער גאַנצער בריאה. דער פּלאַן פון דער סטרוקטור און פאַרוואַלטונג פון דער וועלט געפינט זיך אין דער תורה, און אַז דער אויבערשטער האָט באַשלאָסען די וועלט צו באַשאַפען, „היה מביט בתורה ובורא את העולם״ — האָט ער אַריינגעקוקט אין דער תורה און לויט אירע אָנווייזונגען און ספּעציפיקאַציעס האָט ער זי באַשאַפען. די געזעצען פון „צדק״ און „יושר״, וועלכע ווערען אָנגעוויזען אין דער תורה, זיינען די גרונט־שטיינער, אויף וועלכע די יסודות פון דעם „עולם הזה״ און „עולם הבא״ די־וועלט און יענע־וועלט, זיינען געלייגט געוואָרען.

פונקט ווי די אַלע עלעמענטען וועלכע שטעלען צוזאַמען דעם גאַנצען רוים פון דער בריאה, ווערען פון דער השגחה געהאַלטען אין צוים צו אַרבייטען האַרמאָניש, כדי צו פאַרמיידען ווילדע אויסברוכען, וועלכע קאָנען נאָך די וועלט חרוב מאַכען, אַזוי איז אויך מיט די פאַרשיידענע עלעמענטען פון דער מענשהייט. כדי צו קאָנען עקזיסטירען און געניסען פון די אַלע גוטסקייטען, וואָס די וועלט

פאַרמאַגט, מוזען די מענשען געהאַלטען ווערען אין צוים און זיך אויפפירען האַרמאָניש, אום צו פאַרמיידען קריגערייען און בלוט־פאַרגיסונגען, וואָס קאָנען אומקערען די וועלט צו „תהו ובהו" און זי חרוב מאַכען. דאָס וועט מעגליך זיין נאָר דאַן, אויב זיי וועלען אויספאָלגען די גערעכטע פאָרשריפטען פון דער תורה, וואָס ווייזט זיי אָן דעם וועג פון לעבען.

„מדד הקב"ה כל האומות ולא מצא אומה שהיתה ראויה לקבל את התורה אלא ישראל" — ג' האָט אויסגעמאָסטען אַלע פעלקער און האָט ניט געפונען קיין מער פאַסענדע אומה צו נעמען די תורה, ווי די אידען (ויקרא רבה י"ג). אירע הומאַנישע געזעצען פאָדערען פון יעדען מענשען, אַז ער זאָל פיל מאָל פאַרקוקען אויף זיינע אייגענע אינטערעסען צוליב דעם וואויל און בעסטען פון אַנדערע. אַזאַ אויפפירונג איז פאַרבונדען מיט אומנאַטירליכע שוועריגקייטען און זעלבסט־אָפּפער, און קיין אַנדער פאָלק האָט ניט דערוויזען צו ברייגען אַזוי פיל קרבנות פאַר זיין תורה און זיין אמונה, ווי דאָס אידישע. אָבער וואָס מער דער איד האָט געאָפּפערט פאַר זיין תורה, אַלץ מער האָט זי אים באַשיצט פון אונטערגאַנג. „לאהבה את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך — למען חייך" — צוליב דעם וואָס דו ליבסט דיין ג' מיט'ן גאַנצען האַרצען און מיט דיין גאַנצער נשמה, וועסטו לעבען בלייבען.

„אייביגקייט איז דער גרונט־געדאַנק פון משה'ס לערען", זאָגט פּראָפעסאָר הערמאַן כהן ע"ה. „גב"ה איז אייביג, זיין תורה בלייבט אייביג, און עס איז זיין ווילען, אַז אויך זיין פאָלק זאָל לעבען אייביג. די תורה איז ניט קיין פאָלקס־קאָנסטיטוציע וואָס זיינע פאַרשטייער האָבען אָנגענומען פאַר אַ באַשטימטער צייט און אונטער געוויסע אומשטענדען. זי איז ניט געשאַפען געוואָרען פון פאָלק, נאָר זי האָט דאָס פאָלק געשאַפען. „לא תהא מוחלפת" — זי קאָן דערפאַר ניט געביטען ווערען אָדער אַמענדירט ווערען, ווייל זי נעמט אַרום אַלע דורות און אַלע צייטען. זי איז אַ געזעץ בוך פאַר דער אייביגקייט, אין וועלכע מענשען זאָלען אַריינקוקען און קאָנען מאָדולירען זייער לעבען און זייערע אויפפירונגען לויט זיינע פאָרשריפטען, כדי צו פאַראייביגען זייער עקזיסטענץ".

„תתקע"ד דורות קודם שנברא העולם נבראה התורה" — ניין הונדערט מיט פיר און זיבעציג דורות אידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, איז באַשאַפען געוואָרען די תורה (ילקוט שמעוני). אין דעם, אייגענטליך, באַשטייט דער אונטערשייד פון דעם אָרטאָדאָקסישען אידען צו דעם רעפאָרמער. דער

אָרטאָדאָקס גלויבט, אַז די תורה האָט עקזיסטירט הונדערטער דורות נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרען און אַז די מענשען, וועלכע זיינע נאָכדעם געקומען, מוזען איינאָרדנען זייער לעבען נאָך אירע פאָרשריפטען. תורה און אמונה זיינען ניט די שאַפונג פון אַ בשר ודם, און דער מענש קאָן זיי ניט איבער־מאַכען לויט זיינע אומשטענדען, אין וועלכע ער געפינט זיך, אָדער לויט די אַנשויאונגען, וואָס ער באַזיצט. דער רעפאָרמער אָבער האַלט, אַז צוערשט איז געקומען דער מענש אויף דער וועלט, און אַז די תורה איז מערסטענס אַ פּראָדוקט פון דעם מענשען, און דעפאַר מעג ער זי צופּאַסען צו זיין לעבען און זי ענדערען לויט די באַדינגונגען פון דער סביבה אָדער לויט די אַנזיכטען פון דער צייט.

און די געשיכטע האָט טאַקע געוויזען, אַז די תורה און אידישע אמונה זיינען תמיד פאַרבליבען מיט דעם אָרטאָדאָקסישען אידען און ניט מיט דעם רעפאָרמירטען. יעדע רעפאָרם־באַוועגונג אין דעם אידישען פאָלק האָט ניט אויסגעהאַלטען. פאַר אַ געוויסער צייט האָט זי צו זיך טאַקע געצויגען די רייכערע קלאַסען, די וואָס ווילען זיין פריי און ניט אונטערוואַרפען זיך געוויסע געזעצען, וואָס מאַכען זיי פאַרשיידען פון די פעלקער אַרום זיי און אַנדערש פון די שכנים, צווישען וועלכע זיי געפינען זיך. אָבער מיט דער צייט האָט זיי דער שטראָם פון זייער אייגענער געמאַכטער רעפאָרם אַוועקגעריסען פון דעם אידישען פאָלק און זייערע קינדער האָבען זיך אַריבערגעכאַפּט אויף דער צווייטער זייט, צו פרעמדע גלויבענס.

„ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת" — ניט נאָר מיט אייך אַליין שליס איך אָט־דעם בונד מיט דער תורה, „כי אם את אשר ישנו פה עמנו היום ואת אשר איננו פה" — אויך פאַר די, וועלכע זיינען דאָ מיט אונז, און פאַר די, וועלכע זיינען נאָך ניטאָ מיט אונז. עס איז קעגען דעם גאַנצען אידישען געדאַנקענגאַנג צו דענקען, אַז אמונה איז אַ מענשליכע שאַפונג און אַז יעדער דור קלייבט זיך אויס זיין גלויבען, זיין תורה, וואָס זאָל האַרמאָנירען מיט זיין לעבענסגאַנג. אויב אונזער פאָלק וואָלט צוגעלאָזט אָט־דעם געדאַנק, אַז די תורה און אונזער אמונה קאָנען געביטען אָדער אפילו רעפאָרמירט ווערען, וואָלטען מיר שוין לאַנג פאַרלאָרען אונזער אייגענאַרטיגקייט, וואָס האָט אונז אויפגעהאַלטען אַלס באַזונדער פאָלק. עס וואָלט דאַן געווען „כמספר עריך היו אלקיך ישראל" — אין וויפיל לענדער מיר געפינען זיך, אַזוי פיל געטער און אמונות וואָלטען מיר געהאַט. די אידישע גאַנצקייט וואָלט פאַרשוואונדען, און אַנשטאָט איין פאָלק,

איין נאַציע, וואָלטען מיר געווען צעברעקעלט אין לאַנדסמאַנשאַפטען און אומ־באַדייטענדע מינאָריטעטען איבער דער גאַנצער וועלט.

„כל הנשמות היו שם" — אלע אידישע נשמות האָבען זיך געפונען ביי קבלת התורה. אַלע אונזערע דורות האָבען געשלאָסען אַן אייביגען בונד מיט דער תורה. אונזער פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט זיינען פון דער תורה אויסגעשמידט געוואָרען אין איין לאַנגער קייט, וואָס קאָן קיינמאָל ניט צעבראָכען ווערען. אין דעם באַשטייט די אומבאַזיגבאַרקייט פון אונזער גייסט. „עדיין גוף לא נברא" — כאָטש די קערפּערס פאַר די נשמות פון די קומענדיגע דורות זיינען נאָך ניט באַשאַפען געוואָרען, און עס קאָן גאַנץ מעגליך זיין, אַז אין אויסזעהן וועלען די אידען זיך אונטערשיידען איינער פון דעם אַנדערען, לויט דעם לאַנד און קלימאַט — אָבער זייערע נשמות מוזען בלייבען דיזעלבע און איבעראַל טראָגען דעמזעלבען כאַראַקטער. אייך ג', איין תורה, דיזעלביגע טראַ־דיציעס און דערזעלבער גייסט.

הפטרה

די היסטאָרישע באַדייטונג פון אונזער סידור

כי מאספיו יאכלוהו והללו את ה'.

„משה תיקן לישראל ברכת הזן, יהושע תיקן להם ברכת הארץ, דוד ושלמה תקנו בונה ירושלים. הטוב והמטיב ביבנה תקנוה כנגד הרוגי ביתר: הטוב, שלא הסריחו והמטיב שנתנו לקבורה" — משה האָט מתקן געווען פאַר די אידען די ברכה, אַז ג' שפּייזט אונז; יהושע האָט פאַרפאַסט די ברכה פאַר געבען אונז דאָס לאַנד; דוד און שלמה האָבען געשאַפען די ברכה פאַר געבען אונז ירושלים. די ברכה, אַז ג' איז אַ גוטער און טוט מיט אונז גוטעס, האָבען די חכמים פון יבנה מתקן געווען איבער די מאַרטירער פון ביתר: ער איז גוט געווען מיט דעם, וואָס זייערע קערפּערס זיינען ניט פאַרפוילט געוואָרען, און ער האָט מיט זיי געטאָן גוטס, ווייל זיי זיינען געקומען צו קבורת ישראל (ברכות מ"ח ע"ב).

אידען האָבען תמיד געגלויבט און געדאַנקט ג' פאַר אַלע געשעהעניש, וואָס האָבען מיט זיי פּאַסירט, גוט אָדער שלעכט. דער כלל פון אונזערע חכמים —

כשם שמברכים על הטובה כך מברכים על הרעה" — אַזוי גוט ווי מען דאַרף מאַכען אַ ברכה איבער גוטעס, אזוי אויך דאַרף מען מאַכען אַ ברכה איבער שלעכטעס — איז פון די אידען אויסגעהאַלטען געוואָרען פאַר די אַלע יאָרען פון זייער לאַנגער עקזיסטענץ. אונזער סדור־תפלה איז פול מיט פאַרשיידענע תפלות און ברכות איבער געשעהענישען, וועלכע האָבען געבראַכט גליק און שלום אויף אונזער פאָלק, אַזוי גוט ווי איבער אַזעלכע געשעהענישען, וועלכע האָבען פאַראורזאַכט חורבנות און אומגליקען.

אַז די אידען זיינען געקומען אין דער מדבר און ג' האָט זיי געשפייזט מיט מן פון הימעל, האָט פאַר זיי משה מתקן געווען די ברכה „הזן" — צו דאַנקען ג' פאַר די גוטס, וואָס ער טוט מיט זיי, צו שפייזען זיי אין אַ וויסטען מדבר. זיינען זיי אַריין אין ארץ־ישראל, האָט פאַר זיי יהושע פאַרפאַסט די ברכה „על הארץ הטובה" — צו דאַנקען און לויבען השי"ת פאַר'ן גוטען לאַנד, וואָס ער האָט זיי געגעבען. האָבען זיי באַזיגט דעם „יבוסי" און איינגענומען ירושלים און זי געמאַכט פאַר דער הויפט־שטאָט, האָבען פאַר זיי דוד און שלמה מתקן געווען די ברכה „בונה ירושלים" —אַ לויב און דאַנק פאַר דעם, וואָס ער האָט זיי דער־מעגליכט צו בויען פאַר זיך די שיינע שטאָט ירושלים. און אַזוי געפינען זיך אין אונזער סידור אַלערליי תפלות און ברכות פאַר דאָס גוטע, וואָס דער אויבערשטער האָט מיט אונזער פאָלק געטאָן אין אַלע צייטען און אין אַלע ערטער, וואו מיר האָבען זיך געפונען.

דאַגעגען, אויב עס האָבען פאַסירט מיט אונז גרויסע אומגליקען, האָבען מיר תמיד גענומען די שולד אויף זיך און נאָך געדאַנקט ג' פאַר זיין רחמנות איבער אונז, וואָס ער האָט ניט דערלאָזען, אַז דער אומגליק זאָל אונז אינגאַנצען אומברייינגען. ווען אַדרינוס איז באַפאַלען דאָס אידיש פאָלק, אין די צייטען פון „בר־כוכבא", און האָט חרוב געמאַכט די שטאָט ביתר, וואו טויזענטער אידישע מאַרטירער האָבען זייערע לעבענס פאַרלאָרען, האָבען די חכמים פון יבנה מתקן געווען די ברכה „הטוב והמטיב" — צו דאַנקען ג' פאַר דעם, וואָס זייערע קערפּערס זיינען ניט פאַרפוילט געוואָרען, און אויך פאַר דעם, וואָס זיי זיינען כאָטש געקומען צו קבר ישראל. די וויכטיגע באַדייטונג פון דער ברכה זעהען מיר, ליידער, אין היינטיגער צייט, ווען די קערפּערס פון מיליאָנען אידישע קדושים, וועלכע זיינען אויסגעהרג'עט געוואָרען פון די מערדערליכע

נאַציס, האָט מען געלאָזט פאַרפוילט ווערען און זיינען ניט געקומען צו קבר ישראל.

„אונזער אַלטער סידור", פלעגט זאָגען מיין פאָטער ע"ה, „איז אייגענטליך אַ „ספר הזכרונות", אַ כראָניק, וואו עס ווערען טראַדיציאָנעל פאַרצייכענט די היסטאָרישע פּאַסירונגען פון אונזער פאָלק, פון זיין געבורט ביז היינטיגען טאָג. ער איז אויך דער „באָד של דמעות", דער נאַציאָנאַלער לאָגעל, אין וועלכען עס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט די אידישע טרערען פון אַלע דורות און פון אַלע צייטען. דער סידור האָט באַגלייט אונזער פאָלק אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען און אים געטרייסט און געמוטיגט צו קאָנען ווידערשטיין די שרעקליכע אָנגריפען פון אונזערע שונאים".

אָט דער הייליגער געבעט־בוך אונזערער מאַכט איצט דורך אַ קריזיס אין דער פרייער אמעריקע. אין דערזעלבער צייט וואָס די גרויזאַמע נאַציס און פאַשיסטען האָבען זיך פאַרנומען קעגען דעם אַלטען ישראל און פאַרניכטעט אַלע אידישע קהלות אין אייראָפּע און אומגעבראַכט מיליאָנען פון אונזערע ברידער, האָבען זיך דאָ אין אַמעריקע מאַנכע ראַבאָנישע גרופּען און סעמינאַרען פאַרנומען קעגען דעם אַלטען סידור און רייסען פון אים שטיקערווייז.

דאָ ניט לאַנג צוריק אין דערשינען אַ נייער סידור, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון אַ קליינער גרופּע ראַביים, וועלכע רופען זיך „רעקאָנסטרוקציאָניסטען", ווייל זיי האָבען זיך געשטעלט פאַר זייער אויפגאַבע איבערצובויען די אידישע רעליגיע און זי מאָדערניזירען. אויב איבערבויען, דאַרף מען דאָך קודם כל צעברעכרען דאָס אַלטע; האָט מען זיך צוערשט אָנגעזעצט אויף אונזער סידור און אים צעפּיצעלט אויף שטיקלאַך. אין דער הקדמה צום סידור דערקלער'ען זיי אָפען, אַז ניט ג' האָט די אידען אויסגעקליבען פאַר זיין פאָלק; נאָר מיר האָבען אים אויסגעקליבען פאַר אַ ג'; ניט ער האָט אונז זיין תורה געגעבען, נאָר מיר אַליין האָבען פאַר אים אַ תורה געשאַפען.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז נאָך אַזאַ דערקלערונג, וואָס שטאַמט אייגענטליך פון דעם אַלטען דייטשמערישען חדר, דאַרף מען פון סידור אַרויסוואַרפען אַלע תפלות און ברכות, וואָס רעדען וועגען קבלת־התורה, אָדער וועגען דער אויסדערוויילונג פון די אידען אַלס גאָט'ס פאָלק. זיינען טאַקע אין אים ניטאָ אַזעלכע ברכות, ווי „אשר בחר בנו מכל העמים", אָדער „אשר נתן לנו תורת אמת" א. ד. גל. אָנשטאָט זיי האָט מען אין דעם סידור אַריינגעשטעלט אייניגע

פוסטע מליצות פון מאָדערנע אידישע און ניט־אידישע פּאַרפאַסערס, וועלכע קלינגען ווי אַ קאַצעניאַמער אין פאַרגלייך צו די געטליכע קלאַנגען, וואָס שאַלען אַרויס פון די אַלטע תפלות און ברכות.

אויך האָט דער ניו יאָרקער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אַנאָנסירט, אַז באַלד וועט אַרויס פון דרוק זיינער אַ סידור, וואָס וועט זיכער ראַטעווען דאָס אידענטום. האָב איך גראַד געהערט איינעגע פון די חדושים, וואָס וועלען זיך אין אים געפינען. דער סידור איז אויך אין איינקלאַנג מיט דעם סעמינאַר׳ס אידעאָלאָגיע. ווי באַוואוסט, איז איינע פון די גאַר גרויסע אויפטואונגען, וואָס די קאָנסערוואַטיווע ראַבייס פון דעם חדר האָבען אויפגעטאָן, אַז מענער און פרויען זאָלען זיצען צוזאַמען ביי די תפלות אין שוהל. זיצענדיג לעבען אַ שיינער שכנה, איז ניט אָנשטענדיג צו זאָגען אַ תפלה, פון וועלכער זי קאָן זיך נאָך חו״ש באַליידיגען, האָט מען טאַקע דערפאַר אַרויסגעוואָרפען פון סידור די ברכה „שלא עשני אשה״. אַ צווייטער אויפטו זייערער איז דאָך די „גוד־וויל באַוועגונג״ — איינצולאַדען גוי׳אישע פּריסטערס צו פּרעדיגען אין די שוהלען און אויך צו געבען טעאָלאָגישע לעקציעס אין זייער סעמינאַר, טאָ ווי פּאַסט עס דערפאַר צו האָבען אין סידור אַזאַ ברכה, ווי „שלא עשני גוי״, האָט מען זי טאַקע אַרויסגעוואָרפען פון סידור. אויך האָט מען אַלע שטעלען, וואו עס ווערט גערעדט פון קרבנות, אַרויסגעשמיסען.

כדי ניט אָפּצושטיין פון קהל, הערען מיר איצט, אַז אויך די ישיבת רבנו יצחק אלחנן קלייבט זיך אַרויסצוגעבען אַ נייעם סידור. וועלכע שנויים עס וועלען דאָרט געמאַכט ווערען, וויסען מיר ניט. אָבער, אַז מען האָט זיך גענומען צו אונזער אַלטען סידור פון אַלע זייטען איז קיין צווייפעל ניט.

דער נביא פון דער היינטיגער הפטרה, ווי עס ווייזט אויס, האָלט נאָך אָבער אַלץ פון אונזער אַלטען סידור, ווייל ער גיט אונז איבער, אַז ער האָט געהערט ווי דער אויבערשטער האָט געשוואָרען: „אם אתן את דגנך עוד מאכל לאויביך, ואם ישתו בני נכר תירושך אשר יגעת בו״ — אַז ניט מער וועל איך געבען דיינע תבואות פאַר שפּייז צו דיינע פיינט און ניט מער וועלען פרעמדע טרינקען דעם וויין, וואָס דו האָסט זיך געמיט אויף אים. איר וועט מער ניט געדריקט זיין אוועקצוגעבען אייערע כוחות פאַר פרעמדע און אייערע פאַרמעגענס לאָזען אויף הפקר פאַר אַלע אויסוואורפען אין די גלות־לענדער. „כי מאספיו יאכלוהו והללו את ה׳״ — נאָר די, וואָס האָבען זיי געזאַמעלט, וועלען זיי עסען

און לויבען ג. מיר וועלען מיט כוונה זאָגען דעם גרויסען הלל פון אונזער אַלטען סידור.

ג.

די שכינה וועט באַפרייט ווערען מיט די אידען

ושב ה׳ אלקיך את שבותך.

„והשיב לא נאמר אלא ושב, מלמד שאף הקב״ה שב עמהם מן הגלות״ — עס ווערט ניט געזאָגט „והשיב״, ער וועט צוריקברייגגען, נאָר „ושב״, ער וועט צוריקקערען. פון דעם איז געדרונגען, אַז אויך ג׳ אַליין וועט צוריקקומען מיט די אידען פון גלות (מגילה כ״ט ע״א).

„נאָך די סדרות „כי תצא״ און „כי תבא״, באַמערקט רבי עמיאל אין זיין „דרשות אל עמי״, קומט די סדרה פון „אתם נצבים״, אָן אָנדייטונג, אַז וואו די אידען זאָלען ניט גיין אָדער קומען, אויב זיי פירען זיך אויף לפני ה׳״, לויט די פרינציפען פון זייער גלויבען, וועלען זיי בלייבען „נצבים״, שטאַנדהאַפטיג, און „כלכם״, גאַנץ — קערפערליך און גייסטיג״.

די חז״ל באַהאַנדלען דיזעלבע פראַגע און גיבען אויף דעם אַ מערק־ווירדיגע דערקלערונג: זיי זאָגען: „למה נסמכה פרשה זו לפרשת קללות? לפי כששמעו ישראל את הקללות הריקו פניהם ואמרו: מי יכל לעמד באלו? מיד קרא אותם משה ומפייסן: אף על פי שהיסורין הללו באין עליכם יש לכם עמידה״ — וואָרום איז די פרשה פון „נצבים״ נאָענט צו דער פרשה פון קללות? ווייל ווען די אידען האָבען אויסגעהערט דעם לאַנגען צעטעל פון אומגליקען, זיינען ביי זיי גרין געוואָרען די געזיכטער פון שרעק און זיי האָבען געפרעגט: ווער קאָן עקזיסטירען אונטער אַזעלכע אומשטענדען? האָט זיי באַלד משה צוזאַמענגערופען און זיי באַרוהיגט: כאָטש אָט די אַלע אויסגערעכענטע יסורים וועלען אויף אייך קומען, וועט איר דאָך בלייבען שטיין און וועט ניט אונטערגיין (מדרש תנחומא).

ווער עס האָט זיך נאָר אָפגעגעבען מיט שטודירען די אידישע געשיכטע, קאָן זיך ניט אָפוואונדערען אויף דער רעטזעלהאַפטער דערשיינונג פון אַ פאָלק צו קאָנען עקזיסטירען אַזוי לאַנג אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווי די אידען האָבען איבערגעלעבט אין זייער לאַנגען און טרויעריגען גלות. פון וואַנען האָבען

זיי געצויגען די קרעפטען צו קאָנען ווידערשטיין די בייזוויליגע און אָפטע אָנפאַלען פון זייערע שונאים, וואָס האָבען זיי געזוכט צו פאַרטיליגען און אָפּמעקען זייער נאָמען פון אונטער די הימלען? און די באַוואונדערונג פון די היסטאָרישע פאָרשער ווערט נאָך גרעסער, ווען די געשיכטע באַווייזט, אַז נאָך יעדען אָנפאַל, נאָך יעדען גרויזאַמען אָנגריף פון זייערע אַנטיסעמיטישע שכנים, זיינען די אידען אַרויס פיל קרעפטיגער אַלס פאַלק און מער געשטאַרקט אין זייער באַשלוס צו קעמפען ווייטער פאַר זייער עקזיסטענץ און באַפרייאונג.

אויך אונזערע חז״ל רעאַגירען איבער דיזען גרויסען היסטאָרישען וואונדער. זיי זאָגען: „אתם נצבים היום כלכם״ — איר אַלע עקזיסטירען נאָך ביז היינט. „אמר הקב״ה מעולם לא הכיתי אומה ושניתי לה״ — ג׳ זאָגט: איך האָב קיינמאָל ניט געשלאָגען אַ נאַציע און עס געדאַרפט ווידערהאָלען. קוים האָט זי פאַרלאָרען איר לאַנד און איר עקאָנאָמיש־פּאָליטישען באַזיס, איז זי אונטערגעגאַנגען און אירע קינדער זיינען איינגעשלונגען געוואָרען צווישען די פעלקער, וועלכע האָבען זי באַזיגט. „אתם בני יעקב לא כליתם״ — איר אָבער, די קינדער פון יעקב, זענט ניט אונטערגעגאַנגען. טראָץ די שרעקליכע רדיפות און אומגליקען, וואָס איר האָט געהאַט דורכצומאַכען אין אייער לאַנגען און פינסטערען גלות, זענט איר געבליבען נאַציאָנאַל אומבאַרירט. „היסורין כלין והם במקומם עומדים״ — די יסורים פאַרשווינדען און די אידען בלייבען שטיין אויף זייער פּלאַץ (סנהדרין ק״י, תנחומא).

אַן אַנדער מדרש זאָגט: אַלע קללות פוןביידע תוכחות הויבען זיך אָן מיט אַ „וואו המהפך״״, וואָס פאַרוואַנדעלט אַן עבר אין אַן עתיד, אָדער פאַרקערט. און דער געדאַנק דערפון איז: „אם זכיתם הריני הופך לכם קללות לברכות״ — אויב איר וועט ווערט זיין, וועל איך איבערקערען אַלע אייערע קללות און זיי מאַכען פאַר ברכות (ויק״ר ל״ה). דער דובנער מגיד דערקלערט עס מיט דעם פאָלגענדען משל: ביי רייכע עלטערען איז זייער בן יחיד שטאַרק קראַנק געוואָרען. די דאָקטוירים האָבען דערקלערט, אַז מען מוז אים מאַכען אַן אָפּעראַציע. נאָך דער אָפּעראַציע האָט דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט דער נוירס, אַז פאַר עטליכע טעג נאָכאַנאַנד זאָל זי אים ניט געבען קיין זאַך צו עסען אָדער טרינקען. ווען די עלטערען זיינען אַריין אין קראַנקען־צימער, האָט זיך ביי זיי דאָס קינד געבעטען, אַז זיי זאָלען אים כאָטש געבען אַביסעל קאַלט וואַסער, אָבער די נוירס האָט ניט געלאָזען. האָבען זיי זיך געווענדט צום דאָקטאָר, און ער האָט זיי דערקלערט:

ביי אים זיינען די פאַרדייאונגס־אָרגאַנען אָפּגעשוואַכט. וואָס איר וועט אים איצט געבען צו עסען אָדער טרינקען, קאָן נאָך שטעלען זיין לעבען אין סכנה. אַזוי זאָגט ער, איז מיט ג׳ בן יחיד, זיין עם ישראל. ווען ער ווערט קראַנק און זיינע פאַרדייאונגס אָרגאַנען פונקציאָנירען ניט ריכטיג, שיקט ער אויף אים אָן הונגער און נויט, און דערמיט העלפט ער אים צוריק געזונט צו ווערען. דאָס איז דער זין פון דעם מדרש: „אמר הקב״ה, הקללות מעמידות אתכם״, די קללות וועלען אייך צוריקשטעלען אויף די פיס״.

און די געשיכטע ווייזט אונז טאַקע, אַז נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע אויף די קעפּ פון די אידען, זיינען זיי גאָר אַרויסגעקומען שטאַרקער און קאָמפּסלוסטיגער ווי פריער. די רדיפות האָבען זיי געהאָלפען צו ווערען מער פאַראייניגט; דער אויסגוס פון האָס און צאָרן איבער זייערע קעפּ האָט איבעראַל צעמענטירט די פאַרשיידענע טיילען פון פאָלק און געשטאַרקט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט.

מאַנכע פון אונזערע חז״ל ווילען האָבען, אַז די הויפּט אורזאַך וואָרום מיר זיינען אין גלות ניט אונטערגעגאַנגען איז, ווייל אויך גב״ה איז געוועזען אַ שותף אין אונזערען ליידען. „שכינתא בגלותא״ — אויך די שכינה האָט זיך געפונען אין גלות, ווייל „כל זמן שישראל משועבדין שכינה עמהם״ — ווען נאָר די אידען זיינען אונטערדריקט, איז די שכינה כביכול אויך ניט פריי (מכילתא י״ד פ״ה). אָדער ווי דער „צרור המור״ זאָגט: „כל זמן שישראל בירידה כביכול שותף עמהם בירידה״ — כל זמן די אידען זיינען אין אַ געפאַלענער לאַגע, איז „כביכול״ אויך אַ שותף אין זייער געפאַלענקייט. אין דער פרעמד קאָן זיך די שכינה ניט אָריענטירען; אויך זי פילט זיך ניט היימיש און איז אין גלות. ווי שיין דער „בעל התניא״ טייטשט דעם פסוק „ויסרתי אתכם אף אני״ — ער זאָגט, אַז דער געדאַנק פון די ווערטער איז: „אַז איך שטראָף אייך, שטראָף איך אויך זיך״. די אידישע אמונה קאָן נאָר דאַן בליען און שטייגען, אויב דער „עם ישראל״ וועט זיין גייסטיג זעלבסטשטענדיג און נישט אונטערוואָרפען די השפעות פון אַנדערע. אין גלות איז עס אוממעגליך צו דערוייזען. דער פּראָצעס פון צופאַסונג באַרויבט דאָס אידיש פאָלק פון זיין אָריגינאַליטעט און אויך זיין אמונה פאַרלירט איר אייגענאַרטיגקייט. ניט אומזיסט זאָגען מיר אין אונזערע תפלות: „עשה למענך אם לא למעננו״ — טו עס פון דיינעטוועגען, אויב ניט פון אונזערטוועגען. מיט דעם וואָס דו וועסט אונז אויסלייזען פון גלות, וועט דיין שכינה אויך באַפרייט ווערען. אָדער ווי די חז״ל טייטשען אויס דעם פסוק פון

היינטיגער סדרה „ושב ה׳ את שבותך״ — גב״ה אליין וועט זיך מיט די אידען צוריקקערען פון גלות.

הפטרה

דאָס אידיש פאָלק וועט צוריקקריגען זיין אייגענעם נאָמען

וקורא לך שם חדש אשר פי ה׳ יקבנו.

„עתידה כנסת ישראל שתאמר לפני הקב״ה: הרי שמי קרוי על שם הבעלים, אומר לה, הריני מעבירם״ — די כנסת ישראל וועט טענה׳ן פאַר ג׳: איך ווער דאָך גערופען אויף די נעמען פון מיינע באַהערשער. ענטפערט ער איר: איך וועל זיי אָוועקנעמען (ספרי).

„דער אונטערשייד פון דעם איצטיגען גלות אין פאַרגלייך צו די פריערדיגע אידישע גלות׳ן, זאָגט הרב יצחק יעקב ריינעס ז״ל, באַשטייט אין דעם, וואָס אין די אַלטע גלות׳ן האָט מען אונז ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון די לענדער, אין וועלכע מיר זיינען פאַרטריבען געוואָרען, און היינט וויל מען אונז אין קיין לאַנד ניט אַריינלאָזען. מיר דערמאָנען תמיד „יציאת מצרים״, ווייל אין דעם איז באַשטאַנען דער הויפּט נס. דער גרויזאַמער פרעה מיט זיינע הענקערס זיינען ענדליך געצוואונגען געוואָרען אַרויסצולאָזען די אידען פון זיין לאַנד. אויך אין גלות בבל ווערט מער אקצענטירט דער פאַקט, אַז ווען כורש, דער קעניג פון פרס, האָט באַזיגט די מלוכה פון בבל, האָט ער דערלויבט די אידען פאַרלאָזען דאָס לאַנד״.

„אין היינטיגען גלות אָבער איז די „יציאה״, דאָס אַרויסגיין, גאַנץ גרינג. כמעט אַלע לענדער, וואו מיר געפינען זיך, וואָלטען אונז גערן אַרויסגעלאָזט. מיר האָבען אָבער ניט וואוהין צו גיין. אַלע טירען און טויערען זיינען פאַרמאַכט קעגען אונז. דער נביא, רעדענדיג וועגען דער קומעדיגער גאולה, זאָגט: „הנה ימים באים״ — טעג וועלען קומען, ווען מיר וועלען ניט האַלטען אין איין דערמאָנען דעם וואונדער פון „יציאת מצרים״, נאָר דעם גרעסערען נס פון „קבוץ גליות״, פון צוזאַמענגעמען די אידען פון אַלע לענדער „אשר הדיחם שם״, וואָס ער האָט זיי דאָרטען פאַרשטויסען, „והשיבותים אל אדמתם אשר נתתי לאבותם״, און זיי צוריקברייגגען צום לאַנד, וואָס איך האָב געגעבען צו

זייערע עלטערען (ירמיה ט״ז). ניט דאָס אַרויסגיין פון גלות, נאָר דאָס אַריינגיין אין אַן אייגען לאַנד וועט געפייערט ווערען״ (ספר הערכים).

כאָטש אין יעדער מדינה וואָלט מען פון אונז וועלען פּטור ווערען און אין יעדען לאַנד באַטראַכט מען אונז פאַר פרעמדע, פאַר אומגעווינשטע עלעמענ־טען, דאָך זיינען מיר פאַר דער פּאָליטיק פון דער וועלט אַ טייל פון די לענדער, וואו מיר שמאַכטען. איבעראַל ווערען מיר פערפאָלגט און געטריבען אַלס „אידיש פאָלק״, אָבער צום פעלקער־טיש לאָזט מען אונז ניט צו. פאַר די דיפּלאָ־מאַטישע פירער פון דער וועלט זיינען מיר ברעקלעך אונטער די טישען פון די לענדער, וואו מיר געפינען זיך, און יעדע גראָבע פּוס מעג אויף אונז טרעטען. אויך די כלומר׳שט ליבעראַלע פירער פון דער וועלט ווילען ניט אָנערקענען די אידישע פראַגע אַלס אַ פאָלקס־פראַגע, נאָר אַלס אַ לאַנדסמאַנשאַפט־פּראָבלעם, און לויט די אינטערנאַציאָנאַלע מנהגים טאָר מען זיך ניט מישען אין די אינערליכע אָנגעלעגענהייטען פון אַן אַנדער לאַנד.

און ווי עס קריסטעלט זיך, אַזוי אידעלט זיך: אַ היפּשער טייל פון אונזער פאָלק, איבערהויפּט צווישען אונזערע רייכע ברידער אין די פרייע לענדער, בויגען זייער פּוסטען קאָפּ פאַר דער בלינדער פּאָליטיק און זינגען „מה יפית״ צו די, וועלכע ווילען ניט אָנערקענען אונזערע נאַציאָנאַלע רעכטען. אויך זיי שרייען, אַז מיר זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר טיילען אָדער ברעקלעך פון די אַנדערע פעלקער. די אידישע פראַגע מוז וואַרטען ביז אַלע אַנדערע וועלט־פראַגען וועלען געשליכטעט ווערען, און דערווייל גייט־אָפּ דאָס אידיש פלק מיט בלוט.

דער נביא פון היינטיגער הפטרה טרייסט אונז און פאַרשפּרעכט אין נאָמען פון ג׳, אַז „וראו גוים צדקך וכל מלכים כבודך״ — ענדליך וועלען די פעלקער איינזעהן די גערעכטיגקייט און די רעגירונגען דיין געהעריגען ווערט. אויף דער גערעכטער טענה פון די כנסת ישראל: „הרי שמי קרוי על הבעלים״ — איך ווער דאָך באַרופען אויף דעם נאָמען פון מיינע באַהערשער, מען וויל דאָך מירך ניט אָנערקענען אַלס אַ באַזונדער פאָלק, פאַרזיכערט דער נביא, אַז „וקורא לך שם חדש, אשר פי ה׳ יקבנו״ — מען וועט דיך רופען מיט אַ נייעם נאָמען, וועלכען ג׳ האָט פאַר דיר באַשטימט — „עם ישראל״, דאָס אידיש פאָלק.

די היינטיגע הפטרה, וועלכע איז די לעצטע פון די „שבע דנחמתא״, די זיבען טרייסט הפטרות, פאַנגט זיך אָן מיט דעם יובעל־געזאַנג, וואָס ציון

וועט אויסשאַלען, ווען די גאולה וועט קומען: „שוש אשיש בה׳, תגל נפשי באלקי״ — פרייען פריי איך זיך מיט ג׳, לוסטיג איז מיין זעל מיט מיין ג׳. אויף דעם באַמערקט דער מדרש, אַז דאָס איז געגליכען צו אַ פרוי, פון וועמען איר מאַן, אירע זין און טעכטער זיינען אַוועק אין מרחקים און פאַר יאַרענלאַנג איז זי געבליבען עלענד און פאַרלאָזען: מיטאַמאָל קומט מען איר אָנזאָגען: דיינע זין קומען. ענטפערט זי: זאָלען זיך פרייען מיינע שניר. דיינע טעכטער קומען. זאָגט זי ווייטער: זאָלען זיך פרייען מיינע איידעמס. אַז מען זאָגט איר ענדליך: דיין מאַן קומט — דאַן ערשט ווערט זי פריילּיך. אַזוי איז מיט אונזער מוטער ציון. די בשורות „בניך מרחוק יבואו״, דיינע זין קומען פון דער ווייטענס: „בנותיך על צד תאמנה״, דיינע טעכטער פון אַלע זייטען ציען זיך צו דיר — שטעלען איר נאָך ניט צופרידען. דאָס סתם באַזעצען זיך פון אידען אין ארץ ישראל וועט נאָך ניט פאַרענטפערען די ברענענדיגע אידישע פראַגע. אַז זי הערט אָבער די גוטע בשורה „מלכך בא לך״, דיין קעניג קומט צו דיר, דו וועסט צוריק ווערען אַ אידישע רעגירונג, ווי אין די אַמאָליגע גליקליכע צייטען — דאַן שרייט זי אויס: „הא חדוה שלמא״, איצט איז מיין שמחה פאַרפולט. „שוש אשיש בה׳״, איך פריי זיך מיט ג׳, „תגל נפשי באלקי״, לוסטיג איז מיין זעל מיט מיין ג׳ (ילקוט שמעוני).

ד.

עס איז ניט שווער צו זיין אַ איד

כי קרוב אליך הדבר — בפיך ובלבבך לעשותו.

„אימתי קרוב אליך? בזמן שבפיך ובלבבך לעשותו״, ווען איז די תורה נאָענט צו דיר? אין דער צייט, וואָס מיט דיין מויל און מיט דיין הארצען ביזטו גרייט איר מקיים צו זיין (עירובין נ״ד ע״ב).

„משה רבנו״, זאָגט ערגעץ היינריך היינע, „איז ניט נאָר געווען דער גרעסטער געזעצגעבער פון אַלע צייטען, נאָר ער איז אויך געווען די גרעסטער נאַציאָן בוי־מייסטער, וואָס די וועלט האָט ווען געהאַט. ניט נאָר האָט ער געגעבען דער וועלט אַ תורה, וואָס איז אַן אייביגער קוואַל פון גייסטיגע אידייען און

מאָראַלישע פּרינציפּען, ער האָט אויך געשאַפען אַן אייביג־לעבענדע נאַציע, וואָס ווערט באַוואונדערט פון אַלע היסטאָרישע פאָרשער אין דער וועלט. אין אַ משך פון בלויז פערציג יאָר איז אים געלונגען צו פאַרוואַנדלען אַ שקלאַפען־פאָלק אין אַן „עם בני חורין" — אַ פאָלק פון פרייע מענשען, וועלכע קענען מער קיינמאָל גייסטיג ניט פאַרשקלאַפט ווערען... מענשען, וואָס זיינען געווען פאַרטונקען אין שמוץ פון געצענדינסט און ווילדע אַבערגלויבענס, זיינען אונטער זיין פירערשאַפט געוואָרען די פאָנען־טרעגער פון אַ ריינעם גלויבען, וואָס האָט ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג באַאיינפלוסט די גאַנצע מענשהייט אין אַלע דורות און צייטען".

אונזערע חז"ל שאַצען אָפּ די גרויסקייט פון משה'ן און שטעלען אים נעקסט צו דער גאָטהייט אַליין. זיי זאָגען: „חמשים שערי בינה נבראו בעולם וכולן ניתנו למשה חסר אחד, שנאמר ותחסרהו מעט מאלקים" — פופציג טויערען פון פאַרשטאַנד זיינען באַשאַפען געוואָרען אויף דער וועלט און זיי אַלע זיינען איבער־געגעבען געוואָרען צו משה'ן, אויסער איינעם, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: דו האָסט אים געמאַכט פעלען בלויז אַביסעל פון דער גאָטהייט (ר"ה כ"א ע"ב). ער איז דער „אדון הנביאים", דער האַר פון אַלע נביאים, וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט פון זיך אַרויסגעגעבען, און פון די קוואַלען פון זיין גרויסען גייסט האָבען זיי געטרונקען און באַרייכערט די וועלט מיט זייערע פּראָפעטישע וויזיעס.

„אַ נביא", זאָגט דער גרויסער ענגלישער דענקער קאַרלייל, „איז אַ מענש פון אמת, וואָס זאָגט דעם אמת ניט ווייל ער וויל אַזוי, נאָר ווייל ער איז גע־צוואונגען אַזוי צו טאָן. דאָס איז זיין ספּעציעלע אויפגאַבע, פון וועלכער ער קען זיך ניט באַפרייען. יעדער מענש איז אימשטאַנד צו גרייכען צו דער שטופע פון אַ נביא און זוכען דעם אמת. דער אונטערשייד אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס אַ געוויינליכער מענש קען אַזוי ווערען, און דער נביא קען אַנדערש ניט זיין".

אַלס דער „אדון הנביאים" האָט משה געזעהן דעם ריינעם אמת. דערפאַר פסק'ענט דער רמב"ם: „דבר ברור ומפורש בתורה היא מצוה, עומדת לעולמי עולמים. אין לה לא שנוי ולא גרעון ולא תוספת" — אַ קלאָרער און אויס־דריקליכער באַפעל אין דער תורה איז אַ מצוה, וואָס בלייבט שטיין פעסט פאַר אַלע אייביגקייטען. מען קען איר ניט ענדערען, מען קען אויך ניט מינערען פון איר אָדער צולייגען צו איר (הלכות יסודי תורה פ"ט).

העכסט טיפזיניג איז דער פאַרגלייך, וואָס דער רמב״ם מאַכט צווישען משה און די איבעריגע נביאים. ער זאָגט: „מה הפרש יש בין נבואת משה לשאר כל הנביאים?״ — מיט וואָס אונטערשיידט זיך די נבואה פון משה׳ן אין פאַרגלייך צו די אַנדערע נביאים? „שכל הנביאים בחלום או במראה, ומשה רבנו והוא ער ועומד״ — אַלע נביאים האָבען זייער נבואה געזעהן אין חלום אָדער אין פאַר־שטעלונג, אָבער משה האָט זיין נביאות געזאָגט, ווען ער איז געווען אויף און וואַך. מיט זיין קלאָרען אויג האָט ער דורכגעדרונגען אַלע הויכקייטען און טיפ־קייטען און האָט אַרויסגעזעהן דעם אמת ווי ער איז און ווי ער באַדאַרף זיין. „כל הנביאים ע״י מלאך, משה רבנו פה אל פה, כלומר, שאין שם משל אלא רואה הדבר על בוריו בלי חדה ובלי משל״ — אַלע נביאים האָבען זייער נבואה באַקומען פון אַ מלאך, אַ שליח פון ג׳, אָבער משה האָט עס באַקומען דירעקט פון ג׳ אַליין. דאָס הייסט, ער האָט געזעהן די זאַך קלאָר, אָהן רעטענישען און אָהן משלים.

„כל הנביאים יראים ונבהלים ומתמוגגין ומשה עומד על עמדו שלם״ — אַלע נביאים האָבען זיך געשראָקען, געציטערט און געוואַקעלט, ווען זיי האָבען זייערע נביאות געהאַלטען, אָבער משה איז געשטאַנען אויף זיין פּאָזיציע גאַנץ און אויסגעהאַלטען. „כל הנביאים אין מתנבאים בכל עת שירצו, משה רבנו כל זמן שיחפוץ רוח הקודש לובשתו ונבואה שורה עליו״ — אַלע נביאים האָבען ניט געקאָנט נביאות זאָגען צו יעדער צייט, וואָס זיי האָבען געוואָלט, אָבער משה, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, פלעגט אים דער הייליגער גייסט באַקליידען און די נבואה האָט אויף אים גערוט (הלכות יסודי התורה פ״ז). און די תורה אַליין באַשטעטיגט די גרויסקייט פון משה׳ן מיט די ווערטער: „לא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו ה׳ פנים אל פנים״, ס׳האָט ניט עקזיסטירט נאָך אַ נביא ביי אידען ווי משה, צו וועמען ג׳ האָט זיך געלאָזט דערקענען געזיכט צו געזיכט (דברים ל״ד).

„חותמו של הקב״ה אמת״ — דער שטעמפּעל פונ׳ם אויבערשטען איז דער אמת, און דער אמת בלייבט אייביג דערזעלבער. אייביגקייט איז דער גרונט געדאַנק פון משה׳ס לערען. גב״ה איז אייביג, זיין תורה בלייבט אייביג, און עס איז זיין ווילען, אַז אויך זיין פאָלק זאָל לעבען אייביג. די תורה איז ניט אַ פאָלקס־קאָנסטיטוציע, וואָס איז געגעבען געוואָרען פאַר אַ באַשטימטער צייט און אונטער געוויסע אומשטענדען. „אם יעמוד איש בין האומות ובין ישראל

ואמר שאותן המצוות שנצטוו בהן ישראל אינן לעולם ולדורי דורות אלא מצוות לפי זמן היו, הרי זה נביא שקר, שהרי בא להכחיש נבואתו של משה" — אויב איינער פון די פעלקער אָדער פון די אידען וועט וואַגען צו זאָגען, אַז די מצוות, וואָס די אידען זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען, זיינען ניט פאַר דער אייביגקייט און פאַר אַלע דורות, נאָר זיינען באַפּעלען, וואָס האָבען זיך געפּאַסט פאַר יענער צייט, איז ער אַ פאַלשער נביא, ווייל ער קומט אָפּצולייקענען די נבואה פון משה׳ן, וועלכע איז געזאָגט געוואָרען פאַר דער אייביגקייט (הלכות יסודי תורה פ"ט).

דער מדרש דערציילט אונז, אַז נאָך דער לאַנגער תוכחה, אין וועלכער משה האָט פאַר זיי אויסגערעכענט די פילע און שרעקליכע אומגליקען, וואָס וועט זיי באַפאַלען, אויב זיי וועלען ניט אויספילען די פאַרשריפטען פון דער תורה, „הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלה" — זיינען ביי די אידען גרין געוואָרען די געזיכטער פון שרעק און זיי האָבען אויסגערופען: ווער קען עקזיסטירען אונטער אַזעלכע אומשטענדען? משה טרייסט זיי אָבער, אַז אַזוי וויט וועט עס ניט גיין. „אתם נצבים" — איר וועט בלייבען עקזיסטירען. נאָך אַלע אומגליקען, וואָס איר וועט האָבען אויסצושטיין אין די לאַנגע און גרויזאַמע גלות׳ן, וועט איר דאָך לעבען בלייבען. „היסורים כלין והם במקומם עומדים" — די יסורים וועלען זיך אויסנעמען און די אידען וועלען בלייבען שטיין אויף זייער פּלאַץ.

און די געשיכטע ווייזט אונז טאַקע, אַז נאָך יעדען אויסגוס פון האַס און פאַרפאָלגונג אויף די קעפּ פון די אידען, זיינען זיי גאָר אַרויסגעקומען שטאַרקער און קאָמפּסלוסטיגער ווי פריער. די רדיפות האָבען צעמענטירט די פאַרשיידענע טיילען פון פאָלק און געשטאַרקט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט. „אתם בני יעקב לא כליתם" — איר קינדער פון יעקב פאַרשווינדען ניט. קוים ווערען אידען נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניג און קערען זיך אום צו זייער פאָלק, צו זייער תורה און אמונה, זיינען זיי אומשטערבליך און וועלען קיינמאָל ניט אונטערגיין.

און צו מקיים זיין די תורה איז גאָר ניט אַזוי שווער. „לא בשמים היא" — זי איז ניט אין די הימלען, „לאמר, מי יעלה לנו השמימה ויקחה לנו" — אַז איר זאָלט דאַרפען זאָגען: ווער וועט פאַר אונז אַרויפשטייגען צום הימעל און זי נעמען פאַר אונז. „ולא מעבר לים היא" — זי איז אויך ניט אויף דער צווייטער זייט ים, אַז מען זאָל דאַרפען וועמען עס שיקען איר אריבערצוברייגגען. „כי

קרוב אליך הדבר מאד" — נייך, די זאַך איז גאַנץ נאָענט צו דיר; אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן איז: „בפיך ובלבבך לעשותו" — צו זיין גרייט מיט דיין מויל און מיט דיין הארצען עס מקיים צו זיין.

ווי שיין טייטשט אויס דער דובנער מגיד דעם פסוק אין ישעי׳: „היכל ה׳, היכל ה׳, היכל ה׳ המה" — אידען קלאָגען אויף דעם ערשטען היכל, אויף דעם צווייטען היכל, זיי ווייסען ניט, אַז דער היכל פון ג׳ איז ביי זיי אַליין, אין זייערע אייגענע הערצער.

הפטרה

אדום וועט באַקומען איר פאַרדינטע שטראָף

כי יום נקם בלבי.

„אמר רבי אחא: הקב"ה בעל פקדונות. אדום הפקיד אצלו חבילה של קוצים ויחזיר לו חבילה של קוצים. — רבי אחא זאָגט: דער אויבערשטער איז אַ פאַרטרויענסוועדטער באַנקיר. „אדום" האָט ביי אים איינגעלייגט אַ בינטעל דערנער, וועט ער אים צוריקגעבען אַ בינטעל דערנער (ילקוט שמעוני רמז קי"ח).

אין דער היינטיגער הפטרה מאָלט פאַר אונז דער נביא ישעי׳ פאַרשיידענע בילדער פון די גרויסע געשעהענישען, וואָס וועלען פאַרקומען אין דעם „אחרית הימים", פאַר דער ענדגילטיגער גאולה פון די אידען. אין איין בילד זעהט ער ווי איבער דער מלכות אדום ווייזט זיך אַ מעכטיגע פיגור, אָנגעטאָן אין רויט־בלוטיגע קליידער און ברויזט מיט וואוט און צאָרן. אויף זיין פראַגע: „מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה" — ווער איז עס דער, וואָס קומט פון אדום מיט רויט־בלוטיגע קליידער פון בצרה", „הדור בלבושו צועה ברב כח!" — קוקט אויס אַזוי שטאָלץ אין זיין מלבוש און שטורעמט מיט גרויס כוח? ענטפערט אים די פיגור: „אני מדבר בצדקה רב להושיע" — איך בין עס, וואָס רעד אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און בין מעכטיג צו העלפען.

רש"י הקדוש וויל האָבען, אַז דאָ זאָגט דער נביא פאָראויס, אַז ג׳ אַליין וועט נעמען נקמה פון אדום פאַר איר מערדערליכער באַהאַנדלונג פון די אידען און וועט מיט זיינע אייגענע הענט דער׳הרג׳ענען דעם „שר של אדום", וועלכער וועט לויפען נאָך „בצרה", זיך אויסצובאַהאַלטען פון ג׳ס צאָרן. אין דער גמרא

געפינען מיר פאָלגענדע באַמערקונג איבער די פסוקים: „שתי טעויות עתיד שרו של אדום לעשות — צוויי טעות׳ן וועט דער שר פון אדום מאַכען אין יענער צייט: איין טעות מיט זיין דענקען, אַז „בצרה״ איז דערזעלבער „עיר מקלט, ווי „בצר״ אין דער מדבר, וואו עס פלעגען זיך אויסבאַהאַלטען אומשולדיגע מערדער, און דעם צווייטען טעות מיט זיין ניט וויסען, אַז אַן „עיר מקלט״ באַשיצט בלויז „שוגגים״ אומשולדיגע, אָבער ניט „מזידים״, מוטווילִיגע מערדער, ווי ער איז (מכות י״ב ע״א). די באַמערקונג פון די חז״ל קלינגט אומפאַרשטענדליך אָבער אויב מיר באַטראַכטען עס לויט די געשעהענישען פון דער היינטיגער צייט, הויבען מיר אָן צו פאַרשטיין די טיפע כונה פון זייערע ווערטער.

מיט דעם נאָמען אדום ווערט אין אונזערע הייליגע שריפטען באַצייכענט יעדער שונא, וואָס באַפאַלט אידען, וואָס לויפען פון אַ שרעקליכער סכנה, און שטערט זייער רעטונג. ווען איינער ווערט פון אַ שונא אַריינגעוואָרפען אין אַ טייך, וואו ער טרינקט זיך און שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות צוצושווימען צו אַ ברעג, אָבער אויף דער צווייטער זייט שטייט אַן אַנדער שונא, וואָס דערלאָזט אים ניט זיך ראַטעווען — אָט דער איז אַ פיל גרויזאַמער מערדער, ווי דער ערשטער, וואָס האָט אים אַריינגעוואָרפען אין וואַסער. אַזאַ מערדערליכע טאַט קעגען די אידען האָבען אָנגעפירט די אדום׳ס פון אַמאָל און ווערט פאָרטגעזעצט פון דער ענגלישער מלוכה פון היינט. נאָך דער גרויסער בלוט־באָד וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט דורך די שרעקליכע יאָרען פון דער בלוטיגער מלחמה, און אונזער „שארית הפליטה״, דאָס קליין ביסעל, וואָס איז פאַרבליבען, רייסט זיך צו קומען צום ברעג און זיך ראַטעווען אין אונזער פאַרשפּראָכענעם לאַנד, קומען די שרים פון „אדום״, די בעווינס און די אַטליס מיט זייערע אימפעריאַליסטישע חברים, און שטויסען זיי צוריק אין פייער אַריין.

זיך אויסצובאַהאַלטען פון די פּראָטעסטען, וואָס אירע מערדערייען קעגען די אומגליקליכע אידען האָבען אַרויסגערופען אין דער וועלט, שיקט ענגלאַנד אירע שרים צו „בצרה״, צו די „יונייטעד ניישאָנס״, דער נייער „עיר מקלט״, דער צופלוכטס אָרט, וואו די וועלט־מערדער באַהאַלטען זיך איצט, און פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלען גוטהייסען אירע גרויזאַמע טאַטען. זיי באַמערקען אָבער ניט, ווי איבער זייערע פאַרזאַמלונגען שוועבט אַרום אַ מעכטיגע פיגור אָנגעטאָן אין רויט־בלוטיגע קליידער און זאָגט פאָראויס אַ נייע בלוט־באָד, אַ נייע וועלט־מלחמה, וואָס וועט חלילה אומברייגנען די גאַנצע מענשהייט. אַן „עיר מקלט״

קען נאָר באַשיצען אומשולדיגע פאַרברעכער, אָבער ניט אַזעלכע מוטווילליגע מערדער ווי זיי זיינען.

און דער נביא פרעגט ווייטער: „מדוע אדם ללבושך ובגדיך כדורך בגת" — וואָרום זיינען דיינע מלבושים רויט און דיינע קליידער קוקען אויס ווי ביי איינעם, וואָס קומט אַרויס פון אַ קעלטער, וואו מען קוועטשט אויס וויינטרויבען? און די מעכטיגע פיגור ענטפערט: „פורה דרכתי לבדי ומעמים אין איש אתי" — איך האָב באַשלאָסען אויסצוטרעטען אַ נייעם וויין־קעלטער און פאַראַנשטאַלטען אַ נייע בלוט־באָד אין דער וועלט, ווייל קיינער פון די פעלקער איז ניט מיט מיר און זיי ווילען ניט נאָכקומען מיינע גערעכטע פאָדערונגען. „ואביט ואין עוזר ואשתומם ואין סומך" — ווען איך זעה, אַז קיינער העלפט מיך ניט, און איך וואונדער זיך וואָרום קיינער שטיצט מיך ניט, „ותושע לי זרעי וחמתי היא סמכתני" — וועט מיר העלפען מיין אייגענער אָרעם און מיין כעס וועט מיך שטיצען. „ואבוס עמים באפי ואשכרם בחמתי ואוריד לארץ נצחם" — איך וועל צעטרעטען פעלקער מיט מיין צאָרן, איך וועל זיי שכור מאַכען פון זייער אייגען בלוט מיט מיין כעס און וועל אַרונטערשמעטערען צו דער ערד זייער שטאָלץ.

„כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה" — ווייל אַ טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרצען און דער יאָר פאַר מיינע באַפרייטע קינדער איז געקומען. איך בין אַ פאַרטרויענס־ווערטער באַנקיר, זאָגט ג׳. „אדום" האָט ביי מיר איינגעלייגט אַ „חבילה של קוצים" — אַ בינטעל דערנער. זי האָט תמיד פאַרכאַפּט פרעמדע לענדער און אויסגעשפּרייט איר אימפּעריע דורך שטעכיגע דערנער, וועל איך איר באַצאָלען מיט דערנער. זי וועט זיכער באַקומען איר פאַרדינטע שטראָף.

ה.

זיין אויפגאַבע דערפילט, און משה מוז גיין

לא אוכל עוד לצאת ולבא.

„מלמד שנסתתמו ממנו מעינות החכמה" — פון דעם איז געדרונגען, אַז עס זיינען פאַר אים געשלאָסען געוואָרען די קוואַלען פון חכמה (סוטה י״ג ע״ב).

אויפ׳ן פסוק אין קהלת, „לא לקלים המרוץ", אַז ניט אימער קענען די, וועלכע זיינען גרינג אויף די פיס, אָנהאַלטען דעם געלאַף, זאָגט רבי תנחומא:

„המקרא הזה מדבר במשה", דער דאָזיגער פּסוק רעדט וועגען משה'ן און דריקט אויס די גרויסע טראַגעדיע פון זיין לעבען. 40 יאָר האָט ער געווידמעט זיין פאָלק און אים געטריי געדינט. מיט גרויס מסירת נפש האָט ער געקעמפט פאַר זיינע אידען מיט פרעה אין מצרים, מיט די פאַרניכטענדע עלעמענטען אין דער מדבר און אפילו מיט'ן אויבערשטען אַליין, ווען ער האָט זיי געוואָלט שלעכטס טאָן. איצט, כאָטש ער פילט זיך נאָך שטאַרק און פעהיג, ווי דער פסוק באַשטעטיגט עס: „לא כהתה עינו ולא נס לחו" — זיין אויג איז ניט געווען טונקעל און זיין פרישקייט איז ניט אַוועק, מוז ער דאָך אַלץ איבערלאָזען צו זיין נאָכפאָלגער. „לא אוכל עוד לצאת ולבא, שניטלה ממנו הרשות וניתנה ליהושע" — ער קען שוין מער ניט אַרויס און אַריין צו פאַרוואַלטען זייערע באַדערפעניסען. די הערשאַפט איז פון אים אוועקגענומען געוואָרען און איז איבערגעגעבען געוואָרען צו זיין תלמיד יהושע (רש"י).

משה גייט אַרום און געזעגענט זיך מיט די אידען. ער זאָגט זיי: איך מוז זיך מיט אייך שיידען דאָ, ביי דער גרענעץ פון מיין געליבט לאַנד, ווייל „ה' אמר אלי לא תעבר את הירדן הזה" — ג' האָט מיר געזאָגט: דו קענסט דעם ירדן ניט אַריבערגיין. און דער מדרש באַמערקט מיט גרויס באַדויערונג: „אתמול היה עולה לרקיע כנשר — עכשיו היה מבקש לעבור את הירדן ואינו יכול" — נעכטען איז ער געפלויגען אין די הימלען ווי אַן אַדלער, איצט וויל ער אַריבערגיין דעם קליינעם ירדן און קען ניט (דב"ר פ"ט). משה, דער גרעסטער פירער פון אַלע צייטען, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ זייל ליכט אויפ'ן שוועל פון דער אידישער געשיכטע און געצוואונגען הימעל און ערד צו טאָן זיין געבאָט, ער איז איצט צו־שוואַך צו קענען דערוייזען אַזאַ קלייניגקייט. דער „אדון הנביאים", דער האַר פון אַלע פּראָפעטען, פאַר וועמען מלאכים האָבען געציטערט, און „כביכול" אַליין האָט פיל מאָל געביטען זיינע מיינונגען אויף זיין פאַרלאַנג, — אָט דער גרויסער גייסטיגער ריז קען ניט פועל'ן ביי ג' אים צו לאָזען אַריינפירען זיינע אידען אין ארץ ישראל און פאַרענדיגען די אַרבייט, פאַר וועלכער ער האָט זיין גאַנצען לעבען מפקיר געווען.

די גמרא פרעגט: „מפני מה נתאווה משה לכנס לארץ ישראל?" — פאַר־וואָס האָט זיך משה אַזוי שטאַרק געריסען אַריינצוגיין אין ארץ־ישראל? „וכי לאכל מפריה ולשבע מטובה הוא צריך?" — איז עס געווען צוליב דעם, ווייל ער האָט זעהר שטאַרק געוואָלט געניסען פון אירע פרוכט און זיך זעטיגען מיט

איר גוטסקייט ? עס גלויבט זיך ניט, אַז אַט דער גייסטיגער ריז, וועלכער האָט זיין לעבען אַוועקגעגעבען צו בויען אַן אומשטערבליכע נאַציע, וואָס זאָל קענען עקזיסטירען אייביג, אויך אויסער די ראָמען פון אַ לאַנד, זאָל בלויז האָבען אין זינען די מאַטעריעלע זייט פון ארץ־ישראל. אויב דער הויפּט־ציל פון האָבען אַן אייגען לאַנד איז בלויז „לאכל מפריה ולשבע מטובה״ — צו זיין עקאָנאָמיש און פּאָליטיש באַזאָרגט, וואָס פעלען דען די לענדער, וואָס זיי האָבען נאָר־וואָס דעראָבערט אין עבר־הירדן? לויט דער באַשטעטיגונג פון דער תורה, איז דאָס לאַנד געווען אַן „ארץ־מקנה״ — העכסט פּרוכטבאַר. „וערים בצורות״ — און די שטעט זיינען געווען גוט באַפעסטיגט קעגען דעם אַנגריף פון אַ שונא. פון דעם פּאָליטישע־עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט האָט מען זיך מיט זיי געקענט גאַנץ גוט צופרידענשטעלען.

וואָס־זשע דען איז געווען זיין הויפּט־באַגער ? „אמר : הרבה מצוות נצטוו ישראל ואין מתקיימין אלא בארץ ישראל״ — ער האָט געזאָגט : פיל מצוות זיינען די אידען אָנגעזאָגט געוואָרען אין דער תורה, וועלכע קענען ניט ריכטיג דורכגעפירט ווערען, סיידען זיי וועלען זיין אין זייער אייגען לאַנד. אָט צוליב דעם האָט זיך אים זעהר געוואָלט אַריינקומען, כדי צו קענען דאָס דערווייזען (סוטה י״ד). משה׳ן אינטערעסירט מער די גייסטיגע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פון זיין פאָלק. ער זעהט אין אַ אידישער ארץ־ישראל די שאַפונג פון אַ גייסטיגען צענטער, וואָס וועט ווערען דער „בית היוצר לנשמת האומה״ — אַ ראַפינירונג־פּלאַץ פאַר דער אידישער נשמה, וועלכע זאָל דערהויבען דעם אידישען גייסט און אים ברייגגען צו דער שטופע פון אַ „גוי קדוש״ — אַ הייליג פאָלק, וואָס זאָל מיט זיין מוסטערהאַפטען לעבען אויסטייטשען דעם הימעל אויף דער ערד. אַזאַ צענטער קען ערגיץ־אַנדערשוואו ניט געשאַפען ווערען. בלויז אין ארץ־ישראל איז אַזאַ זאַך מעגליך. און אים האָט זיך זעהר געוואָלט פאַרענדיגען די אַרבייט, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען.

ווען משה הערט פון ג׳ : „הן קרבו ימיך למות״ — עס האָבען זיך שוין דערנעענטערט די טעג פאַר דיר צו שטאַרבען, דיין צייט איז פאַראיבער, „קרא את יהושע ואצונו״ — רוף יהושע׳ן און איך וועל אים זאָגען וואָס ער האָט צו טאָן. הויבט זיך משה אָן צו בעטען : „יטול יהושע ארכי שלי ואהא חי״ — זאָל יהושע איבערנעמען מיין שטעלע, אָבער לאָז מיך לעבען. און דער אויבער־שטער שטימט איין : „נכנסו לאוהל מועד ירד עמוד הענן והפסיק ביניהם״ —

ווען זייביידע, ער און יהושע, זיינען אַריין אין אוהל מועד, איז אַרונטער אַ זייל־וואָלקען און האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט. דער אויבערשטער האָט גערעדט צו יהושע׳ן און משה האָט שוין ניט געהערט. „משנסתלק הענן אמר: מאה מיתות ולא קנאה אחת״ — ווען דער וואָלקען איז אַוועק, האָט משה אויסגעשריען: הונדערט טויטען און ניט איין קנאה; עס איז פיל בעסער צו שטאַרבען הונדערט מאָל, איידער לעבען אין קנאה און אייפערזוכט.

„כיון שקבל עליו למות״— אַז משה האָט שוין איינגעשטימט בעסער צו שטאַרבען אַלס מנהיג, איידער צו לעבען אָפּגעזונדערט פון דער גאָטהייט, „התחיל הקב״ה מפייסו ואמר לו״ — האָט דער אויבערשטער אָנגעהויבען אים צו באַרוהיגען און אים געזאָגט: „בעולם הזה הנהגת את בני אף לעולמי עולמים על ידך אני מנהיג אותם״ — אויף דער וועלט האָסטו געפירט מיינע קינדער און אויך אין דער וויטער אייביגקייט וועל איך זיי פירען לויט דיין ווילען. דו וועסט פאַרבלייבען זייער גייסטיגער פירער אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט עקזיסטירען (דברים רבה ט׳). ווי זאָגט „אחד־העם״: „דער גרויסער משה בלייבט דער אידישער פירער, וואָס איז געגאַנגען פאַר די אידען ניט נאָר די פערציג יאָר אין דער מדבר, נאָר אויך אין די טויזענטער יאָרען פון וואַנדערען אין די פאַרשידענע מדבריות, פון מצרים ביז היינטיגען טאָג״....

אונזערע חכמים זאָגען: „פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני הלבנה״ — דער פנים פון משה׳ן האָט גע שיינט ווי די זון, און דער פנים פון יהושע — ווי די לבנה. און דער זוהר הקדוש באַמערקט אויף דעם: די לבנה, אייגענטליך, האָט ניט קיין אייגענעם שייך; די ליכטיגקייט, וואָס מיר זעהען אין איר, איז בלויז אַ רעפלעקציע, אַ ווידערשיין פון דער זון. אַלץ וואָס יהושע און נאָך אים די איבעריגע נביאים און פירער ביי אידען האָבען געלערענט דאָס פאָלק, איז אַ רעפלעקציע פון די ליכטיגע געדאַנקען, וואָס משה האָט אויסגעדריקט אין דער תורה הקדושה. ווען די צייט איז געקומען פאַר יהושע׳ן צו ווערען דער אידישער פירער, האָט משה געמוזט אַוועק פון דער וועלט, ווייל כל זמן ער האָט געלעבט, האָט זיך די גרויסקייט פון יהושע׳ן ניט אַרויסגעזעהן. „כמה דשמשא לא אתכניש אלא לאנהרא לסיהרא״ — פונקט ווי די זון, וואָס גייט אונטער, נאָר כדי די לבנה זאָל קענען אויפשיינען.

זעהר אַ שיינעם געדאַנק איבער דער אויבען ציטירטער גמרא, וואָס זאָגט, אַז די קוואַלען פון חכמה האָבען זיך געשלאָסען פאַר אים, ווערט אויס־

געדריקט אין ילקוט יהודה. ער זאָגט: „התחיל משה להרגיש שאין החכמה מתוספת בקרבו יותר ממה שהיה לו" — משה האָט אָנגעהויבען באַמערקען, אַז די חכמה פאַרגרעסערט זיך אים ניט מער וויפיל ער האָט פאַרמאָגט. „ומזה ידע כי כבר מלא תעודתו בחיים וכבר הגיע קצו" — און פון דעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין דערפילט זיין אויפגאַבע אין לעבען און אַז זיין צייט איז געקומען זיך צו שיידען פון דער וועלט. קוים האָט ער דערגרייכט די העכסטע שטופע פון גייסטיגער חכמה און קען שוין מער ניט שטייגען, איז זיין לעבען פאַרפילט געוואָרען און ער קען שוין גיין.

הפטרה

צוליב תשובה עקזיסטירט די וועלט

לא החזיק לעד אפו כי חפץ חסד הוא.

„כשעלה במחשבתו לבראות את העולם היה הקב"ה חושב, איך יעמוד מפני עוונותיו של אדם, והקדים וברא תשובה ואחר כך ברא את העולם" — ווען עס איז אַרויף אויף דעם געדאַנק פון דעם רבונו של עולם צו באַשאַפען די וועלט, האָט ער ביי זיך געטראַכט: ווי קען ער פאַרזיכערען איר עקזיסטענץ קעגען די זינד פון דעם מענשען? האָט ער זיך געפעדערט און צוערשט באַשאַפען דעם געדאַנק פון תשובה און נאָכדעם האָט ער באַשאַפען די וועלט (בית המדרש ח"ו).

די היינטיגע הפטרה אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע הפטרות מיט דעם, וואָס זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון פסוקים אַרויסגענומען פון דריי פאַר־שידענע נביאים — צען פסוקים פון דעם נביא הושע, דריי פסוקים פון דעם נביא מיכה און דרייצען פסוקים פון דעם נביא יואל. די דאָזיגע דריי נביאים האָבען ניט געלעבט אין איין צייט און זייער נבואה באַציט זיך אויף גאַנץ באַזונדערע געשעהענישען, וואָס האָבען אין פאַרלויף פון יאָרען פאַסירט מיט אונזער פאָלק. וואָרום האָבען די מסדרים פון די הפטרות געפונען פאַר נויטיג, אַז דוקא די הפטרה זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט פון דריי באַזונדערע נבואות, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אין דריי פאַרשידענע צייטען?

ווי מיר האָבען שוין איינמאָל דערקלערט, האָבען די אנשי כנסת הגדולה

איינגעטיילט די תורה אין סדרות און באַשטימט וועלכע פון זיי זאָל געלייענט ווערן אין די שולען שבתים און ימים־טובים. זיי האָבן אויך צו יעדער סדרה צוגעגעבן אַ „הפטרה״, וואָס באַשטייט פון אַ קאַפּיטעל פון די נביאים, וואו עס ווערן אַרומגערעדט די הויפּט אידייען פון דער סדרה, כדי די פּראָפּעטישע שלוסען און לעקציעס, וואָס זיי ברייינגען אַרויס פון זייערע פאַרשריפטען און ברייטערן אויס זייער געדאַנק, זאָל פאַרבלייבן מיט דעם עולם פאַר אַ לענגערער צייט. די סדרה „וילך״, וואו משה געזעגענט זיך מיט די אידען און ראָט זיי, אַז אויב, חלילה, זיי וועלען זינדיגען, זאָלען זיי גלייך תשובה טאָן און דאָס וועט זיי באַשיצען פון אונטערגאַנג, האָבן זיי באַשטימט געלייענט צו ווערן דעם שבת, וואָס געפאַלט צווישען ראש השנה און יום כפור.

אין די „עשרת ימי תשובה״, די טעג, וואָס אידען ווערן אויפגעפאָדערט זיך צו באַדענקען און תשובה טאָן אויף זייערע זינד פאַר דעם „יום הדין״, זאָל געלייענט ווערן די סדרה, וואָס איר הויפּט מאָטיוו איז תשובה.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די הפטרה מוז אויך אַנטהאַלטען דעמזעלבען מאָטיוו. תשובה ווערט אָבער פון אונזערע חז״ל איינגעטיילט אין צוויען: „קודם העונש״ און „אחר העונש״, תשובה, וואָס איינער טוט גלייך נאָכ׳ן פאַרברעכען, איידער ער ווערט באַשטראָפט דערפאַר, און אַ תשובה, וואָס איינער טוט נאָכדעם ווי ער האָט זיין שטראָף באַקומען. אין דער סדרה ווערט טאַקע גערעדט וועגען די צוויי סאָרטען תשובות. איינע „ומצאהו רעות רבות וצרות״, איידער עס וועט זיי טרעפען פיל אומגליקען, און די אַנדערע, „והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות״, נאָכדעם ווי זיי וועלען שוין באַשטראָפט ווערען מיט פיל אומגליקען.

„דאָס איז דער טעם״, האָט מיר געזאָגט הרב חיים קאַרלינסקי, „וואָרום די הפטרה איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע נביאים. דער נביא הושע רופט די אידען תשובה צו טאָן איידער דער עונש קומט, איידער אשור באַפאַלט דאָס לאַנד. דער נביא יואל רופט די אידען תשובה צו טאָן נאָכדעם ווי אַ גרויסער הייושעריק איז באַפאַלען דאָס לאַנד יהודה און פאַרניכטעט אַלע תבואות פון די פעלדער. דער נביא מיכה באַטאָנט דעם געדאַנק פון תשובה און ער זאָגט: „מי אל כמוך נושא עון ועובר על פשע״ — ווער איז אַזאַ ג׳ ווי דו, וואָס פאַרטראָגט זינד און אַנטשולדיגט פאַרברעכענס. „לא החזיק לעד אפו, כי חפץ חסד הוא״ — ער האַלט ניט אָן פאַר אייביג זיין כעס, ווייל ער וויל גענאָד און פאַרגעבונג״.

אויף דעם באַמערקען אונזערע חז"ל, אַז צוליב דעם געדאַנק פון תשובה עקזיסטירט די וועלט. איידער ג' האָט די וועלט באַשאַפען, האָט ער איר געוואָלט פאַרזיכערען פון אונטערגאַנג צוליב די חטאים פון די מענשען, וועלכע אין זייער געיעג צופרידענצושטעלען זייערע תאוות, וועלען זיי איר דערפירען צו אַ סכנה פון חורבן. האָט ער דערפאַר צוערשט באַשאַפען דעם געדאַנק פון תשובה, פון געוויסענביסע, וואָס וועט פירען דעם מענשען חרטה צו האָבען אויף זיינע זינד און דערמיט פאַרהיטען די וועלט פון אונטערגאַנג.

ו.

אידישע צרות

והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות.

"מאי רעות וצרות? אמר רב, רעות שנעשות צרות זו לזו, כגון זיבודא ועקרבא" — וואָס ווערט געמיינט: מיט שלעכטע צרות, זענען דען דאַ גוטע צרות? זאָגט אויף דעם רב, אַז די רעות, וואָס וועלען באַפאַלען די אידען, וועלען זיין צרות איינע קעגען די אַנדערע, ווי דער ביס פון אַ בין און אַ שלאַנג, וואָס די רפואה פאַר איינעם איז אַ מחלה פאַר דעם צווייטען (חגיגה ה' ע"א).

דער גרויסער אידישער מקונן, אין זיין מגילת איכה, רעדענדיג וועגען דער אומגליקליכער לאַגע פון די אידען אין גלות, שרייט אויס מיט ווייט: "מה אשוה לך ואנחמך? כי גדול כים שברך, מי ירפא לך?" — וואָס קאָן איך צוגלייכען צו דיר און מיט וואָס קאָן איך דיך טרייסטען, אַז גרויס ווי דער ים איז דיין בראָך, ווער היילט דיך? די אידישע היימען אין גלות ווערען אויפגעשטעלט אויף די כוואַליעס פון ים, אָהן אַ באָדען אונטער זייערע פיס. אַז מען בויט אויף דער יבשה איז עס קאַנטיג, איז עס אַנזעהעוודיג און האָט אַ געוויסען האַפט. וואָס מען בויט אָבער אויפ'ן ים גייט אין ניוועץ. די כוואַליעס פאַרשלינגען עס און עס בלייבט קיין זכר ניט פון דער מי און אַרבייט, וואָס איז אין דעם אַריינגע־לייגט געוואָרען. אַלע אידישע אויפטואונגען אין גלות האָבען קיין יסוד ניט. זיי ווערען פאַרשלונגען פון די פרעמדע לענדער אין וועלכע זיי געפינען זיך. דער קלענסטער ווינט ברענגט אויף זיי גרויסע שטאַרמען, וואָס פאַרפלייצען און פאַרניכטען אַלץ וואָס זיי האָבען דערוואָרבען.

„אויך בעת עס געשעט אַ חורבן אויף דער יבשה, בלייבט דער רושם אויף לאַנגע צייטען. די איבערגעבליבענע חורבות זאָגען עדות אויף דעם געשעענעם אומגליק און שרייען צו די מענשען, אַז זיי זאָלען צוריק פאַרריכטען דעם שאָדען. דאַגעגען, אויפ'ן ים, ווען עס פּאַסירט די מורא'דיגסטע קאַטאַסטראָפע, אַז עס גייט־אונטער אַ שיף מיט טויזענטער מענשען, בלייבט ניט איבער פון דעם אַלעם אין פאַרלויף פון אייניגע מינוטען דער מינדסטער צייכען. דער גורל פון אידישען פאָלק איז ענליך צו די אומגליקען אויפ'ן ים; די אַלע צרות און חורבנות, וואָס אידען לעבען איבער, ווערען זעהר שנעל אָפּגעווישט, זעהר שנעל פאַרגעסען; „מי ירפּא לך", ניטאָ ווער זאָל זיי היילען און ווען גוטמאַכען דעם שאָדען" (רבי יצחק יעקב ריינעס, ז"ל).

אין אַ מאמר, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געדרוקט געוואָרען אין דעם ציוניסטישען אָרגאַן „ניו פּאַלעסטיין" טרעט אַרויס דער באַוואוסטער אידישער געלערענטער און פּובליציסט דר. יעקב קלאַצקין מיט אַן אויפפאָדערונג צו דעם אידישען פאָלק, אַז די צייט איז געקומען אַז מיר אידען זאָלען ווערען די באַשולדיגער אַנשטאָט די באַשולדיגטע, און אָפּען פּראָקלאַמירען פאַר דער וועלט די גרויסע עוולות וואָס מען באַגייט קעגען אונז. ניט מער פאַרענטפערען זיך, ניט מער זוכען תירוצים און פאַרגלעטונגען פאַר דער שלעכטער האַלטונג צו אונז מצד דער פּאָליטיק פון דער וועלט. פאַרקערט, לאָמיר דרייסט אויפהויבען אונזערע שטימען און אָנווייזען אויף די גרויזאַמע פאַרברעכענס, וואָס מען איז קעגען אונז באַגאַנגען און מען באַגייט נאָך איצט.

צווישען אַנדערעס זאָגט ער: „מען באַשולדיגט אונז, אַז מיר זיינען עקספּלואַטאַטאָרען און פּאַראַזיטען, אַז מיר נוצען אויס אַלע געלעגענהייטען פון אַ לאַנד פאַר אונזערע אייגענע בענעפיטען און פאַרנעמען די בעסטע פּאָזיציעס פון דער אינדוסטריע און מאַנופאַקטור, פון ליטעראַטור, קונסט א. אז. וו. צו דערזעלבער צייט וואַרפט מען אונז אויף, אַז מיר זענען פּאַראַזיטען, וועלכע טוען אַליין גאָרנישט, נאָר לעבען אויף דעם חשבון פון אַנדערע און זויגען אויס דעם מאַרך פון די ביינער פון אונזערע ניט־אידישע שכנים. די היסטאָריע אָבער ווייזט, אַז דאָס איז אַ פאַרדאַמטער ליגען. ווער זענען עס די עקספּלואַטאַטאָרען — מיר אָדער זיי? אויסער וואָס זיי האָבען פאַר טויזענטער יאָרען עקספּלואַטירט אונזער רעליגיע און די געזעצען און אונזער תורה האָבען זיי מער ווי אָפּט פאַרכאַפּט און קאָנפיסקירט אונזערע פאַרמעגענס און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, וועלכע

מיר האָבען מיט בלוט און שוויס דעראָבערט אין זייערע לענדער. ווייסען מיר דאָך אַז ניט איין לאַנד, אין דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, האָט לכתחילה אונז געגעבען די געלעגענהייט זיך דאָרט צו באַזעצען און אַרויפ־צואַרבייטען אירע געפאַלענע אינדוסטריען, אָדער שאַפען נייע, און אַזוי גיך ווי מיר האָבען עס דערוויזען, האָט מען גענומען מאַכען שרעקליכע באַשרענקונגען קעגען אונז; מען האָט אונזער הויט געשונדען דורך ספּעציעלע און שווערע שטייערען און ענליך אונזערע פאַרמעגענס איינגאַנצען פון אונז אַוועקגערויבט און אונז פון לאַנד פאַרטריבען. ווער זשע זענען עס די עקספּלואַטאַרען — מיר אָדער זיי?

„און וואָס אַנבאַלאַנגט צו פּאַראַזיטען, ווייזט אונז די געשיכטע בולט, אַז פאַר אַלע דורות, וואָס מיר האָבען געלעבט אין גלות, האָט מען דעם מאַרך פון אונזערע ביינער געזויגען. יעדען גרויסען אויפטו, וואָס מיר האָבען געשאַפען, האָט מען קאַפּטירט אויף זייער חשבון. יעדען גרויסע מענשען, וואָס מיר האָבען פון זיך אַרויסגעגעבען, האָבען זיי צוגענומען. די גרויסע קינסטלער, די גרויסע מוזיקער, די גרויסע דערפינדער אין דער מעדיצין אָדער טעכניק, וועלכע זענען געוועזען אידען מלידה ומבטן, האָט מען ניט קרעדיטירט אויף אונזערע רעכענונג. זיי האָט מען פאַרעכענט אויף דעם כבוד פון די לענדער, וואו זיי זיינען געבוירען געוואָרען. אונז וואַרפט מען צו בלויז דעם אָפּפאַל, די טויגעניכטסען. אַזוי האָבען זיך די איידעלע גוים מיט אונז אויפגעפירט זינט דעם געבורט פון דעם „אותו האיש", ביז דעם היינטיגען פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין. ווער, אַלזאָ, זענען די פּאַראַזיטען — מיר אָדער זיי? ווער זויגט וועמענס מאַרך פון די ביינער?"

און די פאַרלוימדונגען קעגען אונז זענען, ווי די גמרא זאָגט „צרות זו לזו", געגענגעזעצטע און לייקענען אָפּ איינע די אַנדערע. פון איין זייט שרייט מען אויף אונז, אַז מיר זענען אַ פאַלק פון באַנקירען, פון קאַפּיטאַליסטען, וואָס זוכען צו פאַרכאַפּען די פּראַצע פון אַנדערע און דריקען די אָרימערע קלאַסען; פון דער צווייטער זייט אָבער באַשולדיגט מען אונז, אַז מיר זענען אַלע קאָמו־ניסטען, וועלכע זוכען צוצעשטערען די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון לאַנד און פאַרניכטען אַלץ וואָס קאַפּיטאַל האָט אויפגעטאָן. מען גיסט אויף אונזערע קעפּ קאַלטס און וואַרעמס, „כגון זיבורא ועקרבא", ווי דער ביס פון אַ בין און אַ שלאַנג, וואָס די רפואה פון איינעם איז אַ מחלה פאַר דעם צווייטען (חגיגה ה', ע"א).

הפטרה

די באַדייטונג פון תשובה

קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳.

„אמר הקב״ה לישראל: בני פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודה של מחט ואני פותח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרניות נכנסות בו״ — ג׳ זאָגט צו די אידען: מיינע קינדער, עפענט פאַר מיר אַ שפּעלטעל פון תשובה די גרויס ווי אַ שפּיץ פון אַ נאָדעל און איך וועל פאַר אייך עפענען אַזעלכע ברייטע טויערען אין וועלכע וועגענער און קאַרעטען זאָלען קאָנען אַריינגיין (שה״ש רבה פ״ה).

די צען טעג פון ראש השנה ביז יום כפור ווערען אין דער אידישער טראַדיציע אָנגערופען „עשרת ימי תשובה״, צען טעג פון תשובה טאָן. די חז״ל זאָגען אונז: „שלשה ספרים נפתחים מר״ה עד יום הכפורים״ — דריי ביכער, אין וועלכע עס זענען פאַרשריבען געוואָרען די מעשים פון יעדען מענשען פאַר׳ן פאַרגאַנגענעם יאָר, ווערען געעפענט און אַ באַלאַנס ווערט אונטערגע־צייכענט, וואָס באַשטימט זיין גורל פאַר דעם קומענדיגען יאָר. „צדיקים גמורים״, די גאָר פיינע מענשען ווערען פאַרשריבען „לאלתר לחיים״, באַלד צום לעבען. „רשעים גמורים״, אמת׳ע רשעים ווערען גלייך פאַר׳משפּט צום טויט. „בינונים תלוים ועומדים״, דער שיקזאַל פון די מיטעלמעסיגע בלייבט הענגען ביז יום כפור. אַזוי ווי די מערהייט פון פאָלק זענען דאָך בינונים, איז דאַרום ראַטזאַם פאַר יעדען תשובה צו טאָן אין די הייליגע טעג און בעטען אויף אַ גוט יאָר. (ר״ה ט״ז).

ראש השנה ווערט אין דער תורה באַצייכענט מיט דעם נאָמען „יום הזכרון״, אַ טאָג פון באַדענקען זיך, אַ טאָג פון חשבון הנפש, אַריינצוטראַכטען זיך אין דעם וואָס קאָן געשען ווייטער. אין דעם באַשטייט דער הויפּט־געדאַנק פון דעם אידישען ראש השנה און די צען טעג פון תשובה ביז יום כפור. תשובה איז איינע פון די זעקס הונדערט מיט דרייצען מצוות, וואָס די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט. צו ווערען באַוואוסטזיניג אויף די מעשים; זיך אַריינצוטראַכטען אין זיינע פליכטען צו ג׳ און מענש, און זוכען צו פאַרריכטען, אויב ער האָט קאַליע

געמאַכט, וועט דעם מענשען אויפהויבען צו אַ העכערער שטופע און אים ברענגען נעענטער צו זיין גלויבען און זיין פאָלק.

תשובה, זאָגען אונז די חז״ל, שטייט העכער פאַר אַלע אַנדערע מצוות, ווייל דורך איר ווערען די אַלע פאַרזאָגען פון דער תורה קריסטאַליזירט און גערייניגט. תשובה האָלט אויף די וועלט. „כשעלה במחשבתו לבראות את העולם היה הקב״ה מחשב איך יעמוד מפני עוונותיו של אדם, והקדים וברא תשובה ואחר כך ברא את העולם״ — ווען עס איז אַרויף אויף דעם געדאַנק פון דעם רבונו של עולם צו באַשאַפען די וועלט, האָט ער ביי זיך געטראַכט, ווי קאָן ער פאַרזיכערען איר עקזיסטענץ צוליב די זינד פונ׳ם מענשען? האָט ער צוערשט באַשאַפען דעם געדאַנק פון תשובה און נאָכדעם האָט ער באַשאַפען די וועלט (בית המדרש ח״ו). תשובה, געוויסענביסע פאַר שלעכטע אויפפירונגען, האָלט אָפּ דעם מענשען פון ווערען ווילדע חיות און גיט זיי אַ העכערען אידעאַל אין לעבען ווי בלויז קערפּערליכע צופרידענקייטען.

תשובה אָבער דאַרף אַ מענש טאָן, ווען ער איז נאָך בכוח גוטצומאַכען אַלע פעלערען וואָס ער איז באַגאַנגען. „אשרי מי שעושה תשובה כשהוא איש״ — גליקליך איז דער וואָס טוט תשובה ווען ער איז נאָך אַ מענש מיט אַלע זיינע כוחות (ע״ז י״ט). ווי שיין דריקט זיך אויס דער מדרש איבער דעם געדאַנק: „עשה תשובה עד שאתה בכחך, עד שהנר דולק תן לו שמן, כבה הנר אין השמן מועיל כלום״ — טו תשובה ווען דו ביזט נאָך ביי דיינע כוחות. כל זמן דאָס ליכט ברענט, גיס צו בוימעל; האָט זיך דאָס ליכט אויסגעלאָשען, וועט קיין בוימעל מער ניט העלפען (ילקוט שמעוני ח״ב רמז תתקע״ט).

מיט תשובה ווערט אָבער ניט געמיינט בלויז פאַסטען און תפילה טאָן. חרטה אויף שלעכטע מעשים, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, איז ניט גענוג. מען מוז אויף זיך אויך נעמען אַ „קבלה״, אַ פליכט, ווייטער אַזעלכע עבירות ניט צו באַגיין. איבערהויפּט אויף די פאַרברעכענס וואָס מען באַגייט קעגען מיטמענשען העלפט ניט יום כפור און העלפט ניט קיין תשובה. אַזעלכע שאָדענס מוזען גוטגעמאַכט ווערען, און די קעגען וועמען זיי זענען באַגאַנגען געוואָרען, מוזען פאַרגיטיגט ווערען. „קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳״ — נעמט מיט אייך די אַלע זאַכען וואָס איר האָט געזינדיגט, ווען איר ווילט תשובה טאָן פאַר ג׳.

דער דובנער מגיד ז״ל דערקלערט דעם דאָזיגען פסוק מיט אַ שיינעם

משל: אַ דאָרפישער שמיד האָט געהערט, אַז די שטאָטישע שמידען באַנוצען זיך מיט אַ בלאָז־זאַק אַנצוהאַלטען דאָס פייער אין זייערע קוזניעס. איז ער אַוועק און האָט זיך איינגעקויפט אַזאַ בלאָז־זאַק. ווען ער האָט אים אַריינגעשטילט אין זיין קוזניע און האָט גענומען בלאָזען, איז ער שטאַרק איבערראשט געוואָרען וואָס קיין פייער איז פון דעם ניט אַרויסגעקומען. ער בלאָזט און בלאָזט און קיין פייער איז אַלץ ניטאָ. איז פאַרבייגעגאַנגען זיינער אַ פריינט און אים דער־קלערט: „דער בלאָז־זאַק קאָן דיר העלפען אַנצוהאַלטען דעם פייער און אים פאַרגרעסערען, אויב דו לייגסט אַריין כאָטש אַ קליינעם פונק פייער. פאַר קאַלטע קוילען וועט דיר דער בלאָז־זאַק ווייניג העלפען". דאָס, פירט ער אויס, איז דער געדאַנק פון פסוק: „קחו עמכם דברים", נעמט אייך אַליין מיט אייערע תפילות, גיט צו אייער אייגענעם פייער, דאַן וועט ער זיך פאַנאַנדערפלאַקערען אין אַ אמת'ער תשובה.

גבו"ה בעט זיך ביי די אידען: עפענט פאַר מיר אַ שפּעלטעלע פון תשובה, כאָטש די גרויס פון „חודה של מחט", שפּיץ פון אַ נאָדעל. אַז איך וועל זעהן, אַז איר מיינט עס טאַקע ערנסט, וועל איך פאַר אייך ברייט עפענען די טויערען פון תשובה, „שיהיו עגלות וקרניות נכנסות בו" — אין וועלכע וועגענער און קאַרעטעס, גרויס געצוג פאַר אייערע פאַמיליעס, זאָלען דאָרט קאָנען אריינגיין (שהש"ר פ"ה).

ז.

די תורה אין דעם אידען'ס שירה

והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות וענתה השירה הזאת לפניו.

„כל צרה שישראל ואומות העולם שותפין בה צרה, וכל צרה של ישראל עצמן אינה צרה" — יעדע צרה, אין וועלכער די אידען און אויך די פעלקער פון דער וועלט זיינען פאַרמישט אין איר, איז אַן אמת'ע צרה. אַ צרה אָבער, וואָס איז אין גאַנצען אַ אידישע איז ניט אַזאַ צרה (מדרש ואתחנן).

די הונדערט און צוואַנציג יאָר, וואָס משה האָט געלעבט, ווערען פון אונזערע חז"ל אייגעטיילט אין דריי גלייכע טיילען. פערציג יאָר האָט ער זיך געהאָדעוועט אין דעם הויז פון פרעה, אַלס דער אַדאָפּטירטער זון פון זיין טאָכטער

בתיה, וועלכע האָט אים אַלס קליין קינד געפונען אַרומשווימענדיג אין אַ גומענעם קעסטעלע, אויף דעם טייך נילוס. אין קעניגליכען הויף האָט ער באַקומען די נויטיגע דערציאונג, וואָס אַ פּאַלק'ס פירער דאַרף האָבען. נאָך אַלס קינד האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין פּרעה'ס הויז. „ויגדל משה — כל בני פלטין של פרעה היו מגדלין אותו" — משה ווערט באַרימט, ווייל אַלע באַאַמטע פון פּרעה לויבען אים זעהר שטאַרק און זאָגען פאָראויס אַ גלענצענדע צוקונפט פאַר אים (פדר"א פ' מ"ח).

נאָך אין זיינע אינגערע יאָרען הויבט ער זיך אָן צו פאַראינטערעסירען אין דער לאַגע פון זיינע ברידער. ווען, צו זיין צוואַנציגסטען געבורטסטאָג רופט אים פּרעה צו זיך און באַט אים אָן: „כל פרקופי שאתה מבקש, אמור ואני נותן לך" — וועלכען אַמט דו ווילסט האָבען, זאָג מיר און איך וועל עס דיר געבען, ענטפערט ער אים: „מבקש אני ממך להעשות על ארגון שלך" — איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט מיך מאַכען פאַר דיין עקאָנאָמישען פאַרוואַלטער. און געזוכט האָט ער דוקא זיך צו באַקענען מיט דעמדאָזיגען אַמט, ווייל „נתכוון לראות בשעבודן של ישראל" — ער האָט געהאַט אין געדאַנקען זיך צו באַקענען מיט דער שקלאַפען־אַרבייט פון די אידען (מדרש תנחומא). עס האָט אים געצויגען צו זיינע אומגליקליכע ברידער און ער האָט זיי געוואָלט העלפען מיט וויפיל ער וועט נאָר קאָנען.

אַזוי גיך ווי ער באַקומט דעם אַמט פון פּרעה, „ויצא אל אחיו" — גייט ער אַרויס צו זיינע ברידער. ער שטודירט זייער לאַגע „וירא בסבלותם" — און זעהט זייער דרוק. ער באַמערקט ווי יונגע קינדער ווערען געצוואונגען צו טאָן די אַרבייט פון דערוואַקסענע, און אַלטע, שוואַכע לייט מוזען טראָגען דיזעלבע משא ווי יונגע, קרעפטיגע מענער. אויסער דעם באַמערקט ער אויך ווי „איש מצרי מכה איש עברי" — די מצריים, וואָס זיינען אַנגעשטעלט אַלס פאַרוואַלטער, אָנצופירען מיט דער אַרבייט, שלאָגען און פייניגען די אידען, און ער ווערט אָן אויפגעטרייסעלטער פון צער און צאָרן. „ויפן כה וכה" — ער קערט זיך אַהין און אַהער און זוכט מיטלען ווי זיי צו העלפען. „וירא כי אין איש" — ער זעהט איין, אַז זיי פעלט אַ מאַן, אַ ריכטיגער פירער, וואָס זאָל זיי אָרגאַניזירען און פאַראייניגען צו קאָנען זיך שטעלען קעגען זייערע אונטער־דריקער. ער באַשליסט זיך אָנצונעמען פאַר זיינע גע'רודפ'טע ברידער, אָבער

צוליב אַ אידישער מסירה איז ער געטריבען געוואָרען צו אַנטלויפען און פאַר־לאָזען דאָס לאַנד מצרים, וואו זיינע אידען געפינען זיך.

די צווייטע פערציג יאָר פאַרברענגט משה אין דעם לאַנד מדין, וואו ער הייראַט די טאָכטער פון יתרו, אַ פּראָמינענטער פּריסטער, און באַשעפטיגט זיך מיט פיטערען די שאָף פון זיין שווער. דאָרטען ווערט ביי אים געבוירען דער ערשטער זון זיינער, און ער גיט אים אַ נאָמען „גרשם", ווייל „גר הייתי בארץ נכריה" — איך בין אַ גר אין אַ פרעמד לאַנד. דורך די יאָרען, וואָס ער האָט געפּאַשעט זיין שווער'ס שעפּסען אין דעם מדבר, האָלט משה אין איין טראַכטען און קלערען וועגען דעם תכלית פונ'ם מענשענ'ס לעבען. „ויבא אל הר אלקים" — ער דערגרייכט אין זיינע געדאַנקען ביז דעם הויכען באַרג פון דער גאָטהייט. ער דערטראַכט זיך צו דער העכסטער שטופע פון גייסטיגער אַנטוויקלונג. ביים באַרג „חורב" ווערט ער באַהערשט פון אַ געטליכער וויזיע, וועלכע באַאויפטראַגט אים זיך אומצוקערען נאָך מצרים און באַפרייען זיינע ברידער פון זייער שרעקליכען גלות.

די לעצטע פערציג יאָר פון זיין לעבען האָט ער געווידעמט צו דער באַפרייאונג און אויפבויאונג פון דעם אידישען פאָלק. די דאָזיגע פערציג יאָר זיינען די וויכטיגסטע און פרוכטבאַרסטע, וואָס אַ מענש האָט ווען דורכגעלעבט, זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען ביז היינטיגען טאָג. פאַר דער צייט געלינגט עס אים צו פאַרוואַנדלען אַ פאָלק פון שקלאַפען אין אַ פריי פאָלק, און נאָך מאַכען פון אים אַן „עם סגולה" — אַ מערקווירדיג פאָלק, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט צווישען די פעלקער פון דער וועלט. מענשען, וועלכע זיינען געוועזען פאַרזונקען אין מ"ט שערי טומאה, פאַרגרעבט און אומוויסענד, ווערען אונטער זיין פירערשאַפט און השפעה דערהויבען צו אַ שטופע פון „מעט מאלקים" — כמעט הימעל־מענשען. קנעכט און שקלאַפען, וואָס האָבען דורות־לאַנג געשמאַכט אונטער אַן אייזערנעם דרוק, ווערען די פאַנען־טרעגער פון אַ תורה, וואָס לערענט דער וועלט אמת'ע פרייהייט, און האָט ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג באַאיינפלוסט דער גאַנצער מענשהייט. אָט די תורה, וואָס ער האָט געשאַפען, וועט אין דעם „אחרית הימים", אין דער ווייטער, אָבער אויסגעלייטערטער צוקונפט, ווען דער פאַרשטאַנד פון אַלע פעלקער וועט זיך אַנטוויקלען צו זיין געהעריגער הויך, ווערען די תורה פון אַלע מענשען־קינדער.

משה'ן האָט זיך זעהר געוואָלט אַריינברענגען די אידען אין ארץ ישראל,

ווייל ער האָט געפילט, אַז דאָרטען, אויף זייער אייגענער ערד, וועלען די אידען אימשטאַנד זיין צו אַנטוויקלען דעם גייסטיגען צענטער, צו וועלכען ער האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבען־לאַנג. עס איז אים אָבער נישט באַשערט געווען דאָס דורכצופירען. ער מוז שטאַרבען אין דעם מדבר און איבערגעבען זיין גרויסע אויפגאַבע צו זיין תלמיד יהושע צו פאַרענדיגען. גב״ה אָבער טרייסט אים: „כל הבריות כשהן מתין מטפלין בהם בנין אדם, אבל אתה, אני ופמליא שלי מטפלין בך״ — אַלע מענשען, אַז זיי שטאַרבען, באַשעפטיגען זיך מיט זיי בלויז מענשען־קינדער, מיט דיר אָבער וועלען איך מיט מיינע מלאכים זיך אַליין אָפּגעבען (דב״ר פ״ט). „ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה״ — קיינער קאָן ניט אָנווייזען וואו משה איז באַגראָבען געוואָרען ביז׳ן היינטיגען טאָג, ווייל אין אמת׳ן זין איז משה ניט געשטאָרבען. ער לעבט און וועט בלייבען לעבען כל זמן די וועלט וועט עקזיסטירען. ווי זאָגט „אחד העם״ ע״ה: דער גרויסער משה בלייבט דער אידישער פירער, וואָס איז געגאַנגען פאַר די אידען, ניט נאָר די פערציג יאָר אין דער מדבר, נאָר אויך אין די טויזענטער יאָרען פון וואַנדערען אין די פאַרשידענע מדבריות, פון מצרים ביז דעם היינטיגען טאָג...

ביים געזעגענען זיך מיט זיינע אידען, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאָט, בעט זיך משה ביי זיי, אַז זיי זאָלען זיך אימער האַלטען צוזאַמען און אָפּהיטען די געבאָטען פון זיין תורה, וועלכע וועט זיי באַשיצען פון אונטערגאַנג. ער וואָרענט זיי, אויב עס וועט אַמאָל פּאַסירען, אַז „וקם העם הזה וזנה אחרי אלקי נכר הארץ״ — די אידען וועלען זיך אָפּקערען פון ג׳ און נאָכפאָלגען די געטער פון פרעמדע לענדער און וועלען זוכען זיך צו אַסימילירען צווישען די פעלקער, וואו זיי וואוינען, דאַן „תמצאן אותו צרות רבות ורעות״ — וועלען זיי טרעפען פילע און שלעכטע אומגליקען. „כל צרה שישראל ואמות העולם שותפין בה צרה״ — יעדע צרה, וואָס די אידען און אויך די פעלקער פון דער וועלט זיינען פאַרמישט, איז אַן אמת׳ע צרה. קוים הויבען אידען אָן צו טראַכטען איבער דעם „למה יאמרו הגויים״ — וואָס וועלען די גויים זאָגען, ווערט זייער לאַגע פיל פאַרערגערט, זיי פאַרלירען דאַן דעם שטאַלץ פון אַן אייגענאַרטיג פאָלק און ליידען אין צווייען, אַלס לאַנדלאָזע אומה און אַלס אידען. „כל צרה של ישראל עצמן אינה צרה״ — אַ צרה, וואָס איז אין גאַנצען אַ אידישע איז ניט אַזוי שלעכט. אינערליכע צעשפּליטערונגען קאָנען לייכטער אויסגעגליכען ווערען, ווי

שפּאַלטונגען אין דעם אידישען לעבען צוליב דער שותפות, וואָס זיי ווילען מאַכען מיט זייערע אַרומיגע שכנים.

ווערלען אידען פאַרבאָרגען זייער אייגענעם געזיכט און זוכען נאָכצומאַכען די גויים, „ועזבתים והסתרתי פני מהם" — וועל איך זיי פאַרלאָזען און באַהאַלטען מיין געזיכט פון זיי. „אין לך שעה קשה בעולם מאותה שעה שאמר הקב"ה למשה ואנכי הסתר אסתיר פני" — עס איז ניטאָ קיין שווערערע צייט אין דער וועלט, ווי די שעה, וואָס ג' האָט געזאָגט צו משה'ן, אַז ער וועט פאַרבאָרגען זיין געזיכט פון די אידען (ירושלמי, סנהדרין פ"י ה"ב). דעזערטירער, אַנטלויפערס פון זייערע אייגענע רייהען, זיינען ניט ווילקאָמען אין קיין אָרט. פאַרלייקענען אידען זייער אמונה און נאַציאָנאַליטעט, ווערען זיי נאָך מעהר פאַרהאַסט און פאַראַכטעט פון זייערע שכנים.

גיט ניט אויף אייער אייגענאַרטיגקייט, וואָרענט זיי משה. „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת" — און איצט שרייבט אייך אַראָפּ די תורה, וועלכע איז דעם אויבערשטען'ס פּאָעמע פון גייסטיגע דערגרייכונגען. נעמט איר מיט אויף אַלע אייערע וואַנדערונגען, לערענט זי אייערע קינדער און קינד'ס קינדער, ווייל זי וועט אייך באַשיצען פון אונטערגאַנג. „ועתה לכם השירה הזאת" — די פּאָעמע וועט אייך אויפמונטערען, איר ווידערקלאַנג וועט אייך געבען האָפענונג און אויסדויער צו קאָנען ווידערשטעהן אַלע דרוקען, און איר וועט ענדליך אַרויס די זיגער.

ה פ ט ר ה

לאָזט זיך ניט פאַרפירען פון פרעמדע נחמות

וקראו להם עם הקודש גאולי ה'.

„אמר הקב"ה לישראל: בעולם הזה הייתם מתברכים על ידי אחרים, לעתיד לבא אני מברך אתכם" — ג' זאָגט צו די אידען: אין דער איצטיגער וועלט האָט איר זיך געלאָזט בענשען דורך אַנדערע, אין דער צוקונפט אָבער וועל איך אייך אַליין בענשען (ילקוט שמעוני ב' תשצ"ב).

איך זייך תוכחה און וואָרנונג צו די אידען, וואָס וועט מיט זיי פּאַסירען,

אויב זיי וועלן פאַרלאָזן זייער פאָלק און זיין תורה און זיך זוכען צו דערנענ־טערען צו די פעלקער, וואו זיי וואוינען, זאָגט משה רבנו פאָראויס, אַז דאָס וועט זיי קיינמאָל ניט געלינגען. וויפיל זיי וועלען פּרובירען איינצושמועסען דעם גוי, אַז זיי זיינען פונקט אַזעלכע געטרייע בירגע פון׳ם לאַנד ווי ער, וועט ער זיי אַלץ נישט גלויבען און זיי וועלען אימער שטעהן אונטער אַ חשד פון אומ־טרייהייט, „בדרך אחד תצא אליו ובשבעה דרכים תנוס לפניו" — אויף איין וועג וועסטו אַרויס קעגען אים און אויף זיבען וועגען וועסטו אַנטלויפען פון אים. אָט די דאָזיגע שרעקליכע נבואה פון אונזער גרויסען באַפרייער איז אויף אונז מקוים געוואָרען אין איר פולער גרויזאַמקייט. וואו מיר האָבען פּרובירט זיך צו באַזעצען, האָט מען אונז צוגעלייגט אַ צווייאיגע פּאַרציע פון באַגרענע־צונגען. אַלס פרעמדע האָט מען באַשרענקט אונזערע פּאָליטישע פרייהייטען, און אַלס אידען האָט מען אונז אויך באַרויבט פון אַלע מענשליכע רעכטען.

אין אַלע לענדער זיינען מיר אַרויסגעקומען צו זייערע בירגער „בדרך אחד" — אויף איין וועג, מיט איין און דיזעלבע פאָדערונג — „עמאַנציפּאַציע", „גלייכבאַרעכטיגונג". מיר האָבען זיך געלאָזט איינריידען פון אונזערע אַסימי־לאַטאָרישע פירער, אַז אונזער ישועה וועט קומען פון דער זאַגענאַנטער „דעמאָ־קראַטיע", וועלכע פאַרשפּרעכט כלומר׳שט גלייכע בירגער־רעכט צו אַלע איינ־וואוינער פון לאַנד. נאָך דער מלחמה, אין וועלכער מיר האָבען געליטען מעהר פאַר אַלעמען, האָבען אונזערע „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטעס", „אַנגלאָ דזשואיש קאָמיטעס" און „פּויליש־אידישע בונדען", געהאַלטען אין איין איינריידען, אַז אויב דאָס צויבער־וואָרט „גלייכבאַרעכטיגונג" וועט אַריינגעשריבען ווערען אין די נייע אָפּמאַכען צווישען די פעלקער, וועט נעמען אַ סוף צו אַלע אונזערע צרות און מיר וועלען זיך קאָנען איינבירגערען אין אַלע לענדער און געניסען פון זייערע פרייהייטען.

מיר האָבען זיך אָבער אָפּגענאַרט. „בשבעה דרכים תנוס לפניו" — אויף אַלע זיבען וועגען אַרום די זיבען ימ׳ען פון דער וועלט האָבען מיר געמוזט לויפען, אויך נאָכדעם, ווען אין זייערע קאָנסטיטוציעס האָט מען אונז כלומר׳שט פאַרשפּראָכען עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכהייטען און אויך רעליגיעזע און קולטורעלע פרייהייטען. די צבוע׳קישע דעמאָקראַטיע מיט אירע „אַטלאַנטיק טשאַרטערס" און פיל פאַרשריגענע „פיר פרייהייטען" האָט אונזער לאַגע נאָך פיל פאַרערגערט. כאָטש אין יעדער מדינה וואָלט מען פון אונז וועלען פּטור

ווערען און אין יעדען לאַנד באַטראַכט מען אונז פאַר פרעמדע, פאַר אומגעווינשטע עלעמענטען, דאַך זיינען מיר פאַר דער פאָליטיק פון דער וועלט אַ טייל פון די לענדער, וואו מיר שמאַכטען. איבעראַל ווערען מיר פאַרפאָלגט און געטריבען אַלס „אידיש פאָלק״, אָבער צום פעלקער־טיש לאָזט מען אונז ניט צו. פאַר די דיפּלאָמאַטישע פירער פון דער וועלט זיינען מיר ברעקלאַך אונטער די טישען פון די לענדער, וואו מיר געפינען זיך, און יעדער גראָבער פוס מעג אויף אונז טרעטען. אויך די כלומר׳שטע ליבעראַלע פירער פון דער וועלט ווילען ניט אָנערקענען די אידישע פראַגע אַלס א „פאָלק׳ס פראַגע״, נאָר אַלס אַ לאַנדסמאַנשאַפטס־פּראָבלעם, און לויט די אינטערנאַציאָנאַלע מנהגים טאָר מען זיך נישט מישען אין די אינערליכע אָנגעלעגענהייטען פון אַן אַנדער לאַנד.

אויף ווי ווייט דער גלות האָט פאַרטויבט די געהירען פון אונזערע אַסימילאַנטען און זיי בלינד געמאַכט, ניט צו קאָנען זעהן אָדער באַגרייפען וואָס מיט אונז טוט זיך, ווייזען אונז די שרעקליכע געשעהענישען, וואָס שפּילען זיך אָפּ מיט דער „שארית הפליטה״ — מיט דעם ביסעל איבערגעבליבענע אויסגעוואָרצעלטע ברידער, וועלכע זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון די קאַלך־אויוועגס פון דער לעצטער מלחמה. טראָץ דער אָפענער און אומפאַרשייט־גרויזאַמער באַהאַנדלונג אויך פון די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער, וועלכע האָבען געבראָכען יעדען פאַרשפּרעכען, וואָס זיי האָבען אונז געמאַכט, געפינען זיך נאָך טיילען פון אונזער פאָלק, איבערהויפּט צווישען די רייכע ברידער אין די פרייע לענדער, וואָס בויגען זייער פּוסטען קאָפּ פאַר דער פינסטערער פּאָליטיק און זינגען „מה יפית״ צו ענגלאַנד או אַמעריקע, וועלכע ווילען ניט אָנערקענען אונזערע נאַציאָנאַלע רעכטען.

און דער נביא פון דער היינטיגער הפטרה וואָרענט די אידען און זאָגט זיי: „על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים כל היום וכל הלילה תמיד לא יחשו״ — אויף דיינע מויערען, ירושלים, האָב איך אויפגעשטעלט שומרים, וועלכע וואַכען איבער אירע גרעניצען טאָג און נאַכט, שטענדיג אָהן אַן אויפהער, אַז קיינער פון די אָרימע פליכטלינגען זאָלען זיך חו״ש ניט אַריינ׳גנב׳ענען אין לאַנד. די אַרבייטער־רעגירונג פון בריטאַניע האָט זיך פאַרנומען צו פאַרענדיגען די פאַרניכטונג פון אונזער פאָלק, וואָס היטלער מיט זיינע נאַציס האָבען אָנגעפאַנגען. זאָלען די אידען ניט שווייגען. „המזכירים את ה׳ אַל דמי לכם״ —

די, וואָס דערמאָנען דעם נאָמען פון ג׳, רוהט ניט. קעמפט מוטיג און אָפען קעגען די פּיראַטען וואָס ווילען פאַרכאַפּען אונזער לאַנד.

„ואל תתנו דמי לו״ — לאָזט אויך ג׳ ניט רוהען „עד יכונן ועד ישום את ירושלים תהלה בארץ״ — ביז ער וועט פעסטשטעלען און מאַכען ירושלים פאַר אַ לויב אין לאַנד. ער האָט אונז פאַרשפּראָכען, אַז „בעולם הזה הייתם מתברכים על ידי אחרים, לעתיד לבוא אני מברך אתכם״ — אין דער איצטיגער וועלט האָט איר זיך געלאָזט בענשען פון אַנדערע און איר זייט פאַרפירט און אָפּגענאַרט געוואָרען. אין דער צוקונפט אָבער, וועל איך אייך אַליין בענשען און ברענגען די אמת׳ע גאולה.

האזינו

א.

מען מוז אַליין ביישטייערן צו דער תורה

שימו לבבכם לכל הדברים אשר אנכי מעיד בכם.

„אמר רבה: אף על פי שהניחו לו אבותיו לאדם ספר תורה, מצוה לכתוב משלו" — רבה זאָגט: כאָטש זיינע עלטערען האָבען אים איבערגעלאָזען אַ ספר תורה, איז עס אַ מצוה אויף יעדען מענשען צו שרייבען אַן אייגענע (סנהדרין כ"א ע"ב).

אין שטאַרקע פּאָעטישע שטריכען, וואָס האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט אין אַלע ליטעראַטורען פון דער וועלט, גיט אונז משה איבער דעם מאָראַלישען און היסטאָרישען געדאַנק פון דער אידישער תורה. „נצחיות", אייביגקייט, און ווי עס צו דערגרייכען. אָט אין דעם באַשטייט דער תמצית, דער הויפּט מאָטיוו פון אירע לערען און פאַרשריפטען. גב"ה איז אייביג, זיין תורה איז אייביג, און עס איז זיין ווילען, אַז אויך זיין פאָלק זאָל לעבען אייביג. פּראָפעסאָר הערמאַן כהן זאָגט, אַז „די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער אידישער אמונה ווערט אויסגעדריקט אין דעם קורצען פּסוק פון דער שירת האזינו: „הצור תמים פעלו, כי כל דרכיו משפט", דער אַלמעכטיגער, גאַנץ איז זיין שאַפונג, ווייל אַלע זיינע וועגען זיינען גערעכט; „אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא", ער איז אַ ג' פון צוטרוי און פאַרטראָגט ניט קיין אומרעכט; ערליך און רעכטפערטיג איז ער".

„אין דער שירה פון האזינו, וועלכע איז משה'ס פּאָעטישע צוואה צו די אידען", זאָגט הרב יצחק ניסענבוים ז"ל, „ווערט בולט אויסגעדריקט די „השקפה", די אומפאַסונג פון אידענטום איבער דאָס אידיש פאָלק און די באַציהונגען פון זיין ג' צו אים. ער פאַנגט אָן מיט אַ ווענדונג צום הימעל און ערד, ווייל דאָס איז דער הויפּט ציל פון דער אידישער תורה: צו פאַרבינדען דעם הימעל מיט

דער ערד, צו ברייגגען די הימלען נענטער צום מענשען און צו דערהויבען דעם מענשען נענטער צום הימעל. די אידישע תורה פאַרלאַנגט ניט פון אירע נאָכ־פאָלגער צו פייניגען דעם גוף כדי צו דערהויבען די נשמה. די, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט הימלישע זאַכען בלויז, בויען ניט די וועלט און טוען ווייניג אויף פאַר דער מענשהייט. מען טאָר אָבער אויך ניט זוכען צו אַנטוויקלען דעם גוף אויף דעם חשבון פון דער נשמה. די וואָס יאָגען זיך נאָך ערדישע תאוות בלויז, פאַרדארבען די מענשהייט און פאַראומרייניגען די וועלט. דאָס אידישע לעבען מוז זיין אַ פאַראייניגונג פון הימעל און ערד, אַ סינטעז פון געטליכקייט און מענשליכקייט".

כאָטש די שירה איז קאָסמאָפּאָליטיש אין איר פּאָעטישען פאַרנעם און זי באַרירט דאָס לעבען און ווירקען פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, איז זי אָבער הויפּטזעכליך געווענדט צום אידישען פאָלק, ווייל עס איז דער „עם ה׳", גאָט׳ס פאָלק. „הלא הוא אביך קונך", ער איז דאָך דיין פאָטער, וואָס האָט דיך גענומען אין זיין באַזיץ. אין „פרקי דרבי אליעזר" ווערט דערציילט, אַז ווען ג׳ האָט, ביי דעם „דור הפלגה" צוזאַמענגעקליבען אַלע זיינע מלאכים און זיי איינגעלאַדען צו גיין מיט אים און איינטיילען די מענשען אין פאַרשיידענע פעלקער און שפראַכען, האָט ער זיי געזאָגט: „לאָמיר וואַרפען גורל ווער פון אונז זאָל זיין דער „שר", דער ספּעציעלער פאַרשטייער פון אַ געוויסען פאָלק. „הטילו גורלות ונפל ישראל לחלקו של הקב"ה — האָבען זיי געוואָרפען גורל, און דאָס אידיש פאָלק איז געפאַלען אויף דעם חלק פון גב"ה אַליין. זינט דאַן האָט ער אונז גענומען אין זיין באַזיץ און מיר זיינען געוואָרען „עם סגולה", זיין ספּעציעל פאָלק.

„בהנחל עליון גוים, בהפרידו בני אדם, יצב גבולות עמים למספר בני ישראל" — ווען דער אויבערשטער האָט באַזעצט די פעלקער און האָט פאַנאַנדער־געטיילט די מענשען־קינדער, האָט ער פעסטגעשטעלט זייערע גרעניצען לויט דער צאָל פון די אידען. כאָטש מיר זיינען אַ קליין פאָלק, פאַרנעמען מיר, פּראָ־פּאָרציאָנעל, אַ פיל גרעסערען פּלאַץ אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט. די געשיכטע ווייזט אונז, אַז אידען זיינען דער מיטעלפּונקט פון אַלע שטרייטיגקייטען, וואָס קומען פאָר אין די פאַרשיידענע לענדער. אַרום זיי און וועגען זיי טומעלט זיך איבעראַל מער ווי וועגען אַנדערע ראַסען און פעלקער אין דער וועלט. אונזערע חז"ל באַמערקען מיט אַ טרויעריגער איראָניע: „יצב גבול עמים אין כתיב כאן, אלא גבולות עמים. זכו אומות ליטל

שני חלקים למספר בני ישראל" — דאָ ווערט ניט געזאָגט אַז ער האָט פעסט־געשטעלט דעם גרעניץ פון די פעלקער, נאָר גרעניצען, ווייל דערווייל האָבען די אומות זוכה געווען צו נעמען צוויי חלקים קעגען דער צאָל פון די אידען (ילקוט שמעוני תתקמ"ב).

אָבער דאָס וועט ניט אָנהאַלטען פאַר אימער. זיין געליבט פאָלק וועט קריגען זיין געהעריגען טייל פון דער וועלט. „כי חלק ה' עמו, יעקב חבל נחלתו", ווייל דער חלק פון ג' איז זיין פאָלק, יעקב איז דער טייל פון זיין נחלה, כאָטש ער געפינט זיך דערווייל אין אַ מדבר „ובתהו ילל ישימון", און אין אַ וויסטער, פינסטערער נאַכט, „יצרנהו כאישון עינו", וועט ער אים דאָך אָפּהיטען ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג, אונטערגיין וועט ער קיינמאָל ניט. ער וואָרענט די פעלקער, אַז זיי זאָלען ניט דענקען, אַז זייער דריקען די אידען וועט זיי געשאָנקען ווערען. „אשכיר חצי מדם וחרבי תאכל בשר", איך וועל שכור מאַכען מיינע פיילען פון בלוט און מיין שווערד וועט פאַרצערען אייער פלייש. די ווילדע רדיפות, וואָס איר באַגייט קעגען מיין פאָלק, וועט אייך אַליין פאַרניכטען, ווייל זיי וועלען אויף אייך ברייגגען גרויסע וועלט־מלחמות און בלוט־בעדער, וועלכע וועלען פאַרצערען אייערע קינדער און חרוב מאַכען אייערע לענדער. ער פאַר־ענדיגט זיין גרויסע פאָעמע מיט דעם אויסגעשריי צו דער וועלט: „הרנינו גוים עמו", איר האַלט אין איין זינגען וועגען זיין פאָלק. אין אַלע אייערע פאַרלאַמענטען און קאָנגרעסען האָט איר איין לידעל: „דער איד איז שולדיג אין אַלץ". אָבער דאָס וועט אייך ניט געשאָנקען ווערען, „כי דם עבדיו יקום", ווייל ער וועט נעמען ראַכע פאַר דעם בלוט פון זיינע געטרייע קנעכט, „ונקם ישיב לצריו", און אַ נקמה וועט ער אומקערען צו זיינע דריקער. די וועלט וועט קיינמאָל ניט לעבען אין שלום כל זמן זיין פאָלק וועט ניט באַפרייט ווערען. „וכפר אדמתו עמו", די כפרה פאַר די זינד, וואָס די פעלקער זיינען באַגאַנגען קעגען זיין פאָלק, וועלען זיי ערשט דאַן קריגען, אויב זיי וועלען אים געבען די מעגליכקייט צוריקצוקריגען זיין אייגענעם באָדען, זיין אייגען היימלאַנד.

משה ראָט די אידען „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת", און איצט שרייבט אייך אַראָפּ דידאָזיגע פאָעמע, וועלכע איז מיין גייסטיגע צוואה צו אייך. נעמט איר מיט אויף אַלע אייערע וואַנדערונגען, לערענט זיי אייערע קינדער און קינדס־קינדער, ווייל זי וועט אייך באַשיצען פון אונטערגאַנג. „כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות", אַז עס וועט אייך טרעפען פיל שלעכטע און גרויסע אומ־

גליקען, „וענתה לכם השירה הזאת״, וועט אייך דידאָזיגע פּאָעמע אויפמונטערען. איר ווידערקלאַנג וועט אייך געבען האָפענונג און אויסדויער צו קאָנען ווידערשטיין אַלע דרוקען און איר וועט ענדליך אַרויס די זיגער.

עס איז אָבער ניט גענוג, זאָגען אונז די חז״ל, בלויז צו לערנען די תורה, וואָס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען בירושה. זי איז ניט אַ „מצות אנשים מלומדה״, אַלטע אידעאַלען, וואָס זיינען געלערענט געוואָרען אַמאָל. מען מוז איר האַלטען אין איין אַנטוויקלען און אויסברייטען. יעדע דור איז אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון אידישע דערגרייכונגען. עס איז דאָרום די פליכט פון יעדען אידען בייצושטייערען אויך זיין געהעריגען חלק צו דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישען גייסט. „אף על פי שהניחו לו אבותיו לאדם ספר תורה״, כאָטש זיינע עלטערען האָבען אים איבערגעלאָזט אַ ספר תורה, „מצוה לכתוב משלו״, איז אָבער אַ מצוה פאַר יעדען איינעם צוצושרייבען עטוואָס פון זיינע אייגענע אויפטואונגען און ביישטייערונגען.

הפטרה

שיין איז גאָט׳ס וועלט

האל תמים דרכו.

„בשעה שברא הקב״ה את אדם הראשון, נטלו והחזירו על כל אילני גן־עדן ואמר לו: ראה מעשי, כמה נאין ומשובחין הן, וכל מה שבראתי בשבילך בראתי. תן דעתך שלא תקלקל ותחריב את עולמי״ — ווען ג׳ האָט באַשאַפען אדם הראשון, האָט ער אים גענומען און אַרומגעפירט איבער אַלעביימער פון גן־עדן און האָט צו אים געזאָגט: זעה מיינע אויפטואונגען, ווי שיין און לױבענס־ווירדיג זיי זיינען. גיב אַכטונג, אַז דו זאָלסט ניט פאַרדאַרבען און חרוב מאַכען מיין וועלט (מדרש קהלת).

„הצור תמים פעלו, כי כל דרכיו משפט״ — דער אַלמעכטיגער, גאַנץ איז זיין שאַפונג, ווייל אַלע זיינען וועגען זיינען גערעכט. „אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא״ — ער איז אַ ג׳ פון צוטרוי און פאַרטראָגט ניט קיין אומרעכט, ערליך און רעכטפערטיג איז ער. מיט אָט דעם פילאָזאָפישען געדאַנק הויבט אָן משה רבנו זיין געזעגענונגס־ליד צו דעם אידישען פאָלק אין דער היינטיגער

סדרה. און צו דעם זעלבען געדאַנק קומט אויך דוד המלך און זיין וואונדערבאַרער שירה פון היינטיגער הפטרה: „האל תמים דרכו" — דער אַלמעכטיגער, גאַנץ איז זיין וועג. „אמרת ה' צרופה" — דער וואָרט פון ג' איז געלייטערט. „מגן הוא לכל החוסים בו" — ער איז אַ שילד פאַר די, וואָס שיצען זיך אין אים.

דער שיקזאַל פון אַלע באַשעפענישען ליגט אין די הענט פון דער השגחה. אַלע געשעהענישען פון דער וועלט ווערען פון איר פאַראויס באַשטימט, און זי קאָנטראָלירט דעם גורל פון אַלץ און אַלעמען. דאָס איז דער לייטענדער מאָטיוו פון דער „שירת האזינו", און איז אויך דער הויפּט־געדאַנק פון דער שירה פון דוד המלך. „ה' סלעי ומצודתי" — ג' איז מיין פעלז און מיין פעסטונג. אַלע מיינע נצחונות און דערגרייכונגען קומען פון אים. „כי אפפוני משברי מות" — אַז איך ווער אַרומגערינגעלט פון מערדערליכע כוואַליעס, „נחלי בליעל יבעתוני" — פאַררעטערישע שטראָמען שרעקען מיך, ווער איך ניט פאַרצווייפעלט און פאַרליר ניט מיין מוט. אַלץ וואָס איך דאַרף טאָן „בצר לי", ווען מיר ווערט ענג, „אקרא ה'", רוף איך צו ג', „וישמע מהיכלו קולי", און ער הערט פון זיין טעמפעל מיין שטים. איידער איך קוק זיך אַרום, „ישלח ממרום יקחנו", שיקט ער פון אויבען מיך צו נעמען, „ימשני ממים רבים", ער ציט מיך אַרויס פון די פילע וואַסערען, „יצילני מאויבי עז", און ראַטעוועט מיך פון מיין שטאַרקען פיינט.

די וואָס באַקלאָגען זיך אויף דער השגחה און געפינען פעהלערען אין אירע וועגען, טוען עס צוליב זייער קורצען שכל. זיי זעהען בלויז דעם היינט, די געגענוואַרט, און פאַרשטייען ניט דעם מאָרגען און די צוקונפט. שיין איז גאָט'ס וועלט, גאַנץ און פעהלערלאָז זיינען זיינע שאַפונגען. אויב די געשעהענישען ווייזען אויס צו זיין שלעכט, איז אין דעם דער מענש אַליין שולדיג. צוליב זיין נאַרישקייט אָדער פערזענליכע אַמביציעס האָט ער די אומגליקען אויף זיך געבראַכט. די „מעשי ה'", די ווערק פון ג', זיינען „נאין ומשובחין", שיין און לויבענסווערט, און אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפען, איז „בשבילך בראתי", איז געמיינט פאַר דעם מענשען. ער מוז אָבער האָבען אין זינען „שלא תקלקל ותחריב את עולמי", ניט צו פאַרדאַרבען און חרוב מאַכען מיין וועלט.

דער מענש איז טאַקע באַשטימט געוואָרען פון דער השגחה צו באַהערשען די וועלט. „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם" — די הימלען זיינען פאַר ג' און די ערד האָט ער איבערגעגעבען צום מענשען. ער דאַרף אָבער וויסען, אַז זי איז ניט אינגאַנצען זיינע, אַז זי איז בלויז אים געליען געוואָרען פאַר אַ

קורצער צייט און ער האט קיין רעכט ניט צו פארכאפען פאר זיך און טאן מיט איר וואס ער וויל. אונזערע חז"ל לערנען אונז: „אסור לאדם שיטעום כלום קודם שיברך" — א מענש טאר קיין זאך ניט פארזוכען איידער ער מאכט א ברכה אויף דעם (ברכות ל"ה ע"א). און דער טעם דערפאר איז, דערקלערען אונז די בעלי מוסר, ווייל מיט דער ברכה אנערקענט ער, אז דאס, וואס ער גייט עסען, איז אייגענטליך ניט זיין גאנצען זיינס, דאס איז אים געגעבען געווארען פון ג', דערפאר, אז ער זעהט אן ארימאן אדער א נויטבאדערפטיגען, וועט ער אים אויך לאזען געניסען דערפון.

מיט דעם וואס א מענש זאל אנערקענען, אז די וועלט איז „עולמו של הקב"ה", די שאפונג און אייגענס פון גב"ה, וועט ער העלפען בויען און פאר־שענערען אירע מעגליכקייטען. ער וועט דאן פארשטיין, אז אויך אנדערע האבען א רעכט צו לעבען אזוי גוט ווי ער, און דאס וועט ברייגנגען שלום און אחדות. ווי שיין דערציילען אונז די חז"ל, פלעגען זיך אמאל אונזערע עלטערען אויפ־פירען: „כשהיו מניחים השולחן היו אומרים, לה' הארץ ומלאה" — ווען זיי פלעגען גרייטען צום טיש, פלעגען זיי אויסרופען: צו ג' באלאנגט די ערד און איר פראדוקציע; וואס מיר גייען איצט עסען, איז עס אונז געגעבען געווארען פון אים, און ווער עס דארף און נויטיגט זיך, זאל קומען און אנטייל נעמען. „כשהיו מסלקין השולחן, היו אומרים, השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם" — ווען זיי פלעגען אראפנעמען פון טיש, פלעגען זיי זאגען: די הימלען באלאנגען צו ג' און די ערד האט ער איבערגעגעבען צו די מענשען. יעדער איינער איז מחויב בייצושטייערען זיין חלק צו דער אנטוויקלונג פון דער וועלט, ווייל זי איז אויך זיינע (שבת קי"ט ע"א).

ב.

שירת האזינו, דער מקור פון אידישער נבואה

וכפר אדמתו עמו.

„גדולה שירה שיש בה עכשיו ויש בה לעבר ויש בה לעתיד ויש בה לעולם הבא" — גרויס איז די שירה פון האזינו, ווייל זי אנטהאלט די געגענווארט, זי אנטהאלט אויך די פארגאנגענהייט און זאגט פאראויס די צוקונפט; אין איר

געפינט זיך אויך דער געדאַנק פון עולם הבא, פון אַ נייער און בעסערער וועלט (ספרי).

קליין איז די שירה פון האזינו, בלויז געציילטע שורות, אָבער ווי גרויס און רייך איז זי אין איר אינהאַלט! איר פּאָעטישער שוואונג שפּאַלט די הימלען ביז זייער העכסטער הויך און איר פּראָפעצייאונג לעכערט דורך די ערד ביז איר טיפסטען תהום. יעדע פראַזע, יעדע שורה, זאָגאַר יעדער וואָרט טראָגט אויף זיך די קרוין פון אומשטערבליכקייט, פון ענדלאָזער אייביגקייט.

„ווען עמיצער אַנדערט, ניט נאָר משה רבנו, וואָלט די שירה געשריבען, וואָלטען מיר איף אים געמוזט זאָגען, אַז ער איז אַ געטליכער מענש, ווייל קיין וואָרט פון זיין גרויסער נבואה איז ניט פאַרפאַלען געגאַנגען. אַלץ וואָס ער האָט אונז פאָראויסגעזאָגט, איז פולשטענדיג מקוים געוואָרען" (רמב"ן).

די שירה פון האזינו, זאָגט הרב עמיאל ע"ה, איז דער תמצית, דער מקור פון אידישער נבואה, פון וואַנען די אַכט־און־פערציג נביאים און זיבען נביאות, וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט פון זיך נאָכדעם אַרויסגעגעבען, האָבען געשעפּט זייערע פּאָעטישע וויזיעס. אַלע זייערע נבואות זיינען בלויז געוועזן פירושים, קאָמענטאַרען איבער דעם גרויסען פאַרנעם און דער באַדייטונג פון משה'ס שירה. אין איין קליינער פרשה ווערט פאַר אונז פאַרגעפירט די גאַנצע אידישע געשיכטע פון איר אָנפאַנג ביז'ן גרויסען „אחרית הימים", די וואונדערבאַרע מיסטעריעזע צוקונפט, וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיגט אונזער פאָלק צו לעבען און וואַרטען, צו האָפען און שטרעבען.

מיר זעהען אין איר די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק אין זיין פריער יוגענט: „ימצאהו בארץ מדבר ובתהו ילל ישימון" — ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין אַ מדבר־לאַנד און אין וויסטען געוואָי פון דער ווילדערניש; ווי דער אויבערשטער אַליין האָט דאַן געוואַכט איבער אים און אים געטראָגען אויף זיינע פליגלען, ווי אַן אַדלער זיינע יונגע קינדער. מיר קומען אויך צו דעם טייל פון זיין געשיכטע, ווען „ירכיבהו על במתי ארץ ויאכל תנובת שדי" — ווי ג' האָט אים באַזעצט אויף די הויכען פון זיין אייגען לאַנד, וואו ער האָט געגעסען די פּרוכטען פון זיינע אייגענע פעלדער. אָבער „וישמן ישורון ויבעט" — ישורון ווערט פעט און בריקעט זיך, „ויטש אלק' עשהו וינבל צור ישועתו" — און פאַרלאָזט ג', וואָס האָט אים באַשאַפען, און שענדט דעם פעלז פון זיין הילף. דאָס פירט אים צוריק אין גלות אַריין, וואו זיינע ליידען און שמערצען זיינען

איבערנאַטירליך. פאַרצווייפלען אָבער זאָל ישראל ניט. ג׳ וועט זיך ענדליך אויף אים מרחם זיין, „וכפר אדמתו עמו״ — און ער וועט פאַרגיטיגען זיין לאַנד און זיין פאָלק.

אין דער הקדמה צו זיין גרויסען שיר ווענדט זיך משה צו די הימלען, אַז זיי זאָלען צולייגען זייערע אויערען צו זיינע ווערטער, און צו דער ערד, אַז זי זאָל הערען די רייד פון זיין מויל. ער וויל זיי פאַר עדות אויף זיין לעצטער צוואה צו די אידען „לפי שהם קיימין לעולם וישראל קיימין לעולם״ — ווייל זיי עקזיסטירען פאַר אימער און אויך ישראל עקזיסטירט פאַר אימער (מדרש תנחומא). אַן אייביג פאָלק מוז האָבען אייביגע עדות, וועלכע זאָלען אים תמיד דערמאָנען אין זיין גרויסער פאַרגאַנגענהייט, כדי ער זאָל פון אים קאָנען ציען מוט און אויסדויער צו וואַרטען פאַר זיין נאָך גרעסערער צוקונפט.

ער פאַנגט אָן זיין געטליכע שירה מיט דער עצה צו זיינע אידען: „זכר ימות עולם, בינו שנות דור ודור״ — געדענקט די טעג פון פאַרצייטען, באַטראַכט די יאָרען פון יעדען פאַרגאַנגענעם דור. אַלס אַן אייביג פאָלק זאָלט איר זיך קיינמאָל ניט רעכענען מיט דעם היינט, מיט דער געגענוואַרט. מעג דער היינט זיין ווי טרויעריג, מעג די געגענוואַרט זיין ווי גרויזאַם צו אייך, ווערט ניט פאַר־צווייפעלט. שטודירט אייער לאַנגען עבר און איר וועט זעהן, אַז „כבר היה לעולמים״, אַז אַלץ וואָס פאַסירט מיט אייך היינט, האָט שוין אייך ניט איין מאָל געטראָפען, און דאָך זענט איר לעבען געבליבען.

ווען דאָס קליין אידיש פאָלק ווערט געשטעלט אין דעם מיטעלפונקט פון אַלע שטרייטיגקייטען, וועלכע קומען פאָר אין די פאַרשיידענע לענדער; ווען אידען ווערען דער שעיר לעזאזל אין אַלע איבערקערענישען פון דער וועלט, ווערט ניט נתפעל און פאַלט ניט אַריין אין יאוש. „שאל אביך ויגדך, זקנים ויאמרו לך״ — פרעג דיין טאַטען — און ער וועט דיר זאָגען, אָדער דיינע זיידעס — און זיי וועלען דיר דערציילען, אַז דאָס איז ניט קיין נייע דערשיינונג אין דער וועלט־געשיכטע. תמיד איז אַזוי געווען, „בהנחל עליון גוים״, סיי ווען דער אויבערשטער האָט געלאָזט די פעלקער רוען, „בהפרידו בני אדם״, סי ווען זיי האָבען זיך געשפאָלטען אין פאַרשיידענע פאַרטייען, אָדער „יצב גבולות עמים״, ווען עס ברעכען אויס מלחמות איבער די פאַרשיידענע גרעניצען פון די פעלקער, איז שטענדיג אַרויפגעשוואומען די פראַגע: „למספר בני ישראל״ — וואָס טוט מען מיט דער קליינער צאָל אידען.

„כי חלק ה׳ עמו״ — דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל די אידען זיינען ג׳ס פאָלק, „יעקב חבל נחלתו״ — יעקב דער טייל פון זיין נחלה. אָט דערפאַר האָט מען אייך איבעראַל פיינט און מען האַלט אייך אין איין פאַרפאָלגען. זיי פילען זיך געפאַלען קעגען אייך, ווייל „אתם קיומו של העולם הזה ושל עולם הבא״ — איר זענט דער שטאָלץ פון דער־וועלט און פון יענער־וועלט (מדרש תנחומא). ווי קליין און אָרים איר זענט, פאַרנעמט איר דאָך, פראָפאָרציאָנעל, אַ פיל־גרעסערען פלאַץ אין דער עקאָנאָמישער און פאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט. קיין פאָלק האָט אַזוי פיל ניט בייגעשטייערט צו די סאָציאַלע דערגריי־כונגען פון דער וועלט, ווי דאָס אידישע פאָלק. און דער בעסטער באַוויז פאַר דעם איז טאַקע דער פאַקט, וואָס אַרום אים און וועגען אים טומעלט זיך איבעראַל מער ווי וועגען אַנדערע ראַסען און פעלקער פון דער וועלט.

אויך אין דעם „עולם הבא״, אין די העכערע וועלטען, און די גייסטיגע און קולטורעלע ספערען, פאַרנעמען די אידען דעם אויבענאַן אין דער געשיכטע. די גייסטרייכע לערער פון דער אידישער אמונה זיינען נאָך אַלץ די הויפט קוואַלען, פון וועלכע די רעליגיעס פון הונדערטער מיליאָנען מענשען ציען נאָך היינט זייער גייסטיגע יניקה. זייערע גרויסע נביאים פון אַמאָל דינען נאָך איצט אַלס די מאָראַל־פרעדיגער פון דער גאַנצער מענשהייט...

שולדיג אין זייער טרויעריגער לאַגע זיינען אָבער די אידען אַליין. וואָלטען זיי זיך טאַקע געהאַלטען פאַר ג׳ס פאָלק און זיך אויפגעפירט לויט די פאַר־שריפטען פון זיין תורה, וואָלטען זיי פון זייער לאַנד ניט פאַרטריבען געוואָרען און וואָלטען ניט געדאַרפט שמאַכטען אין פרעמדע לענדער. און אויב דער גלות ווערט פאַרלענגערט, איז עס אויך זייער שולד, ווייל „וישמן ישורון ויבעט״, ווי אַ איד ווערט רייך, הויבט ער אָן צו בריקען זיינע אַלטע טראַדיציעס און דינען פרעמדע געטער, „אשר לא ידעום״, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געקאַנט. „חדשים מקרוב באו״, אימער יאָגען זיי זיך נאָך נייעסען, זיי זוכען אַלץ צו מאָדערניזירען זייער גלויבען און פירען־איין אַזעלכע מנהגים „אשר לא שערום אבותיכם״, וואָס זייערע עלטערען האָבען פון זיי קיין שום אַהנונג ניט געהאַט.

„הם קנאוני בלא אל״ — זיי דערצערנען מיך מיט זייער אומגעטליכקייט, „כעסוני בהבליהם״ — זיי רופען אַרויס מיין כעס מיט זייערע נאַרישקייטען. דער „ספרי״ זאָגט אויף דעם פסוק אַ העכסט־טיפען געדאַנק: „יש לך אדם עובד לצלם, דבר הרואה אותו, אבל הם עובדים לבבואה, ולא לבבואה בלבד אלא להבל

זה שעולה מן הקדרה" — פאַראַן אַ מענש, וואָס דינט צו אַ בילד — אַ זאַך, וואָס ער זעהט. זיי אָבער דינען צו אַ שאָטען, און ניט נאָר צו אַ שאָטען, נאָר צו דער פאַרע, וואָס שלאָגט אַרויס פון טאָפּ. צוליב דעם טאָפּ פלייש, וואָס מען לאָזט זיי האָלטען פאַר אַ ווילע, צוליב זייערע מאַטעריעלע דערגרייכונגען, זוכען זיי אַלץ זיך צו דערוויטערען פון זייער אַלטען מקור. זיי וויסען אָבער ניט, אַז אַלע גליקען, וואָס אַ איד דערגרייכט אין גלות, זיינען ניט קיין זיכערע. הייגט האָט ער עס און מאָרגען נעמט מען עס פון אים אַוועק. דעם טאָפּ פלייש כאַפּען־צו די גויים; אַלץ וואָס ביי זיי פאַרבלייבט, איז „הבליהם", די פאַרע, וואָס שלאָגט אַרויס פון דעם קאָכיגען טאָפּ.

משה פאַרענדיגט זיין גרויסע שירה מיט דער נבואה, אַז „ידין ה' עמו ועל עבדיו יתנחם" — ג' וועט זיך ענדליך אָננעמען פאַר זיין פאָלק און אויף זיינע קנעכט וועט ער זיך דערבאַרעמען. „אשיב נקם לצרי ולמשנאי אשלם" — איך וועל אומקערען נקמה צו מיינע פיינט און מיינע שונאים וועל איך באַצאָלען, דערפאַר וואָס זיי האָבען אייך געהאַלטען אין איין רודפ'ן, וועט ביי זיי קיין שלום ניט זיין. צוליב אייך וועלען ביי זיי פאָרקומען בלוטיגע מלחמות. „אשכיר חצי מדם וחרבי תאכל בשר" — איך וועל שיכור מאכען מיינע פיילען פון זייער בלוט און מיין שווערד וועט עסען זייער פלייש. „הרנינו גוים עמו" — איר פעלקער האָט זיך צופיל אַרומגישפילט מיט זיין פאָלק... ווען ער איז געווען דער ערשטער באַפאַלען צו ווערען פון דעם שרעקליכען שונא, האָט איר אַלע געשוויגען. פאַר זיינע פליכטלינגע האָט איר פאַרמאַכט אייערע גרעניצען און מיליאָנען פון זיינע קינדער זיינען אַזוי־אַרום דערמאָרדעט געוואָרען. פון אַלע אייערע הבטחות, וואָס איר האָט צוגעזאָגט מיין פאָלק, האָט זיך גאָר נישט אויס־געלאָזט. ווען עס האָט זיך אייך געלוינט, האָט איר אים פאַרשפּראָכען צוריק־צוגעבען זיין לאַנד. איצט, אַז עס לוינט פאַר אייך בעסער צו חנפה'נען זיך צו די אַראַבער צוליב זייער אויל, קימערען אייך ניט די טייכען בלוט, וואָס די אידען האָבען פאַרגאָסען אויף אייערע שלאַכטפעלדער אייך צו העלפען אין אייער זיג, און איר לאָזט ניט עפענען די טויערען פון מיין לאַנד פאַר מיינע דערשלאָגענע קינדער.

זאָלט איר אָבער וויסען, אַז דאָס וועט אייך טייער קאָסטען, „כי דם עבדיו יקום ונקם ישיב לצריו" — וואָרים פאַר'ן בלוט פון זיינע קנעכט וועט

זיך ג׳ נוקם זיין, און נקמה וועט ער אומקערען צו זיינע פיינט, „וכפר אדמתו עמו״ — טראָץ אייער ווילען וועט ער פאַרגיטיגען זיין לאַנד און זיין פאָלק...

הפטרה

תשובה שפאַלט די הימלען

שובה ישראל עד ד׳ אלקיך.

„עשה תשובה עד שאתה בכחך, עד שהנר דולק תן בו שמן. כבה הנר, אין השמן מועיל כלום״ — טו תשובה אַזוי לאַנג ווי דו האָסט נאָך דיינע כוחות. כל זמן דאָס ליכט ברענט נאָך, גיס־צו בוימעל. האָט זיך שוין דאָס ליכט אויס־געלאָשען, וועט אים בוימעל מער קיין נוצען ניט ברייננגען (ילקוט שמעוני).

דורך דעם גאַנצען חודש אלול בלאָזט מען שופר אין די שוהלען, כדי מעורר צו זיין די אידען און זיי אופמערקזאַם מאַכען וועגען די קומענדיגע „ימים נוראים״, די מורא׳דיגע טעג. אַ וואָך פאַר ראש השנה פאַרזאַמלען זיך יעדען פאַרטאָג אידען אין די שוהלען צו זאָגען סליחות. ווער פון אונז געדענקט נאָך ווי די שמשים אין די אַלטע אידישע קהלות פון רוסלאַנד און פוילען פלעגען אַרומלויפען פון הויז צו הויז, קלאַפּען אין די לאַדענס און וועקען די אידען: „שטייט אויף! שטייט אויף! צו עבודת הבורא!״ ווי מיסטעריעז און קדושה׳דיג פלעגט קלינגען זייער רוף! די צען טעג פון ראש השנה ביז יום כפור הייסען ביי אונז „עשרת ימי תשובה״, צען טעג פון תשובה טאָן. דער שבת, וואָס פאַלט־אויס צווישען ראש השנה און יום כפור, הייסט „שבת שובה״. אַט אַזוי האָט די אידישע טראַדיציע געזוכט פאַנאַנדערצעגליען אין יעדער אידען דעם פונק פון אמונה, כדי צו רייניגען זיין גייסט און דערוואַרעמען זיין נשמה איידער די ימים־נוראים קומען.

אונזערע חכמים באַטראַכטען תשובה טאָן פאַר׳ן גרעסטען מאָראַלישען כוח. תשובה איידעלט דעם מענשען, דערהויבט זיין גייסט און צווינגט אים צו זיין סאָציאַל און געזעלשאַפטליך צו זיינע מיטמענשען. די גמרא ראָט יעדען מענשען צו באַטראַכטען די וועלט האַלב גוט און האַלב שלעכט און ער אַליין שטייט אין מיטעלפונקט. אויב ער גייט טאָן אַ פאַרברעכען, וועט ער די גאַנצע

וועלט איבערוועגען לכף חוב. צוליב אים קאָן נאָך די גאַנצע מענשליכע געזעל־שאַפט פאַרלירען איר גלייכגעוויכט און אַראָפּ פון דרך הישר. וועט ער אָבער טאָן אַ גוטע טאַט, וועט ער די וועלט אַריבערוועגען לכף זכות און די מענשהייט וועט אויפגעריכט ווערען. אויב ער האָט אָבער, ניט ווילענדיג, דאָך געזינדיגט, זאָל ער תשובה טאָן. „תשובה מקרבת את הגאולה" — תשובה דערנענטערט די באַפרייאונג (יומא פ"ו). מיט זיין תשובה טאָן וועט ער ניט נאָר זיך באַפרייען פון דער שווערער לאַסט פון זיין אַ פאַרברעכער, נאָר ער וועט אויך ברייגגען אַ גאולה פאַר זיינע מיטמענשען.

„גדולה תשובה שמביאה רפואה לעולם" — גרויס איז תשובה, ווייל זי ברייגגט אַ היילונג פאַר דער וועלט (יומא פ"ו). אָהן תשובה וואָלט דער מענש געוואָרען אַ ווילדע חיה. ווען דער געוויסען שטאַרבט אָפּ, שטאַרבען אויך אָפּ אַלע העכערע געפילען און די נשמה ווערט מער און מער פאַרגרעבט, ביז זי זינקט איין אַ תהום פון פינסטערניש און שמוץ. תשובה רייניגט דעם געוויסען, שטילט אויך איין די נערוועו פון מענשען און היילט די וואונדען פון זיין האַרץ.

נאָך אַ העכערער געדאַנק וועגען תשובה ווערט אויסגעדריקט אין דער גמרא: „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" — גרויס איז תשובה, ווייל זי גרייכט ביז דעם שטול פון דעם אויבערשטען (יומא פ"ו). ווען אַ מענש הויבט אָן נאָכצודענקען וועגען אַלע זיינע מעשים און ווערט באַוואוסטזיניג, שטייגט זיין נשמה און גרייכט די העכסטע הויך. דער גרויסער אידישער שריפטשטעלער י. ל. פרץ דערציילט אַ שיינע מעשה'לע פון אַ חסידישען רבי'ן, אויף וועמען זיינע חסידים פלעגען זאָגען, אַז אין די סליחות־טעג גייט ער ארויף אַלע נעכט אויפ'ן הימעל. אַמאָל איז אַ מתנגד געקומען אין דעם שטעטעל און האָט באַשלאָסען חוקר ודורש זיין, צי די מעשה איז אמת. ער האָט געוואַרט אַ גאַנצע נאַכט פאַר דעם רבי'נ'ס הויז און פאַרטאָג האָט ער באַמערקט ווי דער רבי איז אַרויס פון הויז מיט אַ האַק אין דער האַנט און האָט זיך געלאָזט גיין צום וואַלד. דער מתנגד איז נאָך אים נאָכגעגאַנגען און האָט געזעהן ווי דער רבי האָט אָנגעהאַקט האָלץ און עס אָוועקגעטראָגען צו אַן אָרימער הייזקע, וואו אַן אַלטע פרוי איז געלעגען קראַנק. דער רבי האָט אַליין אַריינגעלייגט דאָס האָלץ אין אויוועז און ביז דאָס פייער האָט זיך פאַנאַדערגעברענט און אָנגעוואַרעמט דאָס הויז האָט דער רבי דערווייל געזאָגט סליחות.

דער מתנגד איז שוין געוואָרען אַ שטאַרקער חסיד פון דעם רבי'ן, און ווען

ער פלעגט הערען די חסידים דערציילען, אַז דער רבי גייט אַרויף סליחות־צייט אויפ'ן הימעל, פלעגט ער צוגעבען: „אויב ניט נאָך העכער"...

ג.

משה'ס נבואה איבער אידישער אַסימילאַציע

בגוי נבל אכעיסם.

„מהו גוי נבל? רב אמר: זו אשה רעה וכתובתה מרובה" — וואָס ווערט געמיינט מיט דעם אויסדרוק אַ געמיינע אומה? זאָגט רב, אַז ער גלייכט איר צו אַ שלעכטע פרוי מיט אַ גרויסער כתובה (יבמות ס"ג ע"ב).

„ווען משה רבנו וואָלט מער ניט געשריבען ווי די שירה פון האזינו", זאָגט דער גרויסער ענגלישער דענקער קאַרלייל, „וואָלט ער אַלץ געקענט פאַררעכענט ווערען אַלס דער גרעסטער נביא און פּאָעט פון אַלע דורות. איר פּאָעזיע שוועבט איבער די העכסטע האָריזאָנטען און דעקט פאַר אונז אויף נייע גייסטיגע וועלטען, און איר פּראָפעטישער בליק דרינגט דורך די ווייטע צוקונפט און זעהט קלאָר די פּאַסירונגען פון אַלע צייטען".

„גדולה שירה, שיש בה עכשיו, ויש בה לעבר, ויש בה לעתיד, ויש בה לעולם הבא" — גרויס איז די שירה פון האזינו, ווייל זי אַנטהאַלט די געגענ־וואָרט, זי אַנטהאַלט אויך די פאַרגאַנגענהייט און זאָגט פאָראויס די צוקונפט. אין איר געפינט זיך אויך דער געדאַנק פון עולם הבא, פון אַ נייער און בעסערער וועלט (ספרי). קיין וואָרט פון איר גרויסער נבואה איז ניט פאַרפאַלען געגאַנגען. אַלץ וואָס זי זאָגט פאָראויס, איז פולשטענדיג מקוים געוואָרען.

איידער ער געזעגענט זיך מיט די אידען הערט משה די טרויעריגע בשורה פון ג', אַז נאָך זיין טויט „וקם העם הזה וזנה אחרי אלקי נכר הארץ" — וועט זיך דאָס פאָלק אויפשטעלען און נאָכפאָלגען די געטער פון פרעמדע לענדער. „וחרה אפי בו, ועזבתים והסתרתי פני מהם, והיה לאכל, ומצאוהו רעות רבות וצרות" — דאַן וועט גרימען מיין צאָרן אויף זיי און איך וועל זיי פאַרלאָזען און באַהאַלטען מיין געזיכט פון זיי, און זיי וועלען זיין אויסגעזעצט צו פאַר־צערונג, און עס וועט פּאַסירען מיט זיי פיל און שלעכטע אומגליקען. אַלס אַ

שוץ־מיטעל קעגען אַזאַ שרעקליכען פאַל שרייבט משה די שירה פון האזינו און ראַט די אידען: „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת" — און איצט שרייבט אייך אַרונטער די שירה: „שתהיה השירה כתובה ביד כל אחד" — יעדער איינער זאָל זיך מאַכען אַ קאָפּיע פון איר, „ולמדה את בני ישראל, שימה בפיהם" — און עס לערנען צו זייערע קינדער און מיט זיי עס גוט איינשטודירען (מלבי"ם).

„וענתה השירה הזאת לפניו לעד" — די שירה וועט זיך אָפּרופען אַלס עדות פאַר אים, אַז נאָך אַלע אומגליקען, וואָס וועלען מיט דעם פאָלק פּאַסירען, „כי לא תשכח מפי זרעו" — וועט דאָך די תורה אינגאַנצען ניט פאַרגעסען ווערען פון דעם מויל פון זיינע קינדער. דער מלבי"ם ז"ל דערקלערט די דאָזיגע פסוקים מיט אַ וואונדערבאַרען משל: „אַ קעניג האָט באַפרייט זיינעם אַ קנעכט פון תפיסה און אים באַשטימט אַלס אויפזעהער איבער דער קעניגליכע קאַסע. וויסענדיג אָבער, אַז מען קען אים ניט צופיל געטרויען, לאָזט ער איינשרייבען אין די אַרכיוועז פון דער מלוכה, אַז מען זאָל דעם מענשען גוט היטען, און אויב ער וועט באַ׳גנב׳ענען די קאַסע, זאָל מען אים טאָפּעלט באַשטראָפען. מיט דער־דאָזיגער שריפט האָט דער קעניג געראַטעוועט זיין לעבען. שפּעטער, ווען ער האָט טאַקע די קאַסע באַרויבט און מען האָט אים דערפאַר געוואָלט אומברייננגען, האָבען די שופטים דערקלערט, אַז אַזאַ האַרבע שטראָף קען מען אים ניט געבען, ווייל דעם קעניג׳ס שריפט ווייזט, אַז ער האָט גוט געוואוסט וואָס פאַר אַ מענש ער איז, און דאָך האָט ער אים געגעבען דעם פאַרטרויטען אַמט.

„דאָס זעלביגע", פירט דער מלבי"ם אויס, „איז אויך מיט די אידען. דער אויבערשטער האָט די אידען אַרויסגענומען פון זייער שקלאַפעריי אין מצרים, וואו זיי האָבען געדינט פאַרשיידענע עבודה׳זרה׳ס. ער האָט גוט גאוואוסט, אַז מען קען זיי ניט צופיל טרויען, אַז מיט דער צייט וועלען זיי זיך זוכען צו אַסימילירען צווישען פרעמדע פעלקער און דינען זייערע געטער, ער האָט זיי אָבער איבערגעגעבען זיין תורה. דערפאַר האָט משה געפונען פאַר נויטיג צו פאַרצייכענען דעם פאַקט אין זיין גרויסער שירה, כדי זי זאָל קענען דינען פאַר אַ צייגניש „כי ידעתי את יצרו" — אַז אים איז געווען גוט באַקאַנט די אידישע נאַטור, און דאָך האָט ער איינגעשטימט זיי צו מאַכען פאַר זיין פאָלק, און טאַקע צוליב דעם וועט ער זיי קיינמאָל ניט אינגאַנצען אומברייננגען".

שטודירט מיין שירה, ראַט זיי משה, ווייל „יערף כמטר לקחי" — מיין לערע טריפט ווי דער רעגען. „מה מטר חיים לעולם אף דברי תורה חיים לעולם"

— פונקט ווי דער רעגען ברענגט לעבען אויף דער וועלט, אַזוי ברענגען אויך די רייד פון דער תורה לעבען אויף דער וועלט (ספרי). עם־הארצות טראָגט מיט זיך כאָאָס און צעשטערונג. אומוויסענקייט דערלאָזט ניט צו אַנטוויקלונג און האַלט־אָפּ פּראָצעס פון מענשליכען פּראָגרעס. „על כל עשב ועשב עומד עליו מלאך ומכהו ואומר לו גדל" — איבער יעדען גרעזעלע שטייט אַ מלאך, וואָס שטויסט און נאָגט עס צו וואַקסען. ענערגיע שאַפט אונטערנעמונגסגייסט — אָהן דעם בלייבט די וועלט סטאַגנאַנט און אָפּגעשטאַנען. פונקט ווי דער רעגען גיט דער ערד די נויטיגע ענערגיע צו פּראָדוצירען אירע פּרוכט, אַזוי איז אויך מיט דער תורה — זי גיט דעם מענשען די איניציאַטיווע צו האַלטען אין איין וואַקסען און שטייגען אַלץ העכער און העכער.

„תזל כטל אמרתי" — מיין רעדע רינט ווי דער טוי. „מה טל כל העולם שמחים בו אף דברי תורה כל העולם שמחים בו" — פונקט ווי דער טוי ברענגט פרייד אויף דער גאַנצער וועלט, אַזוי אויך די ווערטער פון דער תורה (ספרי). די תורה איז ניט געמיינט געוואָרען פאַר אַ באַזונדערען קלאַס אָדער קאַסטע. זי איז ווי דער טוי, וואָס פאַלט איבער אַלץ און אַלעמען; זי מאַכט ניט קיין אונטערשייד פון איינעם ציז דעם צווייטען. „מה מטר משחקת אבנים, אף התורה משחקת לב האבן" — פונקט ווי דער רעגען רייבט אָפּ שטיינער, אַזוי אויך די תורה צערייבט אַ פאַרשטיינערט האַרץ (תנחומא). די תורה ווירקט אויך אויס־צובעסערען דעם מענשליכען כאַראַקטער. אירע געזעצען איידלען זיינע געפילען און מאַכען ווייכער זיין האַרץ, אַז ער זאָל וועלען פאַרשטיין און באַגרייפען די לאַגע פון זיין ברודער, וואָס געפינט זיך אין ערגערע אומשטענדען ווי ער.

דער שפּאָלער זיידע, ז"ל, גיט אַ מערקווירדיג שיינע דערקלערונג איבער דער גמרא: „קודם שלא אכל אדם ושתה יש לו שני לבבות, לאחר שאוכל ושותה אין לו אלא לב אחד" — איידער אַ מענש האָט געגעסען און געטרונקען, האָט ער צוויי הערצער, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט שוין געגעסען און געטרונקען, האָט ער בלויז איין האַרץ (ב"ב י"ב). ער זאָגט: „דער אָרימאַן וואָס הונגערט אַליין, האָט צוויי הערצער, ווייל ער פילט דאָס האַרץ פון אַנדערען, וואָס געפינט זיך אין דער זעלבער שלעכטער לאַגע ווי ער; דער רייכער מאַן אָבער, דער זאַטער, האָט בלויז איין האַרץ, זיין אייגענעם — יענעמ'ס האַרץ פילט ער ניט; ער וויל זיך שוין מער ניט אַריינטראַכטען אין דער לאַגע פון אַ צווייטען, און ער איז ווי אַ חיה, וואָס לעבט נאָר פאַר זיך אַליין".

„כי שם ה׳ אקרא, הבו גודל לאלקינו״ — איך רוף דאָ אויס דעם נאָמען פון ג׳, גיט גרויסקייט צו אונזער ג׳.

פון דעם, זאָגען אונז די חז״ל, איז געדרונגען אויף „ברכות התורה לאחריה״ — אַז מען רופט איינעם אויף צו דער תורה, זאָל ער מאַכען אַ ברכה נאָכ׳ן לייענען, אַזוי גוט ווי פאַר׳ן לייענען (ירושלמי ברכות פ״ז). דער קאַמעניצער מגיד, אַדרעסירענדיג אַ „בר־מצוה״ אין ווייטשעפעל, ענגלאַנד, האָט אַמאָל געזאָגט: „פיל פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס שטעלען זיך צופרידען מיט דער „ברכה לפניה״ — מיט דעם, וואָס זיי לערנען אויס זייערע קינדער דעם מפטיר צו זייער בר־מצוה. נאָך דער בר־מצוה קימערען זיי זיך שוין ניט מער וועגען זייער קינד׳ס אידישער דערציאונג און דערלויבען אים אויסצוּוואַקסען אַן עם־הארץ אין אידישע ענינים. דאָס איז די אורזאַך, וואָרום אין אַזעלכע לענדער ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע האָט דער אידישער גייסט ווייניג־וואָס געשאַפען אין לעצטען יאָרהונדערט״.

אויב מען וויל, אַז אונזערע יונגע דורות זאָלען זיך האַלטען אין אידיש־קייט, מוזען מיר זעהן, אַז אונזערע קינדער זאָלען אויך מאַכען די „ברכה לאחריה״ און פאַרטזעצען זייערע אידישע למודים ביז זיי וועלען פאַרשטיין אָפּשאַצען די גרויסקייט פון אונזער תורה. צוליב זייער אומוויסענקייט אין עניני אמונה ודת ווערט ביי אונזערע יונגע דורות אָפּגעשוואַכט דער אידישער נאַציאָ־נאַלער געפיל און זיי פאַלען אַריין אין גרויס יאוש אין צייטען פון אידישער נויט. גיט אונזערע קינדער אַ גרינטליכע אידישע דערציאונג, מאַכט זיי באַקאַנט מיט די גרויסע אוצרות פון אונזער פאָלק, וועט עס שטאַרקען זייער בטחון אין ג׳ און געבען האָפנונג און מוט צו לעבען און קעמפען פאַר אונזער ענדליכער באַפרייאונג.

איך ווייס אָבער, זאָגט משה, אַז „וישמן ישורון ויבעט״ — אַזוי גיך ווי ישראל ווערט פעט און רייך, הויבט ער אָן צו בריקען און פאַרוואַרפען זיינע אַלטע טראַדיציעס. „יקניאוהו בזרים״ — זיי דערצאָרנען ג׳ מיט פרעמדע אָפּגעטער, מיט זוכען נאָכצומאַכען די מנהגים פון די לענדער, וואו זיי געפינען זיך. „יזבחו לשדים לא אלקי״ — זיי זיינען מקריב זייערע כוחות צו שדים און פרעמדע גייסטער, וואָס ברייגנען זיי ניט קיין נוצען. און דער טרויעריגער רעזולטאַט איז: „וירא ה׳ וינאץ מכעס בניו ובנותיו״ — ג׳ זעהט און צאָרנט פאַר דעם כעס פון זייערע זין און טעכטער. „דור שאבות מנאצים להקב״ה, כועס

על בניהם ועל בנותיהם כשהם קטנים" — אַ דור, אין וועלכען די עלטערען פּאַראַכטען די גאָטהייט, לאָזט ער אויס זיין כעס אויף זייערע קליינע זין און טעכטער (כתובות ח׳ ב׳). זיי פאַרנאַכלעסיגען די אידישע דערציאונג פון זייערע קינדער, און ווען זיי ווערען עלטער, פאַרלאָזען זיי דאָס פאָלק און פאַרגעסען אין טאַטען און מאַמען.

„הם קנאוני בלא אל" — זיי דערצאָרנען מיך מיט דעם, וואָס זיי זאָגען, אַז איך בין ניט זייער ג׳, „ואני אקניאם בלא־עם — און איך וועל זיי דערצאָרנען מיט דעם, אַז וואו זיי וועלען זיך געפינען, וועלען זיי ניט אָנערקענט ווערען אַלס אַ טייל פון אַ פאָלק און וועלען איבעראַל זיין אַ מענדערהייט, וואָס ווערט פאַראַכטעט און אויסגעזעצט צו אַלערליי דיסקרימינאַציעס. „בגוי נבל אכעיסם" — איך וועל זיי אונטערוואַרפען צו דעם כעס פון אַ געמיינער אומה, וועלכע איז ווי אַן „אשה רעה" — אַ שלעכטע פרוי, וועלכע טוט אַן איר מאַן אַלערליי נגישות און ער קאָן פון איר ניט פטור ווערען, ווייל „כתובתה מרובה" — איר כתובה איז אַ גרויסע און ער איז ניט אימשטאַנד זי צו באַצאָלען. דער גלות שטעלט אויס גרויסע וועקסלען קעגען די אידען און פאַרכאַפּט אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגען. די ערשטע צו ליידען זיינען די רייכע אַסימילאַטאָרען, ווי מיר האָבען עס געזעהן אין די לעצטע וועלט־איבערקערענישען.

הפטרה

אידישע הילף קומט גראדענווייז

מגדיל ישועות מלכו.

„כתוב אחד אומר מגדיל, וכתוב אחד אומר מגדול, רבי יודן אומר: לפי שאין ישועתה של אומה זו באה בבת אחת אלא מגדלת והולכת" — אין איין פסוק ווערט געזאָגט „מגדיל", אַז ער האַלט אין פאַרגרעסערען זיין הילף; אין אַ צווייטען פסוק ווערט געזאָגט, אַז ער איז אַ טורעם פון שוץ. רבי יודן גיט אויף דעם פאָלגענדע דערקלערונג: דאָס ווייזט, אַז אידישע הילף קומט ניט מיטאַמאָל, נאָר ווערט ביסלעכווייז פאַרגרעסערט (מדרש שוחר טוב).

דער יונגער דוד ווערט אין געהיים געזאַלבט פון שמואל הנביא צו זיין

דער אידישער קעניג. שאול המלך ווייסט פון קיין זאַך ניט, אָבער ווען דוד באַזיגט דעם ריז „גלית" און צעטרייבט די אַרמיי פון די פלשתים און ווערט פון אַלעמען געלויבט אַלס דער גרעסטער אידישער העלד, דאַן ווערט שאול אייפערזיכטיג איבער אים און זוכט אים אָפּצוראַמען פון וועג. דוד אַנטלויפט און באַהאַלט זיך אויס אין די בערג פון יהודה. דאָרט שטייט צו אים צו אַ מחנה פון זעקס הונדערט קעמפער, אונטער דער פירערשאַפט פון יואב און אבישי, וועלכע העלפען אים אין זיין קאַמף. שאול האַלט אים אין איין פאַרפאָלגען און שיקט זיינע אַרמייען אים צו כאַפּען, אָבער ג' איז מיט אים און ער ווערט שטענדיג געראַטעוועט פון זיינע הענט. נאָך איינעם פון זיינע געלונגענע רעטונגען האָט דער יונגער דוד פאַרפאַסט די שירה, וואָס מיר לייענען אין דער היינטיגער הפטרה, וואָס פאַסט זיך זעהר צו דער סדרה.

דער לייטענדער מאָטיוו פון דער שירת האזינו איז, אַז דער גורל פון אַלע און אַלעמען ליגט אין די הענט פון דעם אויבערשטען, וועלכער איז „אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא" — אַ ג' פון צוטרוי און פאַרטראָגט ניט קיין אומרעכט, ערליך און רעכטפערטיג איז ער. דעמזעלבען מאָטיוו געפינען מיר אין דער שירה פון דוד: „האל תמים דרכו, אמרת ה' צרופה, מגן הוא לכל החוסים בו" — גאַנץ זיינען די וועגען פון ג', זיין וואָרט איז געלייטערט, און ער איז אַ שילד פאַר די, וואָס שיצען זיך אין אים. אַלע געשעהענישען פון דער וועלט, זאָגט משה אין זיין גרויסער שירה, ווערען פאָראויס באַשטימט פון דער השגחה, און אַז אידען קערען זיך צו ג', הערט ער זייער רוף און באַשיצט זיי פון אַלע אומגליקען. דעם זעלבען געדאַנק געפינען מיר אויך אין די ווערטער פון דוד: „בצר לי, אקרא ה' וישמע מהיכלו קולי, ישלח ממרום יקחני, ימשני ממים רבים, יצילנו מאויבי עז" — ווען מיר ווערט ענג, רוף איך צו ג' און ער הערט פון זיין טעמפעל מיין שטים; ער שיקט פון אויבען מיך צו נעמען. ער ציט מיך אַרויס פון די טיפע וואַסערען און ראַטעוועט מיך פון מיין שטאַרקען פיינט.

די דאָזיגע שירה פון דוד ווערט געבראַכט צוויי מאָל אין תנ"ך, איינמאָל אין שמואל ב' כ"ב, און אַ צווייטען מאָל אין תהלים י"ט. דער לעצטער פסוק אָבער ווערט אַביסעל געענדערט. אין שמואל ב' זאָגט ער „מגדול ישועות מלכו" — אַז דער אויבערשטער איז אַ טורעם פון הילף פאַר זיין קעניג, וואָס ער האָט באַשטימט, און אין תהלים ווערט געזאָגט: „מגדיל ישועות מלכו" — אַז ער

פאַרגרעסערט די הילף פון זיין קעניג. רעאַגירען אויף דעם אונזערע חכמים און זאָגען, אַז דאָס ווייזט, אַז די אידישע ישועה קומט ניט מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכ־ווייז. און דאָס קען אויסגעטייטשט ווערען, אַז די כונה פון דוד איז געווען אָנצודייטען, אַז מען טאָר זיך ניט איינגאַנצען פאַרלאָזען אויף נסים און וואַרטען, אַז די ישועה פון ג׳ זאָל קומען מיטאַמאָל. מען מוז אַליין מיטהעלפען, און דאַן וועט גראַדענווייז קומען די אמת׳ע ישועה. דאָס קען אויך זיין איז דער געדאַנק פון דעם מנהג, ווען מיר בענשען נאָכ׳ן עסען. אין מיטען וואָך זאָגען מיר „מגדיל״, אָנצודייטען, אַז אין די וואָכענטעג זאָלען מיר אַרבייטען צו פאַר־גרעסערען די ישועה פון ג׳, און שבת, ווען מיר רוען, זאָגען מיר „מגדול״, אַז גאָט׳ס הילף איז דער טורעם פון שוץ פאַר אונז.

ה.

הימעל און ערד זאָגען עדות אויב אידען זיינען מקיים די תורה

האזינו השמים — ותשמע הארץ.

„לפי שהם קיימים לעולם וישראל קיימים לעולם, לכך הזמינם לעדות שיקיימו ישראל התורה והמצוות, ואם חו״ש יבטלם, יד העדים תהיה בם בראשונה״ — וויל זיי עקזיסטירען אייביג און אויך די אידען לעבען אייביג, דערפאַר האָט משה איינגעלאַדען הימעל און ערד צו זיין עדות, אַז די אידען וועלען מקיים זיין די תורה און מצוות. אויב אָבער, חו״ש, זיי וועלען זיי מבטל זיין, וועט די האַנט פון די עדים זיין די ערשטע זיי צו דריקען (מדרש תנחומא).

ווען אונזער פאָטער יצחק האָט אויף דער עלטער איבערגעגעבען זיין זוהן יעקב, די גייסטיגע ירושה וואָס ער האָט געקראָגען פון זיין זיידען אברהם, האָט ער אים געבענשט: „ויתן לך אלקים מטל השמים ומשמני הארץ״ — ג׳ זאָל דיר געבען טוי פון די הימלען און פעטקייט פון דער ערד. די דאָזיגע ברכה איז באַשטעטיגט געוואָרען פון דעם אויבערשטען און איז פאַרבליבען מיט די אידען דור־דורות. ביי קבלת התורה אויפ׳ן באַרג סיני, איז געשלאָסען געוואָרען אַ שותפות צווישען דעם הימעל און דער ערד, אַז זיי זאָלען ביידע גלייך ביי־שטייערען צו דעם עקזיסטענץ פון דאָס אידיש פאָלק, און אַזוי ווי ג׳ האָט זיי

געבענשט מיט אייביג לעבען זאָלען זיי געמיינשאַפטליך העלפען, אַז אויך די אידען זאָלען תמיד לעבען בלייבען.

אַ פאָלק וואָס האָט אַ תכלית אין לעבען וועט קיינמאָל ניט שטאַרבען. מיט אָנגעמען די תורה האָבען די אידען זיך באַזאָרגט מיט אַ וואונדערבאָרען תכלית, אַ זעלטענע אויפגאַבע פאַר זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און דאָס האָט זיי געמאַכט אומשטערבליך. דאָס אידיש פאָלק איז דאָס איינציגע, וואָס האָט באוויזען דעם גרויסען וואונדער צו קאָנען עקזיסטירען טויזענטער יאָרען אָהן אַ נאַציאָנאַלען באָדען. אין זיין אייגען לאַנד האָט ער געלעבט „משמני הארץ", פון די פעטקייט פון זיין אייגען ערד. האָט אים דער שיקזאַל פאַרטריבען אין פרעמדע לענדער, וואו די ערד איז געוועזען ניט זיינע און אַלע עקאָנאָמישע קוואַלען זיינען פאַר אים אויסגעטריקענט געוואָרען, האָט ער געצויגען זיין חיונה פון די הימלען. „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים" — איך וועל פאַר אייך רעגענען ברויט פון הימעל, האָט ג' געזאָגט צו די אידען בשעת זיי האָבען געוואַנדערט אין דעם מדבר, און דער פאַרשפּרעכען איז אָנגעהאַלטען געוואָרען פאַר אַלע יאָרען פון זייער וואַנדערען דורך די פאַרשיידענע מדבריות פון דער וועלט. אין דעם ליגט דער כח פון דעם אידישען פאָלק. קאָן ער ניט געניסען „משמני הארץ", פון דער פעטקייט פון דער ערד, לעבט ער „מטל השמים", פון דער טוי פון זיינע הימלען.

לויט דער אידישער אויפפאַסונג איך דאַך די תורה דער תכלית און הויפּט־ציל אויך פון דער גאַנצער בריאה. „הקב"ה היה מביט בתורה ובורא את העולם" — דער אויבערשטער האָט אַריינגעקוקט אין דער תורה און לויט אירע אָנווייזונגען האָט ער באַשאַפען די וועלט (ב"ר פ"א). דער פּלאַן פאַר דער גאַנצער סטרוקטור און פאַרוואַלטונג פון דער וועלט געפינט זיך אין דער תורה. אירע געזעצען פון „צדק" און „יושר" זיינען די גרונדשטיינער אויף וועלכע די יסודות פון דעם „עולם הזה" און „עולם הבא", די וועלט און יענע וועלט זיינען געלייגט געוואָרען. אַלע עלעמענטען, וואָס שטעלען צוזאַמען דעם גאַנצען רוים פון דער באַשאַפונג, מוזען געהאַלטען ווערען אין צוים און אַרבייטען האַרמאָניש, כדי צו פאַרמיידען ווילדע אויסברוכען, וועלכע קאָנען נאָך די וועלט חרוב מאַכען. דאָס איז נאָר מעגליך אויב זיי וועלען זיך אויפפירען לויט די גערעכטע פאַרשריפטען פון דער תורה. אין זיין גרויסער פּאָעטישער צוואה, נאָכדעם אַז ער האָט די תורה פאַרענדיגט, רופט משה צום הימעל און ערד,

זיי זאָלען זיך גוט צוהערען צו זיינע רייד. איהר, זאָגט ער זיי, זייט פון דעם בורא עולם באַשטימט געוואָרען צו עקזיסטירען פאַר אייביג. דאָס איז אָבער אָפּהענגיג פון דער אויספירבאַרקייט פון זיין תורה. וועט זי עקזיסטירען, וועלען זיי אויך אַ קיום האָבען. טאָמער חו״ש ניט, וועלען זיי זיך אומקערען צו „תהו ובהו״, און חרוב ווערען (שם).

„האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי״ — איהר הימלען לייגט צו אייערע אויערען צו מיינע ווערטער, און זאָל די ערד הערען די רייד פון מיין מויל. ישעיה הנביא הויבט אויך אָן זיין גרויסע נבואה מיט אַ רוף צו די הימלען און די ערד. ער ענדערט אָבער דעם לשון און זאָגט: „שמעו שמים והאזינו ארץ״ — הערט, איהר הימעל, און לייג צו דיינע אויערען, דו ערד. דערקלערען אונז די חז״ל, אַז דער טעם דערפון איז: „לפי שהיה משה קרוב לשמים ורחוק מארץ, לפיכך אמר האזינו השמים ותשמע הארץ״ — ווייל משה איז געוועזען נאָענט צום הימעל און ווייט פון דער ערד, דערפאַר האָט ער גערעדט צו די הימלען מיט דעם לשון „האזינו״, און צו דער ערד מיט דעם לשון „ותשמע״. „האזנה״ מיינט איינצוראָמען אַ סוד, רעדען צו איינעם שטילערהייט. „שמע״ אָבער מיינט רעדען אויפ׳ן קול, וואָס זאָל אויך געהערט ווערען פון דערווייטענס (ספרי).

מיט דער קורצער דערקלערונג גיבען אונז די חז״ל אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג איבער דער גרויסקייט פון משה רבנו, אין פאַרגלייך צו די קומעדע נביאים אָדער געזעצגעבער פון דער וועלט. משה איז תמיד געשטאַנען נאָענט צו די הימלען. דער הויפּט תכלית פון זיינע לערען זיינען געווען, צו דערנעענטערען די ערד צום הימעל, צו געבען דער מענשהייט אַ העכערען ציל אין לעבען, ווי דער פון בלויז זוכען צו באַקומען זייערע מאַטעריעלע און קערפּערליכע באַדאַר־פעניסען. „ונשמרתם לנפשותיכם״, איהר זאָלט זיין אָפּגעהיט מיט אייערע זעלען; זעהט צו האַלטען אייערע נשמות ריין און זויבער, אום אַז די הימלען זאָלען זיך מיט אייך ניט דאַרפען שעמען. אין דעם באַשטייט דער תמצית פון זיין תורה, וואָס ער האָט געלערענט דאָס אידישע פאָלק, און אים אָנפאַרטרויט מיט דער מיסיע צו זיין אַ „נס לגוים״, אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

„אייביגקייט״ איז דער גרונט־געדאַנק פון משה׳ס לערען. גב״ה איז אייביג, זיין תורה בלייבט אייביג, און עס איז זיין ווילען, אַז אויך זיין פאָלק זאָל לעבען אייביג. די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען פאַר אַ באַשטימטער צייט און

אונטער געוויסע אומשטענדען. „לא תהא מוחלפת״, זי קאָן ניט געביטען ווערען אָדער אפילו אָמענדירט ווערען, ווייל זי נעמט אַרום אַלע דורות און אַלע צייטען. זי איז אַ געזעץ־בוך פאַר דער אייביגקייט, אין וועלכען מענשען זאָלען אַריינקוקען און לערנען ווי צו מאָדולירען זייער לעבען און זייערע מנהגים לויט זיינע פאַרשריפטען, כדי צו פאַראייביגען זייער עקזיסטענץ. משה ווענדט זיך דאַרום צו הימעל און ערד, זיי זאָלען איהם העלפען דורכפירען זיין גרויסען געדאַנק. ער שטעלט זיי אָן צו זאָגען עדות אויב אידען וועלען מקיים זיין די תורה, מיט דעם וואָס זיי וועלען זיי העלפען אויב זיי וועלען עס טאָן, אָדער חו״ש באַשטראָפען אויב זיי וועלען עס ניט טאָן. „אין הקב״ה גואל את ישראל אלא על ידיהן״ — ג׳ וועט ניט אויסלייזען די אידען, סיידען אַז ביידע, דער הימעל און ערד, וועלען עדות זאָגען, אַז זיי פאַרדינען עס (מ״ר).

איידער משה רבנו הויבט אָן זיין גרויסען שיר פון דער היינטיגער סדרה, בעט ער זיך ביי די אידען „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת״ — און איצט שרייבט אייך אַראָפּ די פּאָעמע, וועלכע ענטהאַלט דעם אויבערשטענ׳ס פאַרלאַנג. נעמט איהר מיט אויף אַלע אייערע וואַנדערונגען. לערנט איהר צו אייערע קינדער און קינדס־קינדער, ווייל זי וועט אייך באַשיצען פון אונטער־גאַנג. אין „פרקי דרבי אליעזר״ ווערט דערציילט, אַז ווען ג׳ האָט, ביי דעם „דור הפלגה״, צוזאַמענגעקליבען אַלע זיינע מלאכים און זיי איינגעלאַדען צו זיין מיט אים און איינטיילען די מענשען אין פאַרשיידענע פעלקער און שפּראַכען, האָט ער צו זיי געזאָגט: „הטילו גורלות ונפל ישראל לחלקו של הקב״ה״ — האָבען זיי געוואָרפען גורל און דאָס אידיש פאָלק איז געפאַלען אויף דעם חלק פון גב״ה אַליין. זינט דאַן האָט ער אונז גענומען אין זיין באַזיץ און מיר הייסען דער „עם ד׳״, גאָט׳ס פאָלק. מיר וועלען קיינמאָל ניט אונטערגיין, ווייל מיר שטעהן אונטער זיין שוץ. „הבו גודל לאלקינו״ — גיט גרויסקייט צו אונזער ג׳.

הפטרה

דער כח פון תשובה

שובה ישראל עד ה׳ אלקיך.

„א״ר יוחנן, נתעטף הקב״ה כשליח צבור והראה לו למשה סדר תפלה, אמר לו, כל זמן שישראל חוטאין יעשו לפני כסדר הזה ואני מוחל להם — גדולה תשובה שמקרעת גזר דינו של אדם״ — רבי יוחנן זאָגט: דער אויבער־שטער האָט זיך איינגעוויקעלט אין אַ טלית, ווי אַ חזן, און האָט געוויזען משה׳ן דעם סדר פון תפלות, זאָגענדיג, יעדעס מאָל וואָס אידען וועלען זינדיגען זאָלען זיי פאַר מיר טאָן אַזוי און איך וועל זיי מוחל זיין. תשובה איז גרויס, ווייל זי צערייסט דעם גזר־דין פון אַ מענשען (ר״ה י״ג ע״ב).

„תשובה — פלעגט זאָגען ר׳ אהרעלע קאַרלינער — מיינט צוריק־קערונג, מען דאַרף וועקען די נשמה, וואָס ווערט איינגעשלאָפען, זי זאָל זיך אומקערען צו געטליכער „התעוררות״, צו גייסטיגער וואַכזאַמקייט״. „אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות״, קיין מענש באַגייט ניט אַ פאַר־ברעכען, סיידען אַז ער ווערט באַהערשט פון אַ נאַרישען באַגער (סוטה ג׳ ע״א). כל זמן ער איז ביי זיין פולען באַוואוסטזיין, פירט זיך יעדער מענש אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין. בלויז אַז ער ווערט פאַרכאַפּט פון אַ ווילדער און נאַרישער תאווה, וואָס טויט־אָפּ זיין געוויסען, פאַרלירט ער זיין גלייכגעוויכט און איז עלול צו באַגיין כל׳ערליי פאַרברעכענס קעגען זיין ג׳ און קעגען זיין פאָלק.

די אידישע טראַדיציע האָט דאַרום באַשטימט די צען טעג פון ראש השנה ביז יום כפור פאַר „עשרת ימי תשובה״, צען טעג פון תשובה טאָן. אויב, צוליב געוויסע אומשטענדען איז דער אידישער געוויסען איינגעשלאָפען דורכ׳ן יאָר און האָט אים געפירט צו טאָן אַזעלכע זאַכען וואָס זיינען פאַרברעכענס קעגען ג׳ און קעגען דאָס פאָלק, זאָל ער אין די הייליגע טעג תשובה טאָן און ווערען צוריק באַוואוסטזיניג. „ד׳ אורי וישעי, אורי בר״ה וישעי ביום הכפורים״ — ג׳ איז מיין ליכט און מיין הילף, מיין ליכט ראש השנה און מיין הילף יום כפור (יומא פ״ו). מיט ראש השנה הויבט אָן דער פונק פון אמונה זיך פאַנאַנדער־צוגליען אין יעדען אידען, און האַלט אין איין שטייגען ביז יום כפור, ווען ער

צופלאָקערט זיך אין אַ גרויס ליכט, וואָס רייניגט זיין גייסט און דערוואַרעמט זיין נשמה.

אָהן תשובה וואָלט דער מענש געוואָרען אַ ווילדע חיה. ווען דער געוויסען שטאַרבט אָפּ, שטאַרבען אויך אָפּ אַלע העכערע געפילען, און די נשמה ווערט אַלץ מעהר און מעהר פאַרגרעבט ביז זי זינקט אין אַ תהום פון פינסטערניש און שמוץ. „גדולה תשובה שמביאה רפואה לעולם" — תשובה איז גרויס, ווייל זי ברייננגט אַ היילונג אויף דער וועלט (יומא פ"ו). תשובה רייניגט דעם געוויסען פון מענשען, שטילט איין זייער נערוועז, און היילט די וואונדען פון זיין הארץ; זי העלפט אים אויך, ער זאָל ניט פאַרצווייפלען און פאַרלירען זיין האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט.

„שובה ישראל — עד ה' אלקיך, גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" — קער זיך אום ישראל — ביז צו דיין ג'. תשובה איז גרויס, ווייל זי גרייכט אַזש ביז'ן כסא הכבוד (יומא פ"ו). דער דובנער מגיד ע"ה, דערקלערט עס מיט אַ משל: „אַז איינער איז באַגאַנגען אַ גרויסען פאַרברעכען, פאַר וועלכען עס קומט אַ שווערע שטראָף, זאָל ער זיך ניט פאַרלאָזען אויף אַדוואָקאַטען, ווי גוט זיי זאָלען ניט זיין. ער זאָל בעסער זוכען צוצוקומען צום שופט אַליין און ביי אים בעטען רחמים. עס ווערט ניט געזאָגט „שובה ישראל אל ה' אלקיך" — קער זיך צוריק ישראל צו דיין ג', נאָר „עד ה' אלקיך", ביז דיין ג'. „גדולה תשובה", זאָל דיין תשובה זיין אַזוי גרויס, אַז זי זאָל דורכשפּאַלטען אַלע הימלען און גרייכען אַזש ביז'ן כסא הכבוד, בעט ביי אים רחמים, ער זאָל דיר מוחל זיין און ראַטעווען דיין לעבען".

דער „ירושלמי" גיט אונז אַ מערקווירדיגע אָפּשאַצונג ווי חכמה, נבואה, תורה און אמונה באַהאַנדלען דעם פאַרברעכער: „שאלו לחכמה חוטא מהו עונשו?" — מען האָט געפרעגט דער „חכמה", וואָס איז די שטראָף פון אַ זינדיגען? „אמרה להם: חוטאים תרדוף רעה" — האָט די חכמה געענטפערט, אַז דאָס שלעכטס וואָס איינער האָט געטאָן וועט אים אימער פאַרפאָלגען. מען האָט די זעלבע פראַגע געשטעלט דער „נבואה", און זי האָט געענטפערט, „הנפש החוטאת היא תמות" — די זינדיגע נשמה מוז שטאַרבען. מען האָט געפרעגט דער „תורה" און זי האָט געענטפערט, „יביא אשם ויתכפר לו" — זאָל ער ברייננגען אַ קרבן

און ער וועט קריגען זיין כפרה. „שאלו להקב״ה חוטא מה יעשה?״ מען האָט געפרעגט ג׳ אליין, וואָס זאָל אַ זינדיגער מענש טאָן אום געלייטערט צו ווערען? האָט ער געענטפערט, „יעשה תשובה ויתכפר לו״ — זאָל ער תשובה טאָן און זיינע זינד וועלען אים פאַרגעבען ווערען (ירושלמי מכות פ״ב).

די שטרענגע „חכמה״, די קאַלטע וויסענשאַפט, פאַראורטיילט אים אויף אימער. די „נבואה״ וואָס רעכענט זיך מעהר מיט דעם מאָרגען איידער מיט דעם היינט, זאָגט אים אָפּ דעם לעבען. די תורה, וועלכע איז מער פריינטליך, גיט אים אָן עצה זיך אויסצוקויפען מיט אַ קרבן. „אמונה״ אָבער, גייט נאָך ווייטער און פאָדערט אפילו ניט קיין קרבנות. זי ראָט אים צו טאָן תשובה צו רייניגען דעם געוויסען. אַ חרטה אויף לעבר און אַ קבלה אויף להבא, אַ באַשלוס, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זוכען נאָר גוטס צו טאָן, איז גענוג אויפ־צוהויבען דעם מענשען אויף אַ העכערער שטופע און אים ברייגנען „עד ה׳״ — נענטער צו ג׳.

דער וואָס טוט תשובה נאָך אַ זינד, שטייט אין אַ געוויסען זין העכער פאַר דעם וואָס האָט ניט געהאַט דעם נסיון צו זינדיגען. דער בעל „התניא״ גיט אַ פילאָזאָפישע דערקלערונג איבער דעם פסוק אין „מלאכי״: „ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע, בין עובד אלקים לאשר לא עבדו״ — און איר וועט ווידער איינזעהן דעם אונטערשייד צווישען דעם צדיק און דעם רשע, צווישען דעם וואָס דינט ג׳ און דעם וואָס דינט אים ניט. ער זאָגט: „אייגענטליך איז דאָך אַ רשע און דער וואָס דינט ניט ג׳ איינס און דערזעלבער. דער פסוק אָבער וויל דאָ באַטאָנען, אַז עס קאָן טרעפען, דאָס אַ איד וואָס האָט אויף זיין לעבען ניט עובר געווען אויף דער קלענסטער עבירה, און האָט מקיים געווען אַלע מצוות וואָס זיינען איהם געקומען צום האַנט, זאָל איבער אים דאָך ניט שיינען דער „אור ה׳ המאיר על נפש אלקית״ — דער ליכט פון ג׳ וואָס שיינט איבער אַ געטליכער נשמה. דער יעניגער וואָס דאַרף ניט קעמפען קעגען זיין יצר הרע און טוט אַלץ פון געוואוינהייט, כאָטש ער איז געוויס ניט אין כלל פון „רשע״, קאָן ער אָבער זיין אין דעם כלל פון „לא עבדו״, פון ניט דינען ג׳ ווי עס באַדאַרף צו זיין. בלויז די וואָס האָבען דורכצומאַכען שווערע נסיונות פאַרשטעהן ווי צו דינען ג׳״.

אויב אַז אידען טוען תשובה און ווערען באַוואוסטזיניג אויף זייערע פליכטען צו זייער פאָלק און גלויבען, דאַן איז „נתעטף הקב״ה כשליח צבור״, ווערט גב״ה אַליין דער שליח צבור פון דער אידישער געמיינדע, איהר גזר־דין ווערט צעריסען און זי שטייגט — „עד ה׳ אלקיך״ — ביז דער העכסטער הויך פון דער גאָטהייט.

וזאת הברכה

א.

די תורה בלייבט אויף משה'ס נאָמען

תורה צוה לנו משה.

„שלשה דברים נתן משה נפשו עליהם ונקראו על שמו: ישראל, תורה והדינים" — פאַר דריי זאַכען האָט משה אַוועקגעגעבען זיין לעבען און זיי אַלע ווערלען זיך רופען אויף זיין נאָמען: די אידען, די תורה און די געזעצען (שמו"ר ל').

די לעצטע סדרה פון אונזער תורה, „וזאת הברכה", וואָס פאַרענדיגט זיך מיט דעם טויט פון אונזער גרויסען פירער און געזעצגעבער, האָט ניט קיין באַזונדערען שבת. זי ווערט געלייענט אין די שולען דעם לעצטען טאָג פון סוכות, און גלייך נאָכדעם הויבט מען אָן לייענען די תורה צוריק פון בראשית. מיר טוען עס, כדי צו ווייזען דער וועלט, אַז אונזער פאַרבינדונג מיט משה'ן און זיין תורה ענדיגט זיך קיינמאָל ניט. „התורה מסיימת עם מיתת משה, ופותחת בה תיכף מחדש, כל זמן שלא פסקה התורה מישראל לא ידע איש את קבורתו" — די תורה פאַרענדיגט זיך מיט דעם טויט פון משה רבנו, מיר הויבען אָבער גלייך אָן זי צו לייענען פון דאָס ניי, ווייל כל זמן עס הערט ניט אויף די תורה ביי אידען, ווייסט קיימער ניט וואו דער קבר פון משה'ן געפינט זיך (בית מדרש ח"ו). פאַר אונז איז די תורה אַן אייביגע און אויך משה לעבט אייביג.

דער לעצטער טאָג סוכות, ווען מען פאַרענדיגט די תורה, איז באַקאַנט אין דער אידישער טראַדיציע אַלס „שמחת תורה", אַ טאָג פון פרייד און דאַנק-באַרקייט פאַר דער גרויסער גייסטיגער מתנה, וואָס גב"ה האָט אונז געגעבען. עס איז אויך אַ מנהג אין אַלע אָרטאָדאָקסישע שולען צו טראַקטירען מיט לעקעך און בראָנפען יעדען, וואָס האָט געהאַט אַן עליה. „שמחת תורה" מיינט אייגענטליך די פרייד פון דער תורה, זי פרייט זיך מיט אונז אַזוי גוט ווי מיר פרייען זיך מיט

איר. צו פייערן אָט די געמיינזאַמע שמחה, זאָגט רבי אלעזר, „עושין סעודה לגמרה של תורה״ — זאָל מען מאַכען אַ סעודה ביים ענדיגען די תורה (מדרש שיר השירים). מיר זינגען: „שישו ושמחו בשמחת תורה״ — פרייט זיך און נעמט אַנטייל אין דער שמחה פון דער תורה, ווייל זי איז צופרידען מיט דעם, וואָס זי איז אַ טייל פון אונזער לעבען, און מיר זיינען גליקליך, ווייל צוליב איר ווערט אונזער לעבען פאַרזיכערט.

דאָס אידיש פאָלק איז דאָס איינציגע צווישען אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָס פייערט אַ „זמן מתן תורתנו״ באַזונדער און אַ „שמחת תורה״ באַזונדער. „שבועות״, ווען די תורה איז צוערשט געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני, איז ביי אונז דער יום־טוב פון „זמן מתן תורתנו״ — צו פייערן די צייט, וואָס די תורה איז געגעבען געוואָרען, און דער לעצטער טאָג פון סוכות, ווען מען פאַרענדיגט לייענען די תורה, איז געווידעמט געוואָרען פאַר אַ טאָג פון שמחה, ווען אַלע אידען פרייען זיך מיט איר. „שבועות״ איז אַ יום־טוב פון דער פאַרגאַנגענהייט, עס איז אַ היסטאָרישער יום־טוב, וואָס מיר פייערען אין אָנדענק פון דער גרעסטער געשעהעניש אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק. „שמחת תורה״ אָבער באַלאַנגט צו דער געגענוואַרט און צו דער צוקונפט — עס דריקט אויס דעם געדאַנק און די צופרידענקייט פון פאָלק, וואָס פאַרשטייט אָפצושאַצען די גרויסקייט און די וויכטיגקייט פון יעדער היסטאָרישער געשעעניש.

מיט אָננעמען אַ תורה קאָן מען זיך נאָך ניט פרייען, ווייל ער ווייסט וואָס פאַר אַ רעזולטאַטען אירע געזעצען וועלען ברייגגען. די געשיכטע ווייסט צו דערציילען פון פיל פעלקער, וועלכע האָבען אָנגענומען העכסט ליבעראַלע „מאַגנאַ קאַרטאַס״ און קאָנסטיטוציעס, וואָס פאַרשפּרעכען פרייהייט און גלייכהייט צו אַלע בירגער. זיי זיינען אָבער געבליבען טויטע בוכשטאַבען, ווייל דאָס פאָלק און זיינע פירער זיינען ניט געווען דערוואַקסען צו די הויכע אידעאַלען, וואָס די קאָנסטיטוציע האָט געצילט צו דערגרייכען, און האָבען זי ניט דורכגעפירט אין לעבען. ביי די אידען אָבער איז די תורה אַ „תורת חיים״, אַ לעבעדיגע תורה, דערפאַר פרייט זיך דער איד צוויי מאָל — איינמאָל, ווען ער האָט זי באַקומען, און אַ צווייטען מאָל, ווען ער האָט זי דורכגעפירט אין לעבען.

„תורה צוה לנו משה — מורשה קהלת יעקב״ — די תורה, וואָס משה האָט אָנגעזאָגט, איז די ירושה, די ערבשאַפט פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. זי באַלאַנגט צו אַלע אידען און יעדער איד האָט אַ חלק אין איר. דער ילקוט

פרעגט: וואָרום האָט ג׳ ניט געגעבען די תורה צו אונזער פאָטער אברהם, ער איז דאָך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנערקענט די גאָטהייט און זי געלערענט צו זיינע קינדער און צו די מענשען אַרום אים? ווערט אויף דער פראַגע אָנגעגעבען דער פאָלגענדער תירוץ: „חכה הקב״ה לתת את התורה שהיא בת ששים רבוא אותיות, לעם ישראל בימי משה שהיו ששים רבוא, כדי שיהיה לכל אחד אות בתורה״ — ג׳ האָט געוואַרט מיט געבען די תורה, וואָס ציילט זעקס הונדערט טויזענט בוכשטאַבען, צו אידען אין משה׳ס צייטען, וועלכע האָבען געציילט זעקס הונדערט טויזענט נפשות, כדי יעדער איד זאָל האָבען אַן אות אין דער תורה (ילקוט שמעוני).

די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען צו יחידים, צו איינצעלנע, צו די געלערנטע בלויז; אַ תורה, וואָס איז ניט פאַרשטענדליך פאַר׳ן גאַנצען פאָלק, קאָן ניט אויסאיבען אַן אייביגע השפעה אויף זיינע קינדער און זיי האַלטען פאַראייניגט. דערפאַר פסק׳ענען אונזערע חז״ל: „כל המונע הלכה מפי תלמיד כאלו גוזלו מנחלת אבותיו״ — דער וואָס פאַרמיידט צו לערנען אַ דין פון דער תורה צו זיינעם אַ תלמיד, איז ווי ער וואָלט אים באַרויבט פון דער ירושה פון זיינע עלטערען. יעדער איד איז בארעכטיגט צו וויסען די תורה. „מורשה היא לכל ישראל מששת ימי בראשית״ — זי איז די ירושה פון אַלע אידען זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און זי איז זיין אייגענטום (סנהדרין צ״א ע״ב).

אַט טאָקע צוליב דעם, וואָס יעדער איד האָט אַ חלק אין דער תורה, טאָר מען אַ תלמיד ניט פאַרפעלען צו לערנען פון אירע דינים, אויב ער וויל נאָר, ווייל דאָס איז זיין גערעכטע ירושה, וואָס איז פאַר אים פאַרצייכענט געוואָרען פון די פריערדיגע דורות. עס איז דערפאַר דער מנהג אויפצורופען צו קריאת התורה, שמחת תורה, אַלע אידען, וואָס געפינען זיך אין שול, אויך קליינע קינדער רופט מען אויף „עם כל הנערים״. רב ששת לייגט נאָך צו: „כל המלמד תורה בעולם הזה זוכה ומלמדה לעולם הבא״ — דער וואָס פאַרשפרייט די תורה אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין דאָס צו טאָן אויף יענער וועלט (סנהדרין צ״ב ע״א). די אידישע תורה איז אַן אייביגע, זי ציט זיך נאָך פון דער צייט איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און וועט עקזיסטירען אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט זיך האַלטען. דער וואָס לערענט זי און פאַרשפרייט איר וויסען

צווישען די יונגע דורות, פאַרבינדט זיך מיט דער אייביגקייט און זיין נאָמען וועט פאַרבלייבען צווישען די לעבעדיגע אויך אין דער צוקונפט.

„וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים את בני ישראל" — אין דעם באַשטייט די ברכה, וואָס משה, דער געטליכער מענש, האָט געבענשט די אידען. כל זמן זיי וועלען אָפּהיטען די תורה און אויספאָלגען אירע דירעקטיוועןן, וועלען זיי קיינמאָל ניט אונטערגיין. ג׳ זאָגט צו די אידען: „מכרתי לכם תורתי — נמכרתי עמה" — איך האָב אייך איבערגעגעבען מיין תורה און מיט איר זיך אַליין (שמו"ר ל"ג). און אַזוי ווי ג׳ לעבט אייביג, אַזוי וועלען אויך די אידען פאַרבלייבען לעבען אייביג.

„תורה צוה לנו משה" — די תורה, וואָס משה האָט אונז אָנגעזאָגט, כאָטש זי איז אונז געגעבען געוואָרען פון ג׳ אַליין, וועט זי אָבער שטענדיג טראָגען משה׳ס נאָמען. פאַר דריי זאַכען, זאָגען אונז די חכמים, האָט משה אַוועקגעגעבען זיין לעבען, און זיי אַלע וועלען זיך רופען אויף זיין נאָמען: זיין פאָלק ישראל, פאַר וועמען ער האָט זיך פיל מאָל מוסר נפש געווען אין מצרים און אין דער מדבר, וועט זיין באַקאַנט אין דער געשיכטע אַלס „עם משה" — משה׳ס פאָלק. די „תורה", פאַר וועלכער ער האָט געשפּאָלטען די הימלען און געקעמפט מיט די מלאכים, אַראָפּצוברייינגען זי אויף דער ערד און זי איבערגעבען צו זיין פאָלק, וועט זיך רופען „תורת משה" — משה׳ס תורה. די דערהאָבענע דינים, וועלכע ער האָט געלערענט זיין פאָלק, וועלען זיין באַקאַנט אַלס „דת משה" — משה׳ס געזעצען.

הפטרה

משה רבנו איז ניט געשטאָרבען

זכור את הדבר אשר צוה אתכם משה.

„כשראו מלאכי השרת משה מת היו בוכים ואומרים, והחכמה מאין תמצא?" — אַז די מלאכים האָבען געזעהן משה׳ס טויט, האָבען זיי געוויינט און געקלאָגט: פון וואַנען וועט די וועלט ווייטער שעפּען איר חכמה?

פאַר דער הפטרה פון היינטיגער סדרה איז באַשטימט געוואָרען דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון יהושע, וואָס פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „ויהי אחרי

מת משה עבד ה׳, ויאמר ה׳ אל יהושע בן נון משרת משה" — דאָס איז פאַר־געקומען נאָכדעם ווי משה, דער קנעכט פון ג׳, איז געשטאָרבען, און ג׳ האָט געזאָגט צו יהושע, דעם באַדינער פון משה. כאָטש יהושע נעמט איצט איבער די פירערשאַפט פון די אידען, וויל אים אָבער דער אויבערשטער אויפמערקזאַם מאַכען, אַז ער איז דער באַדינער פון משה און מוז ווייטער זיך פירען לויט זיינע פאַרשריפטען. דו גייסט איצט מאַכען דאָס פאָלק ארבען דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געשוואָרען צו זייערע עלטערען זיי אָוועקצוגעבען, זאָג איך דיר אָן: „רק חזק ואמץ מאד לשמור לעשות ככל התורה אשר צוך משה עבדי, אל תסור ממנו ימין ושמאל, למען תשכיל בכל אשר תלך" — דו זאָלסט זיך אָבער שטאַרקען און קרעפטיגען אָפּצוהיטען און טאָן לויט דער תורה, וואָס משה מיין קנעכט האָט דיר אָנגעזאָגט; דו זאָלסט ניט אָפּקערען פון דעם רעכטס אָדער לינקס, כדי דו זאָלסט זיין דערפאָלגרייך איבעראַל וואו דו וועסט גיין.

די חז"ל גיבען אונז אַ מערקווירדיגע שילדערונג פון משה׳ס טויט: „אמר הקב"ה לגבריאל, הבא לי נשמתו של משה" — ג׳ זאָגט צום מלאך גבריאל, ברייננ מיר די נשמה פון משה׳ן. „אמר לו מי שהוא שקול כנגד ששים רבוא, האיך אני יכול לעשות חציפות כזאת?" — ענטפערט אים דער מלאך גבריאל: אַ מענש, וואָס באַשטייט קעגען דעם גאַנצען פאָלק, ווי קאָן איך גאָר וואַגען צו טאָן אַזאַ חוצפה׳דיגען שריט? ווי קאָן איך אָוועקנעמען דעם גרויסען פירער פון אַ פאָלק, וואָס וועט פאַראייביגען דיין נאָמען דורך דער תורה, וואָס עס האָט זיי געלערענט?

„אמר למיכאל, הבא לי נשמתו של משה" — ווענדט זיך גב"ה צום מלאך מיכאל, ער זאָל אים בריינגען די נשמה פון משה׳ן. מיכאל אָבער אָנטזאָגט זיך אויך פון דער שליחות און ענטפערט: „אני הייתי רבו והוא היה תלמידי, איני יכול ליטול נשמתו" — איך בין געווען זיין רבי און ער איז געווען מיין געטרייער תלמיד, איך קאָן זיין נשמה ניט צונעמען. אין זיין נשמה געפינט זיך דער גרעסטער טייל פון מיר אַליין. איך האָב אים איבערגעגעבען מיין גאַנצען גייסט, ווי קאָן איך איצט עס פון אים אָוועקנעמען?

„בא סמאל והוא הלך בשמחה" — איז צוגעקומען דער מלאך סמאל, וועלכער איז אויך דער מלאך המות, און ער האָט מיט שמחה אויף זיך גענומען די שליחות צו בריינגען די נשמה פון משה׳ן. „מצאו כותב שם המפורש וזקוקין של אש יוצאין מפיו" — ער האָט אים אָבער געפונען שרייבענדיג דעם ריכטיגען

נאָמען פון ג׳ און פונקען פייער קומען אַרויס פון זיין מויל. „חזר סמאל ואמר: איני יכל לעמוד בפני בן עמרם״ — האָט זיך סמאל צוריקגעקערט און געזאָגט צום אויבערשטען: איך קאָן ניט ביישטיין פאַר דעם זון פון עמרם. ער איז איינגעוויקעלט אין אייביגקייט, וואָס לאָזט צו זיך ניט צו דעם טויט.

„עמד הקב״ה ונשקו, ויצאה נשמתו בנשיקה״ — האָט זיך גב״ה אַליין אויפגעשטעלט און האָט משה׳ן אַ קוש געגעבען, און זיין נשמה איז אַרויס מיט דעם קוש (בית המדרש ח״ו). משה האָט ניט געקאָנט שטאַרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט, ווייל זיין לעבען איז ניט געווען קיין נאַטירליכער. אַ מענש, פאַר וועמען מלאכים האָבען געציטערט פאַר זיין לעבען, וועט זיך ניט אונטערגעבען צו זיי פאַר זיין טויט. איינער וואָס האָט געשאַפען אַ גאַנץ פאָלק, איבער וועמען דער מלאך המות האָט ניט קיין שליטה, וועט זיין אייגענע נשמה געוויס אים ניט איבערגעבען.

זיין נשמה, וואָס איז געווען אַ טייל פון גב״ה אַליין, מוז אימער פאַרבלייבען לעבען דעם כסא הכבוד, נאָענט צו ג׳...

„בדרך כל הארץ״ — אין דעם וועג, ווי אַלע מענשען גייען אַוועק פון דער וועלט, קאָן אַזאַ מענש ווי משה ניט גיין. ווי פּאַעטיש שיין עס דריקט זיך אויס די גמרא: „וימת שם משה״ — בלויז דאָרט, אין דעם ענגען קרייז פון זיין פאַמיליע, איז משה געשטאָרבען. פאַר דער מענשהייט אָבער, פאַר די קומענדע דורות, „עומד ומשמש״ — שטייט ער נאָך און באַדינט זיי. די מלאכים וויינען און פרעגען: „החכמה מאין תמצא?״ — פון וואַנען וועט די וועלט ווייטער שעפּען איר חכמה? און דער אויבערשטער ענטפערט זיי: ווען משה איז געבוירען געוואָרען, „נתמלא כל הבית אור״, איז דאָס גאַנצע הויז אָנגעפילט געוואָרען מיט ליכט. ער האָט אָנגעצונדען דאָס ליכט פון גלויבען אין דעם בית־ישראל און זיין שיין וועט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען. ער וועט שטענדיג דינען אַלס וועגווייזער פאַר אַלע לעבעדיגע מענשען אויף דער וועלט (סוטה י״ג ע״ב).

ב.

משה געזעגענט זיך מיט די אידען און בענשט זיי

וזאת הברכה אשר ברך משה את ישראל לפני מותו.

„באו ואמרו למשה, הגיעה השעה שאתה נפטר מן העולם. אמר להם, המתינו לי עד שאברך את ישראל, שלא מצאו ממני קורת רוח מפני אזהרות ותוכחות שהייתי מוכיחן", — די מלאכים זיינען געקומען און געזאָגט צו משה'ן: די שעה האָט דערגרייכט, וואָס דו דאַרפסט אַוועק פון דער וועלט. זאָגט ער צו זיי: וואַרט פאַר מיר, ביז איך וועל בענשען די אידען, ווייל זיי האָבען פון מיר ווייניג פאַרגעניגען געהאַט, צוליב די פיל באַפעלען און שטראָף רייד, וואָס איך האָב זיי צוגעטיילט (תנחומא, ואתחנן).

„די גריכען", זאָגט הרב עמיאל אין זיין „דרשות אל עמי", „האָבען געגעבען דער וועלט „דיפּלאָמאַטען", לענדער־פירער, און די אידען האָבען איר געגעבען „נביאים", געטליכע פּראָפעטען.ביידע זיינען זיי גרויסע רעדנער. דער אונטערשייד אָבער באַשטייט אין דעם, וואָס דער דיפּלאָמאַט נוצט אויס זיין רעדנער־קראַפט צו באַהאַלטען דעם אמת, און דער נביא — כדי אויפצודעקען דעם אמת. דער דיפּלאָמאַט איז אַ פאַרשטייער פון מלוכה, פון הערשאַפט, וואָס איז ניט אימער באַזירט אויף די יסודות פון אמת. צוליב דעם, וואָס זייערע דיפּלאָ־מאַטען זיינען געווען פעהיג גענוג צו באַהאַלטען דעם אמת, האָבען זיך מאַנכע מלוכות פאַרשאַפט גרויסע אימפּעריעס פון פאַרכאַפּטע פעלקער און לענדער. כל־זמן דער שקר האָט אָנגעהאַלטען, האָבען זיי עקזיסטירט. אַזוי גיך אָבער ווי דער אמת איז אַרויפגעשוואומען, זיינען זיי צעפאַלען געוואָרען, און די דיפּלאָמאַטען, צוזאַמען מיט זייערע קעניגליכע הויפען, זיינען אונטערגעגאַנגען.

ווען אַ נביא ווערט געזאָגט: „נביא לגוים נתתיך" — איך האָב דיך באַשטימט צו זיין אַ נביא פאַר פעלקער און ניט פאַר מלוכות. די אינטערעסען פון אַ פאָלק שטייען העכער פאַר די פון זיין ממשלה. אום צו פאַרזיכערען די עקזיסטענץ פון אַ פאָלק מוז ער געפירט ווערען אויף די וועגען פון אמת און יושר. די צוקונפט רעכענט זיך אָפּ מיט אַזעלכע פעלקער, וואָס האָבען זיך געלאָזט פאַרפירען פון פאַלשע מנהיגים. די פליכט פון דעם נביא איז צו פּראָקלאַמירען דעם אמת איבעראַל, ווען אפילו דאָס זאָל אים קאָסטען זיין לעבען.

דער דיפלאָמאַט רעדט וועגען אמת, ווייל ער וויל באַהאַלטען דעם שקר. דער נביא אָבער זאָגט דעם אמת, ווייל ער קאָן ניט פאַרטראָגען דעם שקר. ער איז פון דער נאַטור אַ מענש פון אמת; דאָס איז זיין ספּעציעלע אויפגאַבע אויף דער וועלט, פון וועלכער ער קאָן זיך ניט באַפרייען. ווי שיין דריקט זיך אויס דער ענגלישער דענקער קאַרלייל: „יעדער מענש איז אימשטאַנד צו גרייכען צו דער שטופע פון אַ נביא אין זוכען דעם אמת. דער אונטערשייד אָבער באַשטייט אין דעם וואָס אַ געוויינליכער מענש קאָן אַזוי ווערען און דער נביא קאָן אַנדערש ניט זיין".

משה רבנו, דער „אדון הנביאים", דער פאָטער פון אַלע פּראָפעטען, האָט מיט זיין לעבען פאַרגעשטעלט דעם העכסטען טיף פון דער אידישער נבואה, אין איר ריינסטען און ערהאבענסטען זין. ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט משפיע צו זיין אויף די אידען מיט פוסטע פאַרשפּרעכונגען פון גרויסע גליקען, כדי זיי זאָלען אים האַלטען אין דער פירערשאַפט. ווען עס איז נויטיג געווען זיי צו שטראָפען האָט ער זיך ניט אָפּגעהאַלטען פון טאָן אַזוי, ווייל אים האָט ניט געקימערט וואָס זיי דענקען וועגען אים אַליין. ער איז פון דעם בורא עולם באַאויפטראַגט געוואָרען מיט דער גרויסער מיסיע צו בויען פאַר אים אַן „עם סגולה", אַ מוסטער פאָלק, און דאָס האָט ער זיך אונטערגענומען צו מאַכען פון די אידען.

„צדק, צדק תרדוף" — גערעכטיגקייט, גערעכטיגקייט זאָלט איר נאָכ־פאָלגען. זייענדיג אַ פאָלק פון „אמת" מוזט איר אויך זיין אַ פאָלק פון „צדק", ווייל וואָס איז גערעכטיגקייט אויב ניט דער עסענץ, דער תמצית פון „אמת"? איר מוזט דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער מענשהייט מיט אייערע הומאַנישע געזעצען און ריינעם אידעאַלען לעבען, וועלכע זאָלען זיין באַגרינדעט אויף דעם גייסט פון אמת און צדק. „מדבר שקר תרחק" — איבערהויפּט זאָלט איר זיך דערווייטערען פון יעדער פאַלשקייט. עס טרעפט אַמאָל, אַז דער שקר פאַר־שטעלט זיך אונטער אַ מאַסקע פון אמת, כדי צו דערגרייכען זיינע פינסטערע אַמביציעס. היט זיך פאַר אַזעלכע מאַסקירטע פאַלשקייטען, זיי מיינען ניט אייער טובה און וועלען אייך נאָך רואינירען.

איר זאָלט ניט נושא־פּנים זיין די שטאַרקע און דעם גר און דעם יתום זאָלט איר ניט פייניגען. אָבער אויך פאַר דעם צד פון די שוואַכע זאָלט איר ניט איבערוועגען די וואָגשאָל פון גערעכטיגקייט. „ודל לא תהדר בריבו" —

אויך דעם אָרימאַן זאָלט איר ניט שאַנעווען אין זיין קריג. ניט שנאה אָדער קנאה, אויך ניט ליבע און רחמנות, זאָל ביי אייך זיין דער מאָסשטאָב פון אייער לעבען, ווייל יעדע פון זיי פירט אַרונטער פון וועג און פאַרקרימט די גערעכטיגקייט. „צדק, צדק״, בלויז גערעכטיגקייט אין איר פולען זין זאָל זיין דער באַזעס פון אייער געזעלשאַפטליך און פאָלקס־לעבען.

דאָס איז דער הויפּט־ציל פון דער אידישער „נבואה״, וועלכע איר גרינדער, משה רבנו, האָט דורכגעפירט פאַר זיין לעבען. און אַז די מלאכים זאָגען אים, אַז זיין צייט איז געקומען צו פאַרלאָזען די וועלט, בעט ער זיך ביי זיי, זיי זאָלען וואַרטען ביז ער וועט בענשען די אידען. ער פילט, אַז זיינע אזהרות און תוכחות, זיינע באַפעלען און שטראָף־רייד האָבען זיי פאַר זיין לעבען וויניג פאַרגעניגען פאַרשאַפט. ער וויל אָבער, אַז זיי זאָלען אים געדענקען נאָך זיין טויט אַלס אַן אמת׳ער פריינט, וואָס האָט אימער געזוכט זייער טובה, זייער גליק.

„וזאת הברכה״ — און דאָס איז די ברכה, וואָס משה האָט געבענשט די אידען פאַר זיין טויט. „לפי שאמר להם דברים קשים תחלה, חזר ואמר להם דברי נחומים וממנו למדו כל הנביאים״ — ווייל ער האָט צו זיי תמיד גערעדט האַרטע רייד, געזעגענט ער זיך איצט מיט זיי דורך טרייסט־ווערטער, און פון אים האָבען זיך אָפּגעלערענט אַלע נביאים (ספרי). אַלע שטראָף־רייד פון אונזערע נביאים האָבען פאַר זיך געהאַט דעם זעלבען ציל, וואָס זייער רבי משה האָט פאַר זיך געשטעלט. זיי האָבען געזוכט צו פירען דאָס פאָלק אויף דעם וועג פון אמת און צדק, ווייל זיי האָבען דאָס פאָלק שטאַרק ליב געהאַט און האָבען געוואָלט פאַרזיכערען זיין אייביגע עקזיסטענץ.

עס ווערט דערציילט אויף רבי ישראל סאַלאַנטער ז״ל, אַז פאַר זיין פטירה האָט ער געלאָזט רופען צו זיך אַלע בעלי־בתים פון שטאָט און מיט איטליכען פון זיי זיך וואַרעם געזעגענט. צווישען די פאַרזאַמעלטע האָט זיך געפונען איינער, אַ באַקאַנטער אפיקורוס, וועלכען ר׳ ישראל האָט לייגער ווי אַלע אַנדערע אָפּגעהאַלטען ביי זיין בעט און האָט מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט געדריקט זיין האַנט און פון אים אָפּשייד גענומען.

האָט עס די מקורבים אַביסעל געאַרט און זיי האָבען אויסגעדריקט זייער פאַרוואונדערונג הלמאי מיט דעם דאָזיגען אפיקורוס האָט ער זיך אָפּגעגעבען מער ווי מיט די פרומע בעלי־בתים, די יראים וחרדים.

— איך וועל אייך זאָגען — האָט זיי ר׳ ישראל דערקלערט — מיט אייך האָב איך אי״ה אַ האָפענונג צו זעהן זיך לאחר מאה שנים אין גן־עדן. מיט יענעם אָבער דאַרף איך זיך וואַרעמער געזעגענען ווי מיט אייך, ווייל, ווער ווייסט, צי כ׳וועל אים נאָך ווען עס איז זעהן... (ב. יאושזאָהן).

הפטרה

די נביאים זיינען אַ פאָרזעצונג פון משה׳ן

משה עבדי מת.

„מפני מה נקבר משה בחוצה לארץ? כדי שיהיו מתים בחוצה לארץ חיין בזכותו" — וואָרום איז משה באַגראָבען געוואָרען אויסער ארץ ישראל? כדי אַז די מתים פון חוץ לארץ זאָלען בלייבען לעבען אין זיין זכות (מדרש תנחומא, ואתחנן).

„די אידישע געשיכטע — זאָגט הרב הערץ, דער רב הכולל פון ענגלאַנד — האָט זיך ניט געשלאָסען מיט דעם טויט פון משה רבנו. דאָס איז איינע פון די לעקציעס, וואָס דער אויסוואַל פון דעם ערשטען קאַפּיטעל פון יהושע אַלס די הפטרה פון דער לעצטער סדרה אין דער תורה לערנט אונז. ביים ענדיגען די תורה הויבען מיר גלייך אָן צו לערנען דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון די נביאים, כדי אונז אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז כאָטש משה איז טויט איז אָבער זיין געטליכע מיסיע פאַרבליבען פאַר אייביג און איז די אומשטערבליכע אויפגאַבע פון אַלע קומענדיגע אידישע דורות".

די תורה פאַרענדיגט מיט דעם טרויעריגען נעקראָלאָג „וימת שם משה עבד ה׳" — משה, דער קנעכט פון ג׳ איז דאָרט געשטאָרבען. באַמערקען אויף דעם די חז"ל, אַז בלויז דאָרטען איז משה געשטאָרבען, אין דעם ענגען קרייז פון זיין פאַמיליע און פריינט. פאַר דער מענשהייט אָבער, פאַר די קומענדיגע דורות „עומד ומשמש", שטייט ער נאָך און באַדינט זיי. אַז משה איז געבוירען געוואָרען איז דאָס הויז אָנגעפילט געוואָרען מיט ליכט. דורך זיין לעבען האָט ער אָנגעצונדען דאָס ליכט פון גלויבען אין דעם בית ישראל און זיין שיין

דינט נאָך איצט אַלס וועגווייזער פאַר אַלע לעבעדיגע מענשען פון דער וועלט (סוטה ע״ג, ע״ב).

„בניו של משה לא ירשו מקומו, אלא יהושע שהיה משמש את משה ביום ובלילה״ — די קינדער פון משה׳ן האָבען ניט גע׳ירש׳נט זיין פלאַץ, די פירער־שאַפט האָט איבערגענומען יהושע, וועלכער האָט באַדינט זיין רבי׳ן משה׳ן טאָג־און־נאַכט און פון אים איבערגענומען די גייסטרייכע לערען (במ״ר י״ב). ניט סתם אַ הערשער און פאָלקס־פירער איז געווען משה. ער האָט ניט געהאַט און ניט געוואָלט האָבען אַ קעניגליכען טראָן, וואָס זאָל איבערגיין בירושה צו קינדער, כאָטש זיי מעגען ניט זיין פעהיג פאַר דעם. ער איז אויך ניט געווען אַ קריגס־העלד, וואָס איז געקומען צו דער פירערשאַפט צוליב זיינע גרויסע נצחונות אויף די שלאַכטפעלד.

„אין דעם גאַנצען בילד — זאָגט „אחד העם״ — וואָס די תורה וויקעלט פאַר אונז פאַנאַנדער פון זיין לעבען און זיינע שאַפונגען, געפינט זיך ניט די קלענסטע אָנדייטונג, אַז ער איז געווען אַ גרויסער קריגס־פירער. מיר געפינען ניט, אַז משה זאָל כאָטש איין מאָל האָבען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַן אַרמיי און געוויזען וואונדער אין אַ מלחמה מיט אַ שונא. בלויז אין דעם קאַמף מיט עמלק, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרען פון יהושע, זעהען מיר אים אויפ׳ן שלאַכט־פעלד, אָבער נאָר אַלס צושויער, וועלכער איז משפיע אויף די אידישע קריגער מיט זיין גייסט, מיט זיין גרויסען גלויבען אין ג׳ און אין דער גערעכטיגקייט פון זיין פאָלק״.

און אויב יהושע האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון משה׳ן איז עס ניט געווען ווייל ער האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס גרויסער קריגס־העלד און באַזיגט עמלק׳ן און די איבעריגע אידישע שונאים. ניין, ניט דורך בלוט־פאַרגיסונג קאָן מען גרייכען צו אידישער פירערשאַפט. דאָס מוז זיין די באַלוי־נונג פון „משמש את משה ביום ובלילה״, פון באַדינען משה׳ן טאָג־און־נאַכט און זיך פאַרטיפען אין זיינע לערען און דירעקטיוועז ווי צו פירען דאָס פאָלק, אַז עס זאָל פאַרבלייבען דאָס „עם סגולה״, דאָס אויסדערוויילט פאָלק פון ג׳ אַליין.

ביים איבערנעמען די אידישע פירערשאַפט פאַרשפּרעכט אים ג׳, אַז קיינער וועט זיך ניט קאָנען שטעלען קעגען אים זיין גאַנצע לעבען לאַנג, ווייל ער וועט זיין מיט אים ווי ער איז געווען מיט זיין רבי׳ן משה. „רק חזק ואמץ מאוד לשמר לעשות ככל התורה אשר צוך משה עבדי״ — אָבער דו מוזט זיין

זעהר שטאַרק און קרעפטיג אָפּצוהיטען און אויסצופירען די גאַנצע תורה, וואָס משה מיין קנעכט האָט דיר אָנגעזאָגט. „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, כי אז תצליח את דרכיך ואז תשכיל" — זאָלען די ווערטער פון דער תורה ניט אָפּ־טרעטען פון דיין מויל, ווייל בלויז דאַן וועסטו באַגליקען אויף אַלע דיינע וועגען און ערשט דאַן וועסטו קלוג זיין.

ניט די דעראָבערונג פון אַ לאַנד איז די הויפּט אויפגאַבע פון אַ פאָלק. ניט אַלעמאָל מאַכט אַ לאַנד גליקליך אירע איינוואוינער, און ניט אַלעמאָל קאָן זיך זיך ביי אים האַלטען. אַ פאָלק, וועלכער באַגרינדעט זיין הויפּט־יסוד אויף ערדישען באָדען און פירט אָן אַ לעבען פון בלויז נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע, איז ניט תמיד זיכער מיט זיין לאַנד. עס קאָן טרעפען, אַז עס זאָל באַפאַלען ווערען פון אַ שטאַרקען שונא, וועלכער מאַכט חרוב זיין לאַנד און פאַרטרייבט עס אין גלות אַריין. דאַן ווערט אויך אַזאַ פאָלק חרוב און ווערט ביסלעכווייז פאַרשוואונדען פון דער וועלט־געשיכטע.

משה רבנו האָט געזוכט צו שאַפען אַן אייביג פאָלק, וועלכעס זאָל באַזיצען טעריטאָריע אין די הימלען אַזוי גוט ווי אויף דער ערד. אויב דער ערדישער באָדען וועט פון איהם אַוועקגענומען ווערען, זאָל עס קאָנען ציהען זיין חיונה פון זיין הימלישען באָדען. משה איז געשטאָרבען אין חוץ לארץ, ווייל ער האָט ניט באַלאַנגט צו אַ ספּעציעלען באָדען. דער רוים פון דער וועלט האָט באַלאַנגט צו אים, און צוליב זיין זכות זיינען די אידישע מתים פון די פאַרשיידענע גלות'ן געבליבען לעבען ביז דעם היינטיגען טאָג, און וועלען נאָך זוכה זיין צו באַזיצען צוריק זייער ערדישען באָדען אויף זייער אייגען לאַנד.